STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 02889

DER GEHENEM

Edward Stilgebauer

THE MAX PALEVSKY
YIDDISH LITERATURE COLLECTION

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

עדוארד שטילגעבאוער

דער גיהנם
(INFERNO)

איבערזעצט פון דייטש — י. גארניצקי.

„אידישע וועלט" פרעמיום.

פון די אַרויסגעבער

ד ע ר ג י ה נ ם איז אַ ראָמאַן פון דעם ערשטען פעריאָד פון גרויסען וועלט־קריעג. די האנדלונג אין איהם קומט פאָר אין די ערשטע עטליכע מאָנאטען פון קריעג אין דייטשלאנד און אויף דעם פלאַנדרישען פראָנט.

דער אויטאָר, דר. עדואַרד שטילגעבאַוער, איז אַ באַקאַנטער דייטשער שריפטשטעלער. דער ראָמאַן ד ע ר ג י ה נ ם איז צוערשט ערשינען אין אַ האָלענדישער איבערזעצונג. דער דייטשער אָריגינאַל איז שפּעטער ערשינען אין דער שווייץ. דער ראָמאַן איז איבערזעצט געווארען אין פיעל שפּראַכען און האָט געהאט אַ קאָלאָסאַלען ערפאָלג אין אייראָפּא און אין אַמעריקאַ. דער ראָמאַן איז אין דייטשלאנד פאַרבאָטען, און ווי מיר דערווייסען זיך פון דער פאָררעדע צו דער שווייצער אויסגאַבע, האָט דער אויטאָר צוליעב איהם געהאַט פיעל אונאַנגענעהמליכקייטען. ד ע ר ג י ה נ ם האָט זיך אַ לענגערע צייט געדרוקט אין דער „נייער וועלט".

אויסער זיין ריין ליטעראַרישען ווערט, האָט ד ע ר ג י ה נ ם נאָך אַ גרויסע באַדייטונג מיט דעם, וואָס ער איז אַ שטאַרקע אָנקלאַגע קעגען דעם יונקערשען מיליטאַריזם, וואָס האָט צוטראָטען אַן אומשולדיג, בליהענד לאַנד און האָט אומגעקערט די צייטען פון באַרבאַריזם. נאָר אַ מענש, וואס האָט געפיהלט אויף זיך אַליין אַ טייל פון דער שולד פאַר די באַגאַנגענע גוואַלד־טאַטען, ווען די שרעקליכע בילדער האָבען שטענדיג פאַרפאָלגט און ניט געלאָזט רוהען, נאָר אַזאַ מענש מיט אַ וואַכזאַמען געוויסען און פאַרשאַרפטען געפיהל פון גערעכטיגקייט האָט געקאָנט אָנשרייבען דעם ראָמאַן ד ע ר ג י ה נ ם.

עדואַרד שטילגעבאַוער

דער גיהנם

(INFERNO)

איבערזעצט — י. גאָרניצקי

ערשטער טייל.

I.

— דער קייזער האט פראקלאמירט א מאביליזאציאן!

אט די וויכטיגע נייעס האט יאבסט אויסגעשריען מיט זיין צייהנלאזען מויל צו מילקעל, ווען זייערע פליטען האבען זיך בעגעגענט און האבען כמעט אנגעריהרט איינער דעם אנדערען.

יאבסט האט זיין פליט געפיהרט פון א ווייטען געגענד. די שווערע ארבייט צו פיהרען אראב דעם רהיין די מיט שטריק צונויפגעבונדענע שטאמען פון טאנענבוימער, וועלכע מען האט אויסגעהאקט אין די הויכע וועלדער פון שפעסארט, האט זיך אנגעהויבען נאך אין שוויינפורט. ער איז שוין פערבייגעפאהרען אשאפענבורג, פראנקפורט און העכסט, און איצט האט ער גע־האלטען אין פערקירעווען זיין פליט פון די געלע וואסערען פון מאין אין דעם גרינליכען רהיין.

טאג איין — טאג אויס האט ער געפיהרט דעם פליט, ניט הערענדיג קיין ווארט פון די איינוואוינער אויף די ברעגען וועגען דעם, וואס עס טהוט זיך אויף דער וועלט. ערשט היינט אין דער פריה, אריינגעהענדיג אין א שענק אין ריסעלהיים עפעס איבערצוכאפען, האט ער זיך דערוואוסט פון דער געשעהעניש, וועלכע האלט איצט אין דער העכסטער אנשטרענגונג די פעל־קער פון דער גאנצער וועלט.

— —א מאביליזאציאן? — האט זיך דערהערט מילקעל'ס שטים פון דעם אנדערען פליט. מילקעל איז געשטאנען אויף די קלעצער, וועלכע ער האט געפיהרט פון רידעסהיים. איצט האט ער זיי מיט דער הילף פון א בוגסיר דאמפער געפיהרט ארויף דעם מאין. אין שוואנהיים האט אויסגעפעהלט בוי־מאטעריאל: די גרויסע וועלדער, וועלכע ציהען זיך אויף דעם ברעג פון מאין, זיינען ארים אין טאנענבוימער, מיט וועלכע מען קען בויען.

מילקעל'ס שטים האט אבגעקלונגען הויך און קלאר, אבער גאנץ גלייכגילטיג. ער האט געשטאמט פון ראטערדאם. די שווע־רע ארבייט אויפ'ן טייך האט שוין לאנג אבגעטעמפט זיין עמפ־פינדליכקייט. דערצו איז ער נאך געווען מיעד. און אויסגעלאשע־נע ליימענע ליולקע האט ביי איהם געשטעקט צווישען די צייהן.

— א מאביליזאציאן, זאגסטו? — האט ער נאכאמאל אי־

בערגעפרעגט. ביידע פּליטען האָבען איצט געצויגען איינער פער־בײ דעם אנדערען, — איינעם האָט אָנגעפיהרט א שיפער פון דעם ים ברעג, דעם צווייטען — א שיפער פון בייערען.

— נו, פאָהר זיך געזונטערהייט! — האָט איבער די ווען־לעט פון מאַין אָבגעהילכט דער לעצטער צואוואונש פון דעם בייער. די וועלען האָבען נעגלאנצט אין דעם שיין פון דער העלער אוי־גוסט זון, און קלאָר האָבען זיך אין זיי אָבגעשפּיעגעלט די קאנטו־רען פון דער אוראַלטער קאַטעדראַל־קירך, וואָס האָט בעציערט מאַינץ, די שטאָדט פון קורפירשטען און ערצבישאָפס.

און אין שטאָדט איז אָנגעגאַנגען א פיעבערהאַפטע טהע־טיגקייט.

דאָ זיינען אומעטום קאזארמען, וואו מען זאָל זיך נאָר ניט אומקוקען. און הינטער די ווענט פון אָט די קאַזאַרמען ווערען אויפגעשטעלט אונצעהליגע באַטאַליאָנען. איינער נאָכ'ן אנדערען ווערען זיי פאָרמירט און גיסען זיך צונויף אין איין שטראָם, וואָס איז גרייט צו פערפלייצען די שכנה, פראנקרייך, וועמעס בערג בעוואכען דעם גרענעץ.

א גאנצע ארמיי פון בעוואָפענטע מענשען קען אָט די רהיי־נישע שטאָדט אויסשפּייען אין וועלכע פיער און צוואנציג שטונדען.

פון די סאָלדאטען קאמערען ציהען זיך אונזיכטבארע פעדים צו יעדען הויז. אומעטום פּאקט מען איין זאכען, מען גרייט זיך צו, מען געזעגענט זיך. אין אלע גאסען און הויפען וואָס האָבען זיך צוגעטוליעט צו דער אַלטער קאַטעדראַל קירך און וואָס בע־האַלטען אין זיך די ארימקייט, און אין אלע ווילען און פּרעכטי־גע פּאלאצען, וואָס דערהויבען זיך שטאָלץ איבער דעם טייך און אויף קייזערשטראסע, — אומעטום דערגרייכען און ציהען זיך אָט די אונזיכטבארע פעדים!

אויף דער רהיינישער אלעע שטעהט אן עלעגאנט הויז. וואָס איז ערשט מיט עטליכע יאָהר צוריק אויפגעבויט געווארען אין דעם סטיל פון די ענגלישע קאטעדזשעס. דאָס הויז איז ארומגעריינגעלט פון א הערליכען גאָרטען, וועלכער שטעהט איצט אין דעם גלאנץ און פּראכט פון סוף זומער. אויף יעדען טריט — רויזען פון די פערשיעדענסטע קאָלירען; די צווייגען פון קלימענשטאָנד האָבען זיך צואוואקסען און האָבען פערדעקט די ווענט און די באַלקאָנען; די שטערנבלומען און פערשיעדענע נעאָרגינען האָבען זיך צובליהט.

מיט דריי יאָהר צוריק האָט מאַיאר פאָן בערקערסבורג אָב־

געקויפט דאס הויז פון א רייכען פאבריקאנט, וועלכער איז אריבערגעפאהרען אין בערלין. מיט דריי יאהר צוריק האט זיך דא דער מאיאר בעזעצט מיט זיין יונגער פרוי, נאך זייער האכצייט רייזע, וועלכע האט זיי פערפיהרט אין געגענדען פון דער מיטעלמער. זיין. מעלאניע, וועמעס מיידעלשער נאמען איז געווען פאן פאלקענשטיין, איז געווען מיט איבער צוואנציג יאהר איינגער פון איהר מאן.

זי האט געשטאמט פון א פעראַרימטער פריצישער פאמיליע, וועמעס גוט איז געלעגען הארט לעבען ווערזשבאלאווא. דער מאיאר איז נאך אין די גאר יונגע יאהרען געווען א חבר פון מעלאניע׳ס פאטער און איז געווען אין כמעט דעם זעלבען עלטער ווי ער. ער האט אנגעזאמעלט א פערמעגען פון מיליאנען דורך ספעקולאציאנען אויף לאנד ארום בערלין.

אין דעם העלען שיין פון דער ברענענדער אויגוסט זון שטעהט מעלאניע פאן בערקערסבורג אויף דעם באלקאן פון איהר ווילא, געבויט אין ענגלישען סטיל, און קוקט אין די ווייט איבער דעם רהיין, וועלכער איז בעשאטען מיט מיליארדען פונקען מעלאניע צושפרייט ברייט איהרע ארעמס, אזוי ווי זי וואלט געוואלט ארומנעהמען די בעוואלדטע הויכקייטען פון טאונוס, אזוי ווי זי וואלט זיי געוואלט צודריקען צו איהר ברוסט: ביבעריך, ראזענטאל, עלטוויל, רידעסהיים, אסמאנסהאוזען, — לויפט דורך ביי איהר אין געדאנק, ווי אפט האט זי דארט פערבראכט וואונדערע אין א פרעהליכער קאמפאניע, אויף א דאמפער, מיט א מיליטערישען ארקעסטער, וועלכער האט אויף דעם געשפיעלט נאציאנאלע מעלאדיען, „די וועלען פון דאנאו“, „קייט וואק“ און די פראנצויזישע שאנסאנעטקעס!

ביי דער דאזיגער עראינערונג פיהרט מעלאניע איהר האנט איבער איהר הויכען, ווייסען שטערען, אזוי ווי זי וואלט זיך אנגעשטרענגט צו פערטרייבען א שווערען חלום. די פראנצויזישע שאנסאנעטקעס, געשפיעלט פון א דייטשען מיליטערישען ארקעסטער אויף א רהיינישען דאמפער!

און אין דער אמת׳ען, איז דאס ניט גאר א טייוועלשע פערפיהרונג, אט די אלע געשעהענישען פון די לעצטע טעג, אנהויבענדיג פון דעם מארד אין סעראיעווא און ענדיגענדיג מיט דעם אולטימאטום צו סערביען און די נעכטיגע בערלינער טעלעגראמען?

ניין, ניין. דאס אלץ איז די לעבעדיגע ווירקליכקייט.
די פראנצויזישע ליעדלעך...

ווען זי וואָלט אפילו ניט געווען זיכער אין דעם, אז דאָס אַלץ איז אמת, וואָלטען איהר אין דעם איבערצייגט די שווערע פוהרען, וועלכע פאָהרען מיט ליארעם און געפּילדער פערביי איהר הויז אויף דער רהיינישער אַלעע. סאָלדאטען פיהרען די פערד, סאָלדאטען עסקארטארען דעם פראָנט. אין א לאנגער רייה ציהען זיך אָט די פוהרען פון די מיליטערישע וועהרהייזער און פיהרען אמוניציאָן אין די קאזארמען, טויזענדער, הונדערטער טויזענדער, גאנצע פוהרען מיט פאטראָנען!

און דאָ פלוצלונג די פראַנצויזישע ליעדלעך!

אין דער צייט, ווען זי זעהט די פוהרען, הילכט אָב אין איהרע אויערען א בעקאנטע מעלאָדיע פון דעביוסי.

זייענדיג א זיעבצעניעהריגע מיידעל, האָט מעלאַניע פערבראכט עטליכע מאָנאטען אין לאזאן, אין דעם פּאנסיאָן פון מאדאם שעוואליע, וואו זי האָט געדארפט בייקומען די שווערקייטען פון דער פראנצויזישער שפראך, מוזיק און ליטעראטור. דער פּאנסיאָן איז געשטאנען אונטען, ביים לאנדזעע, אין אושי, אויף אווענין ראָזמאָן.

אָ, ווי גליקליך זיי זיינען דאָס דאָרט געווען! עס גלויבט זיך קוים, אז דאָס אַלץ איז געווען ערשט מיט א דריי יאָהר צוריק איידער דער בייזער שיקזאַל, אין דער פּערזאָן פון פאָן בערקע־סבורג, האָט צייט געהאט זיך אריינצורייסען אין איהר לעבען. זי און איהר פריינדין, בערטא פאָן אמטאָר... נאָך לאזאן איז געקומען פּאָנטארליע, דאן דיזשאָן און ענדליך די וואונדערבארע שטאָדט אויף די ברעגען פון סעין. בערטאָ איז געווען די טאָכטער פון א גרויסען פאבריקאנט, וועלכען מען האָט דערהויבען צום אדעלשטאַנד, זיינען איהרע קעשענעס פול געווען מיט נייאינקע הונדערט־פראנק אסיגנאציעס פון באנק דע פראנס.

וואָס פאר א וואונדערליך לעבען זיי האָבען דאָס געפיהרט אין דעם עלעגאנטען האָטעל אויף שאן־ד׳עליזעי! און ווי אזוי האָט דאָס נאָר דער פאָטער געקענט דאָס אַלץ ערלויבען יונגינקע, אונערפאהרענע מיידלעך! נאטירליך זיינען זיי אנגעקומען אין פּאריז און געוואוינט אין האָטעל אויף שאן ד׳עליזעי ניט אליין: מיט זיי איז געווען פריילין פאָן הארסט־וואלדאו, אן ארים מיידעל פון דעם אדעלשטאַנד, מיט וועלכער זיי פלעגען, אגב, אָבטאָן די קאָמישסטע זאכען! פריילין פאָן האָרסט האָט זיי נעדיענט פאר א מין „דאם ד׳אָנאָר“ אין דעם בעריהמטען מאָדערנעם בבל אויף די ברעגען פון סעין.

פאריז, דער פלאץ פון הארמאניע, דער טוליערי גארטען, די שאן ד׳עליזעי!

און בעת אונטען פאהרען מיט גערויש די פוהרען אנגעלא־דען מיט פיעלע הונדערטער טויזענדער פאטראנען, טראגט זיך פערביי מעלאניע׳ס גייסטיגען בליק דאס וואונדערליכע בילד פון דער בליטשענדער, לעבענסלוסטיגער שטאדט.

און פון צייט צו צייט די פראנצויזישע ליעדלעך.

און נאך עפעס א מעלאדיע, וועלכע א וואנדערענדער אי־טאליענישער ארקעסטער האט דאן געשפיעלט פאר איינעם פון די גרויסע רעסטאראנען אויף דעם איטאליענישען בולוואר אין א ווארימער פריהלינגס נאכט...

פאריז אין פריהלינג!... ווען די יונגע לייט און די יונגע ארבייטענדע מיידלעך געהען ארויס פון די פערשטיקטע גאסען פון מאנמארטר, איינצואטעמען די ריינע לופט אויף די ברעגען פון סעין און קוקען אויף די אוראלטע פאלאצען פון פערגעסענע קעניגען אויף די גרינע בערגלעך.

פאריז אין פריהלינג!...

איהר מאנ׳ס שטים רייסט פלוצלונג איבער איהרע חלומות.

איבריגענס, האט דאס איהר זיך אויך נאר פארגעשטעלט: דער מאיאר געהט איצט שטינדענווייז ניט אוועק פון קאזארמע, וואו ער איז אלץ פערנומען איינארדנענדיג דעם טראנספארט פון זיין באטאליאן. מארגען אין דער פריה מוז דער באטאליאן זיין שוין אויפ׳ן גרענעץ.

און בערטא פאן אמטאר! ווי גליקליך זיי זיינען דאס דאן געוועזען, ווי פרעהליך און צופריעדען, אט די צוויי האלב־ערוואקסענע מיידלעך, אונטער דער אויפזיכט פון פריילין פאן הארסט־וואלדאו, אין דעם ליעבען, בעצויבערענדען פאריז!

איצט געפינט זיך איהר פריינדין אין דער זעלבער לאגע. וואס זי. איבריגענס, איז די לאגע ניט אין גאנצען די זעלבע: זי ליעבט, — ניין, זי פערגעטערט איינפאך איהר מאן, פאר וועלכען זי האט געהייראט ערשט מיט א האלב יאהר צוריק, און פון וועלכען זי ערווארט אין גיכען דאס ערשטע קינד. איהר מאן שטעהט אין באן מיט די קעניגליכע הוזארען. נו, וואס איז דא זיך צו וואונדערען? דער אלטער שווער האט דאך אנגעקליבען א פערמעגען פון פיעלע מיליאנען, און זיין מאיעסטעט האט איהם בעשאנקען מיט ערב־אדעלשטאנד. איז הא גאר גיטא וואס זיך צו וואונדערען. און איצט?

איצט איז בערטא׳ן פונקט אזוי שלעכט, ווי איהר און ווי

טויזענדער, צעהנדלינער און הונדערטער טויזענדער אנדערע. זיי אלעמען האט בעריהרט דער אלץ פעראייניגענדער, אלץ גיוועלי־רענדער שיקזאל, וועלכער טרעפט אלעמאל אין ציעל... דער אלץ און אלעמען גלייך מאכענדער שיקזאל!

אונטען, אין דער אלעע, געהט פערביי א באטאליאן מיט אויסגעמאסטענע מונטערע טרים. די מענשען זיינען אין פולער אויסשטאטונג. מיט מוזיק געהן זיי פערביי די ווילא אין ענג־לישען סטיל. בלומען, בלומען, א ים מיט בלומען שטעקען אין די מיילער פון די רעהרען פון זייערע ביקסען, פון וועלכע דער טוים, אין די פערשיעדענסטע פארמען, גרייט זיך צו בעגעגענען דעם שונא... פאריז, פאריז... — לויפט דורך ביי איהר אין קאפ.

אין גארטען פאר דעם באלקאן שטעהט אן אפריקאזען בוים. די צייטיגע, דונקעל־געלע פרוכט העננען צווישען וועלקענ־דע בלעטער. אין גאנצען דאז איז דער בוים געשטאנען דא אין די ערשטע ווארימע אפריל טעג, ווען די משונה'דיגע קאטאסטראפע, וועלכע ווערט איצט צונעגרייט אהן אן אבהאלט, איז נאך קיי־נעם אויפ'ן זינען ניט נעקומען. אזוי דענקט מעלאניע. אזוי פיעל פרוכט און גראד אין דעם בייזען, אונגעוועהנליכען, פאטאלען יאהר: אזוי ווי דער בוים וואלט זיך בעדענקט און בעשלאסען אנצוזאגען האס, וואס ער האט פערלאזען אין די פריהערדיגע יאהרען, וועלכע מעלאניע האט דא פערבראכט מיט דעם מאיאר.

א שמייכעל בעוויזט זיך אויף איהרע ליפען. פלוצלונג פליהט דורך א געדאנק מיט דער שנעלקייט פון א בליץ.

ע ר ליעבט דאך אזוי אפריקאזען, ער ליעבט דאך זיי אזוי שטארק... ניט דער מאיאר, ניט דער מאן: ניין, ניין... דער פריינד, דער איינציגער, אמת'ער פריינד, וועמען זי האט דא אין שטאדט, וועלכער איז צוליעב איהר, — זי איז זיכער, — געבליבען אונפערהייראט, — קאפיטאן אדאלף, דער קאמאנדיר פון דער אכטער קאמפאניע.

יע, ער וועט אויך, ער וועט אויך...

זי איילט זיך אנצוזאגען, מען זאל אנרייסען אפריקאזען צום אווענדברויט: די אפריקאזען וועלען זיין א באַ־סענדער דעסערט. ווייל ע ר האט דאך צוגעזאגט צו קומען היינט אווענד צום לעצטען מאל אין ווילא „מעלאניע". אפרי־קאזען פון די ברעגען פון רהיין, וועלכע זיינען צייטיג געווארען אין איהר גארטען, אונטער די שטראהלען פון דער איצטיגער רהיינישער הערבסט זון, וועלען זיין דער שלום אקארד צום לעצ־טען אווענדברויט מיט איהר פריינד. יע, יע, אונבעדינגט. מעלא־

ניע געהט צום טיר און קלינגט נאָך דער אלטער הויזהאַלטערין. פרוי האָף, וועלכע האָט געפיהרט דעם מאיאָר'ס ווירטשאַפט נאָך לאַנג פאַר זיין הייראַט, און וועלכע איז, אויף זיין פערלאַנג, פערבליבען וואוינען ביי זיי אין הויז אויך אויף ווייטער.

II.

פרוי האָף האָט זיך בעוויזען אויפ'ן שוועל. דאָס איז א בעיאָהרענטע, דיקליכע פערזאָן פון א יאָהר זעכציג. פון איהר גאַנצער פיגור קען מען זעהן, אז איהר לעבט זיך דאָ אין דעם מאיאָר'ס הויז זעהר גוט און פריי. דער שניי־ווייסער פאַרטוך נעמט אפּעטיטליך ארום איהר פולע פיגור און טיילט נאָך קלאָרער ארויס איהרע ברייטע היפטען.

פרוי האָף איז, ווי מען זאָגט, אין א מזל'דיגער שעה אנגעקומען צום מאיאָר, — דאַן נאָך א קאַפּיטאַן, — פאַן בערקערסבורג, כדי צו פיהרען זיין ווירטשאַפט. אזוי לאַנג ווי ער איז געווען אונפערהייראַט און האָט ארויסגעגעבען געלד הויפענווייז, איז פאַר איהר אין הויז געווען פשוט א גליק. אָבער אפילו איצט אויך בעציהט זי זיך מיט א סטאָאישער רוהיגקייט, אויב ניט אין גאַנצען גלייכגילטיג, צו די קאַפּריזען פון דער יונגער ווירטין. קאַפּריזען, וועלכע מען בעמערקט אָפט ביי פרויען, וועמען די הייראַט האָט ניט צופריעדענגעשטעלט. און אָט די רוהיגקייט פון דער הויזהאַלטערין האָט נאָך פאַר דער מלחמה אָפט געבראַכט מעלאַניע אין פערצווייפלונג.

איבריגענס, איז אָט די געמאַכטע רוהיגקייט פון פרוי האָף שטאַרק דערעסען אַלעמען אין הויז, בעזונדערס דער דיענסט פון דער יונגער ווירטין, אמעליע, וועלכע מען האָט אויסגעשריבען פון פאַריז, און וועלכע האָט ליעב געהאַט צו טיטולירען זיך דאָ, אויפ'ן רהיין, „פאַם דע שאַמבר“. ניט ווייניג ערגערניס האָבען פון איהר געהאַט אויך דער לאַקעי אַלבערט, דער שטאַהלקנעכט צונז, דער קוטשער יאָזעף און די געשיר־וואַשערין אורזאַ, וועמעס פאַטישער נאָמען האַרמאָנירט אזוי שלעכט מיט איהר פּראָזאאישער בעשעפטיגונג אין קיך. זיי אַלעמען האָט פרוי האָף שרעקליך דערעסען, נאָך מעהר צוליעב דעם, וואָס זי בלייבט שטענדיג גערעכט, ווייל זי האָט דעם אונבעשרענקטען צוטרויען פון דעם מאיאָר.

א שטומער פאָרוואורף ליגט אויך איצט אויף פרוי האָף'ס פעטען פנים, וועלכער איז שטענדיג רויט פון דער היץ אין קיך.

מיט קעציִשע גנב'ישע טריט געהט זי צו דער טיר פון באלקאָן איבער דעם דיקען סמירנא'ער טעפּיך. אריינגעהענדיג אין גאַסט צימער, בעמערקט זי מיט אונצופריעדענהייט אויפ'ן טעפּיך צו־ריסענע שטיקלעך פּאַפּיר. „יע, — טראַכט זיך פרוי האָף, — איז דאָס אביסעל א ווירטין! וואָס ארט דאָס איהר? און איך האָב איבריגע ארבייט און נאָך ערגערניש אלס צוגאב!“

די שטיקלעך פּאַפּיר זיינען פון א בריעף, וועלכען מעלאַניע האָט ניט לאַנג איבערגעלעזען און דאן צוריסען און זאָרגלאָז צו־וואָרפען איבער'ן טעפּיך. פרוי האָף קען ניט פערטראָגען קיין אונאָרדנונג. אָבער נאָך מעהר דערצאָרנען איהר אזעלכע בריעף: ווער דאַרף דאָס בעקומען בריעף, וועלכע מען צורייסט דערנאָך אויף שטיקלעך? און דאָס נאָך ווען מען האָט אזא מאַן, ווי „מיין“ מאַיאָר, און אזא ווילאַ אויפ'ן רהיין, ווי „אונזערע“, און ווען עס איז גענוג א ריהר צו טאָן מיט א פינגער, און צו דיין דיענסט ערשיינט א פּרעכטיגער אויטאָמאָביל.

מיט פיעל מיה בויגט זיך פרוי האָף איין, קלייבט זאָרג־פעלטיג צונויף פון טעפּיך די שטיקלעך פּאַפּיר און בורטשעט עפּעס צווישען די צייהן, וואָס מען קען ניט פערשטעהן. דאָן נעמט איהר פּנים אן דעם שטענדיגען זיסליבען שמייכעל, און זי קומט צו צו דער יונגער ווירטין אויפ'ן באלקאָן.

— אהר האָט געקלונגען, מאדאם?

די ווערטער קומען ארויס לאַנגזאַם, אין א זאַנפטער שטים, אביסעל זינגענדיג.

— נו, געוויס!

פרוי האָף דערהערט אין דעם טאָן פון דער יונגער ווירטין אביסעל אויפרעגונג. זי איילט זיך צו מאַכען נאָך א זיסערען שמייכעל, וועלכער, — זי איז אין דעם זיכער, — וועט מוזען אין גאַנצען ענטוואָפנען מעלאַניע.

און ווירקליך, די יונגע פרוי האַלט זיך צוריק פון דעם פאָרוואורף, וועלכען זי איז גרייט געווען צו מאַכען פאַר ניט קומען גלייך, ווען זי האָט גערופען. צו וואָס? אזוי איז דאָך געווען אלעמאָל, פון דעם ערשטען טאָג אָן, וואָס זי איז געקומען אין מאַיאָר'ס הויז. און אזוי וועט שוין אלעמאָל זיין, אויב נאָר די מלחמה וועט ניט מאַכען קיין ענדערונג אויף דאָ, פּונקט ווי אין אנדערע זאַכען!

ביי דעם געדאַנק וועגען א מעגליכער ענדערונג ווערט מע־לאַניע'ס געזיכט בעלויכטעט פון א שמייכעל, און א שטראַהל פון האָפנונג בעוויזט זיך אויף איהר שעהנעם געזיכט, וואָס איז

איינגעפּאַסט אין טונקעל־ברוינע האָאר. אַ שטראַהל פון האָפנונג. ניט קוקענדיג אויף אַלץ! ניט קוקענדיג אויף דער שרעקליכער לאַגע, ניט קוקענדיג אויף דעם, וואָס אויך אַדאָלף...

זי האָט מורא צו דערפיהרען איהר געדאַנק ביז'ן סוף און איילט זיך צו ווענדען זיך צו פרוי האָף. זי רעדט מיט אַ ווייכער, כמעט בעטענדער שטים:

— פרוי האָף, איהר וועט זיין אַזוי גוט און זאָגען דעם גערטנער, ער זאָל אַנרייסען אַפּריקאָזען פון יענעם בוים...

פרוי האָף שלאָגט איהר איבער:

— איהר ווייסט דאָך אָבער, מאַדאַם, אַז יאַקאָב'ען האָט מען גערופען אין מיליטער דיענסט.

— אַ יע, ריכטיג, פרוי האָף, מען האָט יאַקאָב'ען גערופען...

— נו, געוויס, אַלע געזונטע יונגען זיינען גערופען געוואָרען אין מלחמה, מאַדאַם.

— יע, יע, פרוי האָף, גאַנץ ריכטיג. נו, וועט איהר אפשר אַליין אַנרייסען אַפּריקאָזען פון אָט יענעם בוימעל. עס איז דאָך ניט הויך, מען קען דערלאַנגען אָהן אַ לייטער. טו זייט אַזוי גוט און גיט די אַפּריקאָזען הייגט צום אָווענד מאָהלצייט פאַר אַ דעסערט.

מעלאַניע האָט אַמאָל פערבראַכט עטליכע וואָכען אין וויען מיט איהר פאָטער, און דער אויסדרוק „אָווענד מאָהלצייט" איז איהר דאַן אַזוי שטאַרק געפעלען געוואָרען, אַז זי האָט איהם אַריינגענומען אין איהר לעקסיקאָן.

פרוי האָף האָט געשמייכעלט אויף אַזאַ, לויט איהר מיינונג אַפעקטירטע, שפּראַך, אָנגעהמענדיג דאָס, פּונקט ווי פיעלע אַנדערע אייגענשאַפטען אין איהר יוגענד ווירטין, פאַר מאַניערען פון איינער וואָס קאָקעטירט.

— גוט, מאַדאַם, איך וועל אַליין אַנרייסען... און אָט איז נאָך אַ בריעף פאַר אייך, מאַדאַם.

פרוי האָף בעמערקט, מיט וועלכער שנעלקייט מעלאַניע רייסט כמעט אַרויס פון איהרע הענט דעם בריעף, וועלכען זי האָט ביז איצט געהאַלטען אונטער'ן פאַרטוך.

— גיט איהם אַהער, פרוי האָף!

אַ יובעלענדע פרייד הערט זיך אין איהר שטים. אויף פרוי האָף'ס געזיכט בעווייזט זיך אַ מאַרטירער שמייכעל.

„אָרימער מאַיאָר מיינער", — קלערט זי, שאָקלענדיג מיט איהר גרויסען קאָפּ.

אָבער מעלאַניע קוקט זיך שוין ניט אום אויף איהר. איהר

ווילט זיך וואס גיכער איבערלייענען דעם בריעף. און פונקט ווי אלע מענשען מיט א רייגעם געוויסען, וועלכע ווייסען ניט פון קיין זינד אדער שולד און האבען דעריבער קיין אורזאך ניט צו זיין פארזיכטיג, איז זי גאנץ רוהיג.

זי האט אפילו אין גאנצען פערגעסען אז פרוי האף׳ס אנוועזענהייט. זי שטעהט אויף׳ן באלקאן, וועלכער איז בעלויכטען פון די הייסע שטראהלען פון דער אויגוסט זון. און אין דער ראהם פון קלימערשטאנד, וואס האט רייך ארומגענומען די פארענטשעס און דעם באלקאן, זעהט זיך דייטליך ארויס איהר מיידעלשע פיגור, אנגעטאן אין א לייכטען העל־בלויען קלייד.

די קלייד האט זי זיך געמאכט אין פריהלינג אויף דעם פערלאנג פון איהר מאן, וועלכער האט בעהויפטעט, אז הימעלבלוי פאסט איהר מעהר פון אנדערע קאלירען. זי אבער אליין און דער „אנדערער" זיינען איבערצייגט, אז מאטע קאלירען פאסען פיעל מעהר פאר איהר בלייכען געזיכט און טונקעלברוינע האאר.

און אזוי שטעהענדיג אין דער ראהם פון באלקאן, וואס איז בעדעקט מיט די קריכיגע פלאנצען, דערמאנט זי איינע פון די ריהרענדע מיידעל פיגורען אין שעקספיר׳ס טראגעדיען. מען קען זי אננעמען פאר דזשוליעט, דעזדעמאנא, אפעליא, אדער פאר די אלע דריי צוזאמען.

און אין דער צייט, ווען זי לעזט דעם בריעף, בעקומט זיך אויף איהר געזיכט דער אויסדרוק פון איין גרויסען געפיהל. וואס פעראייניגט אין זיך אלץ: ליעבע, שרעק, גליק, ליידען, — אלץ, אלץ ווערט אויסגעדריקט אויף איהר געזיכט. בעת זי לייענט אט דעם ל ע צ ט ע ן בריעף פון איהר פריינד. יע. דאס איז זיין לעצטער בריעף. אן אונקלארער פארגעפיהל זאגט דאס איהר היינט, ערב דעם פריהמארגען, ווען זיין רעגימענט דארף אבמארשירען צום פראנט.

אייגענטליך איז דאס גאר ניט קיין בריעף, דאס איז גיכער א קורצער צעטעלע, ווי די, וועלכע ער האט איהר אזוי אפט צוגעשיקט אין פערלויף פון די לעצטע יאהרען, זינט דער צופאל, — און אפשר א בעוואוסטזיניגע טהאט צו העלפען אט דעם צופאל, ווי איהר האט אויסגעוויזען אין מינוטען פון שטילען, פערבארגענעם גליק, — האט איהם פערטראגען אין דעם זעלבען גארנזאן און אין דעם זעלבען רעגימענט, וואו דער מאיאר חאט געדיענט. א צעטעלע אויף איינפאכען גרויען פאפיר, מיט קיין זאך ניט מעהר חוץ זיינע איניציאלען: „וו. א.", ווייל זיין ערשטער נאמען איז וואלטער, און זיין פאמיליען נאמען — ארדאלף.

מיט דער געוועהנליכער בעוועגונג פון האנט נעמט מעלאניע ארויס דאס צעטעלע פון קאנווערט און לעזט:

„מיין טייערע פריינדין!

כאטש איך בין שרעקליך פערנומען גראד איצט, וועל איך אבער מאכען אלע אנשטרענגונגען, אום ארויסצורייסען זיך אויף א שעה נאכמיטאג און נאך איין מאל מיט אייך צו זעהן.

אייער שטענדיג ערגעבענער

א ד א ל ף."

ליעבער, ליעבער... מעלאניע טראגט שטילערהייד צו דאס צעטעלע צו די ליפען. דא, אויפ'ן באלקאן, פערדעקט פון פלאנצען, קען זי זיך דאס ערלויבען אהן מורא. וועט דען דער פינק, וואס וויגט זיך אט אויף יענעם צווייגעל פון א מאנענבוים, עפעס האבען געגען דעם, וואס זי האט געטאן? דער פינק זינגט מיט א פולער ברוסט אין דעם גארטען, וואס איז בעגאסען מיט זונשיין. און ברייט צושפרייטענדיג זיינע פליגלען, פליהט ער א זארגלאזער אוועק אין הימעלבלוי פון אט דעם לעצטען טאג. א דאנק גאט, ער ווייס גאר ניט וועגען דעם, וואס עס טהוט זיך איצט אין דער בעסטער פון אלע וועלטען.

מעלאניע געהט אריין אין צימער. לעבען וואנט שטעהט אן אויסגעצייכענטער סטיינוויי. דער מאיאר האט איהר דאס געשאנקען אמאל אין א מילדער מינוט צום ווייגאכטס-פעסט. ער ווייס, אז זי איז א ליידענשאפטליכע פערעהרערין פון מוזיק, און אז זי איז מעהר ווי אן איינפאכע דילעטאנטין. כאטש זי קען זיך גארניט פערגלייכען מיט אדאלף'ען! ער איז דאך אן אמת'ער ארטיסט. יעדענפאלס, איז דאס געוועזען זעהר גוט פון מאיאר'ס זייט צו שענקען איהר אזא וואונדערליכען קלאוויער. איבריגענס, וואס האט דאס איהם געקאסט?

איהם איז דאך אין זיין לעבען קיינמאל ניט אויסגעקומען צו בעשרענקען זיינע אייגענע אדער פרעמדע פערלאנגען.

מיט אדאלף'ען איז שוין גאר אנדערש. ער האט אזוי שטארק געוואלט ווערען א קאמפאזיטאר. אבער די אומשטענדען זיינען שטארקער פון מענשען, און אט די אומשטענדען האבען איהם, אנשטאט דער קאנסערוואטאריע און דעם קאנצערט-זאל, נעבראכט אין קאדעטען-קארפוס און אויף דעם קאזארמען הויף. איצט איז שוין געווים אלץ איינס... זי זוכט אין די נאטען און געפינט א ראמאנס, צו וועלכען ער האט פאר איהר פערפאסט די מוזיק, און זעצט זיך צום ראיאל.

א פערבלאנדזשעטער שמעטערלינג פליהט אריין פון גאר-

טען אין הויז און, ניט געפינענדיג קיין ארויסגאנג, קלאפט ער מיט זיינע פליגעלעך אויף די שויבען.

— אַט גאַר אזו ווי ער, — גיט מעלאַניע אומגערן א טראכט: — ער האָט זיך אויך ניט געפונען קיין אויסוועג.

זי זינגט זיין ראָמאנס:

„אַ גרוס צו דיר, דו גרויסע,
געהיימניספולע שטאָדט!"

די ווערטער געפינען אַן אָבקלאַנג אין איהר נשמה. זי דענקט וועגען בערלין און דער ערשטער בעגעגניש מיט איהם אין דער אנוועזענהייט פון איהר מאַן. אמת, דאַן איז דער מאיאר נאָך ניט געוועזן איהר מאַן. אָבער עס איז שוין דאַן געוועזן קלאָר, אַז איהר פאָטער, דער אלטער באראָן פאָן פאלקענשטיין, איז צו איהם זעהר גנעדיג, ווייל ערשטענס האָט ער דעם באראָן געליהען געלט אונטער דעם משכון פון דעם גוט, און צווייטענס האָט ער געווענדט זיין אויפמערקזאַמקייט אויף איהר יונגע שעהנקייט.

ווי האָט וואָלט איצט פאָרגעקומען, געדענקט זי קלאָר די ערשטע בעקאַנטשאַפט מיט אַדאָלף'ען. זיי זיינען געוועזן אין אָפּערא. מען האָט געשפּיעלט „טאַנהייזער". אין אנטראקט איז ער צוגעגאנגען צום מאיאר, און דאַן האָבען זיי זיך בעגעגנט.

דאַן זיינען זיי זאַלבעפיערט געוועזן אין אַדלאָן'ס רעסטאָ־ראַן. אַזוי איז דאָס פאָרגעקומען.

„אַ גרוס צו דיר, דו גרויסע,
געהיימניספולע שטאָדט!"

מיט אַ געפיהל, וואָס איז נאָהנט צו עהרפורכט, זינגט מעלאַניע דעם ערשטען פערז פון זיין ראָמאנס, וועלכען ער האָט איהר געווידמעט.

פּלוצלונג האָט דער שמעטערלינג געפונען אַן ארויסגאַנג דורך דער ברייט געעפענטער טיר פון באלקאָן. פריי און לייכט און אָהן גערויש איז ער ארויסגעפלויגען אין מיט זונשיין בעגאָ־סענעם גאָרטען.

מעלאַניע האָט איהם בעגלייט מיט איהרע שטאָהל־גרויע אויגען.

„דו גרויסע, געהיימניספולע שטאָדט!"

פרוי האָף האָט ווידער אָנגעקלאַפּט אין טיר.

III.

דאָס קלאַפּען אין טיר איז געקומען אַזוי אונגעוואַרטעט, אַז מעלאַניע האָט אויפגעציטערט. זי איז אָבער באַלד גע־קומען צו זיך, אין איין אויגענבליק האָט זי זיך אומגעקערט צו דער רויהער ווירקליכקייט. זי האָט שטיל אויסגערופען:

— קומט אריין!

אַזוי ווי פון דער ענדלאָזער ווייט דערטראָגען זיך די לאַנגזאַמע, דורך דער נאָז אַרויסגערעדטע ווערטער פון פרוי האָף:

— דער טרעגער איז געקומען, מאַדאַם.

— דער טרעגער?

— ער פרעגט, וואוהין איהר ווילט אָבשיקען דעם באַ־גאַזש. אין ווערזשבאָלאָווא? אין פאַלקענשטיין איז דאָך קיין אייזענבאַהן סטאַציאָן ניטאָ?

— געוויס, פרוי האָף, דעם גאַנצען באַגאַזש דאַרף מען אָבשיקען אין ווערזשבאָלאָווא.

— דריי קופערס און זיבען קאַסטענס?

— יע, פרוי האָף, דריי קופערס און זיבען קאַסטענס.

— וועל איך אַזוי אָנזאָגען דעם טרעגער, מאַדאַם.

— ביטע, פרוי האָף.

פרוי האָף שטעלט זיך אָב ביים שוועל, אַזוי ווי זי וואָלט געדאַרפט נאָך עפּעס זאָגען, און מעלאַניע פרעגט איהר טאַקי:

— איהר האָט נאָך עפּעס מיר צו זאָגען, פרוי האָף?

פרוי האָף דרעהט זיך, שטעלט איבער די פיס און זאָגט ענדליך אַרויס זעהר לאַנגזאַם:

— איך האָב נאָר געוואָלט זאָגען, מאַדאַם, דאָס ווערזש־באָלאָווא איז דאָך פונקט אויף דעם רוסישען גרענעץ. האָט איהר דען ניט מורא, מאַדאַם? ווערזשבאָלאָווא איז דאָך אויפ'ן סאַמע רוסישען גרענעץ.

— ניין, פרוי האָף, איך האָב ניט מורא. פון פאַלקענ־שטיין, מיין פאָטער'ס גוט, איז אַ האַלבע שטונדע רייזע ביז ווערזשבאָלאָווא. דערצו האַלט איך פאַר מיין חוב צו זיין ביי מיין פאָטער'ס זייט אין אַזאַ ערנסטען מאָמענט. דערי־בער פאָהר איך דאָס אין ווערזשבאָלאָווא און פון דאָרטען אין פאַלקענשטיין. אויסערדעם, קוים נעהט דער מאַיאָר אַרויס

מיט זיין באַטאַליאָן, וועל איך דאָ שוין ניט האָבען קיין היים, פרוי האָף.

אין דעם טאָן, אין וועלכען זי זאָגט ארויס די ווערטער, פיהלט זיך, ווי זי וואָלט זיך אונטערגעגעבען איהר שיקזאל און ווי זי וואָלט מיעד געווען פון לעבען.

— נו, געוויס איז דאָס אזוי, מאדאם, געוויס. אָבער ווערזשבאָלאָווא איז דאָך פּאָרט אויף דעם רוסישען גרענעץ.

מעלאניע פיהלט אַ פערלאנג צו ענדערען דעם געשפּרעך, און גיבער אויס דעם מאָטיוו, ווי אויס אינטערעס אין פרוי האָף'ס לעבען, פרעגט זי:

— און איהר, פרוי האָף, האָט בעקומען אַן ענטפער פון אייער מאַנטע פון פאָלקאָף?

— יע, מאדאם, ענדליך איז מיר היינט אין דער פריה אָנגעקומען דער בריעף.

— וואָס זשע שרייבט אייך אייער מאַנטע?

— זי שרייבט, אז איך זאָל קומען, מאדאם: זי וועט זיין העכסט צופריעדען.

— נו, איז שוין אַלץ גוט! דאָס הייסט אז איהר וועט אויך קענען ארויספאָהרען מארגען אין דער פריה.

— יע, מאדאם, ווי נאָר איך וועל פאַרטיג ווערען מיט אַלע ארבייטען דאָ און ברענגען אַלץ אין הויז אין אָרדנונג. מיר האָט זיך גאָר ניט גע'חלומ'ט, אז עס וועט מיר אויסקומען צו פערלאָזען דאָס הויז פון זיין וואוילגעבורט אָט אזוי, אָהן אויפזיכט.

— דעם אמת זאָגענדיג, האָב איך דאָס אויך ניט ערווארט, פרוי האָף, אָבער...

פון מעלאניע'ס ברוסט רייסט זיך ארויס אַ קוים הערבארער זיפץ פון ערלייכטערונג.

דער זיפץ ווערט אָבער באלד אויפגעכאַפּט פון פרוי האָף'ס פיינעם געהער, און זי זאָגט:

— וואָס זשע, מאדאם, איך האָב אייך, דוכט זיך, קיינמאָל אין קיין זאַך ניט געשטערט.

אויף מעלאניע'ס געזיכט בעוויזט זיך אַ גוטמוטיגער שמייכעל:

— געשטערט?... נו, געוויס ניט, פרוי האָף... מיר שטערען אין מיין אייגענעם הויז... דאָס וואָלט געווען זעהר זאָנדערבאר, פרוי האָף.

פרוי האָף זאָגט אויף דעם גארניט, אָבער פאר זיך קלערט

זי: „אין דעם מאיאר'ס הויז, ווילסטו זאגען! ווייל סוף כל סוף קען מען דיך דאך דא קוים דערליידען.“ אין דער הויך אבער זאגט זי נאר:

— וועל איך זאגען דעם טרענער, אז אלץ דארף אבגעשיקט ווערען אין ווערזשבאלאווא.

— ביטע, פרוי האף.

מעלאניע קוקט זיך מעהר ניט אום אויף דער הויזהאלטערין פון איהר מאן.

זי זעצט זיך אויף א שטוהל לעבען שרייב־טיש. און וועהרענד פרוי האף געהט נאך איבער'ן קארידאר איבערצוגעבען דעם בעפעהל פון דער בעל הבית'טע (דער בעל הבית'טע! — שמייכעלט זי איראניש), רוקט די יונגע פרוי ארויס איינעם פון די טיש־קעסטלעך און נעמט פון דארט ארויס א בינטעל פון אלטע בריעף. און איינעם נאך דעם אנדערען נעמט זי ארויס פון קאנווערט און הויבט אן לעזען, אבער ניט דערלעזענדיג ביז'ן סוף, צורייסט זי זיי אויף שטיקלעך אוןווארפט אין א קארב, וואס שטעהט דערביי.

אט די אלע בריעף, פון דער ערשטער שורה ביז דער לעצטער, ווייס זי שוין לאנג אויף אויסווענינ. זי האט זיי אבגעהיט ביז איצט, ווי די אויג אין קאפ, זי האט זיך בשום אופן ניט געוואלט מיט זיי צושיידען. אבער איצט! אין אזא לאגע קען מען אזעלכע בריעף ניט האלטען, מען קען זיי ניט מיטנעמען אין ווערזשבאלאווא, וואס ליגט אויף דעם רוסישען גרענעץ: מען קען דאך גאר ניט וויסען, אין וועמעס הענט זיי קענען נאך ארייגפאלען!

איבריגענס זיינען דאך די בריעף אזוי אונשולדיג, עס איז דאך אין זיי קיין זאך ניטא. זיי רעדען נאר וועגען דער פריהלינגס ליעבע, אויף וועלכע עס איז פריה געפאלען א בייזער פראסט; וועגען דעם גליק, וואס האט זיך פערוואנדעלט אין א שאטען, איידער עס איז פערווירקליכט געווארען...

און דאס איז אלץ נאר דערפאר געשעהן, ווייל דער מאיאר האט זיך געשטעלט אין מיטען וועג מיט זיין היפאטעקע אויף פאלקענשטיין און האט זיין שווערע האנט ארויפגעלעגט אויף איהר יונג לעבען. בעטענדיג איהר האנט, האט דאס אראלף געשריבען אט די בריעף פון בערלין אין פאלקענשטיין. זיי זיינען געשריבען געווארען נאך פיעלע וואכען און מאנאטען פריהער, איידער זי איז געצוואונגען געווען צו געבען איהר

צושטימונג דעם אלטען מאיאר, כדי צו רעטען איהר פאטער און בעפרייען איהם פון חובות.

און אט פערניכטעט מעלאניע די אונשולדיגע בריעף איצט, און ניט ווילענדיג ציטערט אויף מעלאניע, דערקענענדיג די שנעלע און שווערע טריט פון דעם מאיאר, וועלכער דערנעהנ־טערט זיך צום שרייב־טיש. אין זיין גרויען פעלדצוג אוניפארם, מיט די הויזען אין די הויכע שטיוועל, געהט ער מיט קלאנג און גערויש, גאר אהן פארזיכטיגקייט, שלעפענדיג נאך זיך די סאבעל איבער איהר שעהנעם, קאסטבארען סמירנא'ער טעפיך.

ניט אויפהויבענדיג דעם קאפ, פיהלט זי אויף זיך דעם הארטען בליק פון זיינע קאלטע בלויע אויגען. אונטער אט דעם שווערען בליק האט זי שוין אזוי אפט געמוזט ארונטער־לאזען איהרע שעהנע, שטאהל־גרויע אויגען מיט די לאנגע ברע־מען. ער בלייבט דאך שטענדיג און אין אלץ גערעכט. און ווי קען דען זיין אנדערש? מיט זיין שטרענגען קול פון א קאמאנדיר און מיט זיין שטארקען ווילען, וואס אונטערוואַרפט אלץ זיין פערלאנג, מוז ער דאך אלץ איבערוועלטיגען!

ניט קוקענדיג אויף איהם, זעהט זי פאר זיך זיין שטענדיג רויטען פנים, וועלכער איז, לויט איהרע אייגענע ווערטער, א פערקערפערטע רעקלאמע פון די גומע וויינען אין קאזינא; זי זעהט פאר זיך זיינע הארטע גרויע וואנצעס, וועמעס קושען זי זעהט אויסצומיידען מיט אלע מעגליכקייטען.

— וואס פאר אן אונארדנונג דאס איז דא ביי דיר!... — דערטראגען זיך זיינע ווערטער צו מעלאניע. — וואס טהוסטו דא ביי דעם שרייב־טיש?

— איך מאך דעם סך הכל פון מיין פערגאנגענהייט, — ענטפערט זי שטיל.

— אזוי, אזוי... לאז מיר נאר. איך האב דא פערגעסען א דאקומענט פון מיין רעגימענט.

— ביטע...

זי שטעהט אויף פון שטוהל און געהט געהארכזאם אב עטליכע טריט, פונקט ווי ער וואלט דאס אריין אין א קאמער אין קאזארמע, און זי וואלט געווען דער דעזשורנער אונטער־אפיציר.

— ביטע, ביטע...

— איך האב שוין געפונען. ניט בעאונרוהיג זיך, זיי, איך בעט דיך. ווען עסען מיר?

— ווען דו האסט בעפאהלען, אכט אזייגער; פונקט אכט

אזיינער, — מורמעלט זי שרעקעדיג, נאך אלץ ניט קוקענדיג איהם אין געזיכט, — אדער אפשר ווילסטו...

— ניין, ניין, אכט אזיינער. איך וועל שוין זעהן פריי צו ווערען. און אונגעהויערע מאסע ארבייט, מיין קינד!

זי שמייכעלט. אזוי רופט ער זי אלעמאל, ווען ער געפינט זיך אין א גנעדיגער שטימונג. זי — זיין קינד!

ווייטער זאגט ער:

— נאכ'ן עסען וועל איך נאך אפשר מוזען נאך א מאל ארייגלויפען אין די קאזארמען, און אונגעהויערע מאסע ארבייט; מען וואלט דאך, דוכט זיך, געקענט מיינען, אז פאר גאנצע מאנאטען ליגט שוין אלץ אנגעגרייט און אין ארדנונג... און פונדעסטוועגען...

— און מיר וועלען האבען א גאסט היינט אוועגד, — ערקלערט מעלאניע מיט אן אונענטשלאסענער שטים.

— נו, איז וואס, מיין קינד, האבען מיר דאך אלעמאל א גאסט, אדאלף... ניט אמת, אדאלף פון דער אכטער קאמפאניע. ער האט נאך קיין איין מאל ניט פערפעהלט, דער ליעבער אדאלף. א מוזיקאלישער זשעני... פארוואס זשע זאל ער פערפעהלען דעם לעצטען אווענד, קינד מיינס? נו, אויף ווידערזעהן דעריווייל, אויף ווידערזעהן.

דער מאיאר איז ווידער ניטא. ער איז אוועק, פערגעסענדיג דעם דאקומענט, וואס איז דעם גאנצען טאג אבגעלעגען אויפ'ן שרייב־טיש, אין דעם ארבעל אויפשלאג פון זיין נייעם מונדיר, פונקט ווי ער שטעקט ארויין דעם ביטש אין שטיוועל, ווען ער געהט אין מאנעוש.

וועגען איהר און וועגען איהר פערגאנגענהייט, מיט וועלכער זי געזעגענט זיך איצט, קלערט ער, א דאנק גאט, זעהר ווייניג. און ווי וואלט עס דען גאר מעגליך געוועזען איצט, יעצט עס איז ענדליך אנגעקומען דאס, אויף וואס ער האט יאהרען לאנג געווארט, ווי דאס איז איהר זעהר גוט בעוואוסט? וואס פאר א ווערט האט איצט זיין „קינד“ מיט איהר פערגאנגענהייט, ווען הונדערטער טויזענדער מענשען געהען צו א בלוטיגער שלאכט, און וועלכער אלץ ווערט אוועקגעשטעלט אין קאן. אזוי האט ער איהר נאך נעכטען ערקלערט.

אבער זי איז שוין ווידער פערנומען מיט לעזען די בריעף. אלע בריעף, פונקט ווי דאס היינטיגע צעטעלע, וועלכע פרוי האף האט איהר איבערגעגעבען מיט א פערטעל שטונדע צוריק, זיינען געשריבען אויף דעמזעלביגען גרויען פאפיר. זי האט

אזוי ליעב דעם קאליר: ער דערמאנט איהר דעם איינפאכען כאראקטער פון דעם, וועמען זי האט פארגעצויגען פון אלע אנדערע.

יע, פון די אלע גלענצענדע קאוואלירען, וועלכע האבען זיך געדרעהט ארום איהר, כלומרשט פערליעבטע, אויף אלע בעלער און פיקניקס סאי אין בערלין, סאי אין אסט־פרייסען. זיי האבען זיך ארום איהר געדרעהט אזוי לאנג, ביז זיי האבען זיך ניט דערוואוסט, אז פאלקענשטיין, דאס גוט פון איהר פרעה־ליכען, ברייט־לעבענדען פאטער, איז צוויי מאל פערזעצט, און אז זי און איהר פרעהליכער פאטער הענגען ביידע אויף א האר. נאכדעם האבען זיי אלע, איינער נאך דעם אנדערען, זיך העפליך און קאלט פערנייגט און זיינען פערשוואונדען.

מעלאניע פאן בערקערסבורג ווייס שוין די ביטערקייט פון לעבען, ניט קוקענדיג אויף דעם, וואס זי איז ערשט אלט נאר פינף און צוואנציג יאהר און וואס איצט קען זי מיט דעם מאיאר'ס רייכטום לעבען ווי א פירשטין, האבען רייט־פערד און אויטאמאבילען, שיינען אין דער געזעלשאפט און זיך פוצען. און דאך ווייס זי גוט די ביטערקייט פון לעבען! „ווער עס האט קיינמאל זיין ברויט ניט געגעסען מיט טרערען...“ לויפט דורך אין איהר געדאנק.

זי לעזט ווייטער. אט קומט צו דער האנט א בריעף, אין וועלכען עס מערקט זיך צום ערשטען מאל א צארטקייט, און קלארער קען מען דא זעהן אן אמת'ען פערלאנג. צום ערשטען מאל פרואווט ער דא אוים דעם באדען. דער בריעף איז גע־שריבען געווארען אין דעצעמבער 1909, אין בערלין, וואוהין ער איז געפאהרען, כדי צו זעהן זיך מיט א חבר, גינטער פאן שווארצענשטיין, וועמען מען האט קאמאנדירט אין די מילי־טערישע אקאדעמיע.

א גרויסער פערעהרער פון וואגנער, בעשרייבט אדאלף אין דעם בריעף די פארשטעלונג פון „טריסטאן“ אויף דער בערלינער ביהנע. ער, א לייטענאנט פון דעם גומבינענער אינפאנטעריע רעגימענט, וועלכער איז טאג־איין, טאג־אוים, יאהר־איין יאהר־אוים פערנומען מיט דרעסירען די סאלדאטען אין קאזא־מע, ער ציטירט אין דעם בריעף גאטפריד פון סטראסבורג:

„און ווען דאס מיידעל און דער מאן,
איזאט און טריסטאן...“

א. אז. וו., א. אז. וו.

עס איז דאך גאר כמעט אונגלויבליך! דאס געדיכט פון

גאָטפריד פון סטראַסבורג אויף דער פערגעסענער דייטשער שפּראַך פון מיטעלאַלטער! אַ פערליעבטער מענש, ווייזט אויס, געפינט אויף אַלץ צייט, אַפילו לעבענדיג אין נומבינגען און אַלט לייטענאַנט זייענדיג פערנומען מיט דרעסירען די סאָלדאַטען יאַהרענלאַנג! וואָס וועט שוין זיין, ווען ער וועט פון דעם פערוואָרפענעם ווינקעל אריינפאַלען אין בערלין און וועט זיין אין דער קעניגליכער אָפּערא!

זי דערמאָנט זיך דעם טאָג און די שעה. ווען זי האָט דעם בריעף ערהאַלטען אין פאַלקענשטיין. דאָס איז געווען פונקט פאַר דעם וויינאַכטס־פעסט, ווען זי האָט, ווי אַלע מאָל פריהער, נעדאַרפט שפּיעלען די ראָל פון דער גוטער פעע. דער וואַלד־וועכטער האָט שוין געהאַט צוגעגרייט די וויינאַכטס־ביימער אי פאַר די הערדען, אי פאַר די דיענער. און אויף מעלאַניע'ן איז, פונקט ווי יעדען יאָהר, אויסגעפאַלען די ליכטיגע פרייד צו בעציערען די ביימער און פאַנאַנדערטיילען די מתנות.

אין אַט דעם מאָמענט פון ריינעם, פון קיין זאַך ניט בע־וואָלקענטען גליק, איז דאָס אָנגעקומען זיין בריעף — „דאָס מיידעל און דער מאַן, איזאָט און טריסטאַן“! נאָך דעמזעלביגען טאָג האָט זי געשיקט נאָך דעם געדיכט פון גאָטפריד פון סטראַס־בורג אין די נאָהענטסטע שטאָדט. צום גליק, האָט מען דאָס געדיכט דאָרט געפונען אין אַ בוך־קראָם: רעקלאַם'ס אויס־גאַבע צוזאַמען מיט אַן איבערזעצונג.

אין יענע טעג, פאַר דעם יום טוב פון ליעבע, דענקענדיג וועגען א י ה ם, האָט זי צום ערשטען מאָל געלעזען און געלעזען און ניט געקענט זיך אָבּרייסען פון דער בעצויבערענדער גע־שיכטע וועגען דער פרוי פון קעניג מארק, דער שעהנער איזאָט מיט די גאָלדענע לאָקען, וועלכע ברעכט איהר טריייהייטס וואָרט, וואָס זי האָט געגעבען איהר מאַן, אויס ליעבע צו דעם ריטער טריסטאַן; וועגען דעם, ווי טריסטאַן און איזאָט פאָהרען צו־זאַמען ווייט־ווייט איבער ימים־אָקעאַנען; וועגען דעם, ווי זיי, וואָס זיינען צוערשט געווען אזוי ווייט און פרעמד איינע דעם צווייטען, ווערען איינס...

דאָס הערליכע געדיכט... וועגען דעם טראַכט מעלאַניע אויך איצט... אין דער מינוט, ווען הונדערטער טויזענדער פון איהרע קאָמפּאַטריאָטען גרייטען זיך צו פערלאָזען פאָטער און מוטער, פרוי און קינדער, פריינד און געליעבטע, צונויפצוגיסען זיך אין איין מעכטיגען, אונבעזיעגבאַרען שטראָם, וועלכער וועט פליסען אין מזרח און אין מערב, — אַ שטראָם, וועמעס וועלען

טראָגען טויט, און קיינער וועט זיך ניט קענען שטעלען אנט־קעגען זיי!

טראָמפייטען און — דאָס אונשטערבליכע געדיכט וועגען טריסטאַן און איזאָט!

IV.

— דער הערר קאַפּיטאַן האָט געהייסען איבערגעבען זיין גרוס און אָט די רויזען צו אייער וואוילגעבורט.

דאָס איז ווייס, אדאָלף'ס דיענער, ער שטעהט אין גאַסט־צימער פאר מעלאַניע.

פערזונקען אין עראינערונגען, האָט זי גאָר ניט בעמערקט ווי ער איז אריין. ער איז געבליבען שטעהן אויפ'ן שוועל, אויסגעצויגען אויף דעם מיליטערישען שטייגער. צומישט הויבט זי אויף איהרע ברעמען און קוקט אויף איהם מיט איהרע שעהנע, שטאָהל־גרויע אויגען, אזוי ווי דאָ וואָלט ניט גע־שטאַנען דער דיענער, נאָר דער האר אליין. זי קוקט ניט אויף די רויזען, מורא האָבענדיג, אז זי וועט זיך דאן אין גאַנצען פערלירען.

— די רויזען, ווי איך זעה, זיינען פון דעם קאַפּיטאַן'ס גאָרטען, — רעדט זי ענדליך ארויס.

— ריכטיג אזוי, אייער וואוילגעבורט. דער הערר קאַ־פּיטאַן האָט מיט זיינע אייגענע הענט זיי פערפלאנצט מיט צוויי יאָהר צוריק.

— איך ווייס, איך קען זעהר גוט אָט די רויזען, ווייס. מעהר האָט איהר ניט קיין אויפטראַג צו מיר, מיין פריינד?

זי ווייס אליין ניט, ווי אזוי די זאָנדערבארע ווענדונג „מיין פריינד" האָט זיך ביי איהר אראָבגעריסען פון צונג. זי האָט נאָר אַן אונקלאָרע עראינערונג, אז דער מאיאָר ווענדט זיך מיט די דאָזיגע ווערטער צו זיינע אונטערטאַנען אין יענע זעלטענע מינוטען, ווען איהם ווילט זיך מיט זיי אַ שפּאַס טהאָן.

— דער הערר קאַפּיטאַן האָט געהייסען אָנזאָגען, אז זיי וועלען אליין באַלד קומען.

— יע? זעהר גוט, ווייס.

דער דיענער איז גרייט אוועקצוגעהן.

— וואַרט, ווייס, זייט אזוי גוט, נעמט מיר אראָב אָט יענע וואַזע, איהר זייט העכער פון מיר.

— יענע, די מעסנער וואַזע, פון דעם ביכער־שראַנק?

— יע, די מעיסנער וואזע פון דעם ביכער־שראנק.

דער דיענער ערפילט דעם בעפעהל.

— איך דאנק אייך. איצט וועלען מיר די רויזען גלייך אריינשטעלען אין וואסער.

זי געהט צו דער טיר און קלינגט נאך פרוי האף.

עס געדויערט לאנג, ביז די אלטע בעוויזט זיך.

— פרוי האף, גיסט אן וואסער אין אט די וואזע און שטעלט אין איהר אריין די רויזען. דאן ברענגט דאס צוריק אהער.

— גוט, מאדאם.

פרוי האףווארפט א בייזען בליק אויף די רויזען און געהט מיט איהרע קליינע טריט אין קיך, מורמלענדיג צווישען די צייהן עפעס אזוינס, וואס מעלאניע פערשטעהט ניט.

וויים קלייבט זיך אויך אוועקצוגעהן.

— ווארט א ווייליע, וויים.

— איך הער.

מעלאניע געהט צו צום טישעל פון איהר מאן און נעמט פון ציגארען קעסטעל ארויס עטליכע עכטע האוואנער ציגארען.

— נאט, וויים, נעמט דאס, זיי וועלען אייך צוניץ קומען אין דעם צוג.

— א דאנק, אייער וואוילגעבורט!

— הערט נאר, וויים.

— וואס וועט איהר בעפעהלען, מאדאם?

— זאגט מיר וואס מאכט אייער האר. ער האט אייך נעכטען גארניט געזאגט?

— ניין, מאדאם, גאר ניט. זיי האבען נאר דעם גאנצען טאג און דעם גאנצען אווענד נעכטען געהאלטען אין איין פייפען אלערליי מעלאדיען. דער העדר קאפיטאן טהוט דאס אלעמאל.

— נו, און איהר, וויים?

— וואס וועט איהר בעפעהלען, מאדאם?

— זאגט מיר, וואס איז א י י ע ר שטימונג? עס איז דאך ניט קיין שפיעלכעל — די מלחמה, ווער וויים, אפשר וועט נאך אויסקומען צו שטארבען, מיין פריינד.

ווידער דער זאנדערבארער פאמיליארער אויסדרוק. זי דערשרעקט זיך אליין ווען די ווערטער רייסען זיך אראב פון צונג. זי האט זיי געוואלט ארויסרעדען אין יענעם גוטמוטיגען טאן, אין וועלכען דער מאיאר בענוצט זיך מיט דער פראזע. אבער זי וואלט דאס קיינמאל ניט געקענט טהאן, ווייל ז י י ן

גוטמוטיגקייט איז אזוי ווייט פון איהר, ווי הימעל פון ערד. און דאך בענוצט זי דעם אויסדרוק אפשר דערפאר, ווייל ווענדענדיג זיך מיט די ווערטער צום דיענער, קלערט זי אין דער צייט וועגען זיין האר.

וויים איז צוטומעלט און צופט זיין מיץ אין פערלעגענהייט. ער קען בשום אופן ניט געפינען קיין פאסענדען ענטפער אויף די פראגע.

— נו, וואס זשע זאגט איהר מיר ניט, וויים, וואס איהר פיהלט ערב דעם טאג, ווען איהר דארפט ארויסגעהן צום גרענעץ?

— בארמהערציגער גאט, מאדאם! איך האב א כלה, — זאגט ער ענדליך.

— אלע סאלדאטען האבען כלות, וויים. נו וואס איז דא אזוינס! וואס איז דא פאר אן אומגליק ווען א סאלדאט האט א כלה! — זאגט מעלאניע אין א געמאכטען לייכטזיניגען טאן.

דעם יונגען דיענער׳ס געזיכט ווערט רויט.

— ניין, מאדאם, ביי מיר איז א ריכטיגע, אן אמת׳ע כלה.

דעם דיענער׳ס ערנסטקייט ווייזט איהר אוים אביסעל קאמיש, און זי זאגט:

— אזוי, האט איהר, הייסט דאס, ניט אזוי זיך, נאר אן אמת׳ע כלה, וויים? און איהר ווילט מיט איהר הייראטען?

— דאס איז די ווארהייט, מאדאם. ווייל ווען ניט די מלחה, וואלט דאך מיין דיענסט זיך געענדיגט דעם קומענדען סעפטעמבער. מיין פאטער האט א שטיקעל ערד אין וואלפאך, אין שווארצוואלד, און ער און מיין מוטער ווארטען שוין לאנג אויף מיר. און מיין ליזכען איז די טאכטער פון א רייכען פויער. נאך פאריגען יאהר, ווען איך בין דארט געוועזן אין שניט צייט אויף אורלויב, איז געוועזן ביי אונז די פערלאבונג. אונזערביידענס לאנד גרענעצט זיך, מאדאם.

— נו, נאטירליך, אויב דאס לאנד גרענעצט זיך!

א קוים בעמערקבארער שמייכעל בעווייזט זיך אויף מעלאניע׳ס געזיכט.

זי דערפיהלט אבער באלד מיטלייד צו דעם ארימען דיענער און זאגט איהם:

— נו, וויים, אין א צוויי־דריי מאנאטען ארום וועט איהר זיך אומקערען צוריק אהיים א זיעגער. איהר וועט דאן חתונה האבען... — ראטען מיט אייער ליזכען און וועט פעראייניגען די ביידע פעלדער.

— יע, מאדאם, אַט זאָל נאָר גאָט געבען, אז מיר זאָלען צושלאָגען די פראנצויזען!

— און די רוסען, און די ענגלענדער, ווייס! פערגעסט דאָס נאָר נים.

— נו, ס'פערשטעהט זיך שוין, מיר וועלען זיי אויך צוקלאַפּען!

אָבער מעלאַניע הערט זיך שוין צו איהם נים צו.

דער דיענער בעשליסט, אז די אוידיענץ איז געענדיגט, שטעלט ער צונויף די קנאַפּעל פון די שטיוועל און זאָגט:

— בלייבט געזונט, מאדאם.

— אויף ווידערזעהן, מיין פריינד!

אין דעם אויגענבליק בעווייזט זיך ווידער אויפ'ן שוועל פרוי האָף. זי טראָגט די וואַזע מיט די רויזען און שטעלט זי פאָרזיכטיג אויפ'ן טיש. זי האָט געהערט מעלאַניע'ס לעצטע ווערטער, און אויף איהר געזיכט בעווייזט זיך דער אויסדרוק פון אונאויסשפּרעכליכער פּעראַכטונג. זי בעציהט זיך זעהר אייפערזיכטיג צו איהר מאַיאָר, און איהר, מעלאַניע'ן, האַלט זי פאַר איינע, וואָס איז פעהיג אויף אַלץ.

— אזוי וועט זיין גוט, מאדאם?

— יע, יע, זעהר גוט, פרוי האָף. איהר מעגט געהן.

אין מעלאַניע'ס נשמה הויבט זיך אויך אויף פלוצלינג א געפיהל, וואָס איז עהנליך צו אַן אינסטינקטיווען האַס צו דער דאָזיגער פרוי. זי ווייס אליין נים פאַרוואָס. פרוי האָף שטעהט דאָך אזוי אונענדליך נידריגער פון איהר, אז זי קען דאָך אפילו קוים פיהלען צו איהר פריינדשאַפט אָדער שנאה. שוין אפילו געזעלשאַפטליך שטעהט זי דאָך אויך אזוי פיעל נידריגער. אָבער נים וועגען דעם האַנדעלט זיך דאָ, אַ ניין! מעלאַניע פיהלט און ווייס גענוג קלאָר, וועלכער טיפער תהום עס ליגט צווישען זיי. און די שמוציגע געדאַנקען פון פרוי האָף קענען קיינמאָל נים אַנריהרען די ריינע נשמה פון מעלאַניע פאָן בערקערסבורג.

אָבער די אַלטע איז צופיעל פערטרויט ביי דעם מאַיאָר. דערצו האָט נאָך מעלאַניע נים איין מאָל געהערט, אז דער יונג צו די הערצער פון בעיאָהרענטע מאַנסבילען ליגט דורך זייערע מאָגענס. און דאָ איז שוין פופצעהן יאָהר, אז פרוי האָף פיהרט דעם מאַיאָר'ס ווירטשאַפט. נאָר זי אליין ווייס ווי צו מאַכען זיינע בעליעבטע געריכטען, און די אָנפיהרערשאַפט אין קיך געהערט אין גאַנצען צו איהר. עס זיינען דעריבער פאַראַן גענוג

גרונדען, האָבענדיג אזא מאַן, ווי דער מאיאָר, צו האַלטען זיך מיט דער פרוי האָף וואָס פּאָרזיכטיגער, קלערט מעלאַניע.

פרוי האָף בלייבט שטעהן אויפ׳ן שוועל און ריהרט זיך ניט פון אָרט.

— איהר דאַרפט נאָך עפּעס, פרוי האָף?

מעלאַניע׳ס שטים קלינגט אביסעל אויפגערעגט, און פרוי האָף בעמערקט דאָס נאַטירליך.

אָבער עס פערשאַפט איהר, ווייזט אויס, פיעל פערגניגען צו דערצאָרענען די יונגע פרוי, און זי איילט זיך ניט צו ענטפערען.

— דער הערר מאיאָר איז נעכטען אריינגעגאַנגען אין קיך, — רעדט זי ענדליך ארויס, ציהענדיג יעדעס וואָרט.

מעלאַניע פיהלט ניט דעם מינדסטען פערלאַנג צו ענטפערען אויף אַזאַ חוצפה, ווי זי דענקט, פון דער הויז־האַלטערין. אָבער, ניט קוקענדיג אויף איהר גוטען וואונש, קען זי זיך ניט איינהאַלטען און זאָגט:

— וואָס זשע האָט דער הערר מאיאָר געדאַרפט האָבען אין קיך, ערלויבט מיר צו פרעגען?

— דער הערר מאיאָר האָט נאָר געענדערט די געריכטען, וועלכע איהר האָט בעשטעלט.

— איהר האָט פערגעסען, אז מיר וועלען האָבען אַ גאַסט, פרוי האָף! — רייסט זיך ביי מעלאַניע׳ן אונפּאָרזיכטיג אַראָב פון צונג.

— דער הערר מאיאָר האָט בעשטעלט געבראָטענע האַמעל־פליייש אָנשטאָט הוהן.

— אָבער איהר ווייסט דאָך גוט, אז קאַפּיטאַן אדאָלף עסט ניט קיין האַמעל־פליייש! טו גיט ביידע זאַכען, אי האַמעל־פליייש, אי הוהן, איהר הערט? און איצט געהט, מיר האָט דאָס ענדליך דערעסען, איך האָב קיין צייט ניט!

— גוט, מאַדאַם, וועל איך, הייסט דאָס, געבען ביידע זאַכען. מעהר ניט, דער מאיאָר זאָל נאָר ניט אין כעס ווערען.

— נו, דאָס איז שוין מיין זאַך, פרוי האָף.

— ווי איהר ווילט, מאַדאַם!

ענדליך פערשווינדט פרוי האָף.

מעלאַניע נעמט די וואַזע מיט די רויזען און מיט דער נאַנצער ברוסט אָטעמט זי איין דעם דופט.

אָט די רויזען האָבען איהר געשיכטע אי פאַר איהר, אי פאַר איהם.

אדאָלף איז ניט נאָר אַ מוזיקער, ער איז אויך אַ גרויסער ליבהאָבער פון בלומען און ווייס גוט ווי אומצוגיין מיט רויזן. אַמאָל האָבן זיי צוזאַמען אויסגעקליבן די סאָרטן רויזן, וועלכע ער האָט באַשלאָסן צו פאַרפלאַנצן אין דעם קליינעם גאָרטן פאַר דעם הויז, אין וועלכן עס איז געווען זייער איינזאַמע וואוינונג. זיי האָבן צוזאַמען געמאַכט די באַשטעלונג ביי שמידט אין ערפורט. וויפיל אָוונטן האָבן זיי דאָס דאָן פאַרבראַכט צוזאַמען דאָ, אין דער ווילאַ, אויסקלייבנדיק די סאָרטן רויזן, ווערענד דער מאַיאָר איז געזעסן אין קאַסינאָ און געשפּילט אין קאָרטן.

פרוי האָף געדענקט אויף יענע אָוונטן.

מעלאַניע קוקט זיך צו צו די רויזן.

אָט, צום ביישפּיל, איז אָט די רויטע רויז, „לאַ פראַנס״. זי האָט זי ליב באַקומען ניט נאָר פאַר איר אומגעוויינלעכע גרייס, נאָר אויך פאַר איר נאָמען! זי איז דאָך אַליין געווען אין פּאַריז צוזאַמען מיט בערטאַ פאַן אַמסטער און איר אומגליקלעכער „דאַם ד׳אָנאָר״, וועלכע זיי פלעגן אַזוי אָפט אָבגאַרען אין דעם האָטעל אויף שאַן ד׳עליזעי.

די דאָזיקע רויז האָט אדאָלף אויסגעקליבן טאַקי פאַר אַן אָנדענק פון יענע גליקלעכסטע טעג אין איר לעבן. און אָט איז די העל־רויטע, „ליידי ראָטשילד״, אָדער יענע שניי־ווייסע, „מאַרקיז פּאָמפּאַדור״, און אָט איז די געלע רויז, „מאַרשאַל ניל״. זי האָט אַראָבגעבויגן איר שווערן קאָפּ, אַזוי ווי זי וואָלט וועגן עפּעס געווען שטאַרק באַזאָרגט! אדאָלף ליבט זי מער פון אַלע אַנדערע בלומען. רעדנדיק וועגן איר, האָט ער איר איינמאָל דערמאָנט אָן היינע׳ס אַ ליד וועגן „ליבן און ביז ווערן״.

זי שמייכלט. אפילו אין אַזאַ ערנסטן מאָמענט קען די דערינערונג אַרויסרופן ביי איר אַ שמייכל. ער האָט דאָך איר געזאָגט, אַז דאָס איז זיין געמיטס־צושטאַנד, ווען ער זעט זי לעבן דעם מאַיאָר:

„ליבן און ביז ווערן״.

יע, אַזוי האָט ער דאָן געזאָגט.

די העלע אויגוסט זון האָט זיך באַהאַלטן הינטער די בערגלעך, וועלכע ציען זיך ווײַט פון רהיין, און איז אַוועק צו איר רו. אַ קיל ווינטל האָט געוועכט פון טייך, אָנזאָגנדיק צוזאַמען מיט דער פינסטערניש, וואָס קומט אַראָב אַלץ נידעריקער, אַז די נאַכט קומט אָן.

אויף דער רהיינישער אלעע האבען זיך איינער נאך דעם אנדערען אנגעצונדען עלעקטרישע לאנטערנען. מעלאניע פערמאכט די טיר, וואס פיהרט צום באלקאן, און צינדט אויף אן די עלעקטרישע לעמפלעך. א ווייכע שוואכע ליכט צוגיסט זיך איבער דעם גאסט־צימער, און וועלכען זי ווארט איצט אויף איהם.

V.

עס נעמט אבער א גוטע האלבע שעה, איידער אדאלף קומט אן. מעלאניע פערנעמט זיך דערווייל מיט פערניכטען די אלטע בריעף. ערב דעם גרויסען טאג פון אלגעמיינער פערניכטונג, דארפען די אלע בריעף טיילען דעם שיקזאל פון אלע אנדערע זאכען אויף דער ערד. יע, אלע בריעף, אלע ביז דעם לעצטען. זי קען אפילו ניט האלטען יענעם בריעף, וועלכער האט צום ערשטען מאל גערעדט וועגען דער זיסער געהיימנים פון צוויי הערצער, וועלכע די רויהע ווירקליכקייט פון דעם גרויזאמען לעבען האט אויף אייביג צושיידט.

אויף דער גרויסער וואנט פון צימער שטעהט א מארמארנער קאמין, און אויף איהם — א זייגער פון בעגולדטער בראנז. א פרויען געשטאלט אויפ׳ן זייגער שטעלט פאר דאס גליק, וואס פערשווינדט, פונקט ווי די צייט אליין, שטעהענדיג אויף אן ערד־קוגעל, און דער מענש יאגט זיך אומזיסט נאך.

אין דער לעצטער האלבער שעה פאר דעם אבשיעד זיצט דא איצט מעלאניע, לעזט נאך א מאל דורך איין בריעף נאכ׳ן אנדערען, און איינעם נאכ׳ן אנדערען צורייסט זי אויף קליינע שטיקלעך און ווארפט אין פייער, וועלכער איז פאר דעם צוועק אנגעצונדען. דאס פייער ווערט געגעהרט פון ווערטער פון ליעבע. באלד נעמט דאס פייער אויסגעהן, — לאנגזאם, קוים צו בעמערקען, פונקט ווי דער פלאם פון איהר אייגענעם הארצען. איהר פייער האט דאך אויך קיינמאל ניט געוואגט זיך פאנאנדערצוברענען!

מעלאניע קוקט אויף דאס הייפעל אש פון איהר פערגאנגענהייט, וואס פערשווינדט אין גאנצען אין דער בלוטיגרויטער ווירקליכקייט. זי זעצט זיך ווידער צום ראיאל, און איהרע פינגער בלאנדזשען איבער דער קלאוויאטור, עפעס זוכענדיג, עמיצען צערטלענדיג. און אלט ענגליש פאלקסליעד

דערהערט זיך: „לאַנג, לאַנג עגאָו". אָבער אַדאָלף שטעהט שוין הינטער איהר.

דאָס איז אַ בלאָנדער מאַן פון זעקס און דרייסיג יאָהר, אַ קרעפטיגער, וועלכער איז אין אַלץ אַזוי אונעהנליך צו דעם מאַיאָר, וואָס איז געוואָרען איהר מאַן אויף דעם ווילען פון איהר פעראָריכטען פאָטער ווייט אין אָסט פּרייסען, אין פּאָל־קענשטיין, לעבען דעם רוסישען גרענעץ.

נעדיכטע, האַלב־געשאָרענע, בלאָנדע האָאַר בעציערען זיין הויכען אָפענעם שטערן. וועליגע, ווייכע האָאַר. מעלאַניע וויים דאָס. זי האָט איינמאָל אין אַ שעה פון צושיידונג און טיפען שמערץ איהם טרייסטענדיג די האָאַר געגלעט. צוויי פריינדליכע בלויע אויגען, עהנליך צו פריהלינגס פיילכען, רע־דען פון דעם ליעבען געזיכט. זיי רעדען אָבער נאָר אַן אַנדער שפּראַך, איידער די קאַלטע, וואַסער־בלויע אויגען פון דעם מאַיאָר, פאַר וועמעס אויספּרואוועגדען בליק זי האָט שטענדיג מורא געהאַט אין דער שטיל. זיין שמאָלע, אַריסטאָקראַטישע האַנט, וועלכע אַ לײדי וואָלט איהם געקענט מקנא זיין, רוהט אויף דער שוואַרצער האָלצפּלאַטע פון קלאַוויר, וועהרענד זיינע אויגען זוכען פרעגענד איהר בליק, און זיינע ליפּען שיינען צו ווידערהאָלען דעם טעקסט פון דעם ענגלישען ליעד: „לאַנג, לאַנג עגאָו".

אַדאָלף האָט בכלל עפּעס ענגלישעס אין זיך, כאָטש ער איז אַ פּרייסישער אָפיציר.

מעלאַניע בעשטעטיגט אָט דעם לאַנג פון איהר אַנער־קענטען אמת — היינט, ווען אַלץ וואָס איז ענגליש, דאַרף אויף דעם ווילען פון גאָט און מענשען זיך רעכענען פאַר איהר טויט־פיינד. זי בעשטעטיגט דאָס איצט און שמייכעלט דערביי.

איבריגענס, האָט איהר דאָך אַדאָלף אַליין אַמאָל גע־זאָגט, אַז זיין מוטער איז געווען אַן ענגלענדערין, פּונקט ווי די מוטער פון דעם מענשען, אויף וועמעס ווילען די שרעק־ליכע מאָבּיליזאַציאָן קומט איצט פאָר.

די הויכע שלאַנקע פיגור פון דעם אָפיציר בויגט זיך איין צו איהר. ער נעמט איהר האַנט און ברענגט זי פייערליך צו זיינע ליפּען.

— איהר וועט מיר שענקען אַ האַלבע שעה, גנעדיגע פרוי, די לעצטע האַלבע שעה, איידער...

— איידער איהר געהט אַרויס אין פעלדצוג, העה־אַדאָלף?

ער שמייכעלט.

— ניין, איידער אייער מאן קומט אן, גנעדיגע פרוי.

— זעלבסטפערשטענדליך, הערר ארלף.

מיט זיין שלאנקער, אריסטאקראטישער האנט ווייזט ער אן אויף איינעם פון די שטוהלען, וואס שטעהען אין אנארד־נונג ארום א טיש אין מיטען צימער. דעם טיש האט זי געקויפט אמאל אין פאריז פאר אן אנדענק אן דער גליקליכער צייט וואס זי האט דארט פערבראכט. זי פאלגט, אזוי ווי פערהיפנאטיזירט פון דער בעוועגונג פון זיין האנט.

זיי זעצען זיך. א ווייל׳ע הערשט א פייניליכע שטילקייט.

דער זייגער אויף דעם מארמאר־קאמין, מיט דער איוועק־פליהענדער פרויען געשטאלט, וואס שטעלט פאר דאס גליק, הויבט אן שלאגען. דריי קלארע זילבערנע טענער. דריי פערטעל אכט.

— נאך פופצעהן מינוטען, — רייסט זיך אראב פון זיינע ליפען.

זי ווידערהאלט רעזיגנירט:

— יע, נאך פופצעהן מינוטען!

— בערקערסבורג איז געוועהנליך זעהר פינקטליך.

— יע, ער איז די פינקטליכקייט אליין.

— מעלאניע, איהר האט מיר קיינמאל ניט געזאגט, פאר־וואס אייגענטליך אלץ האט זיך געמוזט אזוי ענדיגען, — רעדט ער שוואך ארויס. — איך האב אייך קיינמאל וועגען דעם ניט געפרעגט. אבער עס איז ענדליך געקומען די צייט צו פרעגען. מיין רעגימענט געהט מארגען פריה אום פינף דרייסיג ארויס אין פעלד.

— שוין אום פינף דרייסיג?

— אזוי לויטעט דער בעפעהל, וואס איז ארויסגעקומען ערשט מיט א האלבער שעה צוריק.

— אזוי...

— יע, מעלאניע, מיר האבען שוין וועניג צייט.

א ציטער געהט דורך זיין שטים, און פיין דערהערט זיך אין איהר. זי קלינגט ווי א געפלאצטע סטרונע אויף א פידעל, וואס ליגט אין די הענט פון א מייסטער.

עס איז געווען מוזיק, הארמאניע, מעלאניע, און איצט איז ווי א סטרונע וואלט דארט אינוועניג געפלאצט. ער לעגט די האנט אויף זיין ברוסט און קוקט אויף מעלאניע׳ן

איבערוועלטיגט פון שמערץ. זי לאָזט אראָב איהרע שטאָהל־גרויע אויגען אונטער זיין טרויעריג־פרעגענדען בליק.

— פארוואָס האָט זיך דאָס געמוזט אזוי ענדיגען? — פרעגט ער נאָך אַ מאָל.

זי ענטפערט שטיל, מיט אַ שטים, וואָס איז איבערפילט מיט טרערען:

— איהר מיינט דאן, ווען אייער רעגימענט איז געשטאַנען ביי אונז אין פאלקענשטיין?

— יע, דאָס מיין איך, מעלאַניע!

— ווערענד די מאַנעווערען?

— יע, וועהרענד די מאַנעווערען. יענעם הערבסט אָוועגד אין פארק, מעלאַניע, ביי דעם שוואַנענוויהער, וואוהין איהר האָט מיר געהייסען קומען פאר זונענאונטערגאַנג, ווען איהר האָט מיר געוואָלט דערצעהלען דעם גאנצען אמת. איהר האָט מיר דאָס אָבער ניט דערצעהלט, מעלאַניע. איך גלויב אָבער, אַז איך בין בערעכטיגט דאָס אויסצוהערען היינט, ווען מיר צושיידען זיך אויף אייביג.

— צושיידען זיך אויף אייביג, מיין פריינד?

— איהר האָט מיך ריכטיג פערשטאַנען, מיין ליעבע פריינדין, איך וועל מעהר ניט קומען צוריק.

— אדאָלף!

— ניין, איך וועל ניט קומען צוריק... און דארום וויל איך, מוז איך וויסען דעם אמת, דארום בין איך געקומען נאָך איין מאָל. בערבערסבורג איז די פינקטליכקייט אליין, האָט איהר געזאָגט. מיר האָבען קוים צעהן מינוט פאר אונז, מעלאַניע. יענעם אָוועגד אין פאלקענשטיין, אין אייער פאָטער'ס פארק. איהר האָט דאן דעקלאמירט אַ ליעד...

— וועלכע ליעד, אדאָלף?

— היינע'ס: „עס איז אזוי קיהל, אזוי דונקעל..." איהר האָט דאָס דעקלאמירט, און דאן...

— און דאן?

— און דאן האָט איהר געזאָגט: עס איז געענדיגט אויף אייביג, פרעגט מיך ניט פארוואָס, אָבער עס איז געענדיגט אויף אייביג. דאָס האָט איהר געזאָגט וויינענדיג. דאן האָט איהר זיך אויפגעהויבען און זייט געלאָפען דורך דעם פארק אזוי שנעל, אַז איך האָב אייך קוים געקענט נאָכפאָלגען. מיר זיינען צוגעקומען צו דער טעראַסע, וואו די איבריגע האָבען

געלאכט און געטרונקען פונש. וואס איז געווען די אורזאך, מעלאניע?

— פרעגט מיך ניט, פרעגט מיך היינט אויך ניט, אדאלף! איהר קוועלט מיך, און איך... איך שעהם זיך אזוי.

— איך געה צום טויט, מעלאניע, היינט האב איך דאס רעכט צו פרעגען.

— איהר ווייסט ניט, צו איהר געהט צום טויט, מיין פריינד. צעהנדליגער, הונדערטער טויזענדער געהען מיט אייך אויף דעמזעלבען וועג. זיי געהען דאך ניט אלע צום טויט. צעהנדליגער און הונדערטער טויזענדער וועלען זיך אומקערען אין זייער היימאט גליקליכע, זיעגער.

— ניט איך. איך וועל ניט קומען צוריק ניט גליקליך, ניט א זיעגער. איך האב מיין גליק פערלארען, איך בין בע־זיעגט געווארען באך דאן, דאן, ווען איהר האט אייער ווארט געגעבען בערקערסבורג'ען. דעריבער קען איך שוין קיינמאל ניט קומען צוריק א זיעגער, מעלאניע. פארוואס האט איהר דאס געטהאן? היינט מוזט איהר מיר געבען אן ענטפער, אויב איהר זייט מיר דעם ענטפער שולדיג, ווייל איך געה צום טויט.

צומישט שטעלט זי אן אויף איהם א שטארען בליק.

זיינע ליכטיגע אויגען פרעגען און זיינען פול מיט אונ־ענדליכער ליעבע. זיין בליק איז געווענדט אויף איהר טיף בלייכע געזיכט, וואס איז בענאסען מיט דעם בלייכען שיין פון די עלעקטרישע לאמפען, וועהרענד זיינע ליפען פייפען דוכט זיך עפעס א מעלאדיע. זי דערקענט דאס רייטערליעד פון ווילהעלם האוף. דער טעקסט שוועבט דורך אין איהר קאפ ווי דער אטעם פון טויט:

מארגענרויט! מארגענרויט!
לייכטעסט מיר צו מיין פריהען טויט!
ס'וועלען באלד טראמפייטען בלאזען,
כ'וועל די וועלט שוין באלד פערלאזען,
איך און אנדערע מיט מיר!

זי הויבט זיך שנעל אויף.

— איך וועל אייך אלץ דערצעהלען, אדאלף.

— דאס איז זעהר גוט און ליעב פון אייך, מעלאניע! קען איך זיך צושיידען מיט דעם גרינגעם רהיין און מיט מיין לעבען אהן צארן?

— געוויס, מיין פריינד!

— נו?

— איך האָב ג ע מ ו ז ט אזוי טהאָן, ווי איך האָב געטהאָן, הערר אדאָלף.

— איך פערשטעה אייך נים.

— מיין פאָטער וואָלט געווען פערלאָרען, ווען איך וואָלט בערקערסבורג'ען ענטזאגט. דאָס איז אַלץ!

— אַלץ?

— יע, דאָס איז אַלץ!

— ערקלערט דאָס מיר!

— די קרעדיטאָרען האָבען מיין פאָטער געהאלטען ביים האלז. איך בין געווען אין פאָטער'ס צימער, איידער איך האָב אייך גערופען אין פארק, און...

— און?...

— א רעוואָלווער איז געלעגען אויף זיין שרייב-טיש. מען האָט ווידער געמוזט אָבצאָהלען די וועקסלען, און דאָס האָט קיין אַנדערער ניט געקענט טהאָן ווי גאָר בערקערסבורג. איך האָב אנדערש נים געקענט!

— איז דאָס אמת?

— נאָט איז אַן עדות, מיין פריינד! איך האָב נים געהאַט קיין אַנדער אויסוועג. אויפאָפּפערען מיין פאָטער? אָבער איך האָב דאָך איהם אויך געליעבט! ייזט איהר בייז אויף מיר?

— איך בין אויף אייך קיינמאָל נים געווען בייז.

— איצט ווייסט איהר אַלץ!

א קאָנוואולסיווע צוקען געהט דורך די הויכע פיגור פון אָפּיציר נאָך מעלאַניע'ס ערקלערונג. דאַן פאַלט ער צו איהרע פיס און פערבאָרגט זיין בלאָנדען קאָפּ אין איהר שויס. און ווי דאַן, ווי יענעם איינציגען מאָל, פיהרט זי ווידער מיט איהרע ציטערנדע פינגער איבער זיינע געדיכטע טונקעל-בלאָנדע האָאָר, פערגעסענדיג אין גאַנצען ווער און וואו זי איז. זי זעהט זיך איצט אין דעם פּאָטערליכען פארק, ביים וואַסער, יענעם הערבסט אָווענד, ווען אונדער די אָפּיצירן האָבען געטרונקען פונש אויף זייער טעראַסע.

פּלוצלונג נעמט זי ארום זיין קאָפּ מיט ביידע הענט, און זייערע ליפּען בעריהרען זיך אין א לאַנגען הייסען קוש.

און דאַן שפּרינגען זיי אָב, ווי צוויי געכאַפּטע זינדער. דער זייגער אויפ'ן קאמין שלאָגט, אכט הארטע טענער. דער מאַיאָר בעוויזט זיך אויפ'ן שוועל. ער וואַרפט א בליק אויף

ביידען, אבער זאגט נים קיין ווארט. דאן נעהמט ער צוריק צו דער טיר און רופט:

— פרוי האף!

— וואס וועט איהר בעפעהלען? — דערהערט זיך דער אלטער'ס קול פון קיך.

— עס איז אכט. איך האב ליעב פינקטליכקייט. איז דאס עסען פארטיג?

— שוין, הערר מאיאר.

— שטעלט ווין אויף אייז.

— מאזעלער?

— יע, מאזעלער, עלפיאהריגען. פיער פלאשען. איך שטארב פאר דורשט.

— גוט, הערר מאיאר!

מיט א בעפעהלענדען זשעסט ווייזט דער מאיאר אן אויף די טיר צום עסצימער, און ביידע פאלגען דעם זשעסט, ווי א מיליטערישען בעפעהל.

VI.

אויף דעם צום לעצטען מאל געדעקטען טיש אין מאיאר'ס הויז שטעלט מעלאניע די רויזען פון אדאלף'ס גארטען, און פרוי האף סערווירט האמעלפלייש. דער מאיאר כאפט אויף אדאלף'ס דאנקבארען בליק. פון זיינע שארפע בליקען קען מען איבערהויפט גארניט בעהאלטען, און ער האט אויך בעמערקט די סצענע אין גאסט־צימער, א דאנק זיין פינקטליכקייט, וועלכע איז געווארען א שפריכווארט.

אבער ער ווייזט קיין זאך נים ארויס. ווי אלעמאל צושניידט ער לויט אלע רעגלען דאס פלייש, זיין שניי־ווייסע סערוועטקע פערשטעקט היטער'ן קראגען פון זיין מונדיר. מעלאניע און אדאלף מיינען, אז ער איז אין גאנצען פערטאן אין דער ארבייט, אבער ער ווארפט בליקען אויף זיי בגנבה. די אלטע, קוים איינגעהאלטענע אייפערזוכט, הויבט ווידער אן צו נאגען זיין הארץ. היינט אווענד, גראד היינט, ווען עס קומט אן דער טאג פון אברעכנונג, און נים נאר צווישען די אייראפעאישע פעלקער, — קלערט דער מאיאר. און וועהרענד ער טיילט אב דאס בלוטיג־רויטע פלייש — אזוי ליעבט ער עס און אזוי מוז עס פרוי האף ברענגען צום טיש — פון די ביינער, בייסען זיך זיינע צייהנער איין אין די אונטערשטע

ליפ, בייסען די וואנצעס, און ער קלערט אלץ און קלערט שטילערהייט.

דאס פלייש צושניטען, נעמט ער א טעלער און זאגט:

— ווי אזוי גוט, מעלאניע, גיב אונזער ליעבען גאסט.

מעלאניע דערהערט גלייך די זאנדערבארע בעטאנונג, וועלבע דער מאיאר האט געגעבען די ווערטער „אונזער ליעבען".

פונקען שפריצען פון זיינע אויגען. אזוי ווי עפעס וואלט איהם געשטיקט און געווארגען. אין איין אטעם טרינקט ער אויס א גלאז וויין, ווי ער וואלט געוואלט ארונטערשלינגען עפעס, וואס שטעהט איהם אין האלז.

— טרינק, אדאלף, טרינק, ליעבער פריינד, — זאגט ער מיט פיעל אנשטרענגונג ארויס און גיסט אן דעם גאסט א פולע גלאז.

— א דאנק, בערקערסבורג, דאס גלאז איז שוין פול, גענוג.

— ווי פיעלע זאכען אין לעבען, — ברומט ארויס דער בעל הבית, אויפהויבענדיג זיין ווידער אנגעפילטע גלאז. די צוויי גלעזער שטויסען זיך אן און קלינגען אב, און מעלאניע דערהערט דעם קלונג פון שווערדען, וואס זיינען איצט גע־צויגען געווארען אויף זיין מאיעסטעט'ס בעפעהל און וואס טארען ניט אריינגעלעגט ווערען צוריק אין די שיידען ביז'ן סוף פון דעם פערניכטונגס־קאמף.

דער פערניכטונגס קאמף!

ביי דעם געדאנק דערפיהלט מעלאניע א שרעקליכע קעלט. זי דערמאנט זיך ווידער אן פאריז, פלאס דע לא קאנקארד, שאן ד'עליזעי, טוליערי, פאריז אין פריהלינג און די גליקליכע טעג, וואס זי האט דארט פערבראכט. עס דערמאנען זיך אויך די פראנצויזישע ליעדלעך!

— ווי געפעלט דיר מיין וויין, אדאלף?

— אויסגעצייכענט, בערקערסבורג!

שטיל. מען הערט נאר דעם קלאנג פון מעסער און גאפעל. ניט קוקענדיג אויף אלץ, עסט דער מאיאר מיט זיין געוועהנ־ליכען גוטען אפעטיט. ביי מעלאניע'ן שטעלט זיך יעדער ביסען אין האלז, און אדאלף מאכט די גרעסטע אנשטרענגונגען זיך צו האלטען אנשטענדיג און זיין פרעהליך.

א נערוועזע אונרוהיגקייט נעמט ארום מעלאניע'ן. יעדע קלייניגקייט רעגט זי אויף. דאס שמאצען פון דעם מאיאר איז ווי אלעמאל, ווען ער עסט אזא פלייש, ניט קוקענדיג אויף

די ערציהונג, וועלכע האט זיך איהם נעגעבען מיט אזוי פיעל מיה, די ערציהונג, וואס איז ביי איהם א גאנץ אויסערליכע זאך, ווי א נייער שניפס, וואס מען קען בייטען אדער אינגאנצען אוועקווארפען צו יעדער צייט. אט די ערציהונג זיינע, קלערט זי, דאס איז דאך ביי איהם א נעבארגטע זאך, אויסערליכער גלאנץ, ניט מעהר. וועט ער אויסהאלטען דורך די שווערע טעג און וואכען און מאנאטען וואס קומען אן?

און די גאנצע ערציהונג, וואס זיי אלע האבען בעקומען: זי, אדאלף, און איהר פאטער, וואס האט געוואלט אוועקגעהן פון דער וועלט אויף אן אנשטענדיגען אופן, אויב זי וואלט ניט צוגעשטימט צום מאיאר'ס פארשלאג. דער מאיאר און די אלע הערען, וועמען זי האט באגעגענט דא, אין גארניזאן, און דארט, אין אסט פרייסען, און אין בערלין, זיי אלע האבען בעקומען אן ערציהונג. וואס אבער איז זי, אט די ערציהונג? נאר קענען זיך האלטען אנשטענדיג און זיך אונטערגעבען דעם אונפערמיידליכען. דאס איז דער אנהויב און דער סוף און דער גאנצער אינהאלט פון זייער לעבענס-ווייזהייט, דאס איז די גאנצע בעדייטונג פון דעם שעהנעם ווארט „ערציהונג", ניט מעהר.

זי אבער זוכט *נ א ט י ר ל י כ ק י י ט*.

נאך לאנג, לאנג וואלט זי געדארפט זוכען.

דער מאיאר שלאגט איבער איהרע געדאנקען. ער וויל איהר אנגיסען וויין.

— ניין, א דאנק, איך טרינק דאך ניט.

דער מאיאר שמייכעלט.

— דו טרינקסט ניט? איך בין שוין צו דעם געוועהנט. אבער פארוואס טרינקסטו ניט? נאר מיך בייז צו מאכען?

איהר ווילט זיך ניט איהם ענטפערען אויף זיין פארוואורף דעם לעצטען אווענד וואס זי פערברענגט דא ביי איהם אין הויז. זי נעמט דעריבער צו איהר האנט פון גלאז און זאגט: — נו, אויב דו ווילסט אזוי, גיס אן!

— נו, נעווים וויל איך, מיין טייערע, — ענטפערט דער מאיאר. — און ווי זאל איך דען דאס ניט וועלען, קינד מיינס! דארפען מיר דאך היינט טרינקען, היינט, דעם לעצטען אווענד, וואס מיר זיינען צוזאמען, דו, איך און אדאלף, — אויסטרינקען פאר דעם זיעג און פאר דאס גליקליכע צוריקקערען אהיים פאר א ווייטערען גליקליכען צוזאמענלעבען זאלבעדריט!

די ווערטער פאלען און פון מאיאר'ס מויל.

— יע, יע, — זאָגט ער ווייטער, — און דער גאַנצער קריעג איז דאָך ניט מעהר, ווי אַ פרעהליכער מאַרש, אַ הוזאַ־רענשטרייך. ניט אמת, אדאָלף?

— יע, געוויס, — קען אדאָלף קוים ענטפערען, — איך דענק אויך אזוי: אַ פרעהליכער מאַרש, אַ הוזאַרענשטרייך איז די גאַנצע מלחמה.

— טו לאָמיר טרינקען פאַר דעם זיעג, אין וועלכען קיי־נער צווייפעלט ניט, און פאַר אַ גליקליכען צוריקקער אהיים און אַ ווייטערען גליקליכען צוזאַמענלעבען זאָלבעדריט!

— לאָמיר טרינקען, לאָמיר טרינקען, אלטער פריינד!

אלע דריי שטרעקען אויס איבער'ן טיש זייערע הענט מיט די גלעזער. מעלאַניע'ס האַנט ציטערט, ווען איהר גלאָז בע־ריהרט איהר מאַן'ס. אַ לייכטער אויסגעשריי רייסט זיך ביי איהר ארויס פון האַרצען. איהר גלאָז פאַלט און צוברעכט זיך אויף שטיקלעך, און די גאָלדענע פליסיגקייט צוגיסט זיך איבער דעם שניי ווייסען טישטוך.

— אזוי, ברעך אויף שטיקלעך, ערקלערט דער מאַיאָר לאַקאָניש.

מעלאַניע קלינגט נאָך פרוי האָף און הייסט אַבראַמען די שטיקלעך גלאָז.

אדאָלף פרואווט מאַכען פון אלץ אַ שפאַס, בעהויפטענדיג, אַז דאָס וואָס אַ גלאָז ווערט צובראָכען אין אַזאַ מאָמענט, איז אַ סמן פון גליק, אָבער דער שפאַס גיט זיך איהם ניט איין.

צוזאַמען מיט די שטיקלעך גלאָז נעמט פרוי האָף אראָב אויך די טעלער און שטעלט ארויף נייע.

— וועט דען זיין נאָך עפּעס, פרוי האָף? — פרעגט דער מאַיאָר.

— הוהן, — ענטפערט מעלאַניע מיט אַ פעסטען קול.

דער מאַיאָר שמייכעלט. ער ווייס, אַז הוהן איז דאָס בעליעבטע געריכט ביי אדאָלף'ען, פונקט ווי ביי איהם האַמעל־פלייש. ער בעמערקט איראָניש:

— ווי איך זעה, האָסטו שוין געזאָרגט וועגען דעם, אַז קיינער פון אונז זאָל ניט בלייבען אונצופריעדען.

מעלאַניע ענטפערט נאָר: — יע.

וועהרענד דער מאַיאָר שניידט די הוהן, — ער האָט ניט ליעב דאָס פלייש פון דעם ביינינגען פויגעל, איהם געפעלט בעסער אַ גוט שטיק בלוטיגער ראָסטביף אָדער לאַם, אַ שטיק פון אַן ערוואַקסענער חיה, ווי ער רופט דאָס אָן, — וועהרענד

ער צושניידט די הוהן, ווענדט ער זיך צו אדאָלף'ען מיט אַ פראגע, וועלכע שיינט צו זיין אַ גאנץ זייטיגע:

— דו ווייסט דאָך די באַלאַדע פון דעם קאסטעלאַן פון קוסי?

— דאָס זאָל איך נאָך ניט וויסען?

— טו בעט מעלאַניע'ן, אז זי זאָל דיר געבען דאָס הארץ פון דער הוהן. אַ הוהן האָט דאָך אויך אַ הארץ, פונקט ווי די טויב און עהנליכע בעשעפּעניששען. אָבער אפשר ווילסטו ניט אַניאָגען אויף זיך אַן אומעט אין אָט דער שעה פון אָבשיעד? נו, טו דארף מען ניט.

אדאָלף ענטפערט ניט. ער וויל נאָר איבערשיקען מע־לאַניע'ן אַ פיעל־בעדייטענדען בליק, אָבער דאָס גיט זיך איהם ניט איין, ווייל מעלאַניע לאָזט נידריג אראָב איהר קאָפּ אונטער דעם אויספּרואווענדען בליק פון דעם מאיאָר, אזוי ווי זי וואָלט זיך שטארק געשעהמט. זי שעהמט זיך טאַקי, אָבער ניט פאר זיך, נאָר פאר'ן מאַן. די געצוואונגענע רעד ציהען זיך אַהן צוזאמענהאנג, און דאָס עסען ענדיגט זיך.

פרוי האָף ברענגט די אַפּריקאָזען. דער מאיאָר קען זיך ווידער ניט איינהאַלטען. נאָר אַהן אַ זין נעמט ער פערגלייכען די אַפּריקאָזען מיט רייפע עפּעל, כאָטש עס איז דאָ ניטאָ די מינדסטע עהנליכקייט.

ער נעמט איין פרוכט פון דער קריסטאַלענער וואזע און גיט מעלאַניע'ן.

— אַ דאנק, — זאָגט זי זעהר שטיל. זי האָט זיך שוין לאנג אָבגעוועהנט פון אזעלכע אויפמערקזאַמקייטען פון זיין זייט און האָט גאַנץ נאַטירליך ערוואַרט, אז דאָ וועט קומען עפּעס אנדערש.

— דו ביזט דאָך, מעלאַניע, אזוי ליטעראַריש געבילדעט, — זאָגט ער מיט סאַרקאזם אין קול און בעגלייט די ווערטער מיט אַ לויערנדען בליק.

— פאר'ן הויזגעברויך, — ענטפערט זי אויפגערעגט. און כמעט נעגען איהר אייגענעם ווילען זאָגט זי: — און אויסערדעם קען איך זיך ניט פאָרשטעלען, ווי מיר וואָלט גע־קענט פעהלען ליטעראַרישע בילדונג אין ד י י ן הויז.

— איך ווייס אויך ניט, איך ווייס דאָס ווירקליך ניט, מיין קינד. מיר איז ערשט איצט איינגעפאַלען, אז די לעצטע אורזאַך פון טראָיאַנער קריעג איז געווען אַן עפּעל אין דער האַנט פון אַ שעהנער פרוי. קוקענדיג אויף דיר, ווי דו ביזט

איצט מיט דער אפריקאַזע אין האַנט, האָב איך ניט ווילנדיק זיך דערמאָנט אָן דער העלדן־לעגענדע פון אַלטן גריכנלאַנד.

— ווירקליך? אַ דאַנק!..

מעלאַניע שטעהט אויף. זי קלינגט און הייסט ברענגען קאַפע. זי האָט זיך גאָר אַנדערש פאָרגעשטעלט דעם אָבשיעדס אָוונט מיט איהר פריינד...

פון דעם אַראָמאַטישען געטראַנק געהט אַ דאַמף. דער מאַיאָר רעדט ווידער:

— נו, ביזטו שוין מיט אַלץ פאַרטיג, מיין קינד? געווען אַ סך אַרבייט?

— יע, ביי מיר איז אַלץ גערעגעלט, — ענטפערט מעלאַניע.

— אַזוי...

ווידער ווערט שטיל.

אַדאָלף טרינקט מיט אַ מאָל אויס זיין קאַפע. ער זיצט אין שטוהל פערטראַכט און רויכערט די אויסגעצייכענטע האַוואַנער ציגאַר, וואָס דער מאַיאָר האָט איהם געגעבען.

פלוצלונג פרעגט איהם דער מאַיאָר:

— ווי איז דיר געפעלען אונזער אָוונדברויט, מיין פריינד?

— זעהר געפעלען, — ענטפערט אַדאָלף, כאָטש יעדער ביסען האָט זיך איהם געשטעלט אין האַלז: — יע, ווי גוט עס זיינען ניט אונזערע פעלדקיכען, זוי מיר האָבען דאָס גע־זעהן אויף די לעצטע מאַנעווערס, אָבער אַזעלכע געשמאַקע שפייזען, ווי ביי דיר, וועלען מיר שוין איצט לאַנג, לאַנג ניט זעהן!

אַ שמייכעל פון מיטגעפיהל בעווייזט זיך אויף דעם מאַ־יאָר'ס געזיכט. אָבער אין דער זעלבער רגע קומט אויף איהם אָן עפּעס אַ בייזע האַרטקייט און זיינע אויגען פינקלען ווידער, ווען ער זאָגט:

— נו, אין די פראַנצויזישע שלאָסען לעבט זיך אויך ווייט ניט שלעכט, איבערהויפּט נאָך וואו די קעלערען זיינען פול מיט שאַמפּאַניער.

דאַן הויבט ער זיך שנעל אויף און זאָגט:

— איהר וועט מיר ענטשולדיגען. איך מוז נאָכאַמאָל אַריבערלויפען אין די קאַזאַרמען.

VII.

די לבנה שטעהט איבער'ן רהיין און ווארפט איבער זילבערנע בליקען פון מאינץ צו ביבעריך, און די מורמלענדע וועלען פון שטראָם זינגען א ליעד, וועלכע מעלאניע האָט, ווי איהר דוכט, אזוי אָפט געהערט. זי הערט דאָס ליעד אויך איצט, שטעהענדיג מיט אדאָלף'ען אויפ'ן באלקאָן. אָבער ווי אנדערש עס איז דאָס ליעד, וואָס העגגט דאָ איצט אין דער לופטען און וואָס טראָגט זיך איבער גאנץ דייטשלאנד פון דעם רהיין ביז מעמעל, פון עטש און ביז בעלט! מעלאניע פאָן בערקערסבורג הערט איצט ביידע ליעדער.

ווי זאָנדערבאר! דאָס, וואָס זי האָט אלע מאָל אזוי אנגסטליך אויסגעמידען, איז איהר אין אָט דער הערליכער זומערנאכט אלץ איינס. עס האָט אויף איהר גאָר קיין איינ־דרוק ניט געמאכט, וואָס דער מאיאָר האָט זי אזוי איינפאך איבערגעלאָזען אליין מיט דעם אָבפאָהרענדען פריינד; פער־קערט, זי איז דערמיט זעהר צופריעדען. דער שרעק — פאר איהר מאן, פאר זיך אליין — איז אין גאנצען פערשוואונדען. דען די פורכטבארע צייט מינצט אין איין איינציגער שעה נייע ווערטען, אייבינע, אונפערענדערליכע, — אזוי וועניגסטענס וויל זי איצט דענקען, וועהרענד זי נעמט איהר פריינד'ס האנט און נעהט מיט איהם צו די טרעפ פון באלקאָן.

פון דער ריכטונג פון בינגען דערטראָגען זיך צו זיי די בעקאנטע ווערטער:

„איך ווייס ניט וואָס זאָל דאָס בעדייטען,
וואָס איך אזוי טרויעריג בין...“

און פעסטער דריקט זי די האנט פון איהר פריינד, וועלכע זי האלט נאָך אין איהרער.

ניין, זי האָט ניט מורא. ניט איצט! ניט אפילו ווען דער מאיאָר זאָל איצט ארויפקומען פּלוצלונג אויף די וועראנדא און זיי איבערראשען, ווי פריהער אין גאסט־צימער. זי האָט אויך ניט מורא פאר פרוי האָף, וועלכע קוקט געוויס איהר נאָך אויף שריט און טריט און דערצעהלט אלץ איהר מאיאָר. און ווי קען מען מורא האָבען אין א שעה, ווען מען ווייס, אז צעהנדליגער און הונדערטער טויזענדער מענשען וועלען באלד שטארבען, און מען ווער אין עטליכע שעה ארום אפילו זייערע נעמען ניט דערמאָנען.

שטארבען! שטארבען! וואס פאר א בעדייטונג קען היינט איבערהויפט האבען אט דאס קליינע ווארט? א ווארם, פון וועלכען זי פלעגט אויפשוידערען אמאל, ווען זי איז נאך געוועז א נאריש קינד און א שרעקעדיגע פרוי. אבער איצט האט דאס קליינע ווארט פערלארען פאר איהר יעדע בעדייטונג.

זי זעהט פאר זיך ליסטען מיט הונדערטער און טויזענדער פאר איהר גאנץ פרעמדע נעמען, גאנצע צייטונגען אנגעפילט מיט טרויער אנאנסען, בעציערט מיט דעם אייזערנעם קרייץ. גליקליך פון דער בעריהרונג פון איהר פריינד'ס האנט, שליסט זי איהרע שטאהל־גרויע אויגען, און ווייטע פעלדער שפרייטען זיך פאר זיי, פעלדער בעזייט מיט צלמים, א צלם נאך א צלם, א קבר נאך א קבר... און יעדער קבר בעהאלט אין זיך דאס שיקזאל פון א מענשען, פול פרייד און לייד, ליעבע און האס, פריינדשאפט און האפנונג... אט די טויזענדער, וועמעס נעמען קיין מויל וועט שוין מעהר ניט דערמאנען... און וואלטען דא געוועז נאר קברים...

מעלאניע שוידערט אויף.

— וואס איז אייך? — פרעגט איהר פריינד בעזארגט.

— גאר ניט, מיין פריינד, איך דענק גאר און דענק. אך, מיר דוכט, אז איך בין נאך אלעמען אפשר די איינציגע, וואס זעהט דעם גאנצען שרעק, וועהרענד די גאנצע וועלט איז ווי בערוישט.

— איהר אליין? וועלכער שרעק, מעלאניע?

— אמאל דוכט זיך מיר, אין אט די שרעקליכע שעה'ן, וועלכע איך האב שוין איבערגעלעבט, און וועלכע איך וועל נאך איבערלעבען...

— וואס דוכט זיך אייך דען, מעלאניע?

— אז איך טראג אין זיך א קאסאנדרא, מיין פריינד!

— א קאסאנדרא?

— „אלץ זעהענדיג און וויסענדיג, מוז איך געהן מיין וועג אליין", — ענטפערט זי מיט דעם פאעט'ס ווערטער.

— איך פערשטעה אייך ניט.

— איהר זייט דאך א מוזיקער!

— צום בעדויערען, ניט!

— אבער איהר האט דאך געוואלט ווערען.

— דאס געוויס.

— מוזט איהר דאך האבען פאנטאזיע!

— נעווים.

— און מיר דוכט, אז אט די אלע טויזענדער און הונדער־טער טויזענדער מענשען האבען פארלארען דעם לעצטען רעשט פון פאנטאזיע. קענט איהר זיך דאס ניט פארשטעלען, מיין פריינד?

— זיך פארשטעלען וואס? ערנסט, מעלאניע, איך הויב אן מורא האבען, אז איהר זייט קראנק.

— איך האב אויך מורא. יעדענפאלס קען דאס טרעפען מיט מיר שפעטער. אבער ווען איהר האט נאר אביסעל פאנ־טאזיע, קענט איהר דאס דען ניט זעהן?

— זעהן וואס, מעלאניע?

— הינטער אונז, הינטער די בערג, מיין פריינד! הינטער יענע בערג, וואס טיילען אונז אב פון פראנקרייך, איז דאס שרעקליכע.

— וואס?

— דער געמיינשאפטליכער, מאסען קבר, אין וועלכען מען וועטווארפען הונדערטער און טויזענדער מענשען, דער גאנצער אומנוציגער עלענד, דאס אלץ, אלץ... דאס איז צו שרעקליך, מיין פריינד!

— בערוהיגט אייך.

— איך וויל זיך אויך בערוהיגען. אט בין איך שוין רוהיג. אבער ווי קענט איהר, איהר אלע, זיין רוהיג, געהענדיג אהין, מיט בלומען אין די הענט, טרעטענדיג די מיט א ווייבען און בליהענדען טעפיך בעדעקטע ערד, ווי איהר וואלט דאס געגאנגען צו א האכציימס-פעסט!

מיט צערטליכקייט קוקט ער אין איהרע שטאהל-גרויע אויגען.

— פארוואס זאלען מיר ניט זיין רוהיג, מיין פריינדין? איך, וועניגסטענס, בין רוהיג נאך דעם, וואס איהר האט מיר פריהער געזאגט, נאכדעם, ווי מיין ארימער קאפ האט גערוהט אין אייער שויס.

— ווירקליך, מיין פריינד?

— יע. ווייל דאס איז אין דער אמת'ען אזוי!

— וואס איז אין דער אמת'ען אזוי?

— אז די גרויסע שעה שאפט נייע ווערטען, מיין פריינדין. אייער מאן, וועלכער האט מיך זייט יאהרען געדריקט ווי אן אומגעהויערע לאסט, איך פיהל איהם ניט מעהר. מיינע קייטען האבען זיך אויפגעלעזט, איך פיהל זיי ניט מעהר זינט דאן,

ווען איהר האָט מיר געזאָגט, אַז ער האָט אייך געקויפט, און אַז איהר האָט קיינמאָל איהם ניט געקענט געהערען. ווייל דאָס, וואָס מען קויפט, בעזיצט מען ניט. נאָר דאָס אייגציגע בעזיצט מען!

— וואָס, מיין פריינד?

— דאָס, וואָס מען מוז אויסקעמפען, ווי אַ זיעג, מעלאַניע, ווי דעם זיעג, אויף וועלכען מיר האָפען היינט אלע!

— יע, דעם זיעג, מיין פריינד, דעם זיעג!

מיט לויכטענדע אויגען קוקט זי אויף איהם.

— ווי גליקליך דאָס אייגציגע וואָרט האָט מיך געמאַכט! דער זיעג, דער זיעג. אַז איהר האָט דאָס וואָרט געפונען אָהן מיין הילף, — דער זיעג, דער זיעג!

זי האָט אָבגעלאָזען זיין האַנט. זי איז איצט געשטאַנען אין ראַהם פון דער בעוואַקסענער וועראַנדאַ אין שיין פון דער לבנה, וואָס האָט בעגאָסען איהר גאַנצע געשטאַלט, און האָט אויסגעשפּרייט איהרע הענט איבער דעם רהיין.

— ווייסט איהר, מיין פריינד, וואָס איך זעה איצט?

— וואָס זעהט איהר, מעלאַניע?

— איך זעה דעם צוריקקעהר פון די זיעגער... די קברים זיינען פערשוואונדען... איך זעה אייך אויף אַ שניי־ווייסען פערד, מיט אַ לאָרבערקראַנץ אין די הענט. דער לאָרבער איז דורכגעווייקט מיט בלוט, און דאָך איז ער אַזוי שעהן!

אין דעם אויגענבליק זעהט זי אויס ווי אַ נאַכט־וואַנדלערין, און ער דערשרעקט זיך פאַר איהר. נאָך קיינמאָל אין זיין לעבען האָט ער זי ניט געזעהן אַזאַ, כאָטש ער האָט גוט געוואוסט, אַז יעדער נערוו פון איהר קערפּער האָט נאָכגעציטערט אונטער די טענער, וועלכע איהרע פינגער פלעגען ארויסברענגען פון דעם קאָסטבאַרען קלאַוויר אין גאַסט־צימער.

צאַרט בעריהרענדיג איהר מיט דער האַנט, וועלענדיג ברענגען זי צוריק צו דער ווירקליכקייט, זאָגט ער:

— פון רהיין וועהט אַהער אַ קיהלער ווינט, מיין פריינדין. וועלען מיר אפשר אריינגעהן אין הויז? אייך איז קאַלט.

— א י ך פיהל דאָס ניט, אָבער אויב א י ה ר ווילט דאָס, אויב א י ה ר געפינט, אַז אַזוי איז בעסער, וועלען מיר געהן אין צימער.

און אַזוי ווי זי וואָלט ווירקליך געווען אַ גרויסע קינד, ווי דער מאַיאָר פלעגט זי רופען, האָט ער זי גענומען פאַר דער האַנט, און זי האָט נאָכגעפאָלגט אָהן ווילען.

אין דעם העל בעלויכטענעם צימער קוקט זי אויף איהם מיט אויגען, אין וועלכע עס איז ניטאָ קיין אויסדרוק.

ער קוקט אויף איהר צומישט און פערלאָרען.

דאַן לויפט זי האסטיג צו צום שרייב־טיש און נעמט פון אַ קעסטעל ארוים אַ זאך, וועלכע ער דערקענט נים אין ערשטען אויגענבליק, ווייל אין זיין ענדלאָזער צוטומעלטקייט קוקט ער נים אויף איהר.

— נעמט דאָס, נעמט, — שטאמלען איהרע ליפּען, — איך בעט אייך, נעמט. פאר אייך האָב איך דאָס בעשטעלט, אָבער איך האָב אייך דאָס שוין נים געטאָרט געבען. פאר אייך, מיין פריינד, דאַן!

ער דערקענט דאָס בילד, וועלכע ער האָט אזוי געוואָלט האָבען, וועלכע ער האָט ביי איהר איינמאָל געבעטען אין אַ בריעף. איהר בילד פון יענער צייט. יע, אזא איז זי געווען דאַן, איידער אַ לייכטער שטריך פון מעלאַנכאָליע האָט זיך געלעגט אויף איהר שעהנעם ווייסען שטערן. אזא איז זי פאר איהם ערשינען, צוערשט אין בערלין, דאַן אין דעם הערבסט געפארבטען פּארק אין פאלקענשטיין. אזא איז זי דאַן געווען!

ער קושט דאָס בילד און לעגט עס אריין אין די אינערליכע קעשענע פון זיין מונדיר.

— היינט האָב איך נעדארפט, געמוזט דאָס אייך געבען, מיין פריינד. דאָס קען פאר אייך ווערען אַ טאַליסמאַן, און איהר זאָלט קומען צוריק אַ זיגנער, אַ שוץ, נים אמת?

מיט די ווערטער ווארפט זי זיך וויינענדיג אין זיינע אָרעמס אין בעהאלט איהר קאָפּ אויף זיין ברוסט.

— אַ שוץ, אַ שוץ, — ווידערהאָלט זי, — היינט, ווען אלע אלטע מאָסען ווערען פערוואָרפען, ווען אלץ ווערט איבער־געוואויגען און ווייזט זיך ארוים פאר צו לייכט, היינט, היינט!

— יע, אַ שוץ, מיין פריינדין, — זאָגט ער אין טיפען ערנסט, אין הייליגער איבערציינונג.

פּלוצלונג דערהערען זיי אַ בעטויבענדען טראָמפּייט סיגנאַל פון דער נאָהנטסטער קאזארמע. זי ציטערט אויף.

— וואָס איז דאָס?

— דאָס וועקט מען די סאָלדאטען.

— איצט, עלף אזייגער ביינאכט?

— מען האָט געגעבען די מענשען נאָר עטליכע שעה צו שלאָפען גלייך נאָכ'ן עסען, איצט וועקט מען זיי. די נאכט

וועט פערבראכט ווערען אין צוגרייטען זיך, אום פינף דרייסיג אין דער פריה געהט אב דער צוג.

— מען וועקט זיי איצט, — ווידערהאלט זי, — צום לעצטען מאל וועקט מען זיי איצט, מיין פריינד!

— יע, שוין צייט אויך פאר מיר.

— דער לעצטער מארגען... אום פינף דרייסיג געהט אב דער צוג...

ער וויל זי נאך איין מאל נעמען אין זיינע ארעמס. אבער אין דער מינוט קומט ווי א שאטען אריין פרוי האף.

— וואס ווילט איהר, פרוי האף? — פרעגט מעלאניע אויפגערעגט.

יענע ענטפערט מיט דעם ליעבליכסטען שמייכעלע:

— ענטשולדיגט, אויב איך האב געשטערט, אבער דאס הויז ווערט צוגעשלאסען אום עלף, און דער הערר קאפיטאן, אויף ווי ווייט איך ווייס, האט דאך ניט קיין שליסעל.

מעלאניע'ס געזיכט ווערט רויט פון דער אלטער'ס חוצפה. ווי זי האט דאס ארויסגערעדט, די אונפערשעהמטע: „אויף ווי ווייט איך ווייס“, און ווי זי האט דאס רערביי גע־שמייכעלט!

אבער זי איז היינט צו אלץ גאנץ גלייכגילטיג. מארגען צוגעהען זיי זיך אלע אין אלע פיער עקען: די פרוי האף, זי אליין, דער פריינד, דער מאיאר.

מיט קאלטער רוהיגקייט אין שטים, זאגט אדאלף:

— איך דאנק אייך, פרוי האף, עס וואלט מיר ווירקליך לייד געטהאן, ווען דאס הויז וואלט געוועזן צוגעשלאסען, און איך וואלט אייך דארפען בעמיהען.

— דער הערר מאיאר האט אנגעזאגט, אז מען זאל דאס הויז צושליסען פונקט עלף, — ענטשולדיגט זיך איצט די פרוי.

אבער אדאלף הערט איהר שוין ניט.

ער ווענדט זיך ווידער צו מעלאניע, און מיט א פארמעלער פערנייגונג, צוזאמענשטעלענדיג די קנאפעל אויפ'ן מיליטע־רישען שטייגער, זאגט ער, אזוי ווי ער וואלט דא אוועקגעגאנגען פון אן אוועגד געזעלשאפט:

— זייט געזונד, גנעדיגע פרוי!

VIII

די פאהנען פלאטערען פון אלע פענסטער, און א גלאקען־שלאג טראגט זיך איבער דער שטאדט פון קאטעדראל און

אנדערע קירכען, ווי מען וואָלט שוין געפייערט דעם זיעג. אָבער דער אויסצוג הויבט זיך נאָר אָיצט אָן.

מעלאַניע'ס געפיהלען און געדאנקען זיינען צומישט און ניט קלאָר. די גאנצע נאכט, פון זינט אדאָלף איז אוועק, האָט זי אַן אויג ניט צוגעמאכט. אונרוהיג האָט זי זיך געוואָרפען אין בעט, ווארטענדיג אויף טאָג, וועלכער האָט ניט געוואָלט אָנקומען, און פאר וועלכען זי האָט מורא געהאט. דעם פיינליבען מאָרגען! אָבער ענדליך איז ער אָנגעקומען.

זי שלאָפט שוין לאנג ניט אין איין צימער מיט דעם מאַיאַר. דאָס איז נאָר געווען אזוי דעם ערשטען יאָהר נאָך איהר הייראַט, ווען עפּעס עהנליך צו זינליכער לוסט האָט איהם צו איהר צוגעבונדען. איצט איז דאָס אַנדערש. זי קען קוים זיך דערמאָנען, ווען ער האָט זי בעריהרט. זי איז געווען אין זיין לעבען ניט מעהר ווי אַ קאַפּריז, אַ ספּאָרט, וועלכען ער האָט זיך געקענט ערלויבען, און וועלכער האָט איהם, ווייזט אויס, שוין לאנג דערעסען. אַ ספּאָרט פון אַ מאַן, וועלכער קען בעצאָהלען פאר זיינע פערגניגענס. איבריגענס, האָבען דען זיינע בעציהונגען צו איהר געקענט זיין אַנדערש, טראכט מעלאַניע, דערמאָנענדיג זיך אָן די וועקסלען און דעם רעוואָלווער אויפ'ן פּאָטער'ס שרייב־טיש.

ענדליך איז געקומען דער טאָג! ווי אַ רויטער באַל האָט זיך בעוויזען אויף דער רעכטער זייט פון רהיין אין אַ ים פון נעבעל די זון. זי שיקט איהרע פרעגענדע, פאָרשענדע, זוכענדע שטראהלען אין מעלאַניע'ס איינזאמען צימער, דערמאָנענדיג איהר, אַז אויך פאר איהר האָט איצט געשלאָגען די שעה פון אָבשיעד. זי דערמאָנט זיך, אַז אויך זי וועט אין דעם טאָג אָבפאָהרען, צוערשט אין בערלין, דערנאָך אין פאלקענשטיין, לעבען דעם רוסישען גרענעץ.

ווי אַ געדיכטער בלוטיגער שלייער אונטער די קרומע שטראהלען פון דער אויפגעהענדער זון, האָט זיך דער ים פון נעבעל געשפּרייט איבער דעם רהיין און איבער דייטשלאנד'ס פעלדער אין דער מינוט, ווען מעלאַניע, ציטערענדיג פון קעלט, איז אין איין העמד צוגעגאנגען צום פענסטער.

זאַנדערבאַר איז געווען דער הימעל אין מזרח, איבער דייטשלאנד, מערקווירדיג זיינען געווען די קאָנטורען פון די וואָלקענס אונטער דעם אויפשטייגענדען טאָג ליכט, וואָס האָט אויסגעזעהן ווי אַ גרויסע רויטע לאנטערנע.

דער מאַיאָר איז אוועק. קורץ און אויסגערעכענט פּינקט

ליך איז היינט, ווי אלעמאָל, געווען זיין אָבשיעד, ווי יעדען טאָג, ווען ער פלעגט זיך זעצען אויפ'ן פערד און אוועקרייטען צו דער קאַזארמע. דער „סענדאָמיר", וועלכען ער האָט געליעבט מעהר פון אלע אנדערע פערד, איז געווען פעך שווארץ. שווארץ ווי זיין נשמה, ווי מעלאניע האָט אָפט געטראכט.

— זיי געזונד, מיין קינד, און פיהר זיך גוט אויף! — דאָס האָט ער איהר היינט געזאָגט פאר'ן אָבשיעד. און זי האָט געפיהלט, ווי זי וואָלט געשטאנען ביים ראנד פון אן אָבגרונד, ווי די ערד וואָלט אונטער איהרע פיס פערשוואונדען, און דאָך, אזוי ווי שטיל, קוים הערבאר פאָכענדיג מיט די פליגעל, וואָלט די גאָלדענע האָפנונג אויף א בעסערע צוקונפט ארויפגעשוועבט צו איהר פון דעמזעלבען אָבגרונד.

און ווי זי האָט ניט געוואָלט טראכטען וועגען אדאָלף'ען, נאָר וועגען איהם, האָט זיך איהר געדאנק אלץ אומגעקערט צום מאַיאָר, צו דעם אונפערגעסליכען בילד, וואָס האָט זיך איינגעקריצט אין איהר זכרון, ווען זי האָט איהם איין מאָל — און דעם איינציגען מאָל — געזעהן אָנפיהרענדיג זיין באטאַליאָן פון די איבונגען צו דעם פלאַץ פאר מאַנעווערס. זי וועט דאָס קיינמאָל ניט פערגעסען! אויך דאן האָט ער געריטען אויף דעם „סענדאָמיר", דעם פערד מיט דער פעך־שווארצער הויט און סלאַווישען נאָמען, וועלכען זי האָט ניט געקענט ליידען, שוין דערפאר וואָס עס איז געווען זיין ליעבלינגס פערד. ער האָט ארויסגעצויגען זיין סאבעל, און זיינע קאלטע בלויע אויגען האָבען פאר איהר געהאַט דעם אויסדרוק פון אונערבארמליכער בייזקייט, ווען זיי האָבען געקוקט אין די ווייט, פון וועלכער עס האָט זיך געהויבען, פונקט ווי היינט, א ים פון נעבעל

אזוי וועט זי איהם אויך היינט זעהן אויף זיין „סענדאָמיר", — רייטער און פערד ווי צונויפגעוואקסען, ווי צוזאמענגעגאָסען אין איין פיגור. דען די שעה פון דעם אויסצוג איז שוין ניט ווייט, און זיין רעגימענט, אין וועלכען אדאָלף דיענט אויך. וועט באלד געהן איבער דער רהיינישער אלעע, פערביי איהר הויז, צום וואָקזאל.

איהר איז קאלט אין איהר באטיסטענעם העמד, וואָס איז בעציערט מיט א בלויען בענדעל. פון דעם רחיין בלאָזט א קאלטער ווינט. זי פערמאכט דאָס פענסטער, וואָס איז געבליבען אָפען די גאנצע נאכט. דאן נעמט זי דעם פורפורנעם פארהאנג פון פענסטער און הילט זיך איין אין די שווערע

פאלדען. איהר שלאנקע פיגור איז איצט ווי אין א פורפורנער טאגא פון א רוימישען צעזאר.

אין דער ווייט הערט זי ווי מען פויקט און פייפט. זיי געהען! זיי געהען! פון די פענסטער פון דער דערבייאיגער ווילא ציהען זיך ארוים די העלזער פון דיענסט מיידלעך. בלומען פליהען פון זייערע הענט אויפ'ן גאס. אויפ'ן דאך פלאטערט די שווארץ־ווייס־רויטע פאהן און בלאזט זיך אן, פונקט ווי זי וואלט זיך וועלען צורייסען אויף שטיקלעך פון פרייד און גליק... מעלאניע טראכט: פייערען זיי דאס היינט א זיעג, אדער דאס איז נאר אן אויסצוג צו דעם אונבעוואוס־טען שיקזאל?

זי איז צוטומעלט, צושטריט, איז קוים אימשטאנד צו דענקען. נאר די אויסגעגאסענע פיגור פון דעם מאיאר אויף דעם פעך־שווארצען „סענדאמיר" מיט'ן סאבעל אין האנט קען זי זעהן פאר זיך.

דאס פויקען און פייפען קומט אלץ נאהנטער און נאהנ־טער. דער רעגימענט קומט צו. הילכענדע געשרייען דער־הערען זיך אויפ'ן גאס. זי קומט צו נאהנטער צום פענסטער, שטעלט זיך אויף די שפיץ פינגער, און איהר געלינגט אראב־צוקוקען אין גאס. די גאס איז שווארץ פון מענשען, ווי נאר מען האט זיך דערוואוסט, אז די רעגימענטען — א שטראם, וואס דארף פערפלייצען פראנקרייך — מארשירען אב, איז קיינער נים געבליבען אין בעט, און מענער, פרויען, קינדער, אלטע, יונגען און מיידלעך זיינען אלע ארוים אין גאס.

זי קוקט אראב אין דעם ים פון מענשען־קערפער, און איהר ווייזט דאס אוים ווי איין גיגאנט. ווי דער רהיין אין פריה־לינג, ווען ער הויבט אויף מיט זיין אונבעזיעגבארען נאקען דעם אייזדעק און שליידערט איהם מיט הערקולישער מאכט אויף די שטיינערנע ברעגען, אום נאר צו קענען געהן פאראוים, ווייטער! פערוויסטענדיג אלץ, וואס שטעלט זיך אין וועג, גערטנער און פעלדער, בוימער און הייזער, נים אכטענדיג מעהר קיין זאך! אזוי ווייזט איהר אוים דאס וואס זי זעהט אונטען אין דעם איצטיגען שרעקליכען מאמענט.

און איבער דעם די לויכטענדע זון און דער גלאקען־קלאנג, און אלס ענטפער פון אונטען א שטורמיגע ליעד, איין איינ־ציגע ליעד, געזונגען פון טויזענדער און טויזענדער שטימען פון אלטע, יונגע, מענער, פרויען. מעלאניע כאפט אויף די ווערטער:

„דייטשלאנד, דייטשלאנד איבער אלעס,
איבער אלעס אין דער וועלט!“

און אט קומט דאס רעגימענט מיט אויסגעמאסטענע טריט איבער די נאסען פון שטאדט, איבער דער רהיינישער אלעע, ווי אויף א פאראדען פעלד.

דאס פויקען און פייפען הערט אויף, פונקט ווי דאס שטאלצע ליעד פון דייטשלאנד'ס אייניגקייט און גרויסקייט. די קאפעלע פון דעם רעגימענט הויבט אן שפיעלען פונקט אונטער מעלאניע'ס פענסטער, — דאס איז א בעזונדערע אויפמערקזאמקייט צו איהר פון דעם קאמאנדיר, פאן טראוטמאן, וועלכער פלעגט מיט איהר אזוי גערן פלוידערען אמאל, אין די לאנג פערגאנגענע צייטען פון פריעדען. וואס איז דאס? א פרייסישער מארש!

און זי שטעהט אויבען איינגעהילט אין די פורפור־פאלדען פון דעם פארהאנג, ווי אין א טאגא פון א רוימישען צעזאר. זי רוקט ארויס איהר קאפ פון פענסטער און בעגריסט דאס רעגימענט.

דער קאמאנדיר דערקענט זי. ער לאזט אראב זיין סאבעל, און זי שמייכעלט צו איהם, ווי זי פלעגט שמייכלען אויף די קאזינא בעלער און אווענדען, פונקט ווי זי וואלט פאר זיך ניט געזעהן א טויט מארש. ער רייט אויף זיין פרעיא, אן אנגליזירט פערד וואס האט צו זיך קיין גלייכען ניט אין גאנצען גארניזאן. אזוי ווי געהענדיג אין שול, טאנצט דאס פערד אויפ'ן וועג צום שלאכט. און דא בעמערקט זי, אז זיי אלע האלטען זיך, ווי זיי וואלטען געגאנגען צום טאנץ, צו א פרעהליכען יום טוב. בלומען אין די עפנונגען פון זייערע ביקסען, אייכענצווייגען אויף זייערע העלמען, רויזען אין דער פרייער האנט! און אזוי געהען זיי ווי אין א טריאומף צוג, אדער צום טאנץ.

נאר זי אליין יובעלט ניט.

פעסטער הילט זי זיך איין אין דעם פורפורנעם פארהאנג, אזוי ווי וועלענדיג אין איהם פערשווינדען. זי גריסט נאך א מאל. „אווע צעזאר, אימפעראטאר, מאריטורי טע סאלוטאנט“ געהט איהר דורך מערקווירדיג פייערליך אין געדאנק. „אווע צעזאר, אימפעראטאר, אווע, אווע!“

און אונטען ציטערט די ערד פון די טויזענדער פיס, און די טריט הילכען אב אויף דעם הארטען ברוק. וואגען נאך וואגען, קאמפאניע נאך קאמפאניע, באטאליאן נאך באטאליאן. און איהר דוכט זיך אויך, אז אט די מאכט איז אונערשעפליך.

קאַלאַנגען, אויסגעגאַסען פון שטאַהל און אייזען, אונבעוויעגבארע קאַלאַנגען, קלערט מעלאַניע.

און אויף איין מינוט ווערט מעלאַניע׳ס הארץ אויך פול מיט דעם געפיהל פון אונאויסשפּרעכליכער גרויסקייט. דער שרעקליכער גרוס פון די שטארבענדע: „אווע צעזאר, אימפּע־ראטאָר!“ ווערט אויף א רגע אנשוויגען אין איהר ברוסט. עס בלייבט נאָר דאָס טיפע בעוואוסטזיין פון מאכט. מיט שנעלע טריט געהט זי אין צימער צו איהר טואַלעט, וואו זי האָט נאָך פאַרינגען אוועקגעשטעלט אדאָלף׳ס רויזען, און נעמט ארויס א בלוטיג־רויטע „ליידי ראָטשיילד“. שפּעטער א רגע שטעהט זי שוין ווידער אין ראהם פון פענסטער, אייגגעהילט אין די פורפּורנע פאַלדען און ווארט אויף דעם מאָמענט, ווען ער וועט זיך בעווייזען אויף זיין שניי־ווייסען „רוסטאן“, אין דער שפּיץ פון דער אכטער קאָמפּאַניע.

זי ווייס גוט זיין רוסטאן, פּונקט ווי זי ווייס דאָס געלע פערד פון דעם קאָמאנדיר פון רעגימענט. אדאָלף האָט זיין פערד אמאָל געקויפט ערגעץ אין אויסלאנד און שטאָלצירט מיט איהם. ביז איצט האָט מעלאַניע געליעבט זיין פערד, ווייל דאָס איז זיין פערד. אָבער איצט שרעקט זי זיך. זי האָט מורא, אז זיין ווייסע פּאַ־ב וועט אין פעלד ארויסגעבען דעם רייטער צום שונא. כאָטש זי איז א מאיאָר׳ס פרוי, האָט זי דאָך קיין אהנונג ניט, ווי א מאָדערנער קריעג ווערט געפיהרט. אָבער זיי ווייסען קוים אליין, טראכט זי.

אָבער זי ווארט מיט אונגעדולד אויף „רוסטאן“, אויף וועלכען זי זעהט שוין איהם, איהר זיגפריד און שוואנענ־ריטער אין איין געשטאַלט. און ווארטענדיג אויף דעם מאָ־מענט, שטעהט זי ביים פענסטער, איינגעהילט אין די שעהנע פאַלדען פון פורפּורנעם פאָרהאנג, מיט דער בלוטיג־רויטער רויז אין האנט.

זי זוכט מיט איהרע אויגען דורך די אונענדליכע רייהע פון די פערבייגעהענדע סאָלדאטען, זי זוכט צווישען זיי איהר פריינד. אָבער איהר בליק פאַלט ניט אויף איהם, נאָר ווערט ווי מיט א נעבעל פערצויגען, בעגעגנענדיג דעם בליק פון דעם מאיאָר אויף דעם פעך־שווארצען „סענדאָמיר“. אָבער אויב דער מאיאָר איז שוין דאָ, מוז דער פריינד אויך זיין ניט ווייט. די אפטע קאָמפּאַניע איז דאָך אין איהר מאַן׳ס באטאליאָן, לויפט דורך איהר געדאנק ווי א בליץ. דעריבער צווינגט זי זיך ניט אָבצוקערען זיך פון דעם מאיאָר אין דער לעצטער

מינוט פון אבשיעד, — זיי נעהען דאך ביידע, אי דער מאן, אי דער פריינד, אין פראנקרייך, אנטקעגען דעם אלגעמיינעם שונא. א פערקערפערונג פון דער אידעע פון פערניכטונג, נעהט פערביי איהר אוועק דער מאיאר אויף זיין פעך־שווארצען פערד, און באלד ערשיינט די ליכטיג־פריידיגע פיגור פון איהר פריינד, ווי א וואונדער פון הימעל, אין גלאנץ פון דער שטראהלענדער מארגען זון.

די קאלאנע שטעלט זיך פלוצלונג אב פונקט פאר איהר הויז. ער לאזט ארונטער זיין סאבעל און קוקט ארויף צו איהר.

זיווארפט די פורפור־פארבינע רויז, וועלכע פאלט אויף די שטויביגע גאס צו זיינע פיס. דאס פערד דערשרעקט זיך און שטעלט זיך אויף די הינטערשטע פיס. אבער ער האלט איהם פעסט און בעגריסט מעלאניע'ן מיט זיין סאבעל. דאן כאפט ער אויף מיט'ן שפיץ פון סאבעל די רויז און הויבט זי אויף, ווי א בלוטיגע טראפּעע, אויף זיין געוועהר.

— באטאליאן, מארש!

דאס איז געווען דאס לעצטע אבשיעדס ווארט, וואס זי האט קוים דערהערט פון זיין מויל... די ריעזיגע קאלאנען האבען זיך ווידער גענומען בעוועגען. נאך צעהן מינוטען זיינען שוין די לעצטע פערשוואונדען.

מעלאניע איז געבליבען אליין.

IX

אהן א סוף האט זיך אין יענע טעג געצויגען דער וועג פון דעם רהיין צו בערלין צוליעב די מיליטערישע טראנספּאר־טען, וואס מען האט פון דייטשלאנד אריבערגעווארפען נאך וועסט מיט דער שנעלקייט פון א בליץ, אום דורכצורייסען זיך דורך בעלגיען און לוקסעמבורג צו פאריז און ארויסרייסען פון זיין ברוסט דאס צוקענדע, לעבעדיגע הארץ. שוין א פולען מעת לעת פאהרט מעלאניע און איז נאך ערשט אנגעקומען אין ערפורט. אבער אט דער מעת לעת פון לאנגזאמען פאהרען איבער דייטשלאנד'ס פראווינצען האט איהר געגעבען א בעגריף וועגען דייטשלאנד'ס גרויס און אפפערוויליגקייט, וועגען דער אונערשעפּליכער פאלקס־קראפט, וואס שלאגט איצט ווי א מעכ־טיגער קוואל אין אלע טיילען פון לאנד. דייטשלאנד איז אונ־בעזיעגבאר! — ווידערהאלט מעלאניע דעם מאיאר'ס ווערטער

אין די ערמיעדענדע שטונדען פון יענער רייזע. אפילו זי, מעלאַניע, זאָגט דאָס.

אונטער דעם בעצווינגענדען איינדרוק פון אַט די מאסען, וואָס ווערען אונאויפהערליך אריבערגעוואָרפען פון מזרח אין מערב, פערגעסט מעלאַניע אויף אַ צייט די שווארצע, מיט קוילענשטויב בעדעקטע מינען ארבייטער פון די בעלגישע אינדוסטריעלע צענטרען, פערגעסט די קרעפטיגע און מוטיגע יוגענד פון פראנקרייך, די אונגעהויערע מענשענמאסען פון ענגלאנד, וואָס געפינען זיך אין אינדיען, קאנאדא, אפריקא און אויסטראַליען, פערגעסט די סטעפען פון אונענדליכען רוסלאנד, וואָס האָט זיך צושפּרייט ביז צו די ברעגען פון דעם שטילען אָקעאַן, פערגעסט אויך אָן יענע קליינע, געלע, קרומאויגיגע יונגען, וועלכע פלעגען אויף זייערע פישער־שיפלעך צוקומען צו די ווייטע זונד־אינזלען נאָך איידער עס איז געווען אַ סימן ניט נאָר פון אַ דייטשער אימפּעריע, נאָר אפילו פון אַ וועסטליכער קולטור. אויך זי, מעלאַניע, דענקט איצט, אז דייטשלאנד איז אונבעזיענבאַר.

אויף דער לאַנגער רייזע שטעהען די צוגען אויף אַלע סטאציאָנען אונענדליך לאַנג. און אומעטום איין און דאָסזעלבע בילד: סאָלדאטען, סאָלדאטען... עס קוקט אויס ווי אַן אונבעקאנטער צויבערער וואָלט אין איין נאכט פערוואנדעלט דייטשלאנד אין איין קריעגסלאַגער. ניין, עס איז גאָר אונמעגליך, אז דאָס זאָל זיך ניט ענדיגען מיט ערפאָלג, טראַכט מעלאַניע, ניט קוקענדיג אויף אדאָלף׳ען, ווען זי וויים, אז זי וועט שוין מעהר קיינמאָל ניט זעהן, און אויף דעם מאיאָר!

צוג נאָך צוג, טראנספּאָרט נאָך טראנספּאָרט קומען צו אין די הויכע, שווארצע וואָקזאלען. אַ פורכטבאַר פאָלק אין וואפען האָט דייטשלאנד אין איין נאכט אויסגעשפּיגען ביים וועסטליכען גרענעץ. אין מחנות פון צעהנדליגער און הונדערטער טויזענדער האָבען די מאסען מענשען פערלאָזען זייערע פאבריקען און מינען, זייערע ענגע שטעדט און ברייטע, ליעבע דערפער. דער הענדלער האָט געוואָרפען זיין קאַנטאָר, דער לעהרער — זיין אודיטאָריום, און פון אומעטום, פון די אוניווערזיטעטען און מוזעאומס, פון די פּאַלאַצען פון פירשטען און מיליאָנערען און פון די אָרימסטע ווינקלען פון בעטלער, זיינען די מיליאָנען געקומען, ווי איין לעבעדיגער שטראָם, ווי אַ שטראָם פון פליסיגען מעטאַל, וואָס האָט זיך געגאָסען פון מזרח צו מערב, און פון מערב צו מזרח.

און מיט בלומען אויף די העלמען יובלען זיי דאָ פונקט ווי דאָרט פאַר איהר הויז אויפ'ן רהיין. און ווען אַ צוג געהט אָב, דערהערען זיך נאַציאָנאַלע ליעדער, געזונגען פון טויזענדער שטימען.

הינטער ערפורט הויבט אָן טאָגען. איבערוועלטיגט פון מיעדקייט, שלאָפט מעלאַניע ענדליך איין אין קופּע. זי פערגעסט אָן דעם גרויסען און שרעקליכען, וואָס קומט פאָר ארום איהר און אין גאַנצען לאַנד. זי זעהט אויך ניט די צוויי יונגינקע אָפיצירען, וואָס געפינען זיך אין דעמזעלבען קופּע און וואָס איילען איצט צו זייער רעגימענט אין בערלין, אום אפשר אין אַ פּאָר טעג ארום צו שטעהן אין דעם דונער פון קאַנאָנען הינטער ליעזש אָדער נאַמור.

ווען מעלאַניע וואָלט זיי נאָר געקענט זעהן, וואָלט זי זיך שטאַרק געוואונדערט און וואָלט גאָר ניט געקענט בעגרייפען וואָס ארום איהר טהוט זיך! די געזיכטער פון ביידע יונגע לייט שטראַהלען פון העלער פרייד. ווי בערוישט זיינען זייערע נשמות, און פאַנאַטיזם ברענט אין זייערע בליקען. מיט וועלכער פרייד זיי עפענען דאָס איצט די פלאַש בלוטיג־רויטען וויין, וואָס די מוטער האָט איינעם פון זיי געגעבען, בעגלייטענדיג איהר זוהן צו אַ זיכערען טויט! מיט וועלכען ענטוזיאַזם זיי טרינקען דאָס פון דעם רייזע בעכער, ניט פערדעכטיגענדיג אפילו, אז דאָס איז זייער רייזע אין די אייביגקייט!

זיי טרינקען, לאַכען, פרעהען זיך, פּלוידערען... די אויגען לויכטען און שטראַהלען. ווען מעלאַניע וואָלט דאָס נאָר געקענט זעהן, ווי הויך איהר מוט וואָלט דאַן געשטיגען!

איינער איז בלאָנד, דער אנדערער איז אַ שאַטען. און ביידע זיינען זיי קוים אלט צוואַנציג יאָהר און האָבען ניט פערזוכט די ביטערניש פון לעבען. זיהן פון רייכע עלטערען, ניט וויסענדיג קיינמאָל פון קיין מאַנגעל אין געלט, האָבען זיי שוין ערפאַהרען אלע פערגניגענס פון דעם אונפערלגייכליכען בערלין, איידער זייער קעניג האָט בעשטימט פאַר זיי אַ פריהצייטיגען טויט.

און איצט איילען זיי דעם טויט אנטקעגען, בעציערט מיט בלומען, ווי די אָפּפער־אָקסען אין טראָי, ווען מען האָט געפייערט דעם זיעג.

אַ מוט! אַ יוגענד! אַ בעגייסטערונג!

„ליעב פאָטערלאַנד, מעגסט רוהיג זיין!

פעסט שטעהט די וואַך, די וואַך ביים רהיין!"

— אָ, איך וועל דאָס זיכער בעקומען! — רופט איינער אויס.

— וואָס?

— נו, דעם אייזערנעם קרייץ נאַטירליך.

— אַט וועלען זיי זיך דאָס וואונדערען אין דער היים, ווען דו וועסט אַנקומען מיט דעם אייזערנעם קרייץ!

יענער שמייכעלט, א גליקליכער. מיט זיינע צוואנציג יאָהר זעהט ער זיך שוין ווידער אין דער היים, א העלד: מען איז איהם מקנא, מען בעוואונדערט איהם, און אלע שעהנע בעשעפענישען, וועלכע טראָגען שירצען און לאנגע צעפּ, לויפען איהם נאָך. ער שטעלט זיך גאָר ניט פאָר די מאסען־קברים אין שעהנעם פראנקרייך, די פעלד־ארטילעריע, וועלכע וועט צוניידען דייטשלאנד׳ס יוגענד, ווי צייטיגע ווייץ אויפ׳ן פעלד.

אָבער מעלאַניע הערט ניט אין איהר טיפען שלאָף די פרעהליכע פלוידעריי פון די צוויי גליקליכע יונגען.

„נאָר דער אירטום איז דאָס לעבען
און דאָס וויסען איז דער טויט!“

ווען מעלאַניע האָט ערוואכט, איז שוין די אויגוסט זון הויך געשטאנען איבער דער זאמדיגער עבענע פון בראַנדענבורג. זי האָט זיך געריבען די אויגען. האָט זי דען אזוי לאנג געקענט שלאָפען? די טירינגענער בערג זיינען פערשוואונדען, און די גאָסגע וועלדער פון דער איינטאָניגער עבענע פליהען איצט פערביי דעם פענסטער פון צוג, וועלכער לויפט איצט צו דער אונגעהויערער שטאָדט, בערלין. אונגעהויער! קיין אנדער וואָרט קען מעלאַניע פאָן בערקערסבורג ניט געפינען היינט צו בעשרייבען די שטאָדט, פאר וועלכע, דעם אמת זאָגענדיג, זי האָט אלעמאָל מורא געהאט.

זי עפענט דעם פענסטער און בויגט ארויס איהר קאָפּ, און איהרע בליקען זוכען בערלין, וועלכער ציהט איהר היינט מעהר ווי ווען עס איז אין איהר לעבען. דען היינט איז ער דאָס הארץ, דער פולס, דאָס געהירן פון דער גרויסער בעוועגונג, וועלכע האָט איצט איהר און אלע אנדערע היגגעריסען ווי א קעסעל־גרוב און געשליידערט טיף אין דעם אָבגרונד פון ים.

עס דערמאָנען זיך איהר די ווערטער פון שילער׳ס „טויכער“.

„און עס רוישט, און עס זידט, און עס ברויזט, און עס צישט
ווי ס׳וואָלט וואַסער מיט פייער זיך מישען!“

איהר דוכט, די אונגעהויערע שטאָדט האָט זיך שוין בעוויזען אויף דעם האָריזאָנט.

דאָס האַרץ פון דער וועלט, דער מיטעלפונקט פון דער פירבטערליכער מלחמה, דאָס געהירן פון דער גאַנצער בעוועגונג — דאָס איז פאַר איהר איצט בערלין!

דער צוג לויפט אַלץ שנעלער און שנעלער, ווי ער וואָלט איצט אין דער לעצטער שעה געוואָלט אָניאָגען אַלץ, וואָס ער האָט פערזאַמט אין דעם לעצטען מעת לעת.

עס פליהען פערביי סטאַציאָנען: צאָהנא, יוטערבאָגק, טעלטאָוו, גראָס־ליכטערפעלדע, פאַפּעשטראַסע... דאַן ווערט דער צוג אָבגעהאַלטען, און אין איינינע מינוטען ארום — אַנהאַלטער וואָקזאַל!

ווי אין חלום געהט מעלאַניע אראָב די ברייטע טרעפּ. אונטען איז דער וואָקזאַל ענליך צו א לאַגער: סאָלדאַטען און סאָלדאַטען אָהן א צאָהל. זיי וואַרטען אויף זייערע צוגען, וועלכע זאָלען זיי ברענגען צו דעם מערב גרענעץ. און צווישען די סאָלדאַטען געפינען זיך די, וואָס געזעגענען זיך מיט זיי. מענער זינגען און שרייען, און עס פאָכען מיט טיכלעך פרויען, מוטערס, שוועסטער, כלות. זיי אַלע זיינען ווי פער'שכור'ט פון דעם איין בעוואוסטזיין פון אונבעזיעגבאַרער מאַכט און גרויסקייט.

דורך א ברויזענדען ים פון שטימען קומט מעלאַניע אָן אין קעניגגרעצשטראַסע, וועלכע איז אויך שוואַרץ פון מענשען. עס קומט אָן דאָס ערשטע גאַרדערעגימענט מיט פאָהנען און מוזיק, גרייט צום אָבפאָהרען. אָן אַלטע פאָהן, אין גאַנצען צושאָסען נאָך אין 1870 אויף די פראַנצויזישע שלאַכטפעלדער, וועהט אונטער דעם מילדען מאָרגען ווינטעל פון אַן אונפערגלייכליך שעהנעם זומערדיגען טאָג.

ביי אַלע פענסטער, אויף אַלע דעכער, אויף די שטאַנגען פון די רעקלאַמע־שילדען — אומעטום מענשען. זיי קוקען, הערען און זעהען צו, ווי דאָס אונבעגרייפליכע, משונה'דיגע, אויף וואָס זיי האָבען געוואַרט און וואָס זיי האָבען געוואָלט און ניט געוואָלט שוין אַזוי פיעל יאָהרען, ווערט איצט פערווירקליכט.

מיט געמאָסטענע טריט געהט דאָס ערשטע גאַרדערעגימענט, און ארום הערען זיך טראָמפּייטען, ווי זיי וואָלטען גערופען צום שלאַכט. באַלד דערהערט זיך א קלאַפּען אין פויקען, און ווידער דונערען די טראָמפּייטען, ווי זיי וואָלטען אָנגעזאָגט,

און א נייע פירכטערליכע וועלט ערוואכט צו א שרעקליכען לעבען.

א בעזונדער גרויסע מענגע פילט אן פאטסדאמערפלאץ. היטלען פליהען אין דער בלויער לופט, פרויען פאכען מיט טיכלעך און א טויזענדשטימיגער געשריי רייסט זיך ארויס פון די ברוסטען און שניידט מעלאניע'ס אויער:

— הורא! הורא! הורא!

ווי מען וואלט שוין געוואונען די מלחמה און אן ענטשיידענדער שלאכט.

און אפענער אויטאמאביל טראגט זיך ווילד פערביי דורך דעם פלאץ. ווי אונטער דער ווירקונג פון אן אונזיכטבארער מאגישער קראפט שטעלען זיך גלייך אב אלע וואגענס.

עס דערהערט זיך דער רוף פון דעם אויטאמאביל און קלינגט, ווי ער וואלט אנגעזאגט ווענען זיעג:

— טא־טי... טא... טא...

ד ע ר ק א י ז ע ר!

מעלאניע'ס בליק פאלט אויף זיין געזיכט. אש־גרוי, ווי עס וואלט געווען אויסגעגאסען פון ערץ, אונבעווועגליך ווי א פנים פון מארמאר, געהיימניספול, שרעקליך, פורכטבאר — ווי די צוקונפט...

ווי א פייל טראגט זיך דער אויטאמאביל פערביי, זיך דורכדרעהענדיג צווישען דער מענגע, אונטער דער געשיקטער האנט פון דעם קייזער'ס שאופער, און פערשווינדענדיג ווי א שאטען אין דער נאכט.

די לייפציגער שטראסע איז אויך פול מיט מענשען, און מעלאניע'ן איז שווער פון איהר ארויסצוקומען. זי האט בעשלאסען צו געהן צופוס צום וואקזאל פרידריכשטראסע, אום פון דארטען צו פאהרען צום רוסישען גרענעץ.

זי וועט איינאטמען אביסעל פרישע לופט, און דאן וועט זי ארייננעהן צו באוער, אונטער די לינדען, וואו זי פלעגט אמאל אזוי אפט און גערן זיצען, און וועט טרינקען קאפע.

X

ביי דער סטאציאן ווערזשבאלאווא שטעהט פאלקענשטיין'ס קארעטע. מעלאניע האט טעלעגראפירט, ווען אונגעפעהר זי וועט אנקומען. גענוי וויסען די צייט ווען די צוגען געהען האט מען ניט געקענט, ווייל מען האט איצט אריבערגעווארפען צום

רוסישען גרענעץ איין ארמיי קאָרפּוס נאָכ'ן אנדערען. דעריבער האָט דאָ די קאָרטע געוואָרט איבער דריי שעה.

כריסטיאן, דעם באַראָן'ס אלטער קוטשער, וועלכער האָט מעלאניע'ן אלס קינד אויף ידי הענט געטראָגען, זיצט זיך רוהיג אין שענק. די פערד האָט ער ענדליך אויסגעשפּאנט און אריינגעשטעלט אין שטאַהל. אזעלכע פערד קענען דאָך ניט שטעהן שטונדענלאנג אונטער דער זון, און וועגען שאָטען קען דאָ, אויפ'ן וואָקזאל אין וורעזשבאלאווא, גאָר קיין רעד ניט זיין.

אין שענק פליסט דער שלעכטער בראנפען שטראָמענווייז, ווינטער און זומער, אין קריעג און אין פריעדען, דען דער באַראָן ברענט קאָרן. אלע הערען יונקער טוען דאָס אין ידעם געגענד. ערגעץ וואו מוזען זיי דאָס נאטירליך אָבזעצען, אניט הויבען זיי אויף סקאנדאלען אין רייכסטאג און ווילען ניט שטימען פאר מלחמה הוצאות. זיי זיינען די שטיצען פון דער קאָנסערוואטיווער פארטיי און פאָלגליך אויך פון דעם טראָהן. ידי אלע יונקער פון ארום וורעזשבאלאווא און קעניגסבערג, דאנציג און טאָרן, שטעטין און שטארגארד און ווייטער ביז טיף אין פּריסישפּוילען. און אזוי ווי זיי מוזען האָבען וואו אָבצוזעצען זייער פּראָדוקט, מוז אין שענק פליסען דער שלעכטער בראנפען אין שטראָמען.

כריסטיאן קלאַפּט מיט זיין הארטער האנט איבער'ן טיש. דער ווירט ברענגט איהם א נייע קוואָרט בראנפען

ידי בויערען פון דעם געגענד, וואָס רעדען דאָ אין שענק פּאָליטיק, קוקען אויף כריסטיאנ'ען.

צו דעם פאלקענשטיינער קוטשער פיהלען זיי גרויס אכטונג, ווייל זיין באַראָן איז בעריהמט אין דעם גאנצען געגענד, בעזונדערס זינט זיין טאָכטער איז געוואָרען די פרוי פון דעם רייכען מאיאָר פאָן בערקערסבורג. און ידאָס וויים דאָך דאָ יעדע קינד, אז דער מאיאָר איז אָנגעשאָטען מיט געלט — מיליאָנען גאנצע!

אין ווינקעל ביים אויווען זיצט אן אלטער מיט א צייהנלאָזען מויל. אָבער ער איז אויך ניט גלייכגילטיג צו דעם באַראָן'ס הכנסות. ער איז שוין אלט קרוב אכציג, און נאָך אלס קינד האָט ער זיך פון זיין פאָטער אָנגעהערט אלערליי אויסערגעוועהנליכע געשיכטען וועגען נאַפּאָלעאָן'ס געצוואונגענעם ריקצוג פון רוסלאנד'ס שנייפעלדער דורך אָסט פּריסען. ער איז היינט דעריבער זעהר אן אינטערעסאנטע פערזענליכקייט, און אלע הע־

רען זיך צו איהם צו, אפילו דער וויכטיגער כריסטיאן, באראָן פאָן פאלקענשטיין׳ס קוטשער.

— מיט רוסלאנד, קינדער, מיט רוסלאנד א מלחמה איז א קאָמפּליצירטע זאך — זאָגט ער.

— וואָס רעדסטו אלעמאָל פרעמדווערטער, פּעטער? — מישט זיך אריין כריסטיאן.

ער האָט זיך ברייטליך און בעקוועם אָנגעלעהנט אויפ׳ן שטוהל אין ווינקעל און איצט רויכערט ער א דיקע ציגאר, וועלכע ער האָט שטילערהייט גענומען ביי זיין באראָן.

— דו דארפסט ניט פערגעסען, פּעטער, אז די אנדערע דאָ פערשטעהען ניט קיין פרעמדווערטער.

— מיין פאָטער האָט אויך אלע מאָל אזוי געזאָגט, הערר כריסטיאן, און מיין פאָטער האָט דאָס אלץ געמוזט וויסען, ער איז דאָך דערביי געוועזן. און ער האָט אלעמאָל געזאָגט, אז מיט רוסלאנד איז דאָס א גאנץ קאָמפּליצירטע זאך! ער האָט דאָך אליין געזעהן די יונגען, דאָס זיינען געוועזן בייערען און פּריי־סען, וועלכע נאַפּאָלעאָן האָט אין צוועלפטען יאָהר מיט זיך אוועקגעשלעפּט אין רוסלאנד. זיי זיינען געקראָכען אין פייער, אזוי האָט מיין זעליגער פאָטער דערצעהלט, און זיי זיינען אלע פערפראָרען געוואָרען צום טויט ביז איינעם!

— וואָס דו קענסט דערצעהלען, פּעטער!

— דאָס איז דער ריינער אמת! א גאנץ קאָמפּליצירטע גע־שיכטע, ווי מיין זעליגער פאָטער האָט געזאָגט. איהר מוזט וויסען, אז רוסלאנד איז הונדערט מאָל אזוי גרויס ווי פּרייסען, איי־ראָפּעאישע רוסלאנד אליין, דאָס אזיאטישע רוסלאנד האָט נאָך קיין מענש ניט אויסגעמאָסטען. און ווי נאָר דעצעמבער קומט, ווערט פון גאנץ רוסלאנד נאָר אייז און שניי. און וועלף זיינען דאָרט פאראן אָהן א צאָהל. די וועלף האָבען אויפגעפרעסען לעבעדיגערהייט די אָבגעשטאנענע און פערוואונדעטע פון נאַ־פּאָלעאָן׳ס ארמיי, וועמען די קאָזאקען האָבען נאָך לעבען געלאָ־זען. דערום ווידערהאָל איך מיין זעליגען פאָטער׳ס ווערטער, מיט רוסלאנד איז עס א גאנץ קאָמפּליצירטע זאך!

כריסטיאן קראצט זיך הינטער די אויערען, דאן לעגט ער צו א פינגער צו זיין פלאכער רויטער סלאווישער נאָז און זאָגט:

— הער זשע דו מ י ך אויס, פּעטער! איך האָב, אמת, ניט געהאט קיין פאָטער, וואָס האָט איבערגעלעבט דעם צוועלפ־

טען יאָהר, טונדערטטויזענדע שטעל איך זיך די גאַנצע זאַך גאָר אַנדערש פאָר איצט.

— עס איז זעהר קאָמפּליצירט, — לאָזט פּעטער ניט נאָך, — מעגסט זיך פערלאָזען אויף מיין זעליגען פאָטער, וועלכער פלעגט מיר אָלעמאָל זאָגען: ברודער׳ל, די זאַך מיט רוסלאַנד איז גאַנץ קאָמפּליצירט. זי איז גאָר ניט אַזוי, ווי עס שטעלען זי פאָר די געלעהרטע און די העררען פון דעם גרויסען גענע־ראַלשטאַב אין בערלין! גלויב מיר, כריסטיאַן, דען מיין פאַ־טער האָט דאָך אַליין איבערגעלעבט דעם צוועלפטען יאָהר!

— ווילסטו מיר גאָר ניט לאָזען רעדען? — פרעגט כריס־טיאַן שוין אויפגערעגט.

פּעטער ווערט אַנשווייגען און קוקט אויף דעם באַראָן׳ס קוטשער מיט מיטלייד און פון אויבען אַראָב, אָבער דאָך פול ערוואַרטונג.

— ערשטענס, — זאָגט כריסטיאַן, — איז איצט ניט אַכ־צעהן הונדערט צוועלף, נאָר ניינצעהן הונדערט פערצעהן. און דאָס מיינט, פּעטער, אַז איצט האָבען מיר גאָר אַן אַנדער טעכניק.

— דאָס איז אפשר אמת, — זאָגט פּעטער.

— און דאַן...

— און דאַן? — פרעגט פּעטער געשפּאַנט.

די בויערען ביים טיש ציהען אויס זייערע העלזער. דער ווירט קומט אויך אַרויס אין זיין מיץ הינטער דעם שענקטיש און, קראַצענדיג דעם קאָפּ, הערט ער זיך צו מיט גרויס נייגעריג־קייט צו יעדען וואָרט, וואָס עס רעדט אַרויס דער הערשאַפט־ליכער קוטשער פון פאַלקענשטיין. וועלכער וואַרט נאָך אַלץ אויף פרוי פאָן בערקערסבורג׳ס צוג.

— און דאַן, — זאָגט כריסטיאַן ווייטער, — האָבען מיר איצט ניט ווינטער, נאָר זומער, און דאָס איז די הויפּטזאַך, אין דעם איז דער גרויסער אונטערשייד!

— אָבער דער ווינטער וועט דאָך באַלד קומען, ער קומט אַז אין רוסלאַנד זעהר פריה, — וויל זיך פּעטער ניט אונטער־געבען.

כריסטיאַן לאַכט זיך הויך פאַנאַנדער.

— און ווי מיינסטו, פּעטער, וואו וועלען אונזערע יונגען זיין, ווען ווינטער וועט אָנקומען, הא? וואו מיינסטו, האָט דער

באראָן געזאָגט, וועלען אונזערע יונגען פון אלענשטיין און גומ־בינען זיין, ווען דער ווינטער וועט אָנקומען?

— וואו וועלען זיי דען זיין? — פרעגט פעטער.

— אין פעטערסבורג, אלטער פריינד, וועלען זיי דאָן זיין, איבער דער נעווא וועלען זיי זיך ארומפאָהרען אין שליטענס, און די הערען פון גרויסען גענעראלשטאב וועלען זיצען אין וויג־טערפאלאץ און דיקטירען א פריעדען. דאָס האָט מיין באראָן געזאָגט נעכטען אָוונד. און מיין באראָן וויים דאָס גאַנץ גענוי, ער האָט א פריינד אין בערלין אין קריעגסמיניסטעריום, וואו דער גאַנצער עראָבערונגס פּלאַן ליגט שוין לאַנג פיקס און פער־טיג.

די בויערען האָבען אוש די מיילער געעפענט פון פערוואונ־דערונג.

— דיין באראָן, כריסטיאַן, האָט א פריינד אין קריעגסמי־ניסטעריום אין בערלין? — שרייען זיי אלע אין איין קול און קוקען מיט אויסגעגלאָצטע אויגען אויף דעם הערשאפטליכען קו־טשער, ווי אויף עפּעס אַן ערשיינונג פון א העכערער וועלט.

כריסטיאַן פיהלט זיך געשמייכעלט. ער זאָגט דעריבער נאָכאמאָל: — נו געווים האָט ער א פריינד אין קריעגסמיניס־טעריום, און ניט איינעם, נאָר צוויי, זאָג איך אייך! און די זאַך וועט גענוי צוגעהן פונקט ווי אין זיעבציגסטען יאָהר: וויי־סענבורג, ווערט, סען־פריוואַ, גראַוועלאָט, סעדאַן, פּאַריז — פערשטעהסט? אזוי זאָגט מיין באראָן, און ער ווייס דאָס, ווייל ער איז אין זיעבציגסטען יאָהר אליין דערביי געוועזען, פונקט ווי דיין זעליגער פאָטער אין צוועלפטען יאָהר.

אָבער פעטער בלייבט ביי זיין מיינונג.

— ניין, מיט רוסלאַנד איז עס א זעהר און זעהר קאָמפּלי־צירטע זאַך, כריסטיאַן! דו וועסט מיך אזוי לייכט ניט איינרע־דען...

כריסטיאַן ווערט אויסער זיך, בעגעגנענדיג אזא עקשנות ביי זיין געגנער. אמת, יענער איז שוין קרוב אכציג, און זיין פערשטאַנד איז שוין ניט זעהר קלאָר. ווען כריסטיאַן וואָלט דאָס ניט געדאַרפט אָנגעמען, וואָלט זיין געגנער גאַנץ אַנדערש אָבגעשניטען. אָבער דאָ האָט זיך כריסטיאַן בעגנוגענט מיט דעם, וואָס ער האָט א פערעכטליכען ציה געטאָן מיט די אקס־לען אויף די קאָמפּליצירטע זאַך, וואָס א מלחמה מיט רוסלאַנד

דארף זיין, און האט געזאגט אזוי ווי פערביינעהענדיג און אבי־סעל פון אויבען אראב:

— ערשטענס, מיין ליעבער, האבען מיר די עסטרייכישע ארמיי, וועלכע וועט אבהאלטען דעם ערשטען אנגריף, און דאן האבען מיר די בעסטע אייזענבאהנען און צעפעלינען...

— דאס זיינען די זאכען, וועלכע פליהען כלומר׳שט אין דער לופט? — פרעגט דער אלטער און שמייכעלט סקעפטיש, אזוי ווי מען וואלט איהם דערצעהלט גאט וויים וועלכע ניט גע־שטויגענע מעשות.

כריסטיאן ווערט שוין ווילד פון כעס. ער קלאפט מיט׳ן פויסט אויפ׳ן טיש, אז די גלעזער און פלעשער קלינגען, און זאגט:

— יע, דאס זיינען יענע זאכען, וואס פליהען אין דער לופט, און ניט כלומר׳שט, און אויף וועלכע מען קען א גאנצע ארמיי אריבערטראגען איבער׳ן ים אין לאנדאן!

— וואס דו קענסט זאגען, א גאנצע ארמיי!

— דאס איז אמת, פעטער, א גאנצע ארמיי... אבער דערצו וואלט מען שוין געדארפט האבען א גאנץ היבשע צאהל צעפעלינען, — גיט ער צו שוין אביסעל שטילער.

פעטער שיינט צו זיין איבערצייגט.

— נאטירליך, אויב אזוי, דאן קען מען אויך אריבערפלי־הען איבער די שנייפעלדער פון רוסלאנד און איבער דער געפרא־רענער נעווא אין פעטערסבורג, — ענטפערט ער איצט.

— גאנץ געוויס קענען מיר דאס, פעטער!

כריסטיאן גיט זיך דערביי א קלאפ אין ברוסט און בעטאנט שטאלץ דאס ווארט „מיר". דאן זאגט ער:

— נו, זעהסטו שוין, ניינצעהן הונדערט פערצעהן איז נאר אן אנדער געשיכטע, גאר אן אנדער „שאז", ווי מען דריקט זיך אויס אין פאריז, ווי אכצעהן הונדערט צוועלף.

דא קוממט דער ווירט צו צום טיש און זאגט:

— מיר דוכט, מען האט נאר וואס געגעבען א סיגנאל פון צוג פון דער לעצטער סטאציאן, העדר כריסטיאן.

כריסטיאן הויבט זיך אויף. נאכאמאל ווענדט ער זיך צו פעטער, דעם ווירט און אלע אנוועזענדע און ווידערהאלט מיט דעם טאן פון טיפער איבערצייגונג:

— געדענקט זשע, קינדער, ניינצעהן הונדערט פערצעהן איז נאר אנאנדער „שאז" ווי אכצעהן הונדערט צוועלף.

אָבער דער אַלטער, ווייזט אויס, וויל דאָס ניט איינזעהן. ער קלאַפּט אויס זיין קאַלט געוואָרענע ליולקע און זאָגט עקשנות'דיג :

— אך, עס איז אַ קאָמפּליצירטע זאַך מיט רוסלאַנד, אַזוי האָט מיין זעליגער פאָטער געזאָגט, און איך בלייב ביי דער מיינונג.

כריסטיאַן ענטפערט איהם שוין מעהר גאָר ניט און געהט אַרויס. ער געהט אין שטאַהל נאָך זיינע פערד. ביז דער צוג וועט צוקומען פון דער נעקסטער סטאַציאָן צו ווערזשבאַלאָווא, איז נאָך דאָ גענוג צייט איינצושפּאַנען די פערד. די צוויי דונקעל-ברוינע פערד זיינען געווען אַ געשאַנק פון דעם מאַיאָר. כאָטש מען האָט אַלע פערד אין דעם געגענד ביי דער מאָביליזאַציאָן רעקוויזירט, האָט מען די פּאָר דעם באַראָן געלאָזען. זיי זיינען געוועזן צו לייכט פאַר שווערע פוהרען, און אויף רייטען — צו פייעריג.

קוים איז כריסטיאַן פאַרטיג געוואָרען מיט'ן איינשפּאַנען, האָט זיך בעוויזען דער צוג.

האַלטענדיג אין דער האַנט זיין צילינדער, בעציערט מיט דעם באַראָן'ס וואַפּענשילד, שטעהט איצט כריסטיאַן און ערוואַרט די גנעדיגע פרוי. דאָס גנעדיגע פריילין, ווי ער געדענקט זי נאָך, די באַראָנעס פאָן פאַלקענשטיין !

ענדליך ענטדעקט ער זי.

מעלאַניע טראָגט אַ פערוועלקט בוקעט רויזען אין האַנט.

ער האָט זי בעגריסט, און זי האָט איהם צערשטרייט געגרייכט די האַנט. דאַן האָט ער זי געפרעגט וועגען איהר באַגאַזש.

— דאָס וועט אָנקומען אביסעל שפּעטער. מיר וועלען אָבער גלייך פאָהרען, כריסטיאַן, די לאַנגע רייזע האָט אויף מיר שלעכט געווירקט.

— ווי וועט זיך דאָס דער הערר באַראָן פרעהען !

—און וואָס מאַכט ער ?

מעלאַניע זעצט זיך אַריין, כריסטיאַן פערנעמט זיין אָרט.

— ווי אַלעמאָל, גנעדיגע פרוי. אין גוטען וועטער איז זיי מער איז איהם בעסער, אָבער די לעצטע וואָך האָט אַלץ גערעגענט, און ווירץ האָט שוין געהאַט צו זינגען און צו זאָגען.

כריסטיאַן טרייבט צו די פערד.

מעלאַניע שטעלט זיך פאָר פאַלקענשטיין און איהר צו־

קונפט דאָ פאַר דער צייט פון קריעג. דער קאַפּריזנער פאָטער מיט זיינע אייביגע קראַנקהייטען און דער דיענער ווירץ, וואָס זאָרגט וועגען איהם ווי א מוטער.

אָבער זי איז אַזוי מיעד.

די בילדער פערשווינדען. זי איז מעהר ניט אימשטאַנד צו דענקען. זי שפּאַרט אָן איהר קאָפּ און דרימעלט דעם גאַנצען וועג, דעם וועג, וועלכען זי האָט ערשט מיט א פּאָר וואָכען צוריק נאָך גאָר ניט ערוואַרט צו בעטרעטען און וועלכער פיהרט זי איצט אין פאַלקענשטיין, איהר געבורטס־אָרט, צו איהר פאָטער.

XI

אויף די טרעפּ, וואָס פיהרען אין הויז, קומט איהר אנטקעגען דער באַראָן, אנגעשפּאַרט אויף א שטעקען. ער ליידט שוין לאַנג פון פּאָדאַגראַ, און זיינע פיס זיינען איצט געשוואָלען. ווי ער האָט זיך דאָס געעלטערט פאַר די פּאָר מאָנאַטען, וואָס מעלאַניע האָט איהם ניט געזעהן!

ווי פרעמד עס איז איהר איצט דאָס אלטע הויז, וועלכע איז איהר דאָך אַזוי גאָהנט פון די יאָהרען פון איהר יוגענד! אַזוי ווי זי וואָלט דאָ שוין ניט געוועזן זייט יאָהרען. און דאָך איז עס ערשט א פּאָר מאָנאַטען ווי זי האָט דאָס הויז צום לעצטען מאָל פערלאָזען, — דאָס איז געוועזן אין פריהלינג, ווען די שוואַלבען זיינען געקומען, און די פעלד־בלומען האָבען זיך בעוויזען אויפ'ן גראָז. אמת, דאָס אונגעהויערע, וואָס איז געשעהן אין די טעג, קען אַזאַ געפיהל ארויסרופען, ווייל די געגענוואַרט און די צוקונפט זיינען ווי דורך אן אַבגרונד אָבגעטיילט געוואָרען פון דער פערגאַנגענהייט.

— האָסטו געהאַט א גוטע רייזע, מיין קינד? — מיעדקייט קלינגט אין זיין שטים.

זי ענטפערט, ווייל זי מוז דאָך עפּעס ענטפערען:

— אויף וויפיעל מען קען אין די איצטיגע פורכטבאַרע טעג איבערהויפּט רעדען פון א גוטער רייזע, פאָטער.

זיי קומען ארויף אין וועסטיבול, וואָס איז בעציערט מיט דעם באַראָן'ס יאַגד־טראָפעען. דאָ, ביים קאַמין, פערברענגט דער באַראָן במעט זיין גאַנצע צייט, ווייל געהן קען ער שוין לאַנג ניט.

מינאַ, די דיענסט, קומט צו.

— זאָל איך בעגלייטען די גנעדיגע פרוי אין איהר צי־מער? — פרעגט זי. — איהר ווילט געוויס זיך מאַכען בעקוועם, און איך קען אייך העלפען.

— נוט, מינא, ביטע. ענטשולדיג, פאַטער, אויף א האלבע שעה, מיר וועלען דאַן ווידער רעדען.

דער באַראָן האָט זיך אָראָבגעלאָזען אין זיין בעליעבטען שטוהל און האָט ווידער גענומען די ליולקע, וועלכע ער האָט אוועקגעלעגט אום צו בעגעגנען זיין טאָכטער. מעלאַניע נעהט נאָך דעם מיידעל.

אויפ׳ן טרעפ, ביים צווייטען שטאָק, האָט מינא זיך נאָכ־געפרעגט וועגען מאַיאָר, און צי איז מעלאַניע׳ן געווען זעהר שווער דער אָבשיעד.

מעלאַניע שמייכעלט.

— שווער, אָבער פאַרוואָס שווער? — דענקט זי, האָט אָבער ניט דעם מוט דאָס צו זאָגען דעם מיידעל. יענע געהט אָן מיט איהר אונשולדיגער פּלוידעריי. די לעצטע טעג האָבען ווייזט אוים אַנגעהויבען אָבצואווישען דעם פריהער דאָ, אין אָסט פּרייסען, אַזוי שטרענג אָבגעהיטען אונטערשיעד צווישען דיענער און האַר, דענקט מעלאַניע.

זי האָט אַזוי פיעל געוויינט, דערצעהלט דאָס מיידעל. איהר פיליפ׳ען האָט מען דאָך אויך גענומען. ער איז אוועק אין די אַרטילעריע אין קעניגסבערג, און די רוסען וועלען דאָך גאַנץ בעשטימט אַהין קומען, — קען זי זיך ניט בערוהיגען.

מעלאַניע פּרואווט זי טרייסטען:

— אין קעניגסבערג קענען די רוסען ניט קומען, דאָס איז נאָר אונמעגליך. דעם קעניג׳ס גרענאַדירען שטעהען דאָרט אויף דער וואַך, — פערזיכערט זי מינא׳ן אַזוי הויך און איבערצייגענד ווי מעגליך.

מעלאַניע שמייכעלט. זי גלויבט אליין ניט וואָס זי זאָגט. די בערוישונג פון דער רייזע איז פערשוואונדען, און זי גלויבט ניט אין די אונבעזיעגבאַרקייט פון דער אַרמיי. זי גלויבט אויך ניט, אַז די רוסען זיינען אַזוי אָהנמעכטיג, ווי מען מיינט. פאַר דער צייט, וואָס זי איז דעם מאַיאָר׳ס פרוי, האָט זי זיך גרינד־ליך בעקאַנט מיט די אַלע כאַראַקטערען פון די אַרמיי אָפיצירען. בעריהמער, איינגעשפּאַרטע, עהרגייציגע, וואָס קענען נאָר שימען זינלאָזע פראַזען, — די אַלע בעזוכער פון די קאַזינאָ בעלער, —

אויסער איינעם, וועלכער איז אייגענטליך ניט קיין אָפיציר, נאָר אַן ארטיסט פון בערוף, אַן ארטיסט פון גאָט׳ס גנאָד.

אָבער איז דען ניט אַלץ איינס ?... דאָס מיידעל פלוידערט ווייטער, און מעלאַניע האַלט פאַר איהר פליכט זי צו בערוהיגען.

— אין קעניגסבערג איז פיליפ פאָלשטענדיג זיכער, — זאָגט זי. — קעניגסבערג איז אַן אונאיינגעמבאַרע פעסטונג, און די רוסען וועלען קיינמאָל, קיינמאָל ניט אריבערגעהן דעם גרענעץ.

די דאָזיגע פערזיכערונגען פון דעם מאַיאָר׳ס פרוי, וועלכע מוז דאָך אַלץ וויסען, רופען ביי מינא׳ן ארויס א גליקליבען שמייכעל.

איצט שטעהט מעלאַניע אין איהר אמאָליגען צימער. זי קוקט זיך ארום. דאָ איז קיין זאַך ניט געענדערט געוואָרען. אַלץ איז געבליבען ווי עס איז געוועזען נאָך ווען איהר מוטער האָט געלעבט. און וואָס קענען די יאָהרען ענדערען אין אַ הויפגוט אין אָסט פרייסען ? דאָ איז מען קאָנסערוואַטיוו דורך און דורך, דאָ ברענט מען קאָרן און מען בלייבט טריי דעם קעניג ביז דעם לעצטען אָטעמצוג. די אויטאָריטעט פון מאַכט איז דאָ נאָך פיעל שטאַרקער ווי אויף דעם רהיין, דענקט מעלאַניע.

אָט איז דאָס אַלטע בילד איבער איהר בעט, א בילד פון די לאַנג פערגעסענע צייטען, וועלכע זי פלעגט נאָך אין איהרע קינדער יאָהרען בעטראַכטען מיט אַזוי פיעל מיטלייד. די קעניגין לואיזא אנטלויפט אין מעמעל פאַר דעם אַנקומענדען נאַפּאָלעאָן. אַן עפּיזאָד פון פרייסישער געשיכטע, ניט מעהר.

מעלאַניע האָט געבראַכט אין אָרדנונג איהרע קליידער, און מינא פערקעמט איהר איצט די האָאָר. מעלאַניע פרעגט, וואו זי האָט זיך בעקענט מיט איהר פיליפ׳ען.

מינא׳ס ערצעהלונג לעבט אויף אין מעלאַניע׳ס זכרון די צייט פון איהר אייגענעם פרייען, זארגלאָזען לעבען דאָ, אויף דעם פרייען לאַנד, איידער דער מאַיאָר איז געקומען. מינא האָט זיך בעגעגענט מיט פיליפ׳ען אין אַן אָרימען גאַסטהויז, ערגעץ לעבען ווערזשבאַלאָווא, איין זונטאָג נאָכמיטאָג אין זומער. מען האָט דאָרט געטאַנצט, און עס איז געוועזען מוזיק. אהין זיינען זיך צונויפגעקומען יונגע לייט און מיידלעך פון די אַרומיגע גיטער און הויפען. זי האָט גלייך פיליפ׳ען ליעב בעקומען מיט איהר גאַנצען הארצען. און דאָ האָט ער פלוצלונג געמוזט

אוועקגעהן פון איהר, אוועקפאהרען אין קעניגסבערג, אום צו נעהן שלאגען זיך מיט די רוסען.

פון דער ערצעהלונג פון דעם איינפאכען לאנד מיידעל ווערט מעלאניע טיף גערידהרט. איצט, אין אט די פורכטבארע טעג, זיינען דאך אלע פרויען, ארים און רייך, הויך און נידריג, ווי צוזאמענגעוואקסען, ווי איין פלייש און בלוט. אויך זי, מעלאניע, בענקט דאך איצט נאך איהר פריינד אויף רער פרעמד, נאך איהר פריינד, ניט נאכ'ן מאיאר!

ניט ווילענדיג שמייכעלט מעלאניע. ווען פרוי האף וואלט דאס נאר געוואוסט! אבער פרוי האף ווייס דאך דאס. ווי האט זי גאר אין דעם געקענט צווייפלען! פרוי האף מיט איהר פרומער אייפערזוכט צו אלץ, וואס האט נאר א שיכות צום אלטען מאיאר.

און עפעס גאנץ אונגעוועהנליכעס קומט פלוצלונג פאר אין איהר נשמה. אזוי ווי די היימאטס לופט, דאס געזעגנען זיך מיט'ן מאן און מיט'ן גארניזאן, דאס גוטסהויז און די פעלדער פון פאלקענשטיין, וואו זי איז געבארען און ערצויגען געווארען, ווי דאס אלץ וואלט אויסגעאיבט א בעפרייענדע ווירקונג אויף איהר. ווי זי וואלט דערפיהלט, אז עס פאלען פון איהר מיט גערויש אראב איהרע קייטען, און זי איז ווידער פריי; און דא, וואו עס האט זיך ענטוויקעלט איהר ערשטע צארטע בעציהונג צו אדאלף, קען זי ווידער מיט איהר גאנצען הארצען און נשמה איהם געהערען, נאר וועגען איהם דענקען און זארגען, וועהרענד אין דעם מאיאר'ס הויז איז זי נאר געווען א שקלאפין פון א פרעמדען ווילען.

א טיף געפיהל פון העכסטען גליק דרינגט אריין אין איהר נשמה. דא, הארט ביים רוסישען גרענעץ, וועלכען — זי צווייפעלט אין דעם ניט קיין איין אויגענבליק — די רוסען וועלען באלד אריבערגעהן, פיהלט זי זיך אין זיכערהייט, אין זיכערהייט פון דעם, וועמען זי האט געלאזען אוועקגעהן כמעט אהן אבשיעד; זי פיהלט זיך פריי פון די לויערענדע בליקען פון פרוי האף. דא איז זי איצט, ערב דער שרעקליכער קאטאסטראפע, גליקליך. **דען די קייטען זיינען דא פון איהר אראבגעפאלען פון דעם ערשטען אויגענבליק אן.**

וואס איז דאס? פון וואנען האט זיך גענומען דער פרישער ווינט, וואס האט דורך דעם אפענעם פענסטער ערפרישט ווי א קיהלע נוטע האנט איהר הייסען שטערן? האט

דאָס אזוי אויף איהר געווירקט דער קריעג, דער קומענדער, דראָהענדער, בעפרייענדער, דער קריעג, וועלכער מינצט נייע ווערטען? האָט דאָס דער קריעג פערזונקען אלע אלטעגליכע בעגריפען אין איין ים פון נעבעל, פון וועלכען עס הויבען זיך, פון דער זון בעלויכטען, נאָר די אַלפּען שפּיצען ארויס?

האָט דאָס דער קריעג איהר געמאַכט אזוי פריי און ריין און גרויס, אַז זי קען איצט קלערען וועגען איהר פריינד אויף דער פרעמד, וועלכען זי ליעבט, ניט פיהלענדיג דערביי, אַז זי בעגעהט דערמיט אַן אומרעכט קעגען זיך אליין און קעגען איהר האַר, דעם מאַיאָר?

אָבער קען מען איצט דען רעדען וועגען רעכט און אומרעכט אין דעם קליינעם, בעשרענקטען, כּמעט אונענדליך רייכען לעבען פון אַ פרוי, ווען באלד וועלען שטעדט ברענען און דערפער, קירכען און קאַטעדראַלען וועלען צושטערט ווערען פאַר אַ העכערען צוועק? קען מען דען איבערהויפּט רעדען וועגען רעכט, ווען הונדערטער טויזענדער וועלען פערלאָזען זייער היימאַט, ווען דער קריעג וועט צושיידען מאַן און פרוי, חתן און כּלה, עלטערען און קינדער? קען מען דען רעדען וועגען רעכט אין דעם לעבען פון אַן איינצעלנעם מענשען, ווען געזעצען ווערען געטראָמען מיט די פיס, און די אונגעהויערע מלחמה דיקטירט נייע גאַרמען?

דאָ וועלען הונדערטער טויזענדער אויסשלאַכטען איינע די אנדערע צוליעב עפּעס אַ וואָהנזין, און פאַר איהר וועט בלייבען אין קראַפט אַ געזעץ, — אַ שטיקעל פּאַפּיר, וועלכען זי האָט דאָ אונטערגעשריבען אמאָל אויס ליעבע צו איהר פאָטער, וועלענדיג איהם רעטען פון רעוואָלווער! אַ שטיקעל פּאַפּיר — דאָס איז דאָך אַלץ, וואָס בינדט זי צו איהר האַר!

רוישען דען ניט אין אַט דער גרויסער שעה טיף אין איהר זעל די מעכטיגע אָרגעל־טענער פון דעם גיגאַנטישען, אַל־בעפרייענדען און אַלץ צושטערענדען שיקזאַל! טיף אין איהר זעל גיסען זיך אַט די טענער צונויף אין איין קלאַנג: מיין פריינד, מיין פריינד!

מיין פריינד, מיין ווייטער פריינד, דיר געהערען מיין האַרץ און מיין זעל, אַלע מיינע געדאַנקען, דיינע בין איך אין גאַנצען! צוריסען איז דאָס שטיקעל פּאַפּיר, פערקלונגען האָט דאָס אַלטע ליעד פון פליכט און געהאָרכזאַמקייט. דען אַ פריהלינגס־שטורם איז אָנגעקומען אין אַט די טעג פון רייפען זומער און טראָגט

זיך איבער דער נאך בלוט און טרערען לעכצענדער ערד און זאגט אן: מלחמה!

און אין מעלאניע'ס נשמה ווערט אין דער ערשטער שעה אין פאלקענשטיין רייף א הייליגער בעשלוס. דער אלטער בונד איז צופאלען, די שקלאפענקייטען דריקען זי ניט מעהר, — זי איז פריי! ווענען אדאלף'ען און נאר ווענען איהם וויל זי איצט קלערען, איהם אליין געהערט זי מיט לייב און זעל, איהם האט זי אלעמאל געהערט און וועט אייביג געהערען, ניט קוקענדיג אויף די פאפירענע פערפליכטונגען, וועלכע זי, א קינד אהן ווילען, האט אונטערגעשריבען אויף דעם ווילען פון איהר פאטער, וועלכער איז געשטאנען ביים ראנד פון אבגרונד.

זיי גרויס, זיי פריי, זיי דרייסט, — געהט דער רוף דורך איהר נשמה. גרויס, ווי דאס ווייטע גרינע פלאכלאנד, וואס שפרייט זיך אין וועלען פון דעם הויפגוט פאלקענשטיין ביז צום ראנד פון די וועלדער. דרייסט, ווי די יוגענד, וואס געהט איצט אויפ'ן גרענעץ אנטקעגען די רוסען. פריי, ווי דער פויגעל, וואס וויגט זיך איצט דרויסען אין דעם בלויען ים פון ענדלאזען עטהער פאר איהרע ענטציקטע בליקען.

פריי און גרויס און דרייסט... דאס וועט זי זיין! זי וועט געדענקען איהר ווייטען פריינד, וועמען זי האט אליין געגעבען די בלוטיג־רויטע רויז, די רויז וואס בעציערט די שפיץ פון זיין סאבעל.

מיט אזא בעשלוס לאזט זי מיטא'ן געהן און געהט אליין ארונטער צו איהר פאטער.

XII

א טיפע רוהע נעמט ארום מעלאניע'ן, ווען זי קומט אריין אין וועסטיבול. אויך דא איז אלץ געבליבען ווי געווען, ווי מיט דריי יאהר צוריק, ווען זי האט פערלאזען איהר היימאט, ווי נאך אין די צייטען פון איהר מוטער, ווען זי איז געווען א קליינע, פרעהליכע מיידעלע, איידער דער מאיאר איז אנגעקומען מיט זיין געלט. מאר, דער אלטער שווארצער קאטער, שפרינגט איהר אנטקעגען, ווי אלעמאל. ער איז דערזעלבער ווי געווען, נאר זיין שעהנע גלאנצענדע פעל איז דוכט זיך געווארען זעהר שטרופיג. די קעץ פערלירען דאך אזוי פיעל אין אויסזעהן, ווען זיי ווערען אלט און פויל.

צערשטרייט גלעט זי דאס פעל פון דעם קאטער. זי קלערט

מעהר ניט וועגען דעם, וואס איז פארגעקומען, אפילו ניט וועגען פאטער, וועלכער איז איצט ניט אין צימער. וויפיעל איז געשעהן, זינט זי האט דא צום לעצטען מאל אזוי געגלעט דעם קאטער! אבער זי וויל מעהר וועגען דעם ניט קלערען.

פרייליין טאנער, די ווירטשאפטערין, קומט ארייין און בעגריסט זי מיט פריינדליכע ווערטער. זי איז פונקט דאס געגענטייל פון דער פרוי האף, וועלכע פלעגט ווארפען אויף איהר אזא שרעק אין דעם מאיאר'ס הויז אויפ'ן רהיין. זי איז א מונטערע, שלאנקע פערזאן, און ניט קוקענדיג אויף איהרע זעכציג יאהר, לויפט זי נאך אלץ ארום דעם גאנצען טאג ווי א וויעזעל איבער'ן הויף און ארויף און אראב די טרעפ. אהן איהר וואלט דער קראנקער באראן ניט געוואוסט, וואס צו טהאן, דען זי גיט אכטונג אויף אלץ און בעזארגט דאס גאנצע הויז, זינט מעלאניע איז אוועקגעפאהרען, און נאך פריהער, ווען מעלאניע איז נאך געוועזן אין דער היים. ווייל מעלאניע וועט אליין גערן צוגעבען, אז זי האט צו קיין זאך ניט געטויגט, און מען האט איהר קיין זאך ניט געקענט אנפערטרויען, מען האט זי אלעמאל בעהאנדעלט ווי א צולאזען קינד.

פרייליין טאנער איז אלע מאל פרעהליך, אפילו אין די איצטיגע שווערע טעג. זי איז ווי געבארען ארייינצוטראגען זונשיין אין דונקעלסטען ווינקעל. דאס קאסט איהר ניט קיין פיעל מיה, ווייל איהר נאטור איז א זוניגע. פאר דעם באראן, דעם שטענדיג אונצופריעדענעם עגאאיסט, איז זי גאר ניט אבצושעצען. ער איז קראנק, הילפלאז און שווערמוטיג. מעלאניע האט, דוכט זיך, פון איהם בירושה א נייגונג צו מעלאנכאליע.

— האט די פרוי מאיאר געהאט א גוטע רייזע?

די גלייכגילטיגע פראזע ווערט ביי פרייליין טאנער ארויסגעזאגט אין אזא טאן, אז זי קלינגט ניט גלייכגילטיג. עפעס הערט זיך אין דעם טאן א ווארימקייט, א מוטערליכע בעזארגטקייט, אז מען פיהלט זיך זיכער אין דעם שוץ פון דער אלטער פרייליין, וועלכע האט קיינמאל ניט געליעבט און איז קיינמאל מוטער ניט געוועזן.

דאסזעלבע דערפיהלט אויך באלד מעלאניע ביי דער אייינפאכער פראגע, וועלכע וואלט פון דעם מויל פון אן אנדער פערזאן געקלונגען נאר ווי אן אייינלייטונג צו א וויטערען געשפרעך. דעריבער שטעלט זי זיך אב אויף דער פראגע און ענטפערט:

— דאס פאהרען אין די טעג, מיין ליעבע פרייליין טאנער,

איז אַ זאָנדערבאַרע זאַך. אזוי ווי איצט, בין איך נאָך קיינמאָל ניט געפאָהרען.

— דאָס פאָהרען אויף די באהנען מוז איצט זיין זעהר לאַנגזאם, ווייל די מעהרסטע באהנען זיינען דאָך איצט פערנומען מיט טראַנספּאָרטירען מיליטער.

— יע, זעהר לאַנגזאַם. גאנצע פיער און צוואנציג שעה בין איך געפאָהרען ביז בערלין, ווערענד אין געוועהנליכע צייטען נעמט די רייזע פון אַכט ביז ניין שעה מיט דעם שנעלצוג. אָבער ניט דאָס האָב איך געמיינט, מיין ליעבע פריילין טאַנער. מען זעהט אויפ'ן וועג אזוי פיעל נייעס, אַז מען פערגעסט גערן די צייט וואָס די רייזע נעמט.

— וואָס מיינט דען די גנעדיגע פרוי?

— די וועלט האָט זיך אין די טעג פערענדערט, פריילין טאַנער. זי האָט אַן אנדער געזיכט בעקומען, די וועלט!

פריילין טאַנער קוקט איהר אָן און שמייכעלט.

— דאָס קען איך גאָר ניט גלויבען, פרוי מאַיאָר. דאָ אין פאַלקענשטיין, ווענינגסטענס, זעהט די גאנצע וועלט אויס גלייך, פאַר און נאָך דער קריעגס-ערקלערונג.

— דאָס וועל איך אייך גערן גלויבען, פריילין טאַנער. דאָ, אין פאַלקענשטיין, זעהט אלץ אַזוי אויס. אויך מיר האָט דאָס אזוי אויסגעוויזען באַלד ווי איך בין אַנגעקומען. און איך וואָלט זיך אַנגעכאַפּט גערן אָן דעם געדאַנק, און דאָך...

— און דאָך?

— דאָך ווייזט נאָר אויס אַזוי. ווען מען קוקט טיפער אריין, איז אויך דאָ איצט גאָר אַנדערש, ווי עס זעהט אויס אויף דער אויבערפלאַך. די מענשהייט געפינט זיך איצט אין אַ וואַנדערונג.

— אין אַ וואַנדערונג? וואָס מיינט דערמיט די פרוי מאַיאָר, ווייל מען טראַנספּאָרטירט סאָלדאַטען אין אָסט און אין וועסט?

מעלאַניע שמייכעלט.

— אַך, ניין, מיין ליעבע פריילין טאַנער, ניט דאָס מיין איך. איך רעד ניט וועגען די קאָלאָסאַלע מאַסען סאָלדאַטען, וואָס ווערען אריבערגעוואָרפען ווי מיט צויבער הענט נאָך אָסט און וועסט. דאָס איז דאָך אין גרונד גענומען גאָר ניט וויכטיג. דאָס קען נאָר אויסווייזען גרויס און בעוואונדערנסווערט פאַר יעם אויבערפלעכליכען זייטיגען צושויער און, גלויבט מיר, נאָר

אין דעם ערשטען מאָמענט. איך זעה די מענשהייט אין וואנדערונג, און דאָס איז גאָר עפּעס אנדערש.

— איהר מיינט די מענשהייט, די גאנצע מענשהייט?

ערשטוינט קוקען איהרע גרויסע העל־בּרוינע אויגען אויף מעלאַניע׳ס ערנסטע געזיכט. דאַן זאָגט זי שטיל און לאַנגזאַם:

— דאָס איז זאָנדערבּאַר, אָבער איך האָב ביז איצט גע־מיינט, אַז דאָ האנדעלט זיך נאָר אום דאָס דייטשע פאָלק און זיין, ווי מען זאָגט, בעפרייאונגס-קאַמף.

— דאָ זייט איהר גערעכט, פרייליין טאַנער, עס האנדעלט זיך טאַקי וועגען דעם. און דאָך בּלייבּ איך ביי מיין מיינונג, ביי מיין פעסטער איבּערציינונג, צו וועלכער איך בּין געקומען אין פערלויף פון מיין רייזע, אַז אין די לעצטע דריי טעג געפינט זיך די גאנצע מענשהייט אין וואנדערונג נאָך נייע אידעאלען, און גאָר ווענינע האָבּען די מינדסטע אהנונג וועגען דעם.

— איך פערשטעה אייך ווירקליך ניט, פרוי מאַיאַר!

— וואָלט איך דאָס אליין גוט פערשטאַנען, פרייליין טאַ־נער, ווי גערן וואָלט איך ערקלערט מיין אונקלאָר געפיהל. אָבער איך וויים דאָס נאָך אליין ניט, נ א ך ניט. די צייט אָבער וועט אלץ קלאָר מאַכען, ווען די הויט וועט אראָבּפאַלען און דער קערן פון וואַרהייט וועט זיך בּעווייזען, דער קערן, איבּער וועלכען זיי אלע, צו וועלכער נאַציאָן זיי זאָלען ניט געהערען, וועלען שטרייטען און קעמפען, גלויבּענדיג, יעדערער פאַר זיך, אַז רעכט איז מיט זיי. און אָט דער קאַמף וועט זיי אלעמען בּרענגען צו א ציעל, וועלכען זיי שטעלען זיך גאָר ניט פאָר, וועלכען זיי פערלאַנגען גאָר ניט, און דאָך וועלען זיי אָט דעם ציעל דער־גרייכען, צי זיי ווילען דאָס צי ניט, אפילו ווען זיי האָבּען זיך זייער אייגענעם ציעל גאַנץ אַנדערש פאָרגעשטעלט!

— און וואָס איז דאָס פאַר א ציעל, פרוי מאַיאַר?

— ווען איך וואָלט דאָס נאָר געוואוסט, פרייליין טאַנער! אזא זאַך וויים מען אָבער ניט, אזא זאַך פיהלט מען נאָר טיף און ניט קלאָר, ווען מען זעהט, ווי אין די טעג, אזא פעלקער־וואנדערונג!

פרייליין טאַנער שווייגט און דענקט נאָך א ווילע, דאַן זאָגט זי איינפאַך:

— איבּער דעם געשפּרעך האָב איך גאָר פערגעסען צו פרעגען, אויב די גנעדיגע פרוי וועט עפּעס נעמען פאַר מיטאָג עסען.

— ווען איז מיטאָג?

— ווי אלע מאָל, אום דריי פערטעל צוויי. איהר ווייסט דאָך, נגעדיגע פרוי, דער הערר באראָן איז אין דער הינזיכט די פינקטליכקייט אליין.

— איך ווייס, איך געדענק, פריילײן טאנער. ווי קען מען דאָס פערגעסען? די סצענען, וואָס דער פאָטער פלעגט מאכען, ווען עס פלעגט אמאָל טרעפען, אַז די זופּ פלעגט אין פאלקענשטיין געגעבען ווערען צום טיש מיט צעהן מינוטען שפּעטער!

א לייכטער איראָנישער שמייכעל בעווייזט זיך אויף מעלאניע'ס געזיכט.

— וועל איך עפּעס ברענגען? עס איז ערשט האלב עלף.

— א קלייניגקייט, פריילײן טאנער. איך בין טאקי הונגעריג. איך האָב פון נעכטען אָוועניד נאָך גאָר ניט געגעסען.

— א פּאָר אייער אפשר? יאָהאנסען, דער נייער פערוואלטער, האָט איינגעפיהרט א שטאם קאָכינכינא היהנער, כאָטש אויסצושטעלען! די היהנער לעגען אייער זעהר פלייסיג, און די אייער זיינען אזעלכע שעהנע און גרויסע! יאָהאנסען שטאָלצירט מיט זיינע היהנער, און דער הערר באראָן פּיטערט זיי אליין, ווען ער איז גוט געשטימט.

— און ווען ניט?

— דאָן טהו איך דאָס, נגעדיגע פרוי.

— א גליק! איך האָב מורא, אַז יאָהאנסען'ס קאָכינכינאס וואָלטען איין שעהנעם טאָג אויסגעגאנגען פון הונגער, ווען זיי וואָלטען געווען אָנגעוויזען אויף דעם באראָן'ס שטימונג.

— די פרוי מאַיאָר איז בייז.

— אָ ניין, מיין ליעבע פריילײן טאנער, איך זאָג נאָר דעם אמת. טו ברענגט מיר צוויי פון די דאָזיגע טייערע אייער, זעהר ווייך געקאָכט, נאָך דריי מינוטען, און א קליין שטיקעל הינע לעבערוואורשט. קעסטלער פון ווערזשבאלאָווא מאכט דאָס נאָך אלץ אליין?

— יע, אזוי לאנג ווי מיר האָבען נאָך גענוג קעלבער און שווײנען, מאכט נאָך קעסטלער וואורשט אליין. ערשט נעכטען האָבען מיר פון איהם בעקומען פרישע, און מיך פרעהט זעהר, וואָס איהר ווילט זיי נראָד פערזוכען.

פריילײן טאנער געהט אין קיך צו בעשטעלען פריהשטיק פאר מעלאניע'ן.

מעלאניע געהט צו צום פענסטער. אויף דעם פענסטערברעט שטעהען נאָך דיזעלבע אלטע בלומענטעפּ אין רייהען.

די קאקטוסען זיינען דער שטאָלץ פון דעם באַראָן, וועלכער פלעגט זיי פערזענליך.

א געשיכטע מיט די קאקטוסען! ווען איינער האָט נאָר אמאָל געוואגט, פוצענדיג די פענסטער, זיי אביסעל אָבצורוקען פון אָרט! זיי האָבען געהאט זייערע נעמען און זיינען געשטאַנען אין דער שטרענגסטער אָרדנונג, אזוי אז דער באַראָן האָט יעדע פלאַנצע געקענט געפינען אין דער פינסטער. און וועה איז געווען דעם, וואָס האָט אָבגערוקט איינעם פון די טעפּ! צוליעב דעם רויהען קלימאַט אויף דער רוסישער גרענעץ האָבען די קאַקטוסען געבליהט נאָר אין א זעלטען שעהנעם זומער. זייער היימאַט איז דאָך אונטער דער הייסער זון אויף די פעלזען פון מיטעלמער. אָבער דאָס שטעלט דעם באַראָן ניט אָב. ער טהוט אַלץ, כדי זיי זאָלען בליהען. און ווירקליך, אויף איין פלאַנצע האָט זיך בעוויזען פייער־רויטע בליהונג. לויט דעם באַראָן'ס סימנים, מיינט דאָס, אז דאָס יאָהר וועט זיין גוט.

שאָקלענדיג איהר קאָפּ, געהט מעלאַניע אָב פון פענסטער. די טעפּ מיט די קאַקטוסען שטעהען אין דערזעלבער אָרדנונג, ווי אַלעמאָל. זי קען זיך דערמאָנען זייערע נעמען, לאַטיינישע נעמען, אזוי פיעל האָט מען זי פון קינדווייז אָן געפּלאָגט מיט זיי.

און דאָרט אין ווינקעל, לעבען דעם פויגעל'ס שטייגעל, שטעהט נאָך דער נעה־טיש. דער טיש איז געווען פריהער איהר מוטער'ס, דאַן איהרער, און איצט פריילין טאַנער'ס. זי נעמט אויף דעם זאָק, וועלכען פריילין טאַנער, ווי אַלע דייטשלאַנד'ס פרויען, שטריקט פאַר די פערטיידיגער פון פאָטערלאַנד, און שטריקט ווייטער, וואו פריילין טאַנער האָט אויפגעהערט. ווי לאַנג האָט זי ניט געשטריקט? ווען זי איז געווען א קליין מיידעל, אין דער ארבייטס שטונדע אין דער שול, וואָס געפינט זיך אין גוט. דאָס איז מיט אזוי פיעל יאָהרען צוריק! זינט דאַן — קיינמאָל ניט. און דאָך שטריקט זיך, ווי פון זיך אַליין, גאַנץ מעכאַניש. די פרויען אין גאַנץ דייטשלאַנד שטריקען היינט.

— דאָס וואָלט נאָך אַלעמען געווען דאָס בעסטע, — קלערט זי. — אָהן געדאַנקען, אָהן ווייטערער איבערלעגונג, אין דער ענגער היימאַט, וועמעס אטמאָספער האָט זי שוין איצט ארומגערינגעלט. נאָך אַלעמען איז דאָך די וועלט נאָר אונזער ווילען און פאָרשטעלונג, — א פאָרשטעלונג אָן אינערליכע, אָן איינגעבאָרענע. אזוי, ווענינגסטענס, דענקט זי איצט. און פאלקען־

שטיין, היימאַט, ועסטיבול און זאַס — דאָס איז איצט די וועלט! זיך צו אַט דער וועלט צופּאַסען — דאָס וואָלט געווען דער לעצטער שלום פון ווייזהייט. און דאָס וואָלט געווען איהר אמת'ע פאַרשטעלונג וועגען דער אויסערליכער וועלט!

און זי הויבט אָן פיהלען, ווי זי וואָלט דאָ שוין געווען יאָהרענלאַנג, ווי זי וואָלט קיינמאָל גאָר ניט געווען אין דער פרעמד, אין לאָזאַן, אין די אלפּען, אין פּאריז, אויפ'ן רהיין אין דעם מאַיאָר'ס הויז און... אין די אָרעמס פון איהר פריינד! אזוי ווי דאָס אַלץ וואָלט גאָר קיינמאָל ניט געווען.

די ענגע היימאַט בינדט איהר גאַנצען וועזען, איז גרייט זי אַרומצונעמען מיט איהר רוטין...

פרייליין טאַנער בעווייזט זיך מיט איהר פריינדליכען שמייכעל. זי טראָגט פריהשטיק. דאַן קומט אריין דער באַראָן, און דער אלטער זוירץ הויבט אָן אָנצופילען זיין ליולקע, ווי אַלעמאָל.

פאַרשטעלונג איז דאָס אַלץ געווען! עפּעס אין אונזער בעוואוסטזיין! און די אַלע שרעקען דאָרט ווייט זיינען אויך ניט געווען!

און ווילינג זינקען איהרע געדאַנקען ווי אין טיפע, שטילע וואַסערען, און דער ים פון געוואוינהייט איז גרייט צו פערדעקען מעלאַניע'ן ביז איבער'ן קאָפּ.

סוף פון ערשטען טייל.

צווייטער טייל

I

אויף א בערגעל, הויך איבער דעם זילבערבאנד פון דעם טייך מאאס, שטעהט דאס שלאס מאנמירואר. דאס איז א שעדעוור פון ראקאקא סטיל, פערבארגען הינטער קאפריציעז בעשניטענע קאקטוסען. די צייטען פון לודוויג דעם 15טען לעבען ווידער אויף, ווען מען וואנדערט דא אויף די שטעגלעך אין דעם פארק ארום דעם שלאס. אין דער גרויסער אולמען־אלעע, וואס שטעלט פאר מיט זיך א שעהנעם ארייגפאהר צום שלאס, שטעהען צווישען די הונדערטיאהריגע בוימער, בעדעקט מיט הערבסט גאלד, מארמאר־סטאטוען מיט פון רעגען צואוואשענע געזיכטער. דא איז די קלאסיש־שעהנע דיאנא מיט דער הירשקוה, אפאלא מיט דער לירא, מערקור מיט'ן קליינעם באבום אויף די הענט, די שטאלצע יונא, דער שטרענגער יופיטער.

די רויזען בליהען נאך. אבער ווי גרויסע שמעטערלינגען שוועבען שטיל די פלאמענדע בלעטער פון די ווילדע קאשטאניען אויף דעם גרינעם באדען. פון א מארמארנעם פאנטאן שטייגט הויך א שטראם קריסטאל־ריינע וואסער. אהער האט מארקיז ד'ארמאנטיער נאך פאריגען הערבסט איינגעלאדען געסט אויף יאגד. אבער באלד, ווי די מלחמה האט זיך אנגעהויבען, האט דער מארקיז פערלאזען מאנמירואר.

אין באליע האט ער נאך א שלאס, ניט א וועניגער שעהנעם. דארט איז ער אויף א צייט, אדער אפשר גאר אינגאנצען זיכער פון שונא. קאסטעלא נואווא, דאס נייע שלאס, אין מאדערן געבויט און קוקט זיך קאקעטיש אן אין די שטענדיג רוישענדע וועלען פון מיטעללענדישען ים. נאר לאביש, דער אלטער, גרויער קאסטעלאן, איז געבליבען אין מאנמירואר, און ער בעדיענט איצט די פרעמדע, גאר אונגעבעטענע געסט.

מאנמירואר איז אינגאנצען בענאסען מיט זונשיין. דער שטיינערנער שמייכעל פון די קלאסישע געטער האט זיך גאר ניט געענדערט, כאטש מען הערט דא קלאר, ווי די קאנאנען

דונערען ביי דער פעסטונג טרואיאן. א נעבעל שפרייט זיך איבער דער געגענד, אבער דאס איז ניט דער נעבעל וואס קומט אין הערבסט פון טייך, ווען דער שפעטער הערבסט איז נאך ניט אנגעקומען. דאס איז דער פולווערדאמף, וואס קומט ארויס פון די מיילער פון די שרעקליכע מערזער, וועלכע זיינען איצט געריכטעט אויף די פאנצערטורעמס פון טרואיאן, פונקט ווי זיי זיינען פריהער געווען געריכטעט אויף די פעסטונגען פון ליעזש, נאמור און מאבעזש.

אבער ניט פון די מערזער אליין קומט דער נעבעל. אונטען, אין דעם טהאל פון מאאס, נעהט שוין זייט וואכען אן א פירכטערליכע שלאכט אהן וועלכע עס איז רעזולטאטען, אזוי ווי צוויי לעבעדיגע ווענט וואלטען דא פעסט און אונבעזיעגבאר געשטאנען איינע אנטקעגען דער אנדערער.

דאס דונערען פון דער שיסעריי, דאס זשומען פון פלאצענדע גראנאטען און שראפנעלען, דאס פייפען פון קוילען און דאס קלאפען פון די מאשינגעוועהר, — דאס אלץ גיסט זיך צונויף אין איין העלישען קאנצערט, וואס ווערט געשפיעלט איצט אונטער דער לייטונג פון אן אונזיכטבארען דיריגענט ביים פוס פון מאנמירואר, אין דעם טהאל פון מאאס.

לאביש האט זיך שוין צוגעוועהנט צו דעם שרעקליכען טומעל און קלאפעריי, ער שאקעלט שוין ניט מעהר זיין גרויען קאפ, ווי אין די ערשטע טעג פון דער בעלאגערונג פון טרואיאן. ער רעדט שוין ניט מעהר פאליטיק, ווי אין די ערשטע טעג, — ער שווייגט. ער האט אויפגעהערט רעדען, זינט מען האט נעכאפט די פני פון לעטאן און זיי דערשאסען און דאס דארף אבגעווישט פון דער ערד, ווייל עמיץ האט אנגעוויזען, אז מען האט ערגעץ פון א הויז געשאסען. פון יענעם טאג אן הערשט א טויטע שטילקייט אויף מאנמירואר.

און אין דעם ראקאקא זאל מיט'ן מארמאר קאמין און וואונדערליכען זייגער, וואו עס איז אמאל געווען אן עסצימער פון מארקיז ד'ארמאנטיער און זיינע געסט, זיצט איצט דער פרייסישער אונטעראפיציר וואלף ביים בעריהמטען מארמארנעם טיש, וואס האט אמאל געהערט צום לעצטען בורבאנישען קעניג, און פערקלעפט די קאנווערטען פון רעגימענט־בעפעהלען. דער קאמאנדיר פאן טראוטמאן האט אין דעם שלאס געמאכט א ביורא פון זיין שטאב. ער שלאפט איצט אויפ'ן בעט פון דעם מארקיז, און וואלף איז זיין סעקרעטאר.

א קלונג פון אן עלעקטרישען גלעקעל קלינגט אָב אין גאנצען שלאָס.

און דאָך איז נאָך איצט ערשט האלב זיעבען, ווי לאביש האָט דאָס שוין לאנג אויפגעהערט פעסטצושטעלען; אין די צייטען פון דעם מארקיז האָט מען דאָ קיינמאָל ניט געקלונגען פאר ניין אין דער פריה.

— דער פרייס קלינגט, — זאָגט לאביש צו זיין פרוי.

ער זיצט שטענדיג מיט זיין אלטער אונטען אין קיך און ווארט אויף די בעפעהלען פון די אלמעכטיגע געסט, וואָס הערשען שוין עטליכע וואָכען אין שלאָס פון מארקיז. ווי אונצעהליגע ביהנען האָבען זיי זיך, ווי מאדאם לאביש זאָגט, איין טאָג פאר זונענאונטערגאנג אריינגעריסען דורך אלע טירען און פענסטער.

אין זיינע פילצפאנטאָפעל, וועלכע ער טראָגט נאָך אלץ כדי אָבצוהיטען דעם טייערען פארקעט, גליטשט זיך לאביש ארויף די טרעפ און געהט לאנגזאם צום ערשטען שטאָק. עס איז ניטאָ קיין גרונד צו לויפען און איילען זיך, ווען דער פרייס דאָרט אויבען קלינגט.

א הויכער דונקעל־רויטער סמירנא'ער לויפער ליגט אויף די בלענדענד ווייסע מארמאָרנע טרעפ, וואָס פיהרען צום ערשטען שטאָק. די שמידאייזערנע, מיט גאָלדבראָנז פערציערטע פארענטשעס זיינען דער שטאָלץ פון מארקיז ד'ארמאַנטיער. אויף די ווענט הענגען בושע'ס און וואטאָ'ס בילדער אין טייערע ראהמען. אויף די בילדער זעהט מען קליינע דאמען אין פודערפאריקען, מיט א שעהנהייטס־פלאסטערל אויפ'ן קין, אָדער אן אָנגעפארבט בעקעל; קאוואלירען אין שנאלענשיך, אין הויזען ביז די קניה און בלויע פראקען, מיט א שעהנעם קינזשאל אויף דער זייט.

און אָט אויף דעם הויכען, פורפור־פארביגען לויפער, פערביי די בילדער פון וואטאָ און בושע, טרעטען איצט די סאָלדאטענשטיוועל און ברענגען אָן שמוץ אין שלאָס פון מארקיז ד'ארמאנטיער.

דער אלטער לאביש שאָקעלט זיין גרויען קאָפּ, דערמאָנענדיג אלץ, וואָס דאָ איז פארגעקומען די לעצטע עטליכע וואָכען. ווי האסטיג זיין האר איז אָבגעפאָהרען, און ווי אלע דייטשער זיינען וואָכענלאנג געלעגען אין קעלער, וועהרענד גראַנאטען זיינען געפלויגען איבער'ן דאך פון מאנטירואר, און ווי מען האָט ענדליך געמאכט פון דעם פריהשטיקסזאל א ביוראָ

פון אַ רעגימענט, וואָס איז שוין לאַנג געשטאַנען אונטהעטיג אין די ארומיגע דערפער.

בעשיידען קלאַפּט לאַביש אָן אין טיר פון דעם פּריה־שטיקס־זאַל. דאָס איז אַ הערליכע טיר פון ווייס־לאַקירטען פּאַליסאַנדער האָלץ, איינגעלעגט מיט גאָלד אויף אינדישען מאַהאַגאָני. דער אונטעראָפיציר האָט נעבטען אויף איהם אָנגעשריען, ווען לאַביש איז אַריינגעקומען, נאָכדעם ווי מען האָט ניט דערהערט זיין שטילען קלאַפּען. קלאַפּט דער אַלטער אָן צוויי־דריי מאָל.

— אַריין, — שרייט מען אונטער'ן נאָז פון צימער.

לאַביש טרעט איבער די שוועל.

דער קורצגעשאָרענער אונטעראָפיציר זיצט איינגעבויגען איבער בלויע העפטען. אַזוי ווי דאָ וואָלט ניט געווען קיין קריעגסלאַגער, נאָר אַ קאַנטאָר, טראַכט לאַביש.

שווער און קריצענדיג געהט דעם אונטעראָפיציר'ס פּע־דער איבער'ן פּאַפּיר.

מיט מיסטרויען קוקט לאַביש אויפ'ן טיש פון שווארצען האָלץ, וועלכען דער מאַרקיז האָט איהם געהייסען אָבהיטען מעהר פון אַלץ. און דאָ שפּריצט דער קורצגעשאָרענער אונ־טעראָפיציר מיט טינט אויף די מיט פּערלמוטער איינגעלעגטע פּלאַטע פון טיש.

— צו אייער דיענסט, מאָנסיע!

— הערט דאָך אויף צו קוואַטשען! רעדט דייטש! איהר קענט דאָך דייטש, — ברומט דער אונטעראָפיציר.

— צו אייער דיענסט, — ווידערהאָלט לאַביש אויף דייטש און פערשווינדט.

דער אונטעראָפיציר איז ווידער פערטיפט אין זיין ארבייט. דער זייגער אויפ'ן רייכען קאַמין, איבער וועלכען עס הענגט אַ גאָבעלען, לעדאַ מיט דעם שוואַן, פון אַ בילד פון דער ווענע־ציאַנער שול, שלאָגט דריי פערטעל זיעבען. דער אונטער־אָפיציר הויבט זיך אויף און געהט צו דער טיר, וואָס פיהרט אין אמאָליגען שלאָפצימער פון דעם מאַרקיז, און קלאַפּט אָן.

— דריי פערטעל זיעבען, הערר קאָמאַנדיר!

— גוט, וואָלף, איך בין שוין אויף, — ענטפערט אַ טיפער באַס. — עפּעס נייעס?

— קיין זאַך ניט, הערר קאָמאַנדיר.

— גוט.

קאָמאַנדיר פאָן טראָוטמאַן האָט זיך אויפגעהויבען פון

דעם טייערען דאָפּעלטען בעט, איבער וועלכען עס איז געהאַנגען אַ גאָבעלען מיט דעם גאָלדרעגען פון די דאַנאַאידען. באַלד רערהערט זיך, ווי מען גיסט וואַסער אין דער מאַרמאָרבאַד, וואָס איז געבויט לעבען שלאָפצימער און בעציערט מיט פלאָרענטינער מאָזאַאיקען. דאָ זעהט מען אַ נאָכבילדונג פון אַ הויז אין פּאָמפּעאי — דער בעזוך פון אולים ביי דער צויבערין צירצע, פענעלאָפּאַ, וואָס וואַרט אונגעדולדיג אויף איהר מאַן, דער געזאַנג פון סירענען און דער טויט פון פענעלאָפּאַ'ס פערעהרער.

לאַביש קומט ווידער אריין. ער טראָגט דעם אונטעראָפיציר קאַפּע אין אַ זילבערנער קאַן אויף אַ זילבערנער פּלאַטע, וואָס איז בעציערט מיט מאַרקיז ד'אַרמאַנטיער'ס וואַפּענשילד. די שאָל און דער מילכגיסער זיינען פון אונפערגלייכליך שעהנעם סעוור, וואָס דער מאַרקיז האָט נאָך זיין אייגענער צייכנונג בעשטעלט אין דער וועלט־בעריהמטער פאַבריק לעבען פּאַריז. דאָס אַלץ שטעלט איצט לאַביש אויפ'ן טיש פון שוואַרצען האָלץ פאַר דעם אונטעראָפיציר, וועלכער האָט זיך נעכטען צום ערשטען מאָל זייט דריי וואָכען געוואַשען.

— פערזוכט דעם קאַפּע!

— איך פערשטעה אייך ניט.

— קוואַטשט ניט! איהר דאַרפט פערזוכען דעם קאַפּע. טרינקען... בואַר, — זאָגט וואָלף און מאַכט אַ וויכטיגע מינע: בואַר לע קאַפּע... מיר זיינען געווען אין בעלגיען, מיר מוזען זיין פאָרזיכטיג, מאָן אַמי!

דער אַלטער לאַביש ווייס ניט וואָס צו ענטפערען אויף אַזאַ בעמערקונג. אָבער פּלוצלונג דערמאָנט ער זיך אָן די פראָמינענטע בירגער פון לעטאַן, און מיט ציטערענדע הענט גיסט ער זיך אָן קאַפּע און טרינקט.

— גוט, — זאָגט וואָלף. און לאַביש פּ:עגט אונטערטעניג:

— ווען איהר עפּעס האָבען צום עסען?

— גאָר ניט געקוואַטשט! רעדט דייטש! יע, מאַנזשע, ריכטיג. האָט איהר, אַלטער, געריכערטען שווייענפלייש?

— זשאַמבאָן?

— זשאַמבאָנג, — כאַפּט אויף וואָלף און רעדט דאָס אַרויס מיט אַ שטאַרקען דייטשען אַקצענט, — ריכטיג זשאַמבאָנג, ברענגט מיר אַט דעם זשאַמבאָנג, אָבער, איך בעט אייך, ניט אַזוי ווייניג!

— ע דיו פען, ברויט, מאנסיע, ברויט אויך?
— ניין, א דאנק, ברויט האבען מיר צופיעל, מיין פריינד... דאן וועט איהר מאכען פריהשטיק פאר דעם הערדן קאמאנדיר... מהיי און צוויי פרישע אייער... איהר האט דאך דא היהנער?
— דע פול, מע סורמאן דע פול!
—זאל זיין פול, אדער ווי דאס הייסט דארטען, אבער וואס שנעלער!

לאביש איז גליקליך, ווען ער קען אוועקגעהן, און דער קורצגעשארענער מיט די וואנצעס האט איהם קיין בייז גיט געטאן. ווען לאביש געהט ארויס, געהט וואלף צו צו איינעם פון די קונסטפול געשניצטע שראנקען פון מאטגעלען פאליסאנדער מיט עלעגאנט פערבויגענע פיסלעך, אין עק פון זאל, און נעמט פון דארט ארויס א שטיק סאלדאטענברויט און א מעסער. וואס ער האלט דארט לעבען קונסט־קליינינקייטען פון מארקיז. א סטאטועט פון געגאָסענער פילינראן און א קליינינקייט אין אן עלפענביינדעקעל מיט מיניאטורען פון 16טען יאהרהונדערט זיינען דארט געשטאנען הארט לעבען דעם ברויטמעסער, מיט וועלכען וואלף שניידט זיך איצט אב א גרויס שטיק ברויט פאר פריהשטיק.

פייפענדיג נעמט ער זיך צום עסען און זופט ברייטליך דעם שמעקענדען קאפע, וועלכען דער מארקיז בעקומט פון אדען, דורך די פערמיטלונג פון א לארד, מיט וועלכען ער איז בעפריינדט.

אין א ווייל ארום קומט לאביש ווידער אריין. שווייגענדיג שטעלט ער פאר וואלף'ען אנידער דאס שוויינענפלייש און נעמט זיך דעקען דעם טיש ביים פענסטער פאר דעם קאמאנדיר.

II

אונטעראפיציר וואלף בעשליסט צו בעעהרען לאביש'ען מיט א געשפרעך. ער איז שוין פארטיג מיט זיין קאפע און מיט דעם קאסטבארען יארקער פלייש. און מען מעג זיך ערלויבען אביסעל אבצורוהען פון דער ארבייט. ער פיהרט מיט זיין האנט, וואס איז שטארק פון שטענדיגען האלטען געוועהר, איבער די וואנצעס, איבערלאזענדיג אויף זיי א גלאנץ פון פעטס, און צינדט זיך אן א ציגאר. ער בייסט אב דעם עק און ווארפט דאס אויפ'ן פארקעט. לאביש זעהט דאס און טהוט ניט ווילענדיג א שאקעל מיט'ן קאפ. ווייל דער מארקיז האט

אלע מאָל שטרענג אכטונג געגעבען אויף זיינע דילען, און די דיענערשאפט האָט געמוזט אומגעהן אין פילצפאַנטאָפעל, פונקט ווי אין די קעניגליכע שלעסער פון בערלין און מינכען.

— שוין לאנג, ווי דיין האר איז פון דאנען אנטלאָפען? — פרעגט וואָלף און שמייכעלט דערביי, ווי א העלד וואָס האָט איינגענומען אלע געטער און געטינען פון אָלימפּ.

— איך פערשטעהע אייך ניט, מאָנסיע.

— איהר קענט דאָך דייטש, אלטער! און וואו האָט איהר זיך אויסגעלערענט דייטש?

— אין אלעמאַן, מאָנסיע.

— אזוי, אין אלעמאַן. זייט איהר אָפט געוועזען אין אלע־מאַן, אלטער?

— מיט דעם ערען מארקיס זיי איך געוועסט אין אלעמאַן.

— וואו?

— איך זייען געוועסט מיט דעם ערען מארקיס אין וויס־באַדע און אין באַדע־באַדע, ווייל דאָס ערען מארקיס זייען גע־וועסט זעהר סופּראַן פון זיינע רומאַטיזם.

דאָס געשפּרעך ווערט אונטערבראָכען פון דעם קאַנאָנע־רונער ביי טראַיאָן, די שיסעריי האָט זיך ווידער אָנגעהויבען מיט בענייטער העפטיגקייט. די שיסעריי קומט פּונקט צו וואָלף׳ס בעמערקונג:

— אָבער ער איז אנטלאָפען, ניט קוקענדיג אויף זיין רומאַטיזם.

לאַביש ציטערט מיט אלע גליעדער.

— דאָס זיינען אונזערע ברומער, — בעמערקט וואָלף, — קרופּ און קאָ., עסען, אויב איהר ווילט וויסען דעם אדרעס, אלטער.

לאַביש האָט ניט פערשטאַנען. דערצו האָט עמיץ א קלאַפּ געטאָן אין טיר. וואָלף שפּרינגט אויף און שרייט:

— אריין!

קאַפּיטאַן אדאָלף, פון דער אכטער קאָמפּאַניע, בעוויזט זיך אויפ׳ן שוועל.

לאַביש פערשווינדט. עפּעס אַן אינסטינקטיוו געפיהל צווינגט איהם צו פערשווינדען, אזוי שנעל ווי ער דערזעהט א פּרייסישען אָפיציר.

— האלטען זיך פריי, אונטעראָפיציר וואָלף! איז דער העררר קאָמאַנדיר שוין אויפגעשטאַנען? — מיט די ווערטער טרעט ער צו צום טיש און וואַרפט א בליק אויף די פּאַפּירען.

— דער הערר קאָמאַנדיר איז שוין אויפגעשטאַנען מיט אַ פיערטעל שטונדע צוריק און נעמט איצט אַ באַד...

דאָס וואָרט „באַד" רעדט ער אַרוים מיט אַ קורצען „אַ", כאָטש ער שטאַמט ניט פון בערלין, נאָר פון ביבעריך. אָבער ער מיינט, אַז עס קלינגט שניידיגער, ווען מען זאָגט אַזעלכע ווערטער, ווי באַד, מיט אַ קורצען „אַ", ווי ער האָט דאָס גע־הערט אין פערלויף פון צוויי יאָהר אין די קאַזאַרמען אין מאַינץ.

קאַפּיטאַן אַדאָלף שמייכעלט.

— דער הערר קאָמאַנדיר האָט, אויף וויפיעל מיר איז בעקאַנט, בעפאָהלען די הערדען פון שטאַב צו קומען אהער אום זיעבען, אונטעראָפיציר?

— ריכטיג, הערר קאַפּיטאַן.

— גוט. טו גיט איבער אָט די מעלדונג דעם הערן קאָ־מאַנדיר, אונטעראָפיציר.

— צו בעפעהל, הערר קאַפּיטאַן. איך וועל אָט די מעל־דונג איבערגעבען דעם הערן קאָמאַנדיר.

ווידער שמייכעלט קאַפּיטאַן אַדאָלף.

— איך גלויב אייך אַזוי אויך, אַז איהר פערשטעהט דייטש, אונטעראָפיציר, איהר דאַרפט ניט ווידערהאָלען מיינע ווערטער.

וואָלף איז אין פערלעגענהייט. עס שטעהט דאָך אין דיענסטפאָרשריפט, אַז מען דאַרף דעם בעפעהל ווידערהאָלען און אָט דער מיט זיינע איראָנישע בעמערקונגען וויל נאָר ווידער־שפּרעכען דעם פאָרשריפט. דער אונטעראָפיציר קען דאָס ניט פערשטעהן. אמת, קאַפּיטאַן אַדאָלף פון דער אַכטער איז עפּעס אַ מוזיקער, און דאַן... מען האָט נאָך אין מאַינץ גערעדט צווי־שען זיך, אַז דער הערר קאָמאַנדיר האָט איהם איינמאָל אויס־גערעדט פאַר זיין אונמיליטערישער האַלטונג... דאָס אַלץ דער־מאָנט זיך וואָלף איצט, ווערהענד ער ענטפערט מיט זיין שטרענ־גער האַלטונג אויף דעם בעפעהל זיך צו האַלטען פריי און שטרייכט דערמיט אונטער, אַז ער שטעהט אויף דער הויך צו פערנעמען אַ דיענסטליכען בעפעהל לויט אַלע רעגלען פון די פאָרשריפטען.

ווידער שמייכעלט קאַפּיטאַן אַדאָלף, דאָס מאָל כמעט מיט מיטלייד.

— איך האָב אייך געהייסען זיך האַלטען פריי, אונטער־אָפיציר. אָבער אַלץ איינס. ניט איבער דעם הערן קאָמאַנ־דיר, אַז איך בין מיט דער אַכטער קאָמפּאַניע איינקוואַרטירט אין וויטרי. פערשטאַנען? וויטרי מיט אַן אינרעק... בע־

סער פערשרייבט זיך דאָס, אויב איהר קענט ניט געדענקען דעם פראַנצויזישען נאָמען, ווען דער העדר קאָמאַנדיר וועט פרעגען.

— ווימרי, הערר קאַפּיטאַן, צו בעפעהל.

— גוט. די מעלדונג האָט אַ לופטפליהער אראָבגעוואָרפען פון אַ טאַובע, און מיינער אַ סאָלדאַט האָט דאָס געפונען. איך האָב זי געבראַכט אהער אליין, ווייל איך האַלט זי פאַר זעהר וויכטיג. גיט דאָס אַלץ איבער דעם העררן קאָמאַנדיר, אונטעראָפיציר! און נאָכאַמאָל, געדענקט דאָס, איך שטעה אין ווימרי.

אדאָלף קוקט זיך מעהר ניט אום אויף דעם אונטעראָפיציר. זיין אויג, וואָס האָט אַזוי פיעל געזעהן אויף זיין רייזע אין איטאַליען, וואָס ער האָט געמאַכט כדי צו בעקענען זיך מיט איטאַליענער קונסט, האָט מיט גרויס פערגניגען איצט געוואַנדערט איבער דעם זאַל. ניט ווילענדיג האָט ער אויסגערופען:

— ווי גוט דאָס איז דאָ ביי אייך, אונטעראָפיציר!

אדאָלף שטעהט פאַר דער וויטרינע, פון וועלכער וואָלף האָט ארויסגענומען זיין סאָלדאַטען ברויט און מעסער, און בעטראַכט די קונסטזאַכען, וואָס זיינען אויסגעשטעלט אין שראַנק פון פאַליסאַנדערהאָלץ.

— גאָט מיינער, דאָס איז דאָך עכטע געגוזער ארבייט פון 17טען יאָהרהונדערט! — רייסט זיך ביי איהם ארויס.

— וואָס זאָגט דער הערר קאַפּיטאַן?

— ניט צו אייך, אונטעראָפיציר.

— צו בעפעהל.

קאַפּיטאַן אדאָלף הערט איהם מעהר ניט. ער איז אין גאַנצען פערנומען מיט בעטראַכטען פון אַלע זייטען די קונסט־מיניאַטור, וואָס ער האָט ארויסגענומען פון דער אָפענער וויט־רינע. דאָס איז אַ שעהנע גרופּע פון זילבערפיליגראַן, וואָס שטעלט פאַר אַ נעאַפּאָליטאַנישען מאַנדאָליניסט, צו וועמעס אקאָרדען אַ שעהנע, רייך פערפוצטע פרייליין טאַנצט. אדאָלף ווערט אַזוי היגנעריסען פון דער וואונדערליכער ארבייט, אַז ער פערגעסט באַלד אין גאַנצען אַלץ ארום איהם, מאַנמירואַר און די שרעקליכע סיטואַציאָן, אין וועלכער ער געפינט זיך דאָ איינענטליך. אָט די טאַנצגרופּע פון זילבערפיליגראַן איז עפּעס אַזוינס, וואָס ער האָט קיינמאָל אויף זיין לעבען ניט געזעהן, כאָטש ער האָט דורכגעוואַנדערט אַלע מוזעען פון רוים, פלאָרענץ און נעאַפּאָל. אַזאַ זאַך טרעפט מען אָדער גאַנץ צופעליג, אָדער

קיינמאָל ניט!

פאָרזיכטיג שטעלט ער די קליינע זאַך צוריק אין די וויטרינע. זיין אויג איז איצט געווענדט אויף דעם זייגער, וואָס שטעהט אויפ'ן קאַמין. דאָס איז א מיניאַטור פון גאָלדבראָנז, וואָס שטעלט פאָר מערקור, דעם האלבגאָט, אַנטהועגדיג זיינע פליגעלשיך, און יופיטער, וואָס שיקט איהם מיט א בליצענוואונק אראָב אויף דער ערד. אויף דעם פעדעסטאַל, אויף אַ גאָלדענעם באנד איז אַ דעוויז פון דעם גרויסען קעניג פון פראנקרייך.

ענדליך רייסט זיך אדאָלף אָב פון דעם קונסטווערק. ער דערמאָנט זיך, אַז ער דארף נאָך אין וויטרי אָבגעבען די טאָגבעפעהלען. ארויסגעהענדיג, ווענדט ער זיך נאָכאמאָל צום אונטעראָפיציר:

— האָט איהר מיך גוט פערשטאנען, אונטעראָפיציר?

— פאָלשטענדיג, הערר קאפּיטאַן, — זאָגט וואָלף און קלאפּט אזוי שטארק מיט די קנאָפּעל, אַז דער פארקעט אין מארקיז ד'ארמענטיער'ס עסצימער קרעכצט.

קאפּיטאַן אדאָלף איז אוועק.

לאַביש האָט דערווייל צוגעגרייט דעם טיש פאר דעם קאָמאנדיר'ס פריהשטיק. וואָלף בעטראַכט אלץ: יעדע זאַך אויף אַן אָרט, קיין זאַך פעהלט ניט, אַלץ איז ווי דער הערר קאָמאנדיר וויל. עס איז גוט טאַקי, וואָס ער האָט נעכטען אָוועגד ווידער איינגע'טענה'ט מיט דעם אלטען וועגען אלץ ביז דער קלענסטער קלייניגקייט. וואָלף וואָלט געווים בעוואונדערט דעם געגרייטען טיש. ווען ער וואָלט געווען קאפּיטאַן אדאָלף, אָבער דאָס, צום גליק פאר דעם פרייסישען אונטעראָפּיצירשטאַנד, איז ער ניט.

דאָס שנייוויסע טישטוך פון באַטיסט, די טהיישאָל פון בינעזישען פאָרצעלאַן, די שווערע זילבערפלאַטע מיט די אראַבעסקען און דער פאמיליען־קרוין פון ארמאַנטיער, דער פאַמיליע, וואָס איז פאר דורות און דורות געבליבען שטרענג קאָטוילישׁ און טריי צום קעניג ביז'ן מארך פון די ביינער, וואָס בענוצט נאָך איצט די ליליע פון די בורבאָנען פאר א סימבּאָלישע בעציערונג.

דאָך, וויפיעל מלחמות און רעוואָלוציאָנען פראנקרייך האָט דאָס פאר דער צייט איבערגעלעבט! זיי האָבען געמאכט פון א קעניגרייך אַ רעפּובליק, פון אַ רעפּובליק אַן אימפעריע, פון דער אימפעריע נאָך צוויי מאָל אַ קעניגרייך, אַ נייע אימפעריע און ענדליך אַ נייע רעפּובליק. אָבער די ארמאַנטיערס זיינען

געבליבען, ווי זיי זיינען געווען, ווען זייערע אורעלטערען האָבען בעקומען זייער אדעלסבריעף פון די הענט פון דעם זיבענטען קאַרל און האָבען בייגעוואוינט זשאַן ד'אַרק'ס צוג נאָך ריימס.

אָבער וואָס זאָל אונטעראָפיציר וואָלף ־דערפון וויסען, וואָלף פון דער אכטער קאָמפּאניע פון ביבעריך, וואָס וואַרט נאָר אויף זיין ציווילפּענסיאָן, און וואָס וואָלט געלאָזען פראנקרייך צורוה, ווען מען הייסט איהם ניט שיסען אויף די רויטע הויזען! ער זעהט נאָר דאָס געברוינטע ברויט, די ווייכגעקאָכטע אייער און דעם טהיי. אויף דעם דאַרף ער אכטונג געבען, דען דער קאָמאנדיר לייִדט פון גאַלשטיינער, און דער הערר שטאַבּאַרצט האָט איהם פעראָרדענט א שטרענגע דיעט. ווען אזא גאַלשטיין לאָזט פון זיך וויסען, איז וועה צו דעם גאַנצען רעגימענט! דאָס גאַנצע איינגעמען פון טראָיאָן קען נאָך צוליעב אזא גאַלשטיין שענדליך דורכפאַלען, דענקט אונטעראָפיציר וואָלף.

זיינע געדאַנקען ווערען איבערגעריסען, ווען ער דערהערט די שטים פון דעם קאָמאנדיר פון דערבייאיגען צימער:

— אונטעראָפיציר!

— הערר קאָמאנדיר?

—עפּעס נייעס? איז דאָ ווער געווען? מיר דוכט, איך האָב דאָ וועמען געהערט רעדען.

— קאַפּיטאַן אדאָלף פון דער אכטער.

— וואָס האָט דער הערר קאַפּיטאַן געוואָלט?

— ער האָט געבראַכט א מעלדונג, הערר קאָמאנדיר.

— א מעלדונג? גיט דאָס מיר גלייך אהער!

דורך די ראַהם פון טיר זעהט זיך די האָריגע האַנט פון קאָמאנדיר. ער האָט נאָך ניט אָנגעטאָן זיין מונדיר.

דער אונטעראָפיציר לויפט צום טיש, וואו אדאָלף האָט אוועקגעלעגט די מעלדונג, און לויפט דערמיט ־דאַן צום טיר. אָנגעטאָן און נעמט זיין טהיי. זיינע אויגען קענען זיך ניט אָברייסען פון דעם פּאַפּיר, וואָס קאַפּיטאַן אדאָלף האָט געבראַכט. ער האָט היינט, ווייזט אויס, אין גאַנצען פערגעסען אָן זיינע גאַלשטיינער. דאָס ברויט איז דאָך טאַקי ניט גענוג געברוינט, און דער הערר קאָמאנדיר בעמערקט דאָס גאָרניט, קלערט אונטעראָפיציר וואָלף.

פּלוצלונג רייסט זיך ארויס פון דעם קאָמאנדיר'ס ליפּען:

— אָבער דאָס ענדערט דאָך מיט איין מאָל די גאַנצע סיטואַציאָן!

אָן ערשטוינטער הויבט אונטעראָפיציר וואָלף אויף זיינע

אוינען. זאָל דאָס מעגליך זײן, אז קאַפּיטאַן אדאָלף פון דער אַכטער זאָל ברענגען אזא אויסערגעװעהנליך װיכטיגע מעל־דונג? א מעלדונג, צוליעב װעלכער דער קאָמאַנדיר האָט פער־געסען אָן זײנע גאַלשטײנער! נו, געװױס, אויב די מעלדונג קומט דורך א לופטפליהער פון דער אויפקלערונגסדיענסט, דאַן מוז זי טאַקי זײן זעהר א װיכטיגע!

דער קאָמאַנדיר װענדט זיך צו װאָלף:

— איך האָב געהײסען די אָפיצירען פון שטאַב קומען אהער אום זיעבען?

— אום זיעבען, הערר קאָמאַנדיר!

— און װיפיעל איז איצט?

— דרײ מינוט פאר זיעבען, הערר קאָמאַנדיר.

— מיר דוכט, איך הער שוין זײערע טריט.

— דאָס זײנען די הערען.

III

דער רעגימענט שטאַב קומט אַרײן. זײ געהען אין שטרענגער אָרדנונג נאָך דעם דיענסטאַלטער. אפילו דאָ אין פעלד, שטעה־ענדיג אנטקעגען דעם שונא! צוערשט קומט מאַיאָר פאָן בער־קערסבורג פון צװײטען באַטאַליאָן, דאַן בראַון פון ערשטען, דאַן האַטינגער פון דריטען. הינטער זײ געהען די אדיוטאַנטען: אױ־בערלײטענאַנט פאָן שענער, רעגימענטס אדיוטאַנט, און די לײ־טענאַנטען האַמאַן, שלאָסער און פריצעװיץ. זײ אלע פערנײגען זיך פאר דעם קאָמאַנדיר.

— גוטען מאָרגען, מײנע הערען!

— גוטען מאָרגען, הערר קאָמאַנדיר!

— גוט געשלאָפען?

— א דאַנק, הערר קאָמאַנדיר!

— מיר האָבען זיך געפיהלט אײנפאך װי גאָט אין פראַנק־רײך, — האָט זיך מאַיאָר פאָן בערקערסבורג, אלס עלטסטער אין דיענסט, ערלויבט א װיץ.

דער שטאַב האָט זיך אויסגעזעצט נאָך דער אָרדנונג פון ראַנג: בערקערסבורג צו דער רעכטער האַנט פון קאָמאַנדיר, בראַון — צו דער לינקער; דאַן האַטינגער, פאָן שענער, האַמאַן, שלאָסער און גאַנץ אונטען בײם טיש דער קלײנער פריצעװיץ, װעמעס לינקע אויג איז װי צוזאַמענגעװאַקסען מיט'ן מאָנאָקל, װאָס ער טראָגט אויף איהם.

— אויב די הערען װילען רויכערען, האָב איך גאָר ניט

געגען דעם, — זאָגט דער קאָמאַנדיר, ארויסנעמענדיג פון פּאָרט־סיגאר א גוטע האוואנא. יעדערער איילט צו געבען איהם פייער, אָבער דער קליינער פּריצעוויץ איז פלינקער פון אלעמען. ער איז פריהער געווען א קאוואלעריסט, נאָר מ׳האָט איהם בעשטראָפט פאר געוויסע שולדען, איבערפיהרענדיג איהם אין אינפאַנטעריע.

די ציגארען און ציגארעטען ברענען און פילען אן מיט רויך דעם זאל פון דעם מארקיז ד׳ארמאנטיער, אין וועלכען עס איז געווען שטרענג פערבאָטען צו רויכערען. ווען לאביש וואָלט דאָס געזעהן! אָבער לאביש זיצט מיט זיין אלטער אונטען אין קיך און שאָקעלט מיט׳ן גרויען קאָפּ.

ווען די הערען פון שטאב זיינען אריין אין צימער, איז אונטעראָפיציר וואָלף, אויף א וואונק פון קאָמאַנדיר, ארויסגע־גאנגען.

— מיינע הערען, — זאָגט דער קאָמאַנדיר, — די גאנצע לאגע האָט זיך מיט איין מאָל גרינדליך געענדערט, און אלע בעשלוסען, וואָס מיר האָבען נעכטען אָווענד אָנגענומען, פער־לירען זייער ווערט.

אלע קוקען געשפּאַנט אויף דעם קאָמאַנדיר. ביים קליינעם פּריצעוויץ פאלט דאָס מאָנאָקל ארויס פון דעם לינקען אויג, א גליק, וואָס דאָס הענגט ביי איהם אויף א שמאָלען זיידענעם שנור. פון גרויסער ערשטוינונג און צומישונג נעמט ער ארויס פון קעשענע די נאָגעלפייל און נעמט זיך נערוועז צו זיינע פינגער. ער קען איבערהויפּט ניט פערטראָגען קיין קריעגסראט, און איצט קלערט ער ליעבער וועגען זיין פערד. מען האָט איהם, א דאנק גאט, איבערגעלאָזען א פערד, ווען מען האָט איהם בעזעצט צווישען די „זאמדהאָזען“, ווי זיינע אולאנען פלעגען רופען די אינפאנטעריסטען.

— יע, אלץ ווערט גרינדליך געענדערט, — ווידערהאָלט דער קאָמאַנדיר, — קאפּיטאן אדאָלף פון דער אכטער האָט מיר געבראכט אָט דעם קאָרפּוס בעפעהל.

— קאפּיטאן אדאָלף? — פרעגט איבער מאיאָר פאָן בער־קערסבורג.

— יע, הערר מאיאָר, קאפּיטאן אדאָלף. דאָס וואונדערט אייך?

— די פיינדליכע פּארפּאסטען וואָלטען דאָך ניט דורכגעלאָ־זען קיין מעלדונגס רייטער ביז וויטרי. די מעלדונג איז וואהר־שיינליך געקומען דורך א לופטפליהער.

— עס ווייזט אויס אזוי, הערר מאיאָר, — ענטפערט דער

קאָמאַנדיר אביסעל אויפגערעגט. מאַיאָר פאָן בערקערסבורג בע־מערקט דאָס און ווערט אנטשוויגען.

— די זאך שיינט מיר צו זיין פון דער העכסטער וויכטיג־קייט, מיינע הערען, — זאָגט דער קאָמאַנדיר, און ווידער ווערען די געזיכטער ערנסט און געשפּאַנט. — די מעלדונג דערצעהלט, אז מען האָט בעמערקט שטאַרקע פיינדליכע קאָלאָנען, די צאָהל ווערט ניט אָנגעוויזען, וואָס בעוועגען זיך אין דער ריכטונג פון טראַיאָן. אונזער אויפגאבע, מיינע הערען, איז פערהאַלטען דעם שונא, ביז אונזער לינקער פליגעל וועט קענען ארומרינגלען די פעסטונג פון טראַיאָן. אונזער רעגימענט, ווי איהר ווייסט, מיי־נע הערען, איז דער איינציגער רעזערוו פאר דעם צוועק, ווייל אלע אנדערע טיילען זיינען פערנומען אין דער שלאכט ארום טראַיאָן.

— ריכטיג, הערר קאָמאַנדיר!

— אונזער אויפגאבע איז איינפאך און טראגיש, מיינע הערען.

ביי דעם ווארט „טראגיש“ געהט א לייכטער ציטער דורך די שלאנקע פיגור פון לייטענאנט האמאן. דער בעפעהל וועגען מאָביליזאציאָן האָט איהם געטראָפען אין מירען אויף זיין האָכ־צייטרייזע, ווען ער איז געווען פערהייראַט ערשט א וואָך. אין אזא לאנגע האָט דאָס ווארט „טראגיש“ פאר איהם א ביטערען נאָכגעשמאַק.

— מיר מוזען דעריבער בעזעצען דעם וואלד פון טראַיאָן, — זאָגט דער קאָמאַנדיר ווייטער אין א זעהר רוהיגען טאָן, — און פערהאַלטען דעם פיינד אזוי לאנג, ביז די פעסטונג פון טראַיאָן וועט אין גאנצען ניט זיין ארומגערינגעלט, ווען דאָס זאָל דויערען אפילו אן אייביגקייט, מיינע הערען!

— צו בעפעהל, הערר קאָמאַנדיר!

— מען דאַרף דעם פיינד פיהרען צו דער איבערצייגונג, אז אונזערע פּאָזיציאָנען זיינען פיעל שטאַרקערע. אין דעם וואלד וועט עס זיין גאנץ לייכט צו טהאָן.

— צו בעפעהל, הערר קאָמאַנדיר!

— דאָס הייסט, מיינע הערען, אז מיר מוזען שפּאָרען, שפּאָרען ביז צום לעצטען מאן און צו דער לעצטער קויל! אין אויפגעלעזטע שיצענליניען, מיט גרויסע שטרעקען צווישען, און שפּאָרען, שפּאָרען, שפּאָרען... מיר טרעטען ארוים קאמפּאַניען־ווייז... צוערשט איין קאָמפּאַניע... ווען זי איז פערניכטעט, טרעט אריין אנאנדער קאָמפּאַניע! פערשטאַנען, מיינע הערען?

— צו בעפעהל, הערר קאָמאַנדיר!

— איך ווידערהאָל: די הויפט זאַך איז — שפּאָרען, מיינע העררען, ביז צום לעצטען מאַן!

דער קאָמאַנדיר מאַכט א לאַנגע פּויזע און בייסט די ווייסע וואָנצעס. דאָס טהוט ער אַלעמאָל, ווען ער מוז זאָגען וועמען עס איז עפּעס, וואָס איז ניט אַנגענעהם. די אָפיציערען קענען שוין די געוואוינהייט זיינע. אזוי טהוט ער אַלעמאָל, ווען ער דאַרף וועמען אויסריידען אָדער קריטיקירען. נאָך א לאַנגען שווייגען זאָגט ער: — דאָס ערשטע באַטאַליאָן, וואָס וועט אַרויסטרעטען, וועט, לויט אַלע וואהרשיינליכקייטען, זיין פערלאָרען, מיינע העררען!

ווידער ווערט ער אַנטשוויגען. דאַן הויבט ער אָן לאַנגזאַם, ווי איינער, וואָס איז געצוואונגען אַרויסצוזאָגען א טויט־אורטייל:

— דאָס... דאָס...

מאַיאָר פאָן בערקערסבורג אונטערברעכט איהם פּלוצלונג. ער רעדט שנעל, ענטשלאָסען און אָהן הקדמות:

— איך בעט געהאָרזאַמסט, הערר קאָמאַנדיר, דעם פּאַרצוג אַרויסצוטרעטען דער ערשטער מיט מיין באַטאַליאָן!

א גליקליכער שמייכעל בעוויזט זיך אויף דעם קאָמאַנדיר'ס געזיכט. דער מאַיאָר האָט מיט זיין ראַשען בעשלוס איהם בעפרייט פון אַן אויפגאַבע, וועלכע איז פאַר איהם געווען זעהר שווער און אונאַנגענעהם.

— אויב איהר בעט מיך וועגען דעם אַליין, הערר מאַיאָר, וועל איך מיט פערגניגען ערפילען אייער ביטע. דאָס צווייטע באַטאַליאָן פון העררן פאָן בערקערסבורג מאַכט דעם אָנהויב. איך בין אָבער איבערצייגט, אַז דאָס ערשטע און דאָס דריטע וועלען זיין ניט ווייניגער מוטהיג און ענטשלאָסען.

— צו בעפעהל, הערר קאָמאַנדיר!

— צו בעפעהל, הערר קאָמאַנדיר!

דאָס איילען זיך די מאַיאָרען בראַון און האַטינגער צו געבען דעם קאָמאַנדיר זייער פערזיכערונג.

— וועט נאָך דעם צווייטען באַטאַליאָן געהן דאָס ערשטע, דאַן דאָס דריטע! און איצט, מיינע הערען, הורא פאַר זיין מאַיעסטעט!

— הורא! הורא! הורא!

דאָס הורא פון דעם מויל פון דעם אָרימען האַמאַן קלינגט אַביסעל דין. גראָד איצט דענקט ער וועגען א קאַרטעל וואָס ער

האָט ערשט ערהאַלטען פון זיין מאַטילדא, וואו זי שרייבט איהם וועגען אַלערליי שעהנע האָפנונגען און וועגען דער האָפנונג צו נאַט. און דאָ — איז גאָר די אויפגאַבע איינפאַך און טראַגיש!

דער קאָמאַנדיר האָט זיך אויפגעהויבען. ער דריקט אַלע הערדען די האַנט. דאַן געהט ער צום טיר און רופט אונטער־אפיציר וואָלף און הייסט איהם ברייננגען זיין „באָק". אַזוי רופט קאָמאַנדיר פאָן טראַוטמאַן אַלע פערד אין דיענסט.

— די זאַך וועט זיך נאָך אַביסעל פערציהען,—זאָגט מאַיאָר פאָן בערקערסבורג, נאָכדעם ווי דער קאָמאַנדיר איז ארויס־געגאַנגען. — מיר ווייסען פון דער ערפאַהרונג, אַז אַזעלכע מעל־דונגען קומען אָן צו פריה, אויב זיי שטעלען זיך איבערהויפּט ניט ארויס פאַר ליגען.

ביי דער בעמערקונג אָטמען אייניגע לייכטער אַב.

— איהר האָט דעריבער נאָך צייט, אויב איהר ווילט שיקען אהיים אַן אנזיכטס קאַרטעל. דאָ האָט איהר קאַרטען און טינט, ווי איהר זעהט, זעהר פיעל. איך ווילט זיך ניט, הערר האמאַן?

— איך שרייב שוין, הערר מאַיאָר!

—ביטע, גריסט פון מיר אייער יונגע פרוי, הערר לייטע־נאַנט!

— איך דאַנק ערגעבענסט פאַר די עהרע, מאַיאָר!

— ווי לאַנג זייט איהר דען געוועזען פערהייראַט, הערר האַ־מאַן, ווען דער קריעגסבעפעהל איז געקומען?

— פּונקט א וואָך, הערר מאַיאָר!

— ריכטיג, ריכטיג. מיין פרוי און איך זיינען דאָך געוועזען אויף דער האָכצייט. ווי אַזוי האָב איך דאָס גאָר געקענט פער־געסען! גריסט אייער פרוי!

— א דאַנק, הערר מאַיאָר!

אויך די אַנדערע האָבען זיך אנידערגעזעצט צו שרייבען. נאָר דער קליינער פּריצעוויץ שטעהט ביים קאַמין טיף פער־זונקען אין געדאַנקען און בעטראַכט דעם זייגער.

מאַיאָר פאָן בערקערסבורג געהט צו איהם צו. ער פיהלט ניט דעם מינדסטען פערלאַנג צו שרייבען נאָכאַמאָל אהיים, כאָטש ער האָט ערשט היינט אין דער פריה ערהאַלטען א לאַנגען בריעף פון פאַלקענשטיין. „גרים אדאָלף'ען", — איז געשטאַנען אין פּאָסטסקריפּטום. אַזוי ווי ער וואָלט נאָר ניט געוואוסט, אַז איהר לעצטער געדאַנק וועט זיין וועגען אדאָלף'ען, ניט וועגען איהם, נאָכדעם ווי ער האָט צוגעזעהן דאָס, וואָס ער האָט גע־זעהן... א וואָך, ווי האַמאַן, דאָס, דענקט ער, איז נאָך ווי עס

איז, אָבער דריי יאָהר, ווי ער, אַ ניין!... ווען מען איז צוואנציג יאָהר עלטער פון דער אויסערוועהלטער, און מען לייהט דעם פערשולדיגטען שוויגערפאָטער געלט...

—איהר האָט ניט צו וועמען צו שרייבען, פריצעוויץ? — פרעגט ער.

— ניין, הערר מאיאָר!

— איך אויך ניט!

מאיאָר בראון הויבט זיך אויף און זאָגט:

— זייט איהר פארטיג, מיינע העררען?

— צו בעפעהל, הערר מאיאָר!

— דאן בעט די העררען קאפיטאנען קומען צו מיר אין מיין קווארטיר.

— און איהר בעט מיינע קאפיטאנען צו מיר, הערר לייטענאנט, — זאָגט האטינגער.

— צו בעפעהל, הערר מאיאָר!

— איהר קענט בעטען מיינע העררען אהער, הערר לייטענאנט, דאָס איז דאָס איינפאכסטע, — ענטשיידט בערקערסבורג.

— גוטען אפעטיט! — מיט דעם קאזינאָ גרוס געהט מען זיך פאנאנדער. מאיאָר פאָן בערקערסבורג בלייבט אליין.

V

דער מאיאָר נעמט דעם צאַיס־בינאָקל, וואס הענגט ביי איהם אלעמאָל איבער'ן אקסעל אין א געלען לעדערנעם שיידעל אויף א געלען רימען, און געהט צום פענסטער. פון דאנען קען מען ווייט זעהן דעם שעהנעם טהאָל פון מאאס. די אויסזיכט פון שלאָס מאנמירוואר האָט אלעמאָל ענטציקט מארקיז ד'ארמאנטיער און זיינע געסט. בעזונדערס אין די שעהנע הערבסט טעג, ווען די זון ראנגעלט זיך פון אין דער פריה מיט א לייכטען נעבעל, וואס שטייגט ארויף פון טייך, און קומט דאן זיעגרייך ארויס פון דעם ים פון נעבעל און ווארפט בינטלעך שטראהלען אויף די גאָלדענע בלעטער אין די וועלדער פון די ארומיגע בערגלעך. אָבער דאָס אויג פון מאיאָר, פערשארפט דורך די שטארקע גלעזער, זעהט ניט דעם רייז פון דער וואונדערבארער געגענד, וועלכע קען אין איהר הערבסט שעהנקייט בעגייסטערען א דיכטער צו אן אָדע אין סטיל פון אנאַקרעאָן. פון אזעלכע זאכען דענקט ניט דער מאיאָר. זיין אויג זוכט די פעסטונג פון טראַיאָן, וועלכע שטעהט איצט אונטער דעם פייער פון די שווערע מער־

זער. דער מאיאר איז זעהר שטאלץ אויף אט די צושטערונגס
מאשינען, ווי ער וואלט אליין געווען דער גייסטיגער פאטער
פון דער אידעע צו שאפען אזעלכע קאנאנען, וואס קענען צו־
האקען די דיקסטע ווענט פון בעטאן און די שטאהלפלאטען פון
פאנצערטורעמס.

ער איז דאך אליין געשטאנען אונטער ליעזש און האט גע־
זעהן, ווי לאנסען איז צופאלען אין שטויב.

צוויי און דרייסיג טויזענד מארק קאסט איין איינציגער
שאס.

ווי א דונער טראגט ער זיך איבער דער ערד. אין די דערפער,
וואס זיינען עטליכע קילאמעטער ווייט, ווערען די פענסטער־
שויבען אויסגעקלאפט, און די מאנשאפט, וואס בעדיענט די
מערזערען, ווערט נאך עטליכע אזעלכע שאסען טויב.

פון אט דער קאלאסאלער ארבייט דענקט מאיאר פאן בער־
קערסבורג, שטעהענדיג ביים פענסטער פון שלאס מאנמירואר
און בעטראכטענדיג די געגענד דורך זיין צאים. ער שטעלט אן
די גלעזער אויף דעם לינקען פאנצערטורעם פון איין פארט פון
טראיאן.

— דאס איז געווען אביסעל א שאס! — דעם מאיאר'ס
הארץ ווערט איבערפילט מיט פרייד, ווען ער קאנסטאטירט דעם
שרעקליכען פאקט.

טראיאן ברענט. א גרויסע פרייד נעמט ארום זיין נשמה.
אבער פלוצלונג כאפט ער זיך צו זיין מונדיר און וויל עפנען דעם
קראגען. עס איז צום דערשטיקט ווערען, ווי עפעס אן אונזיכט־
בארע האנט וואלט איהם געווארגען, ניט קוקענדיג אויף די
יובעלענדע פרייד, וואס האט איהם ארומגענומען, ווען ער האט
דערזעהן, אז טראיאן ברענט.

ער שטעלט אוועק זיין בינאקל אויפ'ן פענסטער. מיט דער
רעכטער האנט, אין וועלכער ער האט געהאלטען דאס פעלדגלאז,
נעמט ער זוכען אין די קעשענעס פון זיין מונדיר. מיט ציטע־
רענדע הענט נעמט ער ארויס א בריעף, לויפט דורך נאכאמאל
מיט די אויגען און רעדט ארויס צווישען די צייהן:

— עס איז אונמעגליך צו גלויבען, אונמעגליך, ווען מען
זעהט דאס ניט מיט די אייגענע אויגען! פרויען... פרויען...

ער וויל מעלאניע'ס בריעף צוזאמענקנוילען און אוועקוואר־
פען ווייט פון זיך אין טהאל פון מאאס, דארט, וואו די דערפער
ברענען. דאן אבער בעדענקט ער זיך, לעגט איהם זארגפעלטיג
צונויף, לעגט איהם אריין אין קאנווערט און בעהאלט איהם אין

קעשענע פון מונדיר. רוהיג וויל ער זיין, אויספארשען די זאך גרינדליך און דאן האנדלען.

אדאלף וועט דאך זיכער קומען. ער האט געוויס נאכגע־פרעגט ביים וועלאסיפעדיסט, וואס האט געבראכט דעם בריעף, צי עס איז ניט געווען וואס פון פאלקענשטיין, און ער וועט קו־מען. ביז דאן, — רוהיג זיין. און דאן וועט ער שוין האנדלען. דאס לעבען פון נאנצען באטאליאן איז דאך היינט אין זיינע הענט! דאן, דאן!

מעכאניש געהט ער צום טיר און דריקט דאס עלעקטרישע גלעקעל. עס איז איהם טרוקען אין האלז, ניט צוויסצוהאלטען. דער קעלער פון שלאס מאנמירואר איז פול מיט די בעסטע ווייגען, דאס האט איהם קאמאנדיר פאן טראוטמאן אליין דער־צעהלט, פאן טראוטמאן, וועמען עס איז פערבאטען צו טרינקען וויין, צוליעב זיינע גאלשטיינער, נאר פאכינגער, פאכינגער האט מען ספעציעל פאר איהם מיטגענומען אין באגאזשוואגען.

אין א ווייל ארום קומט אריין לאביש.

— וואוז אוועי סאנעי, איהר האט געקלינגען, מאנסיע?

— יע, איך האב געקלונגען.

דער מאיאר רעדט פראנצויזיש מיט אזא שרעקליכען אק־צענט, אז דאס ווירקט אויף די נערווען פון דעם ארימען לאביש. נאך אזא רעדען, קלערט ער, איז דעם אונטעראפיציר'ס געברא־בענער פראנצויזיש אן אמת'ע ערהאלונג. דעם מאיאר'ס פראנ־צויזיש האט דעם הארטען טאן, וועלכען זיין שטים האט גע־מוזט אננעמען נאך אזוי פיעל יאהרען אויף די איבונגספלעצער און אין די קאזארמען.

דער מאיאר נעהט ארויס פון זיין ראל. ער פערגעסט, וואו ער געפינט זיך און מיט וועמען ער רעדט. זיינע געדאנקען זיינען שוין ווידער ביי אדאלף'ן און מעלאניע'ן און דעם פאלשען בריעף, וואס ער האט היינט בעקומען פון פאלקענשטיין.

— האט איהר סעקט, מיין פריינד?

— איך פערשטעה ניט, מיין הערר! סעקט! וואס איז דאס אזוינס — סעקט?

— שאמפאן, שאמפאן, מאן אמי!

— א געוויס, מאנסיע, איך וועל געהן זוכען.

לאביש געהט ארויס.

דער מאיאר שטעהט ווידער ביים פענסטער. טראיאן ברענט, ברענט מיט א העלען פייער, דאס איז אביסעל געווען א שאס! א רויך בעוויזט זיך פון פאנצערטורעם. ער וועט צופאלען און

בעגראָבען אונטער זיך דעם גאַנצען גאַרניזאָן. וויפיעל קענען דאָרט זיין? צוויי הונדערט און פופציג, ניט וועניגער, — שמייכעלט ער מיט צופריעדענהייט. מיט דעם שאָס וועלען מיר שוין דעקען די קאָסטען, ווען דער טורעם וועט איינפאַלען, אמת, אביסעל טייער, צו הונדערט מאַרק א מאַן, אָבער דער טורעם איז דאָך אויך עפּעס ווערט!

דער אריינקומענדער לאַביש אונטערברעכט זיינע חשבונות. ער טראָגט אויף א זילבערנער פּלאַטע א פלאַש שאַמפּאַניער און א באָקאַל פון בעהמישען קריסטאַל. לאַביש גיסט אָן דעם באָקאַל, און דער מאיאָר טרינקט אויס אין איין אָטעמצוג. עס איז איהם איצט, ווי ער וואָלט דאָס ווערגעניש אראָבגעשלונגען צוזאַמען מיט דעם וויין. לאַביש גיסט נאָכאַמאָל אָן און געהט צום טיר.

— וואַרט, מיין פריינד, אזוי געהט ניט!

לאַביש קערט זיך אום ביים טיר.

— איהר פערלאַנגט וואָס, מאָנסיע? נאָך א פלאַש?

— ניין, ניין, — אָבער מיר בעצאָהלען פאַר אַלץ, נאַט, נעמט, מיין פריינד! — ער גיט איהם פינף פראַנק.

— א גרויסען דאַנק, מאָנסיע!

אויף דער מטבעה איז דאָס בילד פון לואי פיליפּ, דעם בירגער קעניג! ווי אָפט דאָס בייטען זיך די רעגיערונגען אין פראַנקרייך, קלערט דער מאיאָר, פראַנקרייך בייט זיי, ווי מען בייט די זאָקען. לואי פיליפּ, דער בירגער קעניג. ווי לאַנג צוריק איז דאָס געווען?

לאַביש איז שוין ארויסגעגאַנגען.

דער מאיאָר וויל זיך דערמאָנען אַלץ וואָס ער האָט געלערענט אין קאַדעטען קאָרפּוס. לואי פיליפּ, דער בירגערקעניג, דאָס האָט געמוזט זיין אין מיטען פון פאָריגען יאָהרהונדערט, בעשליסט ער. אָדער נאָך פריהער? ריכטיג, אין די דרייסיגער יאָהרען. איבריגענס, דאָס איז דאָך אַלץ איינס. יעדענפאַלס, פריהער איידער נאַפּאָלעאָן האָט געמאַכט זיין שטאאַטסשטרייך און די צווייטע אימפּעריע איז געגרינדעט געוואָרען, מיט וועלכער מיר זיינען פאַרטיג געוואָרען ביי סעדאַן. די פראַנצויזישע נאַזקלאַנגען קלינגען פאַר דעם מאיאָר ווי פאַנפאַרען... זיין בליק וואַנדערט ווידער איבער דעם ברענענדען טראַיאַן.

פּלוצלונג דערהערט ער טריט אין דרויסען און דאַן אין קאָרידאָר פון שלאָס. ער קען די טריט צו גוט! ווי אָפט פלעגט ער אין היימישען גאַרניזאָן, אין זיין ווילא אויפ׳ן רחיין זיך איי־

פערזיכטיג צוהערן צו אט די טריט! דאָס זיינען אדאָלף'ס טריט.

— גוטען מאָרגען, בערקערסבורג!

— גוטען מאָרגען, אדאָלף!

ניט קוקענדיג אויף דעם אונטערשיעד אין יאָהרען און ראנג, זאָגען זיי זיך ביידע „דו“... זיי האָבען אמאָל אין א פרעהליכער מינוט געטרונקען ברודערשאפט. שולדיג אין דעם איז געווען דער מאיאָר, וועלכער האָט דאן, אונטער דער ווירקונג פון וויין, אנגעבאָטען דעם חבר דאָס פערטרויליכע „דו“.

— איך האָב דיך דאָ געזוכט, בערקערסבורג!

— זעהר שעהן פון דיר!

— יע, דער אלטער האָט דאָך אהער גערופען דעם שטאב, האָב איך געמיינט, אז דו ביזט נאָך דאָ.

— זעהר ליעבענסווירדיג! ריכטיג, דער אלטער האָט אויף זיעבען היינט גערופען אהער זיין שטאב... ווילסט אפשר טרינקען?

— ניין, א דאנק!

— נו, ווי דו ווילסט... אָבער מיר האָבען דאָס דאָ גענוג און ביליג. ווערסט אפשר מעהר אזא ביליגען סעקט ניט טרינקען, אלטער קאמעראד!

— דאָס קען זיין! — זאָגט דער קאפיטאן אין א רעזיגניר־טען טאָן.

האָט ער שוין עפעס דערהערט? ניין, ער האָט שוין אזא עלע־גישע נאטור... א מוזיקער, א ליריקער, קלערט בערקערסבורג און צוקט מיט די אקסלען.

— זעה! טראָיאן ברענט!

— ברענט?...

— קענסט אליין זעהן! נעם מיין בינאָקל.

אדאָלף שטעהט ביים פענסטער לעבען מאיאָר. ער בעטראכט די גאנצע געגענד. און דאָס ברענענדע טראָיאן שטייגט פאר זיינע בליקען ווי אן אָפפעראלטאר.

— אונזערע ברומער האָבען דאָס אויפגעטהאָן!

אדאָלף שווייגט. ער וויל געפינען אנאנדער טעמא פאר דעם געשפרעך און זאָגט:

— ווי רייך דאָס שלאָס מאָנמירואר מיט זיין פארק!... מען קען דאָ שטונדענלאנג טרוימען וועגען ווערסאל, טריאנאָן און די גודוויגען...

— ביזטו געקומען אהער, אדאָלף, אום דאָס מיר צו זאָגען?

איך האָב בעקומען א בריעף פון מעלאניע'ן, דו האָסט זיך וועגען דעם געוויס דערוואוסט אויף דער פעלדפּאָסט און ביזט צוליעב דעם געקומען, ניט אמת?

— געוויס בין איך צוליעב דעם געקומען!

העל און פריינדליך בליצען אויף די קלאָרע, ווארימע אויגען פון דעם קאפּיטאַן, און א לויערענד פייערל לויפט דורך אין די וואסערבלויע אויגען פון דעם מאיאָר.

— ווילסטו מיר ווייזען דעם בריעף?

— אָבער מיט דעם גרעסטען פערגניגען. מעלאניע און איך האָבען קיין געהיימניסען ניט פון דיר, קיין צערטליכקייטען... ניין, ניין... מיר זאָלען האָבען סודות פון דיר...

— דו ביזט היינט אזוי זאָנדערבאַר, בערקערסבורג!

— ווירקליך? ניין, נו האָסט א טעות!

— עס איז דאָך אזוי נאטירליך, דאָס איך, דיין אלטער קאמעראד און פריינד פון דיין הויז, וואָס האָט געהאט די עהרע צו פערקערען מיט אייך כמעט יעדען טאָג, זאָל זיך אינטערעסי־רען מיט נאכריכטען, וואָס קומען אָן פון פאלקענשטיין. גע־פינסטו דען ניט, אז דאָס איז גאנץ נאטירליך, מיין ליעבער בערקערסבורג?

— נו, געוויס האַלט איך דאס פאר גאנץ נאטירליך! וואס דען מיינסטו?... אָט, לעז! אָבער שנעלער, באלד וועט מען קומען. איך האָב גערופען אהער די הערען פון מיין באטאַ־ליאָן, וועגען א מעלדונג, וואָס דו, אדאָלף, האָסט אזוי דיענסט־אייפריג געבראכט...

— איז די מעלדונג ווירקליך געוועזען אזוי וויכטיג?

— פון דער גרעסטער וויכטיגקייט! מיר וועלען באלד וועגען דעם רעדען, אָבער איצט לעז. דעם אָרט וועגען די היהנער און טויבען, וואס זי פיטערט איצט אין פאלקענשטיין, מעגסטו אויסלאָזען. א ריינע אידיל! אויף פאלקענשטיין מיט דעם היהנערהויף און דעם אלטען, וואָס ליידט פון פּאָדאגרא!...

— דו דארפסט זיך פרעהען, בערקערסבורג, וואָס זי איז פרעהליך און געזונט און מונטער!

— דאס פרעהט מיך מאקי!

אדאָלף פערטיפט זיך אין בריעף, און דער מאיאר געהט ווי־דער צום פענסטער און שטעלט אָן זיין בינאָקל אויף דאס ברע־נענדע טראיאָן.

IV

— דו האסט געענדיגט? — פרעגט דער מאיאר אין עטליכע מינוטען ארום.

— יע, — ענטפערט אדאלף, צונויפלעגענדיג דעם בריעף פונקט ווי ער האט איהם גענומען פון מאיאר.

— נו?

— איך בין זעהר גליקליך!

— ווירקליך, אדאלף?

— יע, בערקערסבורג. איך פרעה מיך, וואס זי נעמט אלץ אן, ווי עפעס, וואס איז בעשערט. דאס איז דאך דאס איינציגע, וואס מיר קענען טאן אין אזא לאגע. מיך פרעהט אויך, וואס זי איז אריין אין לעבען דארט אין פאלקענשטיין.

— המ... און וואס די רוסען האבען נאך דארט ניט אבגעשטאט זייער וויזיט?

— דאס פרעהט מיך אויך: אבער וועגען דעם זארגט שוין הינדענבורג.

— דאס ווייזט טאקי אזוי אויס. אבער די הויפטזאך איז, אז ד ו ביזט גליקליך, דאס איז דאך געווען דער צוועק פון איהר בריעף. אדער ניט אפשר?

דער מאיאר האט שארף בעטאנט דאס ווארט „דו“. ווידער האט זיך אין זיינע וואסערבלויע אויגען בעוויזען עפעס לויערנדעס. אבער אדאלף האט דאס אין זיין גרענצלאזען צוטרויען צום עלטערען פריינד און אין דעם בעוואוסטזיין פון זיין פאלשטענדיגער אונשולדיגקייט ניט בעמערקט. דער מאיאר בייסט די עקען פון זיינע גרויסע וואנצען. פלוצלונג רייסט זיך ביי איהם ארויס:

— ה י י נ ט   ש ט ע ה ט   א ו נ ז   פ א ר   ד ע ר   ט ו י ט!

איין אויגענבליק קוקט איהם אדאלף אן מיט אן אונגלויבינגען, פרעגענדען בליק: דאן זאגט ער איינפאך:

— איך בין גרייט!

ביי די ווערטער קוקט דער מאיאר אויף איהם מיט אן אויספרואווענדען בליק, ווי וועלענדיג אריינדרינגען אין זיין הארץ, דאס איז א בליק, וואס זוכט אין דער טיף פון דעם צווייטען'ס נשמה, א בליק, מיט וועלכען דער מאיאר פרואווט אויס זיינע אונטערגעבענע, וועלכע מען האט פאר איהם דענונצירט. אדאלף קען דעם בליק גוט. קאלט און מיט א שמייכעל בעגעגענט ער איהם.

— ער וואָלט זיך דערשראָקען, — טראַכט דער מאַיאָר, — ווען ער וואָלט געווען מיט איהר פערבונדען, אָדער וואָלט גע־האַפּט אויף איהר ליעבע, געטרוימט צוריקצוקומען אין אירע אָרעמס. ער וואָלט זיך דאַן זיכער דערשראָקען, ווי האַמאַן האָט זיך דערשראָקען און האָט געציטערט, ווען ער האָט א טראַכט געטאָן וועגען זיין יונגער פרוי. אָדער איז ער אַזאַ מייסטער אין דער קונסט פון פערשטעלען זיך? אָדער האָט ער נאָך האָפ־נונג? אפשר גלויבט ער מיר גאָר ניט? — דער מאַיאָר ווידער־האָלט:

— דער טויט שטעהט פאָר, אַלטער פריינד! נאָך היינט!
— ווידער וואַרפט ער אויף איהם אַן אויספרואוועגדען בליק.

נאָר אַדאָלף ענטפערט קאַלט און רוהיג:

— איך האָב דיך זעהר גוט פערשטאַנען, בערקערסבורג, דער טויט שטעהט פאָר, און איך בין גרייט. דאָס ווייס דאָך יע־דערער, דערצו איז דאָך יעדערער גרייט, וואָס איז גענומען געוואָרען אין דעם איצטיגען קריעג.

— אין דעם א י צ ט י ג ע ן? איז דער איצטיגער קריעג פערשידען פון אַנדערע, אַדאָלף?

— יע, דער איצטיגער קריעג איז אַן אַנדערער.

— וואָס מיינסטו דערמיט?

— איך מיין מיט דעם אָט וואָס: אין דעם איצטיגען קריעג איז וויכטיג די צאָהל, ניט דער מוט און די קראַפט.

ערשטוינט קוקט דער מאַיאָר אָן דעם קאַפּיטאַן.

— נאָר די צאָהל?

— דו האָסט מיך ריכטיג פערשטאַנען, בערקערסבורג, מיר אַלע זיינען נאָר צאָהלען. די ערשטע צאַהלען שטעהען אויף דעם פערלוסט־קאָנטאָ, אפשר וועלען די לעצטע צאָהלען קומען אויף דאָס קאָנטאָ פון זיעג. אַלץ וועט אָבהענגען פון דעם, ווער עס וועט האָבען אָט די לעצטע צאָהלען.

— אַזוי פערשטעהסטו דאָס, אַדאָלף?

— אַזוי און נאָר אַזוי. ווער עס וועט האָבען די לעצטע רע־זערוועז, דער, און נאָר דער וועט זיעגען אין דעם קריעג. טראָ־יאַן ברענט, ברענט דורך עפּעס א מאַשין. מאַשינען דאַרפען ניט קיין העלדען, זיי דאַרפען נאָר צאָהלען. דאָס איז מיין מיי־נונג. קריעג געגען מאַשינען איז שוין אַליין אַן אונזיניגע זאַך, בערקערסבורג.

דער מאַיאָר ווערט אויפגערעגט:

— מיר דאַרפען דאָ ניט קריטיקירען, אַדאָלף!

— איך האַלט מיך צוריק פון יעדער קריטיק, בערקערס־בורג! איך קאָנסטאַטיר נאָר פאַקטען. די ענטשיידענדע פאַקטאָרען זיינען דאָ פאַנצערטורעמס און מערזער, ניט מוט און קראַפט, און וועניגער פון אַלץ געניאַליטעט.

— אַזוי...

— יע... און דעריבער בין איך גרייט! דאָס איז אַ שפּיעל, ניט מעהר. אָבער די איינזאַצען זיינען פערשידען, ווייל איין לעבען איז ניט גלייך צו אַ צווייטען!

— וואָס מיינסטו דערמיט?

— נו, דאָס זאָל שוין דיין שאַרפזין ענטשיידען. דער הינדו און דער טורקאָ, דער דייטשער געלעהרטער און דער מיטגליעד פון פּאַריזער אַקאַדעמיע, ווען מען האָט דאָ בעוואָפענט און געשטעלט איינעם געגען דעם צווייטען, זיינען, דוכט מיר, ניט קיין גלייכע איינזאַצען. איך ווער ניט בעגייסטערט פון אַ שפּיעל, אין וועלכער איינער שטעלט איין אַ ארבעס, און דער אנדערער — אַ גאָלדשטיק. אָבער צו דער זאַך! הייסט דאָס, שטעהט היינט פאָר צו שטאַרבען, זאָגסטו?

— יע, די מעלדונג...

— וועלכע איך האָב געבראַכט?

— גאַנץ ריכטיג, די מעלדונג, וואָס דו האָסט געבראַכט, דערצעהלט, אַז אונזער אויפקלערונגסדיענסט האָט בעמערקט אַ בעוועגונג פון שטאַרקע פיינדליכע קאָלאָנען הינטער דעם וואַלד פון טראַיאָן. אונזער רעגימענט האָט בעקומען אַ בעפעהל צו בעזעצען דעם וואַלד און אויפצוהאַלטען דעם פיינד, ביז אונזער לינקער פליגעל וועט ארומרינגלען די פעסטונג פון טראַיאָן. אפילו ווען דאָס זאָל דויערן אַן אייביגקייט, אַזוי האָט דער אַלטער געזאָגט. פערשטאַנען?

— פאָלשטענדיג, בערקערסבורג!

— איך האָב געבעטען די ערלויבניש אָנצוהויבען מיט מיין באַטאַליאָן די בעזעצונג פון וואַלד, אַדאָלף.

— דו האָסט גוט געטאָן. איך וואָלט אויף דיין אָרט אויך ניט אַנדערש געהאַנדעלט. ווען די אָדער אַן אַנדער צאָהל וועט ארויסשפּרינגען פון קעסטעל, איז דאָך, אין גרונד גענומען, אַלץ איינס. זי שפּרינגט ארויס פריהער אָדער שפּעטער, דאָס איז אונז גענוג צו וויסען און זיך מיט דעם רעכנען, בערקערסבורג.

— מען וועט מוזען שפּאַרען, זאָגט דער אַלטער, שפּאַרען ביז צום לעצטען מאַן, ביז צו דער לעצטער קויל. קאָמפּאַניענווייז וועלען מיר געהן, פערשטעהסט, אַדאָלף? ווען איין קאָמ־

פאניע איז אין גאנצען פערניכטעט, דאן ערשט טרעט אריין אן אנדערע. מיר מוזען דעם פיינד אבנארען וועגען אונזערע קרעפטען, ער זאל גלויבען, אז אונזער מאכט אין וואלד איז זעהר גרויס. איין סאלדאט נאך דעם אנדערען, איין שאס נאכ'ן צווייטען, ניט מיט אמאל, אום מיר זאלען זיך קענען האלטען וואס לענגער!

— יע, איך פערשטעה דיך זעהר גוט, בערקערסבורג, און איך בין גרייט.

ווידער דער זוכענדער, פארשטענדער בליק פון די וואסער־בלויע אויגען פון מאיאר, דער בליק וויל אריינדרינגען אין דעם קאפיטאן'ס נשמה, אבער אויף זיין געזיכט זעהט מען גארניט: קיין שרעק, קיין אנגסט, קיין לײדענשאפט! ניט פרייד אדער צופרידענהייט, ניט מוט און ענטשלאסענהייט, ניט קאמפס־לוסט, — גארניט, גארניט! ער איז איינפאך גרייט, ווי ער זאגט, און מעהר גארניט.

דער מאיאר גיט ענדליך אויף דעם פערזוך איבערצולעזען וואס אין די געזיכטסצוגען פון קאפיטאן, וואס זיינען ווי פער־שטיינערט. אבער זאל ער זארגען וועגען זיך! איהם, בערקערס־בורג'ען, וועלען איבערבלייבען די אלע טארטורען פון צווייפעל, ווען יענער וועט אוועקטראגען זיין געהיימנים מיט זיך אין קבר, און ער אליין וועט דעם טאג איבערלעבען. אבער צו וואס דאס איבערלעבען? א טייוועלשע בייזקייט כאפט איהם פלוצ־לונג ארום. אייגענטליך, יע, ער דארף דאס איבערלעבען, אום צו ברענגען איהר די נאכריכט פון זיין טויט, אום איהר צו קר־קען אין די אויגען, ווען ער וועט איהר זאגען: דארט, אין פראנקרייך'ס פרעמדער ערד, אין וואלד הינטער טראיאן, אין א מאסענגרוב, רוהט צוזאמען מיט הונדערטער און הונדערטער אנדערע... דיין פריינד!

אייגענטליך, יע... ווען... אבער קאמפאניעגווייז, דאס גאנצע באטאליאן, ביז צום לעצטען מאן, ביז צום מאיאר — ביז צו איהם אויך...

ער זאגט מעהר קיין ווארט ניט. ער פייפט צווישען די צייהן:

שטיוועל שטיוועל, דו מוזט שטארבען.
און ביזט נאך אזוי יונג, יונג, יונג —

אזא ליעד פאסט צו איהם, צו זיין שטימונג און צו זיין אבשאצונג פון מענשען!

אדאלף שוידערט אויף, אזא ציניזם רופט ביי איהם ארויס עקעל, אבער נאר אויף איין אויגענבליק. ער קען בערקערס־

בורג׳ען. אין דעם בעשטעהט דאָך בערקערסבורג׳ס טראגעדיע, דאָס הייסט, זיינע, איהרע און זיין אייגענע, וואָס בערקערסבורג איז אזא מענש, און ניט קיין אנדערער, אויף דעם גרונד פערצייהט ער איהם איצט זיין ליעד.

— נו, פילאָסאָף?

— אויב דו ווילסט מיך אזוי רופען, בערקערסבורג...

— ביטע, איך בין די אויפמערקזאמקיים אליין.

— דו טוסט מיר צופיעל עהרע! איך בין נאָר א קינסטלער, אדער קוים א קינסטלער, א דילעטאנט אין בעסטען פאל, בערקערסבורג, אָבער איך ליעב מיין קונסט!

— איך וויים: טאלי, טאלי...

— אויב דו קענסט ארומנעמען קונסט אין אזוי וועניג טענער, בעוואונדער איך דיך, בערקערסבורג... איך בין אזוי דאנקבאר, וואָס איך קען היינט ניט זיין אין כעס.

— וועמען ביזטו דאנקבאר? אפשר מיר? אדער דער סיטואציאָן, אין וועלכער מיר געפינען זיך היינט? רעד!

— דעם לעבען בין איך דאנקבאר, בערקערסבורג, און דעם שיקזאל! דעם לעבען דערפאר, וואָס ער האָט מיר נאָך גענעבען היינט, דעם שיקזאל, ווייל עס האָט מיך געבראכט אהער, אין אָט דאָס לאנד און אין דעם איצטיגען קריעג!

— איך בין אויף דעם העכסטען גראד געשפאנט, פילאָסאָף, אונזער איינער דארף נאָך זעהר, זעהר פיעל לערנען, צום לערנען איז דאָך גאָר קיין גרענעצע ניטא! ביטע, רעד ווייטער אין דעמזעלבען טאָן!

— אויב דו ווילסט דאָס!

— איך זאָג דאָך דיר!

— וועסטו מיך פערשטעהן, בערקערסבורג, ווען איך זאָג דיר, אז אָט די צייט האָט אין מיר פעראורזאכט אן איבערראשונג פון אלע ווערטען?

— דאָס איז פאר מיר צו הויך, אדאָלף!

— ווען דו וואָלסט זיך נאָר נעגעבען די מיה וועגען דעם נאָכצודענקען! איך האָב אמאָל געהאט א וואונש, בערקערסבורג. איצט, אין דער לעצטער שעה פאר׳ן טויט דארף איך דאָס ניט פערשווייגען.

— וואָס מיינסטו? — פרעגט דער מאיאָר מיט א פערשטיקטען קול, — איבעריגענס, איך וויים וואָס דו מיינסט!

— נאָך בעסער! מיינע וואונשען, און בעזונדערס יענער וואונש, זיינען די לעצטע וואָכען געוואָרען אנדערע?

— אנדערע?

— יע, אַנדרעע, בערקערסבורג: די איצטיגע צייט, אין וועלכער מען קעמפט דאָך נאָר פאַר מאַטעריעלע זאַכען, האָט מיך געמאַכט גלייכגילטיג צו אַלץ, וואָס איז מאַטעריעל. בעזיץ איז פאַר מיר אַ בעגליקענדע אידעע געוואָרען, ליעבע — נאָר אַ שטימונג פול זעליגקייט, פריינדשאַפט — גליק, וואָס ליעגט אין מיר אַליין. קענסטו דאָס פערשטעהן, בערקערסבורג? אַלץ איז נאָר אַ קוואַל פון נייע טענער, נייע מעלאָדיען! און דאָס, וואָס איך קען דאָס ד י ר זאָגען, בערקערסבורג, ד י ר, אין אַנגעזיכט פון די מיט רויך בעדעקטע רואינען פון טראַיאָן, דאָס איז דאָס איינענטליך גרויסע אין דער איצטיגער שרעקליכער צייט, וועלכע איך וואָלט אַנדערש ניט געקענט פערטראַגען. און נאָך מעהר! איך ליעב דאָס לאַנד, אין וועלכען מיר צינדען דאָס פייער פון קריעג, אויף וועמעס ערד מיר דאַרפען הייטט פאַלען. איך קען אין זיך ניט געפינען די קראַפט פון דאָס, און דעריבער בין איך אַזוי גליקליך, פערשטעהסטו מיך?

— איך מיה מיך דיך נאָכצופאָלגען.

— טו דאָס, טו דאָס, בערקערסבורג! עס וועט זיך לויגען, אויב דאָס שיקזאַל וועט וועלען, אז דו זאָלסט נאָכאַמאָל זעהן די היימאַט. וואַקס אַריבער זיך אַליין, בערקערסבורג, דאָ, אויף דעם מיט בלוט פערטרונקענעם באָדען פון דעם לאַנד, וואָס איז געוועזען די וויעג פון אַלע גרויסע אידעען פון דער מענשהייט! אויך מיר וועלען דאָך נאָר פערזעעט ווערען אויף דעם באָדען, דו פערשטעהסט מיך?

דער מאַיאָר שווייגט. אַדאָלף׳ס עקסטאַז אינטערעסירט איהם ניט. דעם אמת, וועלכען ער וויל דערגעהן, קען ער ניט ערפאהרען פון אָט דעם מויל, קען ניט איבערלעזען אויף אָט די געזיכטסצוגען. ער דערפרעהט זיך, ווען ער דערהערט טריט אויף די טרעפּ פון מאָנמירואַר, דאָס זיינען די טריט פון די קאַפּיטאַנען, וועלכע דער אַדיוטאַנט האָט געבראַכט אהער צו אַ קורצער בעראַטונג. די קאַפּיטאַנען קומען אַריין, מעלער פון דער פינפטער קאָמפּאַניע, ברענערט פון דער זעקסטער און לאַכמאַן פון דער זיבענטער.

VI

די קאַנדידאַטען פון טויט פון דעם צווייטען באַטאַליאָן קומען אַריין מיט דיזעלביגע פאָרמאַליטעטען, ווי פריהער די הערערען פון שטאַב. אמת, זיי האָבען נאָך קיין אהנונג ניט וועגען דעם, וואָס זיי שטעהט פאָר: ברענערט, דער עלטסטער, האָט ניט קיין האָר אויף זיין קאָפּ, און זיין שטערן איז בעדעקט

מיט טיפע קנייטשען, קנייטשען זיינען אויך ארום די פעסט געשלאָסענע ליפען. ער האָט אין דער היים פיער קינדער און א לונגענקראנקע פרוי אין אראָזא. די קינדער וואקסען ווילד אונטער דער שוואכער אויפזיכט פון א הויזדאמע, אויף וועלכע מען קען זיך וועניג פערלאָזען, ווייל די קינדער פיהלען, אז זי איז נאָר א דיענסט אין הויז, און זי קען דעריבער אויף זיי קיין איינפלוס ניט האָבען.

מעלער ווידער איז א בילד פון בליהענדער געזונדהייט. ער איז די „קעגעלקוגעל" פון באטאליאָן. ער איז ווירקליך אזוי רונד, און עלאסטיש ווי גומי, און כמעט אזוי ברייט ווי לאנג. ביי די פאראדען האָט ער אלע מאָל געשפיעלט א מיזעראבעלע ראָל. עס איז געווען א מאטערניש מיט איהם, ווען ער איז נאָך געווען אויבערלייטענאנט און פלעגט מוזען שטעלען מיט זיינע קורצע פיס דריי טריט אין פראָנט — אין פאראד! ער פלעגט קאָמפראָמעטירען די גאנצע קאמפאניע. פון ריכטונג און האלטונג האָט ער ניט אָנגעהויבען צו וויסען. אָבער ער איז א טרייער חבר. מעלער איז אן אלטער בחור צוליעב דער איינפאכער אורזאך, דאָס אלע רייכע און מעהר אָדער וועניגער פאסענדע כלות אין גאָרניזאָן פלעגען איהם אָבזאָגען, ניט קורקענדיג אויף זיין גאנצע פאָרזיכטיגקייט אין אזעלכע זאכען. איצט האָט ער אין גאנצען אויפגעהערט זוכען כלות, איז מיט לייב און לעבען פערטאָן אין קאזינא־לעבען, האָט דאָס ערקלערט פאר א מין פערפעטואום און פיהלט זיך זעהר גוט. אמת, פון די פיעלע „עכטע" ווייגען ווערט איהם פון יאָהר צו יאָהר אלץ שווערער אויסצוקלייבען זיך א פערד. די מלחמה איז דעריבער פאר איהם איינפאך א גליק, וואָס איז מעהר ווערט, ווי זיעבען קורען אין מאריענבאד.

זיין היפוך אין יעדער בעציהונג איז לאכמאן. די סאָלדאטען פון זיין קאָמפאניע רופען איהם „ווינטהונט". ער איז לאנג און דאר, ווי א שטעקען, זעהט אויס ווי אן ענגלישער טענים־שפיעלער און האָט אין זיין יוגענד געוואוינט אין האמבורג די שווערסטע מאטשעס. ער טראָגט ניט קיין באָרד און רייט אויף א רויטען פערד, וואָס שטאמט אָב פון א דערביזיעגער.

מיט דער ציגאר צווישען די צייהן זאָגט דער מאיאָר:

— איך בעט אייך, מיינע הערען, זיך זעצען!

די „קעגעלקוגעל" וויל, ווי געווערנליך, זאָגען עפּעס א וויץ, אָבער דער וויץ בלייבט אויף זיינע ליפען. בערקערסבורג האָט ארויסגערעדט די פריינדליכע ווערטער מיט א טאָן, וועלכער

האט אלעמען געווירקט אויף די נערוועז. אין זיין פייערליכער איינלאדונג צו זעצען זיך איז געווען עפעס, וואס איז ניט ענלעך געווען צו דעם מאיאר׳ס געוועהנליכער איינלייטונג אויף בעראטונגען. אלע האבען דאס באלד דערפיהלט.

אדאלף האט זיך ניט געזעצט. ער שטעהט ביים פענסטער און קוקט ארויס אויף דאס ברענענדע טראיאן. ער ווייס, וואס דער מאיאר וועט פארברענגען.

בערקערסבורג ווערט נערוועז.

— ווילסטו זיך ניט זעצען, אדאלף?

— געוויס.

מעכאניש פאלגט ער דעם מאיאר׳ס אויפפאדערונג. דער מאיאר זאגט:

— מיינע הערדען! אויף דעם בעפעהל פון דעם הערן קאמאנדיר דארף איך אייך דאס פאלגענדע בעקאנטמאכען. הערר קאפיטאן אדאלף האט געבראכט דעם הערן קאמאנדיר א פליהער־מעלדונג, וואס ענדערט אין גאנצען אלע דיספאזיציאנען פון דעם רעגימענט.

די דריי קאפיטאנען קוקען מיט פרעגענדע בליקען אויף דעם מאיאר.

נאר אדאלף׳ס בליק וואנדערט איבער דעם פריהשטיקסזאל פון מארקיז ד׳ארמאנטיער און פאלט ענדליך אויף דעם זייגער, וואס שטעהט אויף׳ן מארמאר־קאמין. אויף דעם ציפערבלאט פערשווינדען אהן רחמנות, איינע נאך דער אנדערער, די לעצטע שטונדען פון לעבען.

דער מאיאר זאגט:

— קורץ גערעדט, מיינע הערדען, דער הערר קאמאנדיר האט אונזער אויפגאבע אנגערופען „איינפאך און טראגיש". מיר דארפען בעזעצען דעם וואלד הינטער טראיאן, אין וועלכען מען האט בעמערקט די בעוועגונג פון פיינדליכע קאלאנען. מיר מוזען דאס האלטען אזוי לאנג, ביז אונזער לינקען פליגעל וועט געלינגען ארומצוזינגלען די פעסטונג פון טראיאן, ווען דאס זאל אפילו דויערען אן אייביגקייט, ווי דער הערר קאמאנדיר האט געזאגט. איך האב ביים הערן קאמאנדיר געבעטען דעם פארצוג ארויסצוטרעטען דער ערשטער מיט מיין באטאליאן, און איך ווייס, אז איהר זייט מיט מיר אין דעם איינשטימיג, מיינע הערדען!

— צו בעפעהל, הערר מאיאר!

ווי פון איין האלז קומט די פערזיכערונג פון דעם מויל פון די דריי קאפיטאנען.

— און איהר, העררי קאַפּיטאַן אַדאָלף?

בערקערסבורג פערגעסט אין דער מינוט אבזיכטליך דאָס פריינדשאַפּטליכע „דו". ער איז איצט אין גאַנצען אָפיציעל. אַדאָלף נעמט אָן א מיליטערישע שטעלונג און זאָגט, גלייך נאָך די אַנדערע:

— צו בעפעהל, העררי מאיאָר!

דאַן וואַנדערט זיין בליק ווידער אַוועק פון מאיאָר און די אַנדערע. דער גאָבעלען איבער דער פליגעל־טיר, דיאַנאַ מיט די נימפען, וואָס אַנטלויפען פון פאַן, פערנעמט איצט זיין גאַנצע אויפמערקזאַמקייט.

איצט שפּיעלט בערקערסבורג זיין טרומף, וועלכען ער האָט נאָך אָנגעגרייט פאַר אַדאָלף'ען אין דער ערשטער מינוט פון קאָמאַנדיר פאָן טראַוטמאַן'ס מיטטיילונג. ער זאָגט:

— אויף דעם בעפעהל פון דעם העררן קאָמאַנדיר, וועלען מיר געהן קאָמפּאַניענווייז. שפּאַרען, שפּאַרען, שפּאַרען, ביז צום לעצטען מאַן און צו דער לעצטער קויל — אַזוי האָט בעפאָהלען דער העררי קאָמאַנדיר. ווען איין קאָמפּאַניע איז אין גאַנצען פערניכטעט, דאַן ערשט טרעט אריין די אַנדערע. — בערקערסבורג שווייגט א ווייל'ע.

עס קאָסט איהם דאָך א געוויסע אָנשטרענגונג צו זאָגען און קלאָר מאַכען דאָס, וואָס ער האַלט אָנגעגרייט פאַר אַדאָלף'ען, נאָך מעהר צוליעב דעם, וואָס גראָד איצט דערפיהלט ער אויף זיך דעם פעסטען בליק פון אַדאָלף'ס קלאָרע אויגען, עס קומט איהם פאָר, ווי אַדאָלף וואָלט גאָר קיין אַנדער זאַך ניט ערוואַרט פון זיין מויל. און זאָנדערבאַר! פּלוצלונג לויפט איהם דורך א גאַנץ ווייטע ערינערונג פון דער רעליגיאָנס־שטונדע אין קאַדעטענקאָרפּוס, ביי דעם „ציוויל־פעלדפעבעל", דעם „הללויה־רעהר", ווי די קאַדעטען פלעגען רופען דעם קאַנדידאַט פון טעאָלאָגיע, ווען זיי האָבען זיך איבער איהם לוסטיג געמאַכט. זיי האָבען אַלעמאָל יענע שטונדע געהאַלטען פאַר גאַנץ איבערפליסיג. ווי זאָנדערבאַר, וואָס אַזאַ זאַך קען ווידער קומען אויפ'ן זינען נאָך גאַנצע דרייסיג יאָהר! אָבער דער מאיאָר דערמאָנט זיך: „און דוד האָט געשריבען צום פעלד־הויפּטמאַן: שטעל דעם אוריה אין די ערשטע רייה"... און דאַן די געשיכטע פון דעם געריכט פון נתן הנביא.

אָבער דער מאיאָר פאַסט זיך מוט און זאָגט:

— די אַכטע קאָמפּאַניע פון דעם העררן קאַפּיטאַן אַדאָלף מאַכט דעם אָנהויב.

ער קען מעהר ניט רעדען.

אָבער צוויי פּאָר אויגען בויערען זיך איצט איין איינס אין דאָס צווייטע: די וואסערבלויע פון מאַיאָר, פאר וועלכע מע־לאַניע האָט שטענדיג מורא געהאַט, אין אַ בליק פון טויטליכען טריאומף, און די טיפבלויע אדאָלף׳ס אויגען, וועלכע מעלאַ־ניע האָט געליעבט, מיט דעם אויסדרוק פון גרויזאַמען וויסען.

דער מאַיאָר ווידערהאָלט:

— די אכטע קאָמפּאַניע פון דעם הערין קאַפּיטאַן אדאָלף מאַכט דעם אָנהויב. האָט איהר מיך פערשטאַנען, הערר קאַ־פּיטאַן?

— צו בעפעהל, הערר מאַיאָר!

ווי אַן אורטייל פון אַ ריכטער קלינגען די ווערטער: „צו בעפעהל, הערר מאַיאָר!" און די אויגען פון מאַיאָר מיידען אוים אדאָלף׳ס קלאָרען און פעסטען בליק.

דאַן קומען נאָך דער רייה ריקווערטס די זיעבענטע, די זעקסטע און דאַן די פינפטע קאָמפּאַניע.

— צו בעפעהל, הערר מאַיאָר — קומט ווידער פון מויל פון די דריי קאַפּיטאַנען, ווי עפּעס, וואָס איז זעלבסטפער־שטענדליך.

— ביי דער קוואַליטעט פון מיין באַטאַליאָן, מיינע הער־רען, האַלט איך פאַר איבריג נאָך וואָס צוצולעגען צו מיין בע־פעהל. איך וויים, אַז די מאַנשאַפטען זיינען פונקט אַזוי מוטיג, ווי מיינע אָפיצירען.

— בעפעהל, הערר מאַיאָר!

— און איהר, הערר קאַפּיטאַן אדאָלף?

— בעפעהל, הערר מאַיאָר!

— איך שליס מיט דעם רוף: הורא פאַר זיין מאַיעסטעט!

— הורא פאַר זיין מאַיעסטעט!

— און איהר, הערר קאַפּיטאַן, אדאָלף?

— הורא פאַר זיין מאַיעסטעט!

בערקערסבורג הויבט זיך אויף.

— די הערען האָבען מעגליך וועלכע עס איז געשעפטען צו בעזאָרגען. איך גלויב, מיר האָבען נאָך אביסעל צייט, ביז דער הערר קאָמאַנדיר וועט הייסען בלאָזען אַלאַרם. גוטען אַפּעטיט, מיינע הערען!

— גוטען אַפּעטיט, הערר מאַיאָר!

די אָפיצירען שפּרינגען אויף פון די ראָקאָקאָ שטוהלען אין עסצימער פון מאַרקיז ד׳ארמאַנטיער.

אדאָלף גערט צו צום מאַיאָר און רייכט איהם די האַנט:

— זיי געזונט, בערקערסבורג!

— זיי געזונט, אדאָלף!

דאָן דערהערט דער מאַיאָר איבער זיין אויער די ווערטער:

— זיי גוט צו מעלאַניע, איך בעט דיך, דו הערסט מיך?

קיין ענטפער. דער מאַיאָר געהט אוועק.

אדאָלף געהט צו צום פענסטער. דאָס ברענענדע טראַיאַן! די אַנדערע זעצען זיך ארום טיש און שרייבען, ווי פריהער די הערדען פון שטאַב און די אדיוטאַנטען.

די „קעגעלקוגעל" האָט א קליין מיידעל אין גארניזאָן, דאָס וויים די גאַנצע קאַזאַרמע. איין טרייסט נאָך זיינע פיעלע דורכ־פאַלען. זי איז איהם טריי און האָט איהם אַלעמאָל גוט אויס־פעררוכט זיינע העמדער, זי איז געוועזן א נייטאָרין. איהר שיקט ער זיין לעצטען גרוס אויף א פעלדפּאָסטקאַרטעל.

ברענערט דאַרף פאַר אַזוי פיעל זאַכען בעטען פערצייהונג ביי זיין לונגענקראַנקער פרוי. מען דאַרף אויך עפּעס שרייבען די אונפערזאָרגטע קינדער. נאָך אַלעמען איז דאָך די קראַנקע פרוי ניט אין אַלץ שולדיג, קלערט ער אין דער שעה פון אַברעכ־נונג, אָבער עס איז איהם אַזוי שווער צו געפינען די פּאַסענדע ווערטער, נאָך אין אָט דער שעה! ער איז קיינמאָל אין זיין לעבען ניט געוועזן קיין מייסטער פון וואָרט. און עס קומען ביי איהם ארויס די געוועהנליכע פראַזען פון קאַזינאָ... גאַלגענ־הומאָר... פלאַכע וויצען, וואָס זיינען גאָר קיין וויצען ניט, ווייל דאָס זיינען וויצען פון דער שעה פון טויט!

נאָר דער „ווינטהונט" פיהלט איצט גוט. ער האָט אַן אַלטע טאַנטע אין בערלין, מיט א ירושה. זאָנדערבאַר, אָבער וועגען איהר דערמאָנט ער זיך אין דער לעצטער שעה. ער פי־לאָסאָפירט גערן, עס איז אין איהם אויך פאַראַן א פּאָעטישער אָדער. ער איז אַלט זעקס און דרייסיג יאָהר, זיין טאַנטע — זיעבען און זיעבעציג. נאָך דער מענשליכער אויסרעכנונג... דאָס איז אויך א מין פילאָסאָפיע... אָבער אין אַזאַ צייט... ער בעדעקט דאָס קאַרטעל מיט פערזען, און ווי גלאַט זיי קומען דאָס היינט ארויס פון זיין פעדער! קיין שפור פון יענער גע־מאַטערטקייט פון זיינע פערזען! וויציג ערקלערט ער דער טאַנטע, וואָרום א פרוי פון זיעבען און זיעבעציג האָט איצט גרעסערע שאַנסען צו לעבען לאַנג, איידער א מאַן פון זעקס און דרייסיג. „ניט גוט אפשר! — שרייבט ער אונטער, — אַלע גראַמען זיינען גלאַטע. ווייס גאָט, ווי לאַנג דאָס האָט שוין ניט פּאַסירט!"

נאָר אדאָלף האָט ניט וועמען צו שרייבען. ער וואָלט געוויס געקענט שרייבען אין פאַלקענשטיין. אָבער צו וואָס? זיי

האבען זיך אלץ געזאגט, אלץ אויפגעקלערט אין דער לעצטער שעה דארט, אין גארניזאן, פאר'ן ארויסטרעטען אין פעלד, צו וואס איצט?

דער וויזער אויפ'ן זייגער אויף דעם מארמארקאמין רוקט אוועק איין מינוט נאך דער אנדערער, וועלכע וועלען שוין נים קומען צוריק. דער וויזער האט זיך דא געדרעהט אין פרעה-ליכע צייטען, ווען שאמפאניער האט געשוימט אין די באקאלען, און מארקיז ד'ארמאנטיער האט דערצעהלט זיין אויסגעקליבע-נער געזעלשאפט אנעקדאטען פון דעם הויף פון לעצטען ארלעאן. איצט בעוועגט זיך אויך דער וויזער, בעוועגט זיך אהן רחמנות, קלערט אדאלף.

א גרויסער טומעל אין דער ווייט פיהרט איהם פלוצלונג ארוים פון זיינע געדאנקען. מעכאניש נעמט ער זיין צאים-בינאקל אין האנט. די מויערען פון איין פארט פון טראיאן זינקען אראב מיט א קראך. די מערזער האבען געטאן זייער ארבייט, ווי דער מאיאר האט דא ניט לאנג געזאגט. און איצט הערען זיך געצווינגענע טראמפייטענטענער אונטען פאר דעם שלאס:

אלארם! אלארם!

VII

דער געדיכטער וואלד, וואס ציהט זיך אויף א פאר מיילען הינטער טראיאן, איז געוועז פאר מארקיז ד'ארמאנטיער א פארק פאר יאגד, וועלכען, א דאנק דעם פאבעלהאפטען רייכטום פון מארקיז, קיין האק האט ניט אנגעריהרט אין פערלויף פון צעהנד-ליגער יאהרען. ביי דעם וועסטליכען ארויסגאנג פון וואלד ליגט דאס עלענדע דערפעל ראזוי. דער וואלד איז אזוי פער-וואקסען, אז ער איז כמעט אונדורכדרינגליך. קיין שטעגען זיינען דא ניטא, און אויב זיי זיינען אמאל געוועז, זיינען זיי שוין לאנג פערוואקסען מיט הויכען גראז און בעדעקט געווארען מיט א טעפיך פון מאך, וואס צוואוואקסט זיך זעהר שנעל אין דער פייכטקייט. אין די לעכער פון אורעלטע בוימער זיינען די נעסטען פון איילען, און א סך אנדערע וואלדפויגלען שלאגען זיך אויף די אלטע טאנענבוימער איבער די רייפע פרוכט פון הערבסט.

מיט פאשינענמעסער אין די הענט, האט נאך פיעלע שטונדען פון שווערער ארבייט די אכטע קאמפאניע פון קאפי-טאן אדאלף זיך ענדליך דורכגעלעגט א וועג דורך דעם געדיכ-

טען, פערוואקסענעם וואלד. די איבריגע קאָמפּאניען געהען נאָך אויף אַ בעשטימטער דיסטאַנץ. דאָס ערשטע און דריטע באַטאַליאָן אָבער וועלען קומען פיעל שפּעטער, ווייל וועגען דורכפיהרען דאָ גרויסע קאַלאָנען קען גאָר ניט זיין קיין רעד. מען דערצעהלט, אַז די פּראָנצויזען האָבען אין אַזעלכע וועלדער זיך בענוצט מיט די ביימער, ווי מיט דעקונגען, און האָבען געשאָסען פון זיי אין פיינד. דעריבער מוז מען דאָ זיין זעהר פאָרזיכטיג.

אָבער וועהרענד דעם מאַרש, וואָס האָט געדויערט ארום זיעבען שטונדען, איז קיין זאַך ניט פאָרגעקומען, וואָס זאָל ערוועקען אַ פערדאַכט. דער וואלד איז נאָך, ווייזט אויס, פריי געוועזען פון פיינד, וועלכער האָט זיך איצט געמוזט בעוועגען פון ערגעץ הינטער ראָזעי. ענדליך האָט די שפּיץ פון דער אַכטער קאָלאָנע דערגרייכט דעם וועסטליכען זוים פון וואלד. קאַפּיטאַן אדאָלף גיט אַ בעפעהל: זיך צושפּרייטען! הינטער די ביימער פון וואלד זעהען זיך די פעלדער ארום ראָזעי, בעדעקט מיט גראָז, און פון די קוימענס פון די אָרימע קליינע הייזער שטייגען זיילען פון רויך ארויף אין די לופט און זאָגען אָן, אַז עס איז מיטאָגצייט.

— זיך לעגען!

די שיצענליניע פון קאַפּיטאַן אדאָלף צושפּרייט זיך ווייט איינער פון צווייטען איבער דעם גאַנצען ראַנד פון וואלד. די מיילער פון די ביקסען זעהען זיך קוים ארויס פון צווישען דעם הויכען שילפגראָז, וואָס וואַקסט דאָ געדיכט אויף דעם זומפּיגען באָדען און מאַכט פון דעם אָרט אַן אידעאַלע דעקונג פאַר אַ שיצענליניע. די סאָלדאַטען ליגען אויף דער ערד און וואַרטען, און וואַרטען...

מען זעהט אָבער גאָר ניט ארום, אויסער גרינע שטרייפען לאַנד, וואָס צאַמען ארום די בעאַרבייטע פעלדער, וועלכע ליגען ווייטער הינטער זיי. מען זעהט גאָר ניט, אויסער די מיט שטרוי געדעקטע קליינע ברוינע הייזער און דעם רויטען ציגעלנעם קירכענטורעם פון ראָזעי. טיפער אונטען אין טהאָל ווייסט זיך דאָס װילבערבאַנד פון מאַאַס און עס שטרעקט זיך אַ לאַנגער, ווייסער, שטויביגער וועג, אויף וועלכען עס וועלען באַלד, וואַרשיינליך, זיך בעוויזען די פיינדליכע קאָלאָנען.

קאַפּיטאַן אדאָלף שטעהט אויף די קניה אין דעם הויכען גראָז הינטער זיין שיצענליניע, מיט זיין צאַיסבינאָקל אין האַנט.

ער קען אָבער גאָרניט זעהן ארום. די הייסע מיטאָגזון ברענט מיט איהרע שטראַהלען די פעלדער, ראָזוי מיט זיינע דעכער און דעם שטויביגען וועג מיט די פּאַפּעלען אויף ביידע זייטען. מעהר זעהט מען גאָרניט. מען הערט ארום דאָס איינטאָניגע האַמערען פון א בוימהאַקער. די סאָלדאַטען ליגען אַזוי שטיל, לויערענדיג אויף דעם פיינד, אז דער פויגעל ווערט ניט גע־שטערט אין זיין ארבייט.

מען זעהט ניט קיין זאַך. אַזוי ציהען זיך שטונדען...

און אין אַט די לאַנגע, איינטאָניגע שטונדען פון וואַרטען פליהען די געדאַנקען ביי די אָפיצירען און דער מאַנשאַפט פון איין זאַך צו דער אַנדערער, אין דער נאָהנטער און וויטער פער־גאַנגענהייט, ווייל אין אַזעלכע שטונדען ווערט דאָס גאַנצע לעבען דאָס געוועזענע און דאָס צוקונפטיגע, צונויפגעדרענגט אין קאָנקרעטע בילדער, אין וועלכע עס שווימען דאָך ארויף די קלענסטע דעטאַלען.

איבער צוויי הונדערט און פופציג מענשען ליגען דאָ מיט איבער צוויי הונדערט און פופציג פערשידענע שיקזאַלען און אינטערעסען. און זיי אַלעמען מאַטערט איין אונגעדולדיגע ערוואַרטונג, א ראָמאַנטישע ערוואַרטונג: וואָס שנעלער ווילען זיי זיך וואַרפען אויפ׳ן פיינד!

פאַר וועלכען צוועק? דאָס ווייסען זיי אַליין ניט. זיי האַסען די מענשען, וואָס דאַרפען זיך באַלד בעוויזען אונטען אויף דעם וועג און וועמען זיי האָבען קיינמאָל ניט געזעהן. יענע מענשען האָבען קיינעם פון זיי קיינמאָל גאָרניט געטאָן, און דאָך האַסען זיי זיי פון עהרליכער און טיפער איבערציינונג.

זיי אַלע האָבען איבערגעלאָזען אין דער היים פריינד און קרובים און געליעבטע און זייער פערמעגען, און זיי בענקען נאָך דעם יעדען טאָג, יעדע שעה. אָבער זיי ווילען פערניכטען דעם פיינד, דאָס איז איצט זייער איינציגער געדאַנק, די איין אידעע, וואָס האַלט צוזאַמען דאָס גרויסע גאַנצע. פערניכטען, פערניכטען אום יעדען פרייז, אָדער אַליין שטאַרבען!... דאָס רויבטיער האָט ערוואַכט אין זייער ברוסט, אַלע שלעכטע אינ־סטינקטען האָבען זיך פאַנאַנדערגעשפּיעלט... פערניכטען, פער־ניכטען, פערניכטען אום יעדען פרייז! אום מען זאָל זיי אַליין ניט פערניכטען!

די אויגען לייכטען, דער פּולס שלאָגט, די שלייפען ברענען. זיי פיהלען ניט קיין הונגער, דורשט אָדער מיעדקייט, זיי פיה־לען ניט די שרעקליכע היץ, זיי ווילען נאָר איין זאַך — פער־

ניכטען. און אין דער פיעבערהאפטער אויפרעגונג פון ווארטען פליהען אוועק די מינוטען, פערוואנדלען זיך אין שעה'ן, און די וואס ליגען בעמערקען דאס גאר ניט. אלע געדאנקען פון פערגאנגענהייט, געגענווארט און צוקונפט ווערען פערטרונקען אין א ים פון בלוט. אין זייער פאנטאזיע זעהען זיי שוין, ווי דער רייטער, וואס פיהרט דעם פיינדליכען אוואנגארד דארט אונטען אויפ'ן וועג, פאלט פון פערד, געטראפען פון זייערע קוילען. און דאך זעהט מען דארט גארניט! אין ערגעץ קיין זאך ניט! נאר זון און ווייסער, ווייסער שטויב, וואס בלענדט די אויגען.

און זיי ווארטען און ווארטען. דאס איינציגע, וואס זיי קענען טהאן, אויסער ווארטען, איז רויכערען. דאס בערוהיגט די נערוועז און רעגט זיי ווידער אויף. און וואויל איז דעם, וואס האט מיט זיך א ליולקע, א ציגאר אדער ציגארעטען! דען דער טאבאק איז ווי ברויט אויפ'ן שלאכטפעלד. אומעטום איז דאס אזוי, אין די גראבענס, און דא, ביים ברעג וואלד, ביים פיינד און ביי די אייגענע. דער טאבאק! וואס וואלטען זיי אהן איהם געטאן! און זיי רויכערען און ווארטען, ליגען אין הויכען גראז מיט ליולקע, ציגאר אדער ציגארעט צווישען די צייהן, די לינקע האנט ביים מויל פון ביקס, די רעכטע אויפ'ן שלאס, דעם ביקס צוגעדריקט צום באק... זיי רויכערען און ווארטען... ווען זיי וועלען קענען פערניכטען, אום מען זאל זיי אליין ניט פערניכטען.

דען די פערניכטונג פון פיינד, וועלכען זיי קענען ניט, וועלכען זיי האסען אבער, איז דער לעצטער ציעל, וואס ווערט דיקטירט פון זייער מענשליכער ווירדע.

זיי האלטען פאטראנען אין זייער לעדערטאש, אין ברויטזעקעל, אין די שטיוועל, אומעטום אין זייער גרויען אוניפארם, פינף שטיק אין יעדער הילז, פינף שטיק אין ביקס, צו שפרייטען טויט. וויל פערניכטונג איז איצט זייער אלעמענס ציעל!

די פאטראנען זיינען אין אט דער מינוט טייערער, ווי ברויט און וואסער, ווי דער שלאף, די ליעבע, די פריינדשאפט... שפארען, שפארען, האט קאפיטאן ארלאף זיי אנגעזאגט... שפארען די פאטראנען, יעדער שאס מוז טרעפען אין ציעל. יעדער שאס מוז איינעם פון פיינד קאסטען דאס לעבען, יעדערער פון די אלע טויזענדער פאטראנען, וואס זיי האבען אזוי זארגפעלטיג מיטגעבראכט אין די לעדערטאשען, שטיוועל, ברויט־

זעקלעך, אוניפארמען. ווייל אט די פאטראנען זיינען דער לעצטער שלום פון ווייזהייט אין דער איצטיגער שעה פון פערניכטונג, פון זיעג אדער פון טויט!

די זון, וואס האט די גאנצע צייט געברענט די פעלדער, דאס דארף און דעם ווייסען וועג, ווערט אויף איין אויגענבליק פערדונקעלט. א ווייס וואלקענדעל ציהט פערביי איהר און ווארפט זיין שאטען אויפ׳ן שאסע, צווישען די פאפעלען. דאס איז א גרויסע ערלייכטערונג פאר די אויגען, וואס קוקען די גאנצע צייט מיט דער גרעסטער אנשטרענגונג אויף דעם איין ציעל! איין אויגענבליק ווייזט אוים, ווי די לופט ארום אין דעם הויכען גראז וואלט ניט געווען אזוי שטיקענד. אבער דאס ווייזט נאר אוים אזוי אויף איין אויגענבליק.

דאס וואלקענדעל ציהט פערביי, און דאס ווייסע בילד ברענט ווידער אהן רחמנות אין די אונגעשיצטע אויגען. א דין ווייס וואלקענדעל פון שטויב הויבט זיך אויף ווייט אויפ׳ן שאסע. גאנץ ווייט, וואו דער וועג דרעהט זיך אוים, און די פאפעלען פערשווינדען אויף דעם האריזאנט. אלע אויגען זיינען ברייט געעפענט, און די הערצער קלאפען אזוי שטארק, אז דער קראגען פון מונדיר ווערט ענג. מעכאניש טאפען די פינגער אן דעם ביקס, כאטש דער קאפיטאן, וואס קוקט נאך אלץ אין זיין שטארקען בינאקל, האט נאך ניט געגעבען קיין בעפעהל. זיי ווילען שיסען, אלע ווילען זיי שיסען און פערניכטען, פערניכטען אום יעדען פרייז! וואס איז דאס פאר א שטויב? ער קומט אלץ נאהנטער און נאהנטער.

טויט, טויט, טויט... דאס איז זייער איינציגער געדאנק איצט. שיסען, שיסען, שיסען אום יעדען פרייז. אבער דער קאפיטאן גיט ניט קיין בעפעהל.

מיט צוזאמענגעדריקטע צייהן ליגען זיי. ווען ער וואלט שוין געפאלען, דער ערשטער, ערלייזענדער, נערוועגאבשפאנענדער שאס! אבער ער פאלט ניט, ער וואגט ניט פאלען, ווייל דער קאפיטאן שווייגט נאך אלץ.

און נאהנטער, אלץ נאהנטער קומט דער שטויב אויפ׳ן שאסע. אין זייער פאנטאזיע ווערט ער פערגרעסערט צעהן טויזענד מאל. זייערע אויגען זעהען שוין קאלאנען נאך קאלאנען, דעם פיינד אין איבערוועלטיגענדע צאהלען. אבער קיין הארץ ציטערט ניט, דען זיי אלע זיינען איבערפילט מיט דעם איין פערלאנג צו פערניכטען.

אבער אומזיסט, דאס איז גארניט. דעם קאפיטאן׳ס ביר־

נאָקל ניט אַ זיכערערע בילד, ווי די אויגען פון די וואַרטענדע, וואָס ווילען אזוי שטאַרק דערזעהן דעם פיינד. צעהן מינוטען געהען אזוי אריבער אין דער גרעסטער אָנשטרענגונג פון נערווען און מוסקולען. דאַן פאַלען די הענט אַראָב פון די ביקסען. מיעד שמייכלען זיי איינער צום צווייטען. דאָס איז גאָר קיין זאַך ניט געווען. אַ פוהר, געשלעפּט פון אָקסען, ציהט לאַנגזאַם און פריעדליך איבער דעם שאָסעע און פאָהרט דאַן אריין אין דאָרפסגאַס פון ראָזעי. און דאָס איז געווען אַלץ, וואָס האָט צוויי הונדערט און פופציג מענשען געהאַלטען איבער אַ פערטעל שטונדע אין דער העכסטער אויפרעגונג.

זיי קענען נאָך אַלץ ניט שיסען, זיי מוזען וואַרטען און וואַרטען.

ציטערענדע מעטאַלענע טענער דערטראָגען זיך צום וואַלד. זיי קומען פון דעם רויטען קירכטורעם אין ראָזעי. פיעלע שטונדען זיינען שוין אריבער, פון מיטאָג איז שוין געוואָרען אָוועגד. פיעלע סאָלדאַטען דערמאָנען זיך, אז היינט איז דאָך זונטאָג, און דעריבער קלינגט מען דאָס אין ראָזעי. אָבער די טענער פון דעם קירכענגלאָק אין ראָזעי דערגרייכען ניט די הערצער פון די, וואָס וואַרטען דאָ. זיי וועקען נאָר עראינע־רונגען, טונקעלע עראינערונגען, וואָס פערשווינדען אין איין אויגענבליק.

איבריגענס, אין דער זעל פון איינינע שווימט נאָך ארויף אַן עראינערונג פון דער קירך אין זייער היימאַטסדאָרף. די קירך, אין וועלכע מען איז אָפּטמאָל געצוואונגען געווען צו געהן, וויל די מוטער האָט געפאָדערט, דער פאָטער האָט געצאָרענט און דער פאַסטאָר האָט געוואָרענט. די קירך, ביים אריינגאַנג פון וועלכער מען פלעגט אָבוואַרטען אַ שעהן מיידעל, איינצור־לאַדען זי צו טאַנצען, נאָכדעם ווי די אָנגעלאָדענע וואָגענס ווע־לען פערשווינדען אין די טויערען פון די שפּייכלער. די קירך, אין וועלכע מען איז געגאַנגען צום ערשטען מאָל צו קאָמוניאָן, מיט גלויבען און מיט דעם פעסטען ענטשלוס צו ווערען אַ גוטער מענש, מיט די צעהן געבאָטען פון גאָט אין הארצען, מיט דעם פינפטען צווישען זיי: „דו זאָלסט ניט טויטען!“ און איצט ליגט מען דאָ ביים ראַנד פון וואַלד, אָבוואַרטענדיג דעם פיינד, דעם ביקס צוגעדריקט צום באַק, די לינקע האַנט ביים לויף, די רעכטע אויפ'ן שלאָס, מיט פאַטראָנען אין לעדער־טאַש, אין די שטיוועל, אין אוניפאָרם, מיט דעם איין געדאַנק צו פערניכטען!

קלאַנגענד, בעטענד קלינגט דער קירכענגלאָק פון ראַזעי איבער די פעלדער, וואָס זיינען אָנגעפילט מיט הערבסט תבואות. דער קיורע, קען זיין, בעטרעט איצט דעם אלטאַר. אין קירך געפינען זיך ווייניג מענשען, נאָר אלטע פרויען און קינדער. און דער קיורע וועט רעדען אין אַ שפּראַך, וועלכע די, וואָס ליגען דאָ, קענען ניט פערשטעהן, אָבער ער וועט רעדען דאָס זעלבע, וואָס דער פאסטאָר אין דער וייטער היימאט, אין דעמזעלבען זין:

— גאָט זאָל אייך בענשען און געבען אייך פריעדען!

דער גלאָק ווערט אנשוויגען. די זון שטעהט שוין טיף אויפ'ן האָריזאָנט און וואַרפט קרומע שטראַהלען אויף דעם וואַלדבערג. איבער אַ בלימעל שוועבט אום און זומט אַ ביהן, דאַן וואַרפט זי זיך שנעל אין די בלויע לופט און טראָגט אוועק דעם זיסען זאפט אין האָניגשטאָק פון אַ וועלכען עס איז בויערען הויף אין ראָזעי. און ווידער איז שטיל. קיין זאַך איז ערגעץ ניט! קיין זאַך ניט אויפ'ן וועג! **אויז די סאָלדאַטען וואַרטען.**

VIII

ניט ווייט פון ברעג פון וואַלד, וואָס ליגט הינטער טראָיאַן, געפינט זיך אַ קליינע עפענונג. מיט פיעלע יאָהרען צוריק האָט מאַרקיז ד'אַרמאַנטיער דאָ געהייסען אויסהאַקען די בוימער, אַבריינינען דעם אָרט און אויפשטעלען אַ יעגערביידעל. אָבער זינט דאַן איז שוין די עפענונג ווידער פערוואַקסען און בעדעקט מיט אַ גלאַנצענדען גרינעם טעפּיך. אין מיטען פון דער עפענונג, אויף אַ וועלענאַרטיגער דערהויבונג, שטעהט אַן אלטער בוק. זיינע בלעטער פליסטערען אין דעם זאַנפטען ווינטעל פון דעם זומערדיגען אָוועגד. אַט דעם בוק האָט מאַיאָר פאָן בערקערסבורג אויסגעקליבען פאַר זיין אָרט, פון וועלכען ער האָט געקענט אָנפיהרען די שלאַכט און שיקען די קאַמפּאַניען איינע נאָך דער אנדערער. פון דאַנען איז נאָר עטליכע הונדערט טריט ביז דעם ראַנד פון וואַלד און דער ליניע פון דער אכטער קאָמפּאַניע.

לעבען איהם שטעהט לייטענאַנט שלאָסער. זיין אדיוטאַנט. די פערד פוןביידע אָפיצירען עסען פריעדליך דאָס גראָז. אויף די פערד גיט אכטונג דער שטאַלקנעכט באָומאַן, וועלכער האָט פריוויליג פערלאָזען דעם גאַרניזאָן און האָט נאָכגעפאָלגט דעם מאַיאָר אין שלאַכטפעלד.

— וויפיעל איז דער זייגער, הערר לייטענאַנט?
— פינף פינף און פערציג, הערר מאַיאָר.
— ווייזט אויס, ווידער געווען אַ פאַלשער אַלאַרם. איך האָב באַלד געטראַכט, אַז אָט די פליהערמעלדונג איז געווען גיט מעהר ווי אַ שפּיצעל פון פיינד. זיי קענען דאָך אַזוי גוט די אַלע קונצען.
— דאָס איז גאַנץ מעגליך, הערר מאַיאָר.
— דאַן גיט אָב אַ בעפעהל, מען זאָל בלאָזען נאָך די קוכער. די מענשען דאַרפען דאָך עפּעס עסען.
— איך דענק אויך אַזוי, הערר מאַיאָר.
— פון דעם אַרויסטרעטען ביז איצט האָבען זיי נאָך גאָר גיט געגעסען. און זיי האָבען דאָך אַרויסמאַרשירט היינט אַכט אַזייגער אין דער פריה.
— בעפעהל, הערר מאַיאָר!
אַדיוטאַנט שלאָסער געהט צו שווייגלער, דעם האָרניסט, וואָס שטעהט ניט ווייט אונטער אַ קליינעם בוים און וואַרט אויף דעם מאַיאָר׳ס בעפעהלען.
— בלאָזט דעם סיגנאַל צו קאָכען, האָרניסט!
— בעפעהל, הערר לייטענאַנט!
דער סיגנאַל קלינגט אָב אין שטילקייט פון וואַלד. אַנ־דערע סיגנאַלען ענטפערען אין אַ ווייל ארום, אַ צייכען, אַז מען האָט דעם סיגנאַל פערשטאַנען ביי די אַנדערע רעזערוו־קאָמפּאַניען.
— הערט נאָר, לייטענאַנט!
— וואָס וועט דער הערר מאַיאָר בעפעהלען?
— הם... — בערקערסבורג ווענדט זיך צוערשט צום שטאַלקנעכט: — געהט צו אייער קאָמפּאַניע עסען, באָומאַן! איהר אויך, שווייגלער! זאָגט דעם העררן פעלדפעבעל שטום, ער זאָל מיר שיקען אַנאַנדערען אויף אייער אָרט. דער הערר לייטענאַנט און איך וועלען דערווייל אַליין אַכטונג געבען אויף די פערד.
— בעפעהל, הערר מאַיאָר!
— בעפעהל, הערר מאַיאָר!
די צוויי סאָלדאַטען לויפען האַסטיג, צו ערפילען דעם בעפעהל. אין זייערע מאָגענס ברומט שוין לאַנג.
— זאָגט נאָר, הערר לייטענאַנט!
— וואָס איז דער בעפעהל, הערר מאַיאָר?
— איהר זייט אַ דיכטער אין ציווילבערוף, ניט אמת?

ערשטווינט קוקט שלאָסער אָן זיין מאיאָר.

— ווארום דענקט איהר אזוי, הערר מאיאָר?

— זעהר איינפאך. שוין לאנג, הערר שלאָסער, ווי איך בעאָבאכט אייך. איך זעה, ווי איהר שרייבט אלץ און שרייבט, אום צו פערטרייבען דעם אומעט און לאנגווייליגקייט. אזוי טהוען דאָך נאָר דיכטער.

— איך וויים ווירקליך ניט, הערר מאיאָר, צי איך קען פרעטענדירען אויף אזא הייכען טיטול.

— הויכען טיטול — דאָס איז גוט געזאָגט, שלאָסער, זעהר גוט, אויסגעצייכענט! איהר דארפט אייער ליכט ניט בעהאַלטען, איך בין דאָך זעהר גוט אינפאָרמירט...

— ווען דער הערר מאיאָר מיינט...

— ניין, מיין ליעבער, דאָ איז ניט די פראגע, וואָס איך מיין, מיין פולמאכט געהט דאָך ניט אזוי ווייט, אז איך זאָל אייך קענען ערקלערען פאר א דיכטער פאר אָרדר דע מופטי. אין באטאליאָן אָבער זינגט מען א ליעד, וועלכע, ווי מען זאָגט מיר, איז פון אייך פערפאסט געוואָרען, און א גאנץ גוטע ליעד איז דאָס. קערנער אליין וואָלט זיך מיט דעם ניט געשעהמט! זאָגט מיר נאָר, שלאָסער, איז דאָס אמת, אז קורץ פאר דער מאָביליזאציאָן האָט איהר געהאט די אָבזיכט אראָבצונעמען פון זיך דעם מונדיר און בייטען אייער קאריערע?

— דאָס איז ריכטיג, הערר מאיאָר.

— זעהט איהר, און איהר האָט געוואָלט ווערען א דיכטער, אָנזאָטלען פעגאזוס, נאָר ווי קאמעראד פאָן לאוף?

— ווענען דעם האָב איך קוים געקענט קלערען, הערר מאיאָר.

— וואָס דען, מיין ליעבער, האָבענדיג א ז א טאלאנט?

— דער הערר מאיאָר וויים דאָך, אז איך האָב געהאט דאָס גליק צו בעקומען א ירושה איידער דער קריעג האָט אויסגעבראָכען. דאָס איז מיר געקומען פון אן אָנקעל אין מעקסיקאָ, וועגען וועלכען איך האָב שוין לאַנג פערגעסען. דאָס איז א סומע, וואָס פערזיכערט מיר מיין מאטעריעלע אונאָבהענגיגקייט.

— איהר זיים א גליקליכער, וואָלט איך געזאָגט ביי אנדערע אומשטענדען, ווען איהר וואָלט ניט געהאט די עהרע צו זיין אדיוטאנט אין צווייטען באטאליאָן און שטעהן דאָ אין וואלד הינטער טראָיאָן. איך צווייפעל זעהר שטארק, אויב איינער

פון אונז וועט פערלאָזען דעם וואַלד אַ לעבעדיגער, אויב, נאַטירליך, די מעלדונג איז ניט געוועזן קיין שפּיצעל

— איך ווייס, ווי צו שעצען די עהרע, הערר מאַיאָר!

— אַך, צו וואָס רעדען די אַלע נאַרישקייטען, מיין פריינד! ווער עס האָט אַזאַ קאַפּיטאַל, וויל ווערען אַ דיכטער און האָט נאָך פאַר זיך זיין גאַנץ לעבען... ווי אַלט זייט איהר דען אין גאַנצען, לאַסער?

— איך ווער פיער און צוואַנציג, הערר מאַיאָר.

— גאַנצע פיער און צוואַנציג, און מוזט זיין דאָ אין וואַלד הינטער טראַיאַן... נאָר לאָמיר וועגען דעם ניט רעדען. ווי האָט איהר גערעכענט איינצואָרדנען אייער צוקונפט, הערר לייטענאַנט? דאָס אינטערעסירט מיך, אָפען גערעדט, זעהר שטאַרק, און איך וועל אייך זאָגען פאַרוואָס. איך ווער באַלד פופציג, און ניט קוקענדיג אויף דעם, וואָס איך האָב געקענט זיין אייער פאָטער, הויב איך ניט אָן צו פערשטעהן עפּעס אין לעבען, אָפען גערעדט. און פון וואַנען, ליעבער גאָט, זאָל אונזער איינער עפּעס וויסען? דיענסט און ווידער דיענסט, יאָהר־איין, יאָהר־אויס, און אַזוי דאָס גאַנצע לעבען לאַנג! צווערשט אַ לייטענאַנט, שפּעטער אַ קאָמפּאַניע־שעף, דאַן אַ מאַיאָר! אַלץ איינס און דאָסזעלבע ליעד! דער פאָטער איז געוועזן אַ סאָלדאַט, און סאָלדאַטען זיינען געוועזן אַלע אורעלטערען ביז צו די צייטען פון דעם גרויסען קורפירשט. איהר וועט זאָגען, דאָס איז שוין אין בלוט... געוויס, דער טייוועל זאָל דאָס נעמען! ווען אָבער דער טאָג פון אָבערערנונג קומט ענדליך אָן, און מען דאַרף מאַכען די אונטערשטע שורה, ווילט זיך דאָך אַ קלער טהאָן וועגען זיך אויך, יונגער פריינד! ערצויגען אין קאַדעטענקאָרפּוס, דאַן אין גומבינען, דאַן אין האַרבאַך! קען מען שוין עפּעס פערשטעהן אין לעבען נאָך דעם? די פרוי — פון דעמזעלבען קלאַס, די מוטער — אויך. ווי קען דען זיין אַנדערש?... איהר שטאַמט דאָך פון בערלין, הערר לייטענאַנט, אויב איך האָב קיין טעות ניט?

— יע, הערר מאַיאָר, איך שטאַם פון בערלין.

— און געוועזן אין גימנאַזיום?

— יע, אין אַ פראַנצויזישען גימנאַזיום, הערר מאַיאָר.

— אין אַ פראַנצויזישען! זעהט איהר, דאָ איז טאַקע דער גרויסער אונטערשיד. בערלין, אַ שטאָדט מיט טויזענדער פערשידענע אָנרעגונגען, גימנאַזיום, מיטשילער מיט הונדערטער פערשידענע אינטערעסען. זיינען אַלע מסתמא איצט ארצטען,

טעכניקער, יוריסטען, קינסטלער, א. א. וו... זעהט איהר, און אונזער איינער?... אָבער איך וויל רעדען וועגען אייך און עטליכע אנדערע.. וואָס האָט איהר נערעכענט צו טהאָן, הערר לייטענאנט?

— איך האָב זיך געוואָלט פערשרייבען אין בערלינער אוניווערזיטעט און שטודירען געשיכטע.

— און איצט מאַכט איהר געשיכטע, און נאָך וואָס פאַר געשיכטע! דאָס איז דאָך אויך עפּעס!

— דאָס פערשטעהט זיך דאָך, הערר מאיאָר!

— יע, דאָס פערשטעהט זיך! ווייסט איהר, איך האָב דאָך אויך עפּעס געלעזען אין די פרייע שטונדען, שלאָסער, מיינט ניט, אז איך בין שוין אזא, ווי איך זעה מעהרסטענס אויס, איהר דאַרפט זיך ניט איינבילדען, אז אונזער איינער איז שוין אין גאַנצען פערבויערט, אפילו ווען ער איז נאָר געווען אין גומבינען און אין פּאָרבאַך...

— ניין, הערר מאיאָר, ווער דענקט דען...

— ניין, ניין, איך ווייס... איך, דאַרפט איהר וויסען, האָב אויך אזא זאַך, ווי אַ ליעבלינגסבוך. זאָגט דעם אמת, אייך וואָלט זיך דאָך קיינמאָל ניט גע'חלומ'ט, אז ביי אזא שינדער, ווי בערקערסבורג, זאָל זיין אַ ליעבלינגסבוך?

— אָבער הערר מאיאָר!

— וואָס וועטען מיר, אז איהר וועט ערשטוינט ווערען, ווען איך וועל אייך אָנרופען דעם נאָמען פון בוך! דאָס איז ניט קיין בוך וועגען דער פרומער העלענא, ניין, דאָס איז ניט קיין לייכטערע זאַך, ווי פ א ו ס ט. און דאָרט האָב איך גע־פונען אן אָרט, וואָס מ י ר א ל ע האָבען איצט געדאַרפט האָבען אין זינען...

— מיך אינטערעסירט דאָס זעהר, הערר מאיאָר!

— איך גלויב אייך דאָס גערן, שלאָסער, געוויס אינטע־רעסירט איהר זיך, ווען איהר ענטדעקט פּלוצלונג אין אייער קאָמאַנדיר אזעלכע טאַלאַנטען. יענער אָרט אין בוך איז גע־ווען: „ד ו מ י י נ ס ט, א ז ד ו ב ע ו ו ע ג ס ט, אָ ב ע ר מ ע ן ב ע ו ו ע ג ט ד י ך". דאָסזעלבע איז מיט א ו נ ז היינט! ניט נאָר מיט אונזער רעגימענט און מיין באַטאַליאָן, שלאָסער, וועלכע האָבען נאָך היינט אין דער פריה ניט גע'חלומ'ט אפילו וועגען דעם, וואָס זיי שטעהט איצט וואַרשיינליך פאַר אין וואַלד הינטער טראַיאָן! אַ ניין! מיט דער גאַנצער אַרמיי, מיט גאַנץ דייטשלאַנד, מיט דער גאַנצער

וועלט איז דאָס היינט אזוי. זיי מיינען אלע, אז זיי בעוועגען עפּעס, צום סוף בעוועגט מען נאָר זיי. גלויבט מיר, געהיימ־ניספולע קרעפטען ארבייטען דאָ, קרעפטען, וועגען וועלכע זעהר וועניג מענשען האָבען אַ בלייכע פאָרשטעלונג, קרעפטען פון וועלטגעשיכטע, וואָס בעצוועקען גאָר עפּעס אנדערש, ווי דאָס, וואָס מיר האָבען פאָרגענומען און פאַר וואָס מיר ווילען קעמ־פען, מיין ליעבער! אזוי איז אייגענטליך אלעמאָל געווען. שאול איז ארויס צו געפינען זיין פאָטער'ס עזלען, און האָט געפונען אַ קעניגרייך אין יהודה... כאַ, כאַ, כאַ! איך לאַך פון זיך אליין, מיין טייערער, איך האָב אַן אייגענע פערפלוכטע פילאָסאָפיע, מיין ליעבער. איך ריכט צו די וועלטגעשיכטע אויף מיין אייגענעם שטייגער. איהר גלויבט אפשר ניט?

— איך בין העכסט ערשטוינט, העררמאַיאָר!

— דאָס גלויב איך אייך גערן, שלאָסער! דאָס אלץ קומט מיר אויפ'ן זין, ווען איך זיץ אזוי אויפ'ן פערד, מיט ציגאַר אין די צייהן, און שלעפּ זיך פאַר מיין באטאליאָן אַ גאנצען טאָג איבער דעם שמוציגען וועג אין פיינדליכען לאַנד. דאַן זאָג איך צו זיך אליין: דאַרף דאָך דאָס אלץ האָבען עפּעס אַ זין, אין איינקלאַנג מיט די נאַטורגעזעצען און מיט די אור־פּרינציפּען פון געשיכטע! שלאָסער, איהר פערשטעהט מיך ניט?

— יע, העררמאַיאָר!

— איהר זאָגט: יע! און הויבט נאָך אלעמען ניט אָן צו פערשטעהן. נאָר אזוי ווי איהר האָט געוואָלט שטודירען געשיכטע און ווערען אַ דיכטער, וועל איך אייך ערקלערען. האָט איהר אמאָל געהערט פון מיראבאָ, העררלייטענאַנט? איהר שטודירט דאָך געשיכטע.

— געוויס, העררמאַיאָר!

— ער איז געווען בעקאַנט פאַר דעם גרעסטען שטאאטס־מאַן אין אייראָפּא ביים אויסברוך פון דער פראנצויזישער רע־וואָלוציאָן, אַ מין פראנצויזישער ביסמאַרק, נאָר אויף אייניגע צאָלען גרעסער פון דעם בעריהמטען אייזערנעם קאנצלער, אונ־געפעהר אויף אזוי פיעל, אויף וויפיעל נאפּאָלעאָן איז געווען גרעסער פון דעם אלטען פריץ...

— איך מיה מיך נאָכצופאָלגען אייער געדאנק, העררמאַיאָר.

— טהוט דאָס, מיין פריינד, עס וועט אייך געוויס ניט שאַדען! איבריגענס, איך קען אייך פערזיכערען, אז איך רעד

היינט צום ערשטען מאָל אזוי אָפּענהערציג... וואַרשיינליך דערפאַר, וואָס איהר שטודירט געשיכטע, און דאָס וועט אייך, צוליעב דער טייוועלשער סטראַטעגישער לאַגע אין טראַיאַנער וואלד, ניט געלינגען. דעריבער רעד איך מיט אייך, איין טויט־קאַנדידאַט מיט אַנאַנדערען, אזוי אָפּענהערציג. האָט דער מיראַבאָ, דערצעהלט מען, אין דער שעה פון זיין טויט געזאָגט צו זיין אַלטען דיענער: „האַלט מיר מיין קאָפּ, ער איז דער שטאַרקסטער אין גאַנץ פראַנקרייך!“ אָבער אויך ער האָט גע־האַט אַ טעות. אויך איהם האָט די געשיכטע אומגעוואָרפען, און טאַקי דערפאַר, וואָס ער האָט געמיינט, אַז ער בעוועגט אַנדערע, און איז צום סוף אַליין נעשטויסען געוואָרען. און זייט יענער צייט, הערר ליי
טענאַנט, איז דאָס דער וויץ, די איראָניע פון דער גאַנצער געשיכטע.

— איך פערשטעה אייך ניט גוט, הערר מאַיאָר!

— גלויב איך אייך, גלויב איך אייך אויף אייער וואָרט...

און צו מאַכען דאָס קורץ... מאַראַט, דאַנטאָן און ראָבעספּיער זיינען דאָך געווען שטאַרקער פון איהם, בעזונדערס דער אונ־בעשטעכליכער מאַקסימיליאַן ראָבעספּיער, און ער וואָלט גע־קומען מיט אָדער אָהן מיראַבאָ, מיין ליעבער, ווייל דער גאַנג פון געשיכטע לאָזט זיך ניט אָבשטעלען, און ווייל מיראַבאָ האָט אַנגעהויבען, און נאַפּאָלעאָן האָט געענדיגט! דאָס האָב איך אייך געוואָלט זאָגען. מיר, מיר שטעהען נאָר ביים אָנהויב..., נאָר ביים אָנהויב פון דער גרעסטער, לאָמיר זאָגען אָפען, פון דער גרעסטער אויפטרייסלונג, מעהר אין אַ געאָלאָגישען, ווי אין אַ פינאַנציעלען זין, מיין קלוגער פריינד!

— מיינט איהר דאָס ווירקליך, הערר מאַיאָר?

— גלויבט מיר, איך וואָלט אַנדערש ניט פערלאָרען קיין צייט דאָס אַלץ אויסצובערענגען, און נאָך אייך, דעם צוקונפ־טיגען פּראָפעסאָר פון געשיכטע! ניין, אין ווערסאַל האָט מען דאָך ניט געהאַט די בלייכסטע אָהנונג אפילו וועגען פלאַס דע לאַ רעוואָלוסיאָן, ווען מען האָט זיך געוויצעלט איבער דעם גרויסען רוסאָ!... נו, אַט קומט שוין דער זופּ. גוטען אַפּעטיט, הערר לייטענאַנט!

IX

אַ סאָלדאַט ברענגט דיביידע אָפיצירען זייער עסען אין צינערנע טעלער, — אויסגעקאָכטע אַרבעסוואורשט מיט שוויי־נענפעטס.

— אויסגעצייכענט, — זאגט לייטענאנט שלאסער. דער מאיאר שמייכעלט.

— יע, מיין ווירדיגער קאמעראד, ווען מען האט פון אכט אין דער פריה ביז פינף נאכמיטאג קיין זאך ניט געהאט אין מויל, קען אפילו ארבעסווארשט מיט שוויינעפעטס זיין א גוט געריכט. יע, יע... איבריגענס, דאס איז דאך איינפאך אונגלויבליך! כאטש דעם אמת זאגענדיג, זיינען אונזערע יונגען מייסטער, זיי פערשטעהען ווי צו קאכען ניט ערגער פון די שעפען אין די בולוואר־רעסטאראנען, און וועלכע מיר וועלען נאך, מיט גאט'ס הילף, קומען! אויב ניט מ י ר, איז אנדערע!... און דאך איז דאס איינפאך אונגלויבליך, שלאסער!

— וואס מיינט דער העדר מאיאר?

— וואס מען קען ביי דעם לוקסוס, וואס האט געהערשט אין דער ארמיי, נאך פרעסען אזעלכע זאכען.

— דענקט דען ווירקליך דער הערר מאיאר, אז דער לוקסוס אין דער ארמיי איז געוועזן אזוי גרויס?

— איך גלויב אזוי, שלאסער! איך רעד דא נאטירליך ניט וועגען אייך, די אנוועזענדע זיינען דאך, ווי איהר ווייסט, אלעמאל אויסגעשלאסען. דערצו זייט איהר נאך א קינד פון בערלין, און דאס אליין קען שוין ענטשולדיגען פיעלע זאכען אויף דעם געביעט. אבער אנדערע! זיין מאיעסטעט האט גענוג געפרעדיגט געגען לוקסוס. דאס האט אבער ווייניג געהאלפען, און דאן, ווי בעקאנט, פערדארבען דאך שלעכטע ביישפיעלען די גוטע זיטען. איהר דארפט אויף מיר ניט פאראיבעל האבען, וואס איך רעד היינט מיט אייך אזוי אפענהערציג, אין דער איצטיגער שעה! אבער דאס אלץ איז ריכטיג!

— ווארום זאל איך אויף אייך פאראיבעל האבען, הערר מאיאר?

— יע, ריכטיג, שלאסער!... אזוי איז דאך טאקע געוועזן! קיין לאקאל איז דאך ניט געוועזן גענוג רייך, קיין וויין צו טייער, קיין פרוי צו פיין! און די אויטאמאבילען און די הייראטען!

— דער הערר מאיאר אורטיילט זעהר שטרענג.

— שטרענג, מיין ליעבער, שטרענג, דאס הייסט ביי אייך שטרענג! — זאגט בערקערסבורג מיט א הויכען געלעכטער. — ניין, ניין, דאס אלץ האב איך אליין געזעהן, און מיינע אויגען וועל איך אויף קיין זאך אין דער וועלט ניט פערבייטען, שלאסער. ווער עס האט ניט געקענט אריינכאפען ערגעץ וואו א פערמעגען, דער איז טאקי געבליבען אן אלטער בחור. איז דאס אזוי געוועזן אדער ניט, שלאסער?

— אין עטליכע רעגימענטען איז דאס געווען אזוי, הערר מאיאר...

אין עטליכע, זאגט איהר? אין אלע! איינס האט אנגעשטעקט דאס אנדערע. פון זינט אונזערע נייע געבאקענע באראגנען און דארפישע וואל אריסטאקראטען האבען אנגעהויבען זאגען א דעה אין אונזער בעליעבטען פאטערלאנד, און זיין מאיעסטעט איז געזעסען ביי איין טיש מיט די בערזען קעניגען פון האמבורג און פראנקפורט, — איז דאס ניט אמת, שלאסער?

— דאס איז געווים אמת, הערר מאיאר!

— און די אלע רייזען, און די קיעלער וואך, די קייזערליכע אקציען־געזעלשאפט, און די אלע אנדערע זאכען! איהר מיינט אפשר, אז איך האב א טעות, פערשטעה ניט אום וואס דא האט זיך געהאנדעלט? דא האנדעלט זיך ניט מעהר און ניט ווענינער, ווי וועגען וועלטהערשאפט, אדער ווי יענע הערערן רופען דאס, קאפיטאליזם. דאס אלץ האב איך פערשטאנען, נאכדעם ווי איך האב וועגען דעם פיעל נאכגעדענקט אין שטילע טעג, זיצענדיג אויף מיין פערד. דעריבער טאקי האב איך פריהער גערעדט וועגען מיראבא. ער האט דאך אויך אונטער געוויסע בעדינגונגען געוואלט רעטען דאס קעניגרייך פון לודוויג דעם זעכצעהנטען, ער האט דאך צייטענווייז געשפיעלט די ראל פון א פריינד פון מאריע אנטואנעט, כאטש ער איז געווען אידר געבארענער פיינד... און דאך...

— און דאך, הערר מאיאר?

— איך שטעה און וואונדער זיך און שטוין, וועלכע קראפט עס האט זיך פלוצלונג אויפגעהויבען פון די טיפסטע טיפען פון פאלק, א פאלק, וואס קעמפט איצט. איך האב מורא, פאר זיין עקזיסטענץ!

— פארוואס האט איהר מורא, הערר מאיאר?

— דאס איז מיין פריוואטע מיינונג, שלאסער, און איהר דארפט דאס קיינעם ניט זאגען, אפילו ווען די געלעגענהייט דערצו וועט זיך מאכען.

— איך וועל מיך היטען, הערר מאיאר!

— יע, איך בעט אייך! אבער זעהט נאר, ווער אונזערע נאהנטסטע מיטארבייטער זיינען! זעהט, וועלכע אונגעוועהנליכע גייסטיגע, מאראלישע און ארטיסטישע קרעפטען עס שטעקען אין אט די יונגען! איהר זייט א דיכטער, האמאן איז כמעט א מאלער, אדאלף איז א געבארענער מוזיקער און קאמפאניסט! דאס פאלען מיר נאר צופעליג איין דריי אין איין אייציגען באטאליאן. איז דאס ניט זאנדערבאר, שלאסער? און אט

די אַלע ווייסען מיט אמאָל ניט פון קיין בעסערער זאך, ווי זיך איבערצושיסען מיט טורקאָס פון נאָרד אפריקא! און דאָס אַלץ אין נאָמען פון אַן אידעע, אַ גרויסער, בעפרייענדער אידעע, אויב איהר ווילט. אַ גרויסע רעטעניש שטעהט דאָ פאַר אונז, שלאָסער!

— יע, דאָס איז אַ גרויסע רעטעניש, הערר מאיאָר!

— אַ גרויסע פסיכאָלאָגישע, פעלקערפסיכאָלאָגישע רעטעניש. אזעלכע רעטענישען זיינען די ערגסטע און שווערסטע, ווייל פערענטפערען זיי וועט נאָר די געשיכטע ערשט דאַן, ווען מיר וועלען שוין לאַנג אויף דער וועלט ניט זיין. ערשט אונזערע אייניקלעך וועלען קענען ענטשיידען, וואָס אייגענטליך מיר ווילען איצט, אָדער ריכטיגער, וואָס אַנדערע ווילען דורך אונז. ווייל אין דער אמת'ען זיינען מיר פיעל פאַסיווער, ווי מיר אליין דענקען. דאָס האָב איך אייך שוין פריהער געזאָגט מיט מיין ציטאַט פון געטהע'ס פאוסט. דאָך...

דער מאיאָר האָט געענדיגט זיין זאַץ און האָט אוועקגעשטעלט דעם טעלער אויפ'ן גראָז.

— איהר ווילט אַ ציגאַר, שלאָסער?

— איך וויל אייך ניט בערויבען, הערר מאיאָר.

— בערויבען? נארישקייטען! איך האָב אַ פולען פּאַרטסיגאַר. מיין אלטער איז געקומען די גליקליכע אידעע צו שיקען מיר אהער מיינע בעליעבטע ציגאַרען: אידר, אַן אונפערהייראַטער, האָט גאַר קיין אהנונג ניט, וואָס פאַר אַ גליק עס איז צו האָבען אַזאַ ליעב ווייבעל.

— וועגען דעם האָב איך ווירקליך ניט קיין אהנונג, הערר מאיאָר!

— זעהט איהר! און אויב אדאָלף'ס מעלדונג איז אַן אמת, וועל איך היינט קוים צייט האָבען פאַרטיג צו ווערען מיט מיין פּאַרטסיגאַר. טהוט מיר דעריבער די געפעליגקייט און העלפט מיר אין דעם, שלאָסער!

— מיט דעם גרעסטען פערגניגען, הערר מאיאָר!

— איך דערמאָן זיך איצט קלאָר, ווי איהר האָט מיט פערגניגען געראויכערט אַט טאַקע די ציגאַרען נאָך אַ מיטאָג ביי מיין פרוי.

— זאָגט, מיט ענטוזיאַזם, הערר מאיאָר!

— נו, איך בין דאָך ניט קיין דיכטער!... אבער גוט זיינען דאָך געווען די מיטאָגען ביי מיין פרוי, ווען זי פלעגט אליין צוריכטען דעם סאלאַט. זי פלעגט אלע מאָל זאָגען, אַז זי האָט זיך דאָס אויסגעלערענט אין ענגלאַנד. אין דעם פערדעטערישען

אלביאָן, לויט דעם איצטיגען אפיציעלען אויסדרוק. דערביי פלעגט זי מאכען אזא בעזונדערען זשעסט, פלעגט אזוי צוריק־ווארפען די ארבעל פון איהר קלייד. איהר געדענקט, עפּעס אזוי...

— איך געדענק די גנעדיגע פרוי, נאָר דעקאָלטירט און מיט קורצע ארבעל, הערר מאיאָר! איך האָב זי איינמאָל געזעהן אין א שטאָהלגרויען קלייד מיט א שימערענדען איבערוואורף, וואָס האָט אויסגעזעהן ווי א זילבערנער פּאנצער אָדער א שלאַנגענהויט!

— אזוי?... דעקאָלטירט נאָר... גנב וואָס איהר זייט! און שלאַנגענהויט... דער פערגלייך איז א געלונגענער, שלאסער. איך מוז אייך דאָס זאָגען, זעהר א געלונגענער!

דער מאיאָר ווערט אנשוויגען און זיצט א ווייל פער־טראכט. ער בייסט זיינע וואנצעס, און שלאסער הויבט אן מורא צו האבען, אז ער האָט איהם מיט זיין פערגלייך בעליידיגט. ער פרעגט דעריבער בעשיידען:

— דאָס איז געווען א פערגלייך, וואָס איז מיר גראד געקו־מען אויף די ליפּען, הערר מאיאָר, איך דאַרף, אז דער הערר מאיאָר האָט דעם פערגלייך ניט פערשטאנען שלעכט.

— אך, וואָס רעדט איהר, שלאסער! פערגלייכען, וואָס ריי־סען זיך אראָב פון צונג, זיינען געוועהנליך גראד די ריכטיגע; ווער עס איבערלעגט זיך לאנג, דער געפינט קיינמאָל ניט דעם פּאסענדען פערגלייך. דערצו איז אייער פערגלייך גראד דער אמת, מיין טייערער!

ווידער שווייגט דער מאיאָר און קוקט פערטראכט פאר זיך אויפ'ן גראז, וואו עטליכע פלייסיגע אמייזען לויפען אום הין און הער און שלעפּען אין זייער וואוינונג פיצעלעך האָלץ.

דאן ווענדט זיך דער מאיאָר ראש און דירעקט צו שלאָסער און פרעגט איהם פּלוצלונג:

— איהר זייט זעהר נאָהנט בעפריינדט מיט אדאָלף'ן פון דער אכטער קאָמפּאניע?

ערשטוינט קוקט איהם אָן דער לייטענאנט.

— זעהר נאהנט בעפריינדט — דאָס איז אפשר צופיעל געזאָגט, הערר מאיאָר. זעהר נאָהנט בעפריינדט הייסט ביי מיר עפּעס אנדערש.

— וואָס דען הייסט ביי אייך א נאָהנטע פריינדשאפט, שלאָ־סער?

— ווען, צום ביישפּיעל, מען פערטרויט איינער דעם אנ־דערען אלע סודות.

— און קאפיטאן אדאלף האט אייך קיינמאל ניט פערטרויט קיין סודות, הערר לייטענאנט?

— ניין, הערר מאיאר, אזא זאך געדענק איך פון איהם ניט. אָבער מיר, אונפערהייראטע, שטעהען איבערהויפט אין נאָהנטע־רע פערבינדונגען צווישען זיך, ווי די פערהייראטע הערען אין רעגימענט. מיר עסען יעדען טאָג איין מאָל אין קאזינאָ, און דאָ טרעפט פון צייט צו צייט, אז מען האט צווישען זיך אן אינטי־מען געשפרעך. אמאָל טרעפט אויך, מען ערלויבט זיך א וויץ, וועלכען עס וואָלט גלייכער און אנשטענדיגער געוועזן ניט צו זאָגען, דאס איז אבער אלץ, הערר מאיאר.

— וואס מיינט איהר דערמיט, שלאָסער — א וויץ, וואס איז ניט גאנץ אנשטענדיג?

— נו, איהר ווייסט דאָך, אז מען רעדט וועגען דעם, וועגען יענעם...

— און וועגען די דאמען פון רעגימענט אויך? — דער מאיאר ווארפט אויף איהם און אויספרואווענדען, דורכפארשענ־דען בליק.

שלאָסער ענטפערט גאנץ אונשולדיג:

— דאס איז דאך זעלבסטפערשטענדליך, הערר מאיאר, וועגען די דאמען פון רעגימענט רעדט מען אויך פון צייט צו צייט ביים טיש פון די אונפערהייראטע... אָבער דאס קען איך דעם הערן מאיאר פערזיכערען... נאָר אין די רעספעקטפולסטע אויסדרוקען.

בערקערסבורג שמייכעלט:

— נאָר אין די רעספעקטפולסטע אוסדרוקען, שלאָסער?

— נו, גאנץ געוויס, הערר מאיאר!

— ווי די יוגענד שיינט זיך דאס צו פערבעסערען פון יאָהר צו יאָהר! — רעדט דער מאיאר אזוי ווי צו זיך אליין. — אין מיין צייט, ווען איך בין נאָך געוועזן לייטענאנט, פלעגען מיר אויך רעדען. און זעהר גערן, וועגען די דאמען, אָבער איך קען אייך פערזיכערען, אז מיר האָבען פאר יעדער איינער געהאט עפעס א צונאָמען.

— אָ, צונעמען גיבען מיר זיי איצט אויך, הערר מאיאר!

— און איהר שליסט זיי אויך איין אין די רעספעקטפולסטע אויסדרוקען, שלאָסער?

— אונטער אומשטענדען יע, הערר מאיאר, ווען זיי זיינען נאָר אזוי אונשולדיג, ווי אונזערע צונעמען. אָבער אפשר האט דער הערר מאיאר א בעזונדערע פראגע אין זינען, ווייל נאָך אזא

ערנסטען געשפרעך און אין אזא מינוט, אינטערעסירט איהר זיך מיט דעם, וואס מען רעדט אין קאזינא...

אין דער ווילדער אייפערזוכט, וואס בעהערשט דעם מאיאר ביי שלאסער'ס פראגע, פערגעסט ער יעדע פארזיכטיגקייט און פרעגט:

— זאגט מיר איצט, שלאסער, אויף אייער עהרע און געוויסען, האט מען ווען אין קאזינא דערמאנט דעם נאמען פון מיין פרוי צוזאמען מיט הערן קאפיטאן אדאלף?

שלאסער קוקט אויפ'ן מאיאר מיט זיינע קלארע, גרויסע, טונקעלברוינע אויגען און ענטפערט אין אן איבערצייגענדען טאן:

— אויף דער פראגע קען איך דעם הערן מאיאר אויף מיין עהרע און געוויסען ענטפערען: ניין. קיינמאל האט מען אין מיין געגענווארט אין קאזינא ניט גערעדט וועגען דער פרוי פון מאיאר און הערן קאפיטאן אדאלף אין אירגענד וועלכען צוזאמענהאנג.

בערקערסבורג ציטערט אויף.

— זאגט איהר, אז קיינמאל ניט?

— אויף מיין עהרע און געוויסען, הערר מאיאר, קיינמאל ניט!

דער געשפרעך ווערט אונטערבראכען.

א הארניסט קומט צו מיט א מעלדונג:

— שפיעלמאן ווינקלער פון דער אכטער קאמפאניע איז קאמאנדירט צום שטאב פון הערן מאיאר פאן בערקערסבורג, אנשטאט דעם הארניסט שווייגלער.

—איהר זייט פון דער אכטער?

— צו בעפעהל, הערר מאיאר!

— אידר קענט דאן גאט דאנקען פאר דאס גליק אדער אונגליק, לויט אייערע פערזענליכע אנשויאונגען, וואס איהר זייט פון דער אכטער, און מען האט אייך קאמאנדירט אהער. שטעלט זיך אונטער יענעם בוים! דארט איז אייער פארגענגער געשטאנען.

— בעפעהל, הערר מאיאר!

בערקערסבורג הויבט זיך אויף, נעמט דעם צאים אין האנט און נעהמט אראב דעם בערגעל די פאר הונדערט מעטער ביז דעם ראנד פון וואלד. אין א ווייל ארום קומט ער צוריק.

— מען קען אין ערגעץ נארניט זעהן, שלאסער! די פליהערמעלדונג איז געוועזן ניט מעהר ווי א שווינדעל.

X

— גוטען אווענד, הערר מאיאָר!

די שטים פון קאָמאנדיר פאָן טראוטמאן קלינגט אב אין וואלד.

בערקערסבורג קערט זיך אום.

— איז דאָס ניט געווען די שטים פון קאָמאנדיר, שלאָסער?

— ריכטיג, הערר מאיאָר!

בערקערסבורג וויל זאגען דעם אדיוטאנט, ער זאל ארויס־געהן אנטקעגען און אנווייזען דעם קאָמאנדיר דעם וועג, אָבער דאָ בעוויזט זיך דעם קאמאנדיר'ס פערד צווישען די ביימער.

— אזא שווערער וועג, ריכטיגער, דאָ איז גאר קיין וועג ני־טאָ צווישען די פערפלאָנטערטע צווייגען, — זאגט דער קאָ־מאנדיר פון רעגימענט.

טראוטמאן שפרינגט אראָב פון פערד אזוי פלינק, אז קיינעם וואלט ניט איינגעפאלען, אז ער איז שוין אלט זעקס און פופ־ציג יאָהר.

— נעמט דעם העררן קאָמאנדיר'ס פערד! — בעפעהלט בערקערסבורג דעם הארגיסט, וואָס שטעהט אונטער'ן בוים מיט זיין טראמפייט.

דער סאָלדאט פיהרט דאָס פערד אָב עטליכע טריט און לאזט עס אויפ'ן גראז.

— איך האָב געוואָלט זעהן, וואָס דאָ טוט זיך ביי אייך, הערר מאיאָר.

— בעפעהל, הערר קאָמאנדיר!

— קיין נייעס פון דער שיצענליניע, הערר מאיאָר? קיין מעלדונג?

— אבסאָלוט קיין נייעס, הערר קאָמאנדיר!

— האָבען אונז אמאָל די לופטפליהער גאר ניט אבגענארט, הערר מאיאָר?

— דאָס קלער איך אויך שוין, הערר קאָמאנדיר! און הערר לייטענאנט שלאָסער טיילט אויך מיין אנזיכט...

— אזוי... מען קען אָבער קיינמאָל ניט וויסען אויף זיכער...

— געוויס קען מען ניט, הערר קאָמאנדיר! איך גלויב אָבער, אז די הערען פראנצויזען שפּיעלען זיך דאָס מאָל מיט אונז.

— איך האָב דיזעלבע מיינונג, הערר מאיאָר! אין יאָהר זיעבציג איז געווען גאר אנאנדער „שאַז"! אמת, איך וויים דאָס אליין נאר פון דעם, וואָס מען דערצעהלט. אבער, דער טייוועל

זאָל דאָס נעמען, דאַן זיינען מיר דאָך אונטער אונזער פריץ געפלויגען ווי א שטורעם!

בערקערסבורג שמייכעלט איראָניש.

— אָבער דאַן איז אין דער שפּיץ פון דעם גאנצען געשטאַנען איינער מאַלטקע, הערר קאַמאנדיר!

— איהר מיינט ניט דערמיט, הערר מאַיאָר...

— ניין, ניין, ווי קען איך דאָס מיינען!... אבער דאַן, איהר געדענקט? איז דאָס געגאנגען איינס נאָך דעם אנדערען... ווייסענבורג, ווערט, סט. פּריוואט, גראַוועלאָט, סעדאַן, פּאַריז... און איצט? מיר שלעפּען זיך מיט קוים בעמערקבארע טריט!

— אויב איהר דענקט אזוי, הערר מאַיאָר! — טראַוטמאַן שמייכעלט.

— ניין, איך בין מיט אייך איינשטימיג, הערר קאַמאנדיר!

דער קאַמאנדיר טראַכט זיך: אייביג דיזעלבע „שאַז"! ניין, איך בין מיט אייך איינשטימיג, הערר קאַמאנדיר! ער האָט גאָר קיין אהנונג ניט, וועלכע זעלבסטשטענדיגע, אום ניט צו זאָגען רעוואָלוציאָנערע, געדאַנקען בעהאַלטען זיך אונטער דעם אונדורכדרינגליכען שטערן פון בערקערסבורג, וואָס ערפילט זיין דיענסט זעהר גוט זייט יאָהרען און צעהנדליגער יאָהרען, און אין וועמעס זעל עס געפינען זיך זאכען, וואָס האָבען שוין לאנג איבערגעלאָזען הינטער זיך אַלע אָנגענומענע בעגריפען און מיינונגען.

— איז וואָס דענקט איהר וועגען דעם? פרעגט דער קאַמאַנדיר, אום ניט אבצוברעכען דעם געשפּרעך.

— אין דיענסט האָב איך א פּרינציפּ גאָר ניט צו דענקען, הערר קאַמאנדיר!

— נו, און אויסער דיענסט?

בערקערסבורג שמייכעלט סארקאסטיש. דער שמייכעל איז זעהר אונאנגענעהם דעם קאַמאנדיר, און ער זאגט:

— איהר מעגט מיט מיר רעדען פריי, הערר מאַיאָר!

דער מאַיאָר טראַכט: — יע, דער טייוועל זאָל דאָס נעמען, היינט וואָלט מען איינמאָל פאר אַלעמאָל געקענט זיך דורכרעדען, אויב, נאַטירליך, אדאלף'ס מעלדונג איז ניט קיין ליגען. אָבער וועגען דעם קען מען דאָך ניט זיין זיכער. איז שוין גלייכער צו שווייגען.

— נו. הערר מאַיאָר?

— איך האָב זיך דערמאָנט אָן שילער, הערר קאַמאנדיר!

— דאָס איז טאַקי אַן איינפאַל, הערר מאַיאָר, דאָ אין וואַלד הינטער טראַיאַן, ערווארטענדיג א שטאַרקערען פיינד, צו דענ־

קען וועגען שילער! אבער לאָמיר ענדליך הערען אייערע געראנקען, הערר מאיאָר!

ווידער דערזעלבער שמייכעל אויפ'ן געזיכט פון בערקערס־בורג, וועלכער ווייזט עפעס איצט איהם, דעם קאָמאנדיר, אויס ווי א נייער מענש.

— יע, הערר קאָמאנדיר, אויף דער וועלט איז קיין זאך ניט אינטערעסאנטער ווי דער מענש. איינער ווערט אין אזא מאָמענט דענקען וועגען זיין צואה, אנאנדערער — וועגען זיין געליעבטער, און איך דענק וועגען שילער!

— מיר דאכט, אין אזא מאָמענט דארף מען פריהער פון אלע דענקען וועגען פאטערלאנד, וועגען קעניג און וועגען אייגענעם פליכט, הערר מאיאָר!

— בעפעהל, הערר קאָמאנדיר! געוועהנליך דארף דאָס טאַקי אזוי זיין... און דאָך זיינען די מענשען גאר ניט אזוי, ווי מען שטעלט זיך זיי פאר, ווען מען לעזט די איצטיגע צייטונגען. לויט די צייטונגען קומט אויס, אז אלע האָבען איצט דיזעלביגע געדאנקען און מיינונגען, און דאָך...

דעם קאָמאנדיר דערעסט דער געשפרעך. ער בענוצט זיך מיט דער געלעגענהייט איבערצושלאָגען און זאָגט:

— אָבער איהר האָט דאָך געוואָלט עפעס זאָגען וועגען שילער, הערר מאיאָר!

— יע, וועגען שילער. ווען איהר האָט מיך געפרעגט וועגען אונטערשיד צווישען זיבציגסטען יאָהר און איצט, האָב איך זיך דערמאָנט אן ארט אין „דאָן קארלאָס“...

— וועלכען ארט פון „דאן קארלאס“, הערר מאיאָר? דאָס אינטערעסירט מיך איצט זעהר.

— ווי איז דאָס דאָרטען? אזוי אונגעפעדר: „מיין האר, דעם אמת זאָגענדיג, האָב איך זיך ניט צוגעגרייט אויסצודריקען אין ווערטער פון אייערען אן אונטערטאן דאָס, וואָס איך האָב געטראכט אלס בירגער פון דער וועלט, וויל, גלויבענדיג, אז איך בין שוין מעהר מיט דער קרוין ניט פערבונדען, האָב איך געמיינט, אז איך בין בעפרייט פון דער נויטווענדיגקייט אייך איבערצוגעבען די אורזאכען פון מיין האנדלונג!“

א לאנגע פאוזע. ענדליך זאָגט דער קאָמאנדיר:

— איך האָב אייך קיינמאָל ניט געהאלטען פאר אזא ליטעראט, הערר מאיאָר!

— בין איך דאָס גאר ניט, הערר קאָמאנדיר. איך בין נאר

אַן אַמאַטער, אַ דילעטאַנט, העכסטענס, אויף אַלע געביעטען פון לעבען, ניט מעהר! דילעטאַנט אין לעבען — דאָס זאָגט שוין מעהר ווי גענוג, אפשר צופיעל! דאָס אָבער בין איך. און פאַר אַזאַ זעלבסטבעוואוסטזיין דאַרף ניט פערמאַכען די אויגען קיין מענש, הערר קאָמאַנדיר, בעזונדערס אין אַזאַ מאָמענט, ווי דער איצטיגער!

— אַזוי... אַזוי... מורמעלט דער קאָמאַנדיר אין זיין באָרד: זיין געזיכט איז געוואָרען טיף ערנסט. איבעריגענס, קלערט ער, דער מאַיאָר איז גערעכט: איז דען ניט אַלץ איינס, וואָס איינער פון אונז דענקט אין דער איצטיגער מינוט, ווען אפשר אין דער נעקסטער... אָבער ניט גאַנץ הויך ווידערהאָלט ער פאַר זיך די ווערטער:

— אַלס בירגער פון דער וועלט... אינטערעסאַנט... בירגער פון דער וועלט! זיינען מיר דאָס איבערהויפּט געוועזען, בירגער פון דער וועלט, ווען מיר קענען אַזוי דענקען, ווי מיר דענקען איצט? ווען מיר קענען אַזוי דענקען, זיינען מיר דען איבערהויפּט געוועזען בירגער פון דער וועלט? און דאָס שטעהט אין „דאָן קאַרלאָס“, וואו עס רעדט זיך וועגען אַלבאַ און די נידערלאַנדען, וועגען פלאַנדערן און בראַבאַנט, זאַנדערבאַר, ווי דאָס איז געקומען אויפ'ן זין דעם מאַיאָר, און וואָס ער האָט דערמיט געמיינט!... בירגער פון דער וועלט!

בערקערסבורג האָט קוים פערשטאַנען וואָס דער קאָמאַנדיר האָט שטיל פאַר זיך גערעדט. און עס קימערט איהם אייגענטליך זעהר וועניג, וואָס קאָמאַנדיר פאָן טראַוטמאַן, מעג ער אפילו זיין אַ טיכטיגער סאָלדאַט, דענקט וועגען שילער און „דאָן קאַרלאָס“, וועגען איהם, אַלס בירגער פון דער וועלט, וועגען פלאַנדערן און בראַבאַנט, וואָס רופען זיך איצט בעלגיען! דער קאָמאַנדיר שיינט דאָס צו פיהלען. ער ווענדט זיך דעריבער צו בערקערסבורג'ען גאַנץ קאָנוועציאָנעל, און לעגענדיג די האַנט צום העלם, זאָגט ער:

— איך דאַנק אייך זעהר, הערר מאַיאָר! איך געה צו דער שיצענליניע.

— בעפעהל, הערר קאָמאַנדיר. דאָס איז קיין דריי הונדערט מעטער ניט פון דאַנען. קאַפּיטאַן אַראָלף פון דער אכטער, ווען דער הערר לייטענאַנט...

— איך דאַנק אייך, הערר מאַיאָר! אַ גוטען אָווענד!

— אַ גוטען אָווענד, הערר קאָמאַנדיר!

דער קאָמאַנדיר נעהט דורך די בוימער און נאָך קנאַפּע צעהן

מינוט שטעהט ער שוין הינטער דער שיצענליניע. קאפיטאן אדאלף איילט צו איהם אנטקעגען.

— שטערט אייך ניט, איך בעט אייך, הערר קאפיטאן!

נאכדעם, וואס ער האט געהערט, האט דער קאמאנדיר מעהר ניט קיין לוסט צו פילאסאפישע געשפרעכען. די ארמיי בע־שטעהט שוין פון צופיעל פערשידענארטיגע עלעמענטען, דענקט ער. און וואס איז דען דער וואונדער? קענען דען אלע האבען איין גייסט? אזוי שרייבען נאר די צייטונגען טאג־טעגליך, און אזוי דענקט מען אין די נאר הויכע ספערען. אט די מענשען האלטען זיך אלעמאל פאר גרויסע מענשענקענער, זיינען דאס אבער קיינמאל ניט געווען.

ווער קען דעריבער נאך וויסען, מיט וואס אט דער אדאלף קען אידם נאך טראקטירען? ביי אלע דייטשען אין קאפ געפינט זיך ניט איבערגעברייטע פילאסאפיע... זיי אלע האבען פריהער גע־שיינט צו זיין גאר אנדערע, זייגען דאס אבער ניט געווען... א דאנק גאט, די סאלדאטען זיינען גאר אנדערש!

דער קאמאנדיר קומט צו צו א סאלדאט, וואס ליגט אויפ'ן בויך אין הויכען גראז, געוועהר אין האנט, און קוקט גלייך אויף דעם שאסעע.

— ווי רופט מען דיך, מיין זוהן?

דער סאלדאט קערט זיך ניט ווילענדיג אום.

— ליגט, ליגט, קערט זיך ניט אום! — זאגט דער קאמאנ־דיר מיט א ווייכער שטים, — איהר ווייסט דאך, אז די אינ־סטרוקציאנען פערבאטען זיך אומצוקערען.

— בעפעהל, הערר קאמאנדיר!

— וועלכע וויזיער וועט איהר נעמען, מיין פריינד, ווען פיינדליכע רייטער וועלען זיך פלוצלונג בעוויזען דארט אונטען אויפ'ן שאסעע, ביי דעם גרויסען בוים?

— ווי דער הערר לייטענאנט וועט בעפעהלען, הערר קאמאנ־דיר!

— ריכטיג, אבער עס קען דאך טרעפען, מיין פריינד, אז דער הערר לייטענאנט וועט ניט קענען אבגעבען קיין בעפעהל. עס קען דאך טרעפען, אז דער הערר לייטענאנט איז פערוואונדעט אדער געפאלען, וועלכע וויזיער וועט איהר דאן נעמען, ווען פיינדליכע רייטער וועלען זיך פלוצלונג בעוויזען דארט אונטען אויפ'ן שאסעע, ביי דעם גרויסען בוים!

— ביי וועלכען גרויסען בוים, הערר קאמאנדיר?

— ביי דער פאפעל, וואס שטעהט דארט אליין, וואו דער פעלד־וועג קומט זיך צונויף מיט'ן שאסעע, מיין פריינד!

דער סאָלדאט איבערלעגט זיך.

— וויזיער צוועלף הונדערט, הערר קאָמאנדיר!

— ריכטיג, אונגעפעהר ריכטיג, און ווי אזוי ווייסט איהר דאָס?

— ווייל דער הערר קאַפּיטאן האָט פריהער בעפאָהלען, וויזיער צוועלף הונדערט, ווען פיינדליכע קאָלאָנען וועלען זיך בעווייזען ביי דער גרויסער פּאָפּעל, וואו דער פעלדוועג קומט זיך צונויף מיט דעם שאָסע, הערר קאָמאנדיר! — ערקלערט דער סאָלדאט אָפּענהערציג.

דער קאָמאנדיר גערט און זאגט:

— א גוטען אווענד, מיין פריינד, גאָט זאָל אייך היטען!

— א גוטען אווענד, הערר קאָמאנדיר!

פאן טראוטמאן גערט אין דער לענג פון דער רייה און שטעלט זיך אב לעבען אנאנדער סאלדאט. דער קערט זיך שוין ניט אום, ווען ער דערהערט דעם קאָמאנדיר'ס: גוטען אווענד, מיין פריינד! ער איז פערשטענדליכער.

— זאָגט נאָר, מיין פריינד, ווען איהר נעמט וויזיער צוועלף הונדערט, האלט איהר דאן אויף'ן מיטען פון ציעל?

— ניין, הערר קאָמאנדיר!

— וואו דען?

— ווען עס האנדעלט זיך אום א מענשען, דארף איך ציעלען איבער דעם קאָפּ, הערר קאָמאנדיר!

— וואָרום דען איבער דעם קאָפּ, מיין פריינד?

— ווייל אזוי וועט פליהען די קויל, הערר קאָמאנדיר!

— וואָס מיינט איהר דערמיט, מיין פריינד?

— אויף דעם גרונד פון געזעץ פון פאלען, הערר קאָמאנדיר!

— וואָס איז געווען אייער ציוויל בערוף, מיין פריינד?

— איך בין דאָקטאָר פון פילאָסאָפיע, הערר קאָמאנדיר!

דער קאָמאנדיר בויגט זיך איין צום סאָלדאט.

— הייסט דאָס א וואלונטיר. און וואָס האָט איהר שטודירט?

— פיזיק, הערר קאָמאנדיר!

איז דאָס, ווייזט אויס, דיזעלבע געשיכטע, ניט קוקענדיג אויף דעם גאנצען דריל, אלץ דאָסזעלבע, טראכט דער קאָמאנדיר. און זיי, דאָרט אויבען, רעדען און שרייבען און דרוקען וועגען עפּעס א גייסט פון דער ארמיי... דער ג י י ס ט פון דער ארמיי... דאָס וויזיער, וואָס דער הערר לייטענאנט האָט בעפאָהלען!

פאן טראוטמאן וויל מעהר נים אויספרואווען די סאלדאטען. ער רופט אויס:

— א גוטען אווענד, קאמעראדען!

— א גוטען אווענד, הערר קאמאנדיר, — שאלט דער ענט־פער דורך דעם וואלד.

—א גוטען אווענד, הערר קאפיטאן!

—א גוטען אווענד, הערר קאמאנדיר!

פערטראכט נעהט טראוטמאן צוריק צו דער עפנונג אין וואלד... צום בירגער פון דער וועלט!... ער הייסט זיך נעבען זיין פערד, שפרינגט ארויף אין זאטעל און מיט א שטומער בענרי־סונג רייט ער אוועק. זיין פליכט פאדערט, אז ער זאל אויך בע־זוכען די אנדערע קאמפאניען פון זיין רעגימענט, וואס זיינען אין רעזערוו.

XI

א גוטע האלבע שעה איז אריבער זינט דער קאמאנדיר איז צוועק. פלוצלונג דערהערט זיך פון דעם וואלדבערג די הילכיגע שטים פון קאפיטאן אדאלף:

— אכטונג! שיסען גלייך! וויזיער 800! פייער! בערקערסבורג ציטערט אויף.

— איז די נעשיכטע דאך ניט געוועזען קיין שווינדעל, — זאגט ער צו זיין אדיוטאנט.

די שלאנקע פיגור פון לייטענאנט גלייכט זיך אויס. קאמפסלוסט בליצט פלוצלונג אויף אין זיינע בלויע אויגען.

— אזוי זעהט דאס אויס, הערר מאיאר, — ענטפערט ער קורץ. דער פריהעריגער געשפרעך, די געשיכטע, די וויסענ־שאפטליכע קאריערע, די ירושה פון אנקעל, — אלץ ווערט איצט פערגעסען. דער איין געדאנק: „צושלאגען זיי!" בעהערשט איצט די ביידע אפיצירען מיט דעמאנישער קראפט.

ווידער דערהערט זיך קאפיטאן אדאלף'ס שטים:

— אכטונג, ריכטונג הויכע פאפעל, שיסען פון רעכטס, ווי־זיער 900, פייער!

די קלאפעריי פון די אינפאנטעריעגעוועהר איז איצט העכער פון יעדען אנדערען גערויש, העכער אויך פון דער שטים פון דעם קאמאנדירענדען. א דערשראקענער פליהט מיט א גע־שריי ארויס א פויגעל פון די הויכע צווייגען פון א טאנענבוים, וואס שטעהט לעבען דעם אורא לטען בוק, אונטער וועלכען דער מאיאר האט געמאכט זיין בעאבאכטונגספונקט. דער פויגעל פליהט טיפער אין וואלד.

מיט אַן אייזיגער רוהיגקייט ווענדט זיך איצט דער מאיאָר צום האָרניסט:

— בלאָזט, האָרניסט, דעם סיגנאַל פאר די אַנדערע קאָמפּאַניען זיך צונויפּזואַמלען!

— בעפעהל, הערר מאיאָר!

דער סאָלדאט טראָגט צו די טראָמפּייט צום מויל. שאַרף, רופענד, בעטויבענד קלינגען אָב די טענער ווייט אין וואַלד, און צווישען זיי הערט זיך די שיסעריי פון דער ליניע, וואָס ליגט אין דעקונג ביים ראַנד פון וואַלד. אַ צווייטער, אַ דריטער, אַ פערטער האָרניסט ענטפערען ווייט אין וואַלד, — אַ צייכען, אַז די קאָמפּאַניענפיהרער האָבען פערשטאַנען דעם סיגנאַל.

ווידער אדאָלף'ס שטים:

— אַכטונג, שיסען פון לינקס, ריכטונג קירכטורעם פון ראָזעי, וויזיער 600, פייער!

— צוה טייוועל! — שעלט דער מאיאָר, — זיי קומען אָן, ווייזט אויס, פון אַלע זייטען, שלאָסער!

— אזוי ווייזט דאָס אויס, הערר מאיאָר!

— לאָמיר פעררויכערען, שלאָסער, דאָס וועט בערוהיגען די נערוועז! — בערקערסבורג רייכט דעם אדיוטאַנט זיין פולען פּאָרטסיגאַר. יענער נעמט דאָס מאָל שווייגענדיג אַ ציגאַר, בייסט אָב די שפּיץ און צינדט אָן.

— אַכטונג, שיסען גלייך, וויזיער 500, פייער! — בעפעהלט קאַפּיטאַן אדאָלף.

— ווי זיי זיינען דאָס אָנגעקומען ווי אַ שטורעם! אונבעמערקט זיינען זיי צוגעקומען, כמעט אונבעמערקט, שלאָסער!

דער לייטענאַנט צוקט מיט די אַקסלען:

— דאָ איז דאָך מיט זיי די גאַנצע בעפעלקערונג, הערר מאיאָר! דאָס דאַרף זעהט נאָר אויס אַזוי פריעדליך. די בויערען מאַכען נאַרישע געזיכטער. אָבער ווער ווייס, וואָס אין יענע קליינע הייזער און הינטער די ווענט איז פערבאָרגען!

— איהר זייט גערעכט, שלאָסער, דאָס קען מען אין אַ פיינדליכען לאַנד קיין מאָל ניט וויסען!

דער לייטענאַנט שפּייט אויס, און עס איז זעהר שווער צו זאָגען, צי איז דאָס איהם אַ שטיקעל דעקבלאַט פון ציגאַר געבליבען אין מויל, אָדער ער וויל מיט דעם שפּייען אויסדריקען פעראַכטונג וועגען דעם, וואָס ער וויל זאָגען.

— הינט זיינען זיי, הערר מאיאָר, אַלע ביז איינעם פערבאָרגענע פעררעטער, וואו מען קוקט זיך נאָר ניט אום! מען וואָלט זיי געדאַרפט אַלעמען אויף די ביימער צוהענגען אָדער

מיט די באַיאָנעטען אויס׳הרג׳ענען, אַ שאָד צו פערלירען אויף זיי פולווער און בליי!

אויף בערקערסבורג׳ס געזיכט בעווייזט זיך דערזעלבער שמייכעל, וואָס מען זעהט ביי איהם אין דעם איצטיגען קריעג ווען נאָר די סיטואַציאָן ווערט קריטיש, און ער קוקט אויף אַלץ רוהיג, אין דעם ליכט פון זיין אייגענער פילאָסאָפיע, די עקזיס־טענץ פון וועלכער קיינער האָט ביי איהם ניט פערדעכטיגט פאַר דעם קריעג.

— איהר זאָגט אַזוי, שלאָסער, ווייל איהר אויך... איהר וועט זיך ניט בעליידיגען, איהר האָט דאָך געוואָלט ווערען דיכ־טער־פילאָסאָף...

— ניין, ניין, הערר מאַיאָר...

— נו, מיט איין וואָרט, דערפאַר, ווייל איהר ווידערהאָלט דאָס, וואָס אנדערע האָבען אייך געזאָגט. איך קוק אויף דעם נאָר אנדערש!

— אנדערש, הערר מאַיאָר?

— יע, מיט אייער ערלויבניש, הערר לייטענאַנט!

— איך בעט אייך, זאָגט ווי, הערר מאַיאָר.

בערקערסבורג רעדט נאָכדענקענד:

— רעדענדיג וועגען אָט די בויערען, פערגעסט איהר נאָר, אַז מיר געפינען זיך אין פיינדליכען לאַנד, און ניט אומגעקערט.

— דאָס פערגעס איך ניט, הערר מאַיאָר.

— נו, אויב איהר פערגעסט דאָס ניט, איז... ביי אונז קענען קיין פאַרטיזאַנען ניט זיין, ווייל אונזער בעפעלקערונג האָט נאָך ניט געליטען פון די שרעקען פון קריעג! נאָר אין דעם לאַנד, אין וועלכען די קריעגספוריע האָט זיך צושפּיעלט, ווערען געבאָרען פאַרטיזאַנען!

— און איהר גלויבט, אַז אין דעם געגעבענעם פאַל קען דאָס אויך ביי אונז זיין אַזוי, הערר מאַיאָר?

— ניט נאָר גלויב איך, הערר לייטענאַנט, נאָר איך קען זאָגען, אַז איך האַלט דאָס פאַר אונצווייפעלהאַפט...

שלאָסער קוקט אָן דעם מאַיאָר מיט אונבעשרייבליכער פערוואונדערונג.

— קוקט מיך ניט אָן אַזוי, הערר לייטענאַנט, וואָס איך האָב דעם מוט, אין אָט דער שעה פון ענטשיידונג איבער לעבען און טויט, איך, אַ קעניגליך־פּרייסישער אָפיציר, צו זאָגען אייך דעם אמת, קעגען אַלע דיענסטפאָרשריפטען. געוויס איז דאָס אַ סוביעקטיווער אמת, ווי איך פיהל איהם. אָבער יעדער אמת איז דאָך סוביעקטיוו, אין דעם קענען מיר זיך דאָך איצט

מודה זיין!... מיר וועלען שוין פאר די פארטיזאנען מוזען געפינען אן אנדער נאמען, ווען זיי זאלען צופעליג זיך בעווייזען אויף דעם רעכטען ברעג פון רהיין, אנשטאט דעם לינקען. ווען אייער דויף ברענט, וועט איהר ניט קוקען, צי אויף אייער ראק איז צוגענעהט א רויטער קראגען, צי ניט, איהר וועט כאפען א ביקס און וועט שיסען, דא צי אין אירגענד וועלכען לאנד. אזוי איז געוועזען אין אלע צייטען, מיין פריינד. א דייטשער דיכטער האט געמאכט פאר א העלד איינעם, וואס האט פון א ווינקעל פערשאסען א לאנדפאכט און האט דערמיט בעפרייט זיין פאטערלאנד פון א טיראן. דאס איז פעראייביגט געווארען, דאס ווערט געלערענט אויף אויסוועניג אין אלע פרייסישע גימנאזיען... איבריגענס...

ווידער דערהערט זיך א בעפעהל פון קאפיטאן אדאלף:

— אכטונג, גלייך שיסען, וויזיער 500, פייער!

בערקערסבורג ציטערט אויף.

— וואס איז דאס, שלאסער? איהר הערט, דאס איז דאך מאשינגעוועהר!

— יע, הערר מאיאר, מאשינגעוועהר!

געשפאנט הערען זיךביידע צו. קאפיטאן אדאלף'ס שטים דערטראגט זיך:

— אכטונג, גלייך שיסען, וויזיער 400, פייער!

די שיסערייי נאך די בעפעהלען ווערט אלץ שוואכער און שוואכער, און עס נעמט אלץ לענגער צווישען איין שאס און דעם אנדערען.

— די פיינדליכע מאשינגעוועהר טוען, ווייזט אויס, זייער ארבייט, — שטאמעלט שלאסער, בלייך ווערענדיג. בערקערסבורג קוקט ערגעץ פאר זיך און בייסט שווייגענדיג די עקען פון זיינע וואנצעס. דעם אדיוטאנט ווייזט איצט אויס, ווי דער מאיאר וואלט זיך פלוצלונג געענדערט, און ער איז שוין מערר ניט דערזעלבער מענש וואס פריהער, וואס האט גערעדט וועגען שילער און „דאן קארלאס", וואס איז געוועזען א „בירגער פון דער וועלט", וועלכען ער האט אזוי ווייניג געקענט פערשטעהן אין דער איצטיגער לאגע.

שלאסער איז גערעכט, בערקערסבורג איז איצט אנאנדערער. אין צוויי מינוטען איז ער פלוצלונג, אהן וועלכער עס איז אויסערליכער אורזאך, געווארען אנאנדערער. די געוועהנליכע הארטקייט און גרויזאמקייט, וועלכע ער האט פריהער געשיינט צו האבען ארא‍בגעווארפען פון זיך, האבען זיך ווידער

בעוויזען ארום זיין מויל. זיינע געדאנקען טראגען איהם אוועק ווייט, ווייט צום אסט־פרייסישען גרענעץ, צו ווערזשבאלאווא און צום גוט פאלקענשטיין, וואו עס געפינט זיך איצט זי, זיין פרוי, און בענקט נאך אנאנדערען. זי, וועלכע ער האט געוואלט ערשטעטען, האט דאס אבער ניט געקענט, ווייל ער האט זי געקויפט, ווייל ער האט א טעות געהאט אין מענשען, האט זיך אין זיי אבגענארט. יע, דארט געפינט זיך איצט זיין פרוי, און אין אט דער מינוט שטעהט איהר פאר א גרויס אומגליק... אן אומגליק מיט זיין מיטווירקונג!

מיט שרעק קוקט אויף איהם שלאסער. ער קען כמעט לעזען די געדאנקען, וואס בעהאלטען זיך הינטער זיין קאמאנדיר'ס אונדורכדרינגליכען שטערן, וואס האט נאך קיינמאל ניט אויסגעדריקט דאס, וואס זיין מויל האט ניט געוואלט ארויסגעבען. שלאסער'ן דוכט זיך, אז ער זעהט מיט זיינע אויגען די פערקערפערונג פון א פורכטבארען ווילען, געווענדט אויף א פערברעכען, וואס קיין מענש וועט ניט קענען אויפווייזען. ענדליך שטאמעלט ער אויס:

— דאס פייער פון דער אכטער קאמפאניע ווערט פערדעכטיג שוואך. זאל איך אפשר צוגעהן זעהן?

— בלייבט דא, שלאסער!

דער הערשערישער טאן, אין וועלכען די ווערטער ווערען געזאגט און אין וועלכען דער מאיאר האט זיך ביזהער קיינמאל ניט געווענדט צו זיין אדיוטאנט, קלינגט ווי א בעפעהל, וועלכען מען קען ניט ווידערשפרעכען.

— צו בעפעהל, הערר מאיאר! — שטאמעלט שלאסער. בערקערסבורג הערט זיך ניט צו צו איהם. ער פערנעמט פון דער ווייט די אזוי גוט בעקאנטע שטים פון אדאלף, און ווייל ער הערט זי נ א ך, ציטערט ער אויף.

— אכטונג, שיסען גלייך, וויזיער 400, פייער!

א פאר שאסען קלינגען אהנמעכטיג אב ביים ראנד פון וואלד.

— עס נעמט איהם קיין קויל ניט! — קריצט בערקערסבורג מיט די צייהן.

— האט דער הערר מאיאר עפעס געזאגט?

— ניט צו אייך, הערר לייטענאנט! — ער שטעכט אריין זיין סאבעל אין די ווייכע, מיט מאך בעדעקטע ערד.

שלאסער קערט זיך אב. א קאלטער שווייס בעווייזט זיך אויף זיין שטערן, דאס איז א שרעק פאר די אלע, וואס זיינען

קוים דריי הונדערט מעטער ווייט פון איהם און ווערען איינער נאָך דעם אנדערען אויפגעאָפּפערט אויף דעם ווילען פון דעם איינעם, וואָס שטעהט איצט דאָ פאַר איהם.

ווידער אדאָלף׳ס שטים:

— אכטונג, פייער!... שיסען גלייך, וויזיער 300...

איין, צוויי, דריי, פיער, פינף שאָסען דערהערען זיך, אונ־זיכערע, איינער נאָך דעם אנדערען... דאן ווערט שטיל... א טיפע שטילקייט... נאָר דער פורכטבאַרער ענטפער פון די פיינדליכע מאשינענגעוועהר... און דאן איין שווערער שאָס...

— פיינדליכע ארטילעריע!

שלאָסער׳ס ווערטער קלינגען אָב ווי דער געשריי פון א פערוואונדעטען טיער.

דאן דערהערט זיך א צווייטער, דריטער און פיערטער שאָס...

מען הערט, ווי די גראנאטען גראָבען אויף די ערד אין וואלד.

און ווידער אדאָלף׳ס שטים:

— אכטונג, פיינדליכע ארטילעריע, גלייך, פייער! וויזיער 1200...

— ער קעמפפט ווי א לייב, דער יונג! — קריצט דער מאיאָר מיט די ציינער, נאָך אלץ ניט ריהרענדיג זיך פון אָרט.

ארויף דעם בערגעל לויפט א סאָלדאט פון דער שיצענ־ליניע, קוים כאַפּענדיג דעם אָטעם. בערקערסבורג איז אין די געדאנקען ערגעץ אנדערשוואו, אין פייער, לעבען אדאָלף׳ן, וואָס וויל נאָך אלץ ניט פאלען. דער מאיאָר שטעהט און קוקט אָן דעם אָנקומענדען, ווי עפּעס א נעשפּענסט.

— וואָס דאַרפסט איהר?

דער סאָלדאט האַלט זיך קוים אויף די פיס.

— איהר זיין פערוואונדעט!

דער סאָלדאט פאלט אַנידער.

שלאָסער כאַפּט ארויס זיין טאַשענטיכעל, מיט דעם פער־בינדען זיי איהם די וואונד.

— א גאַנץ לייכטע וואונד אויפ׳ן שטערן, — מורמעלט שלאָסער. דער מאיאָר שאָקעלט בעשטעטיגענד מיט׳ן קאָפּ.

— קענט איהר נאָך שטעהן? — די ווערטער רייסען זיך ארויס ביי דעם מאיאָר, ווי ביי איינעם, וואָס טרינקט זיך. דער סאָלדאט קומט צו זיך, און אין זיין אויסגעמאַטערטען מאַרך

ווערט פלוצלונג קלאָר, פאַר וועמען ער שטעהט און צוליעב וואָס ער איז אַהער געקומען.

— הערר קאַפּיטאַן אַדאָלף בעט געהאָרכזאַמסט פערשטאַרקונג. אונז זיינען איינגאַנצען געבליבען ניין און צוואַנציג מאַן אין דער קאָמפּאַניע.

דעם מאַיאָר׳ס געזיכט לעגט זיך אין מאַרמאָרנע פאַלבען. זיין פיגור רוקט זיך אביסעל ארויס :

— איהר וועט מעלדען דעם הערר קאַפּיטאַן, אז דער בעפעהל פון הערר קאָמאַנדיר לויטעט : שפּאַרען, שפּאַרען, שפּאַרען ביז צום לעצטען מאַן !

— בעפעהל, הערר מאַיאָר !

דורך די טאַנען און בוקען לויפט דער פערוואונדעטער סאָלדאט, איבערצוגעבען זיין קאַפּיטאַן דעם בעפעהל פון מאַיאָר. ער פערשווינדט.... בערקערסבורג זעהט איהם שוין ניט...

— אָבער אַדאָלף׳ס שטים קומט פון דער ווייט, נאָך אַלץ אַדאָלף׳ס שטים :

— אכטונג, פיינדליכע ארטילעריע, גלייך, פייער ! וויזיער 1000....

דאַן ווידער א פירכטערליכער שאָס און א קלאַפּ פון גראַנאַטען....

— פערדאמט ! — רייסט זיך ארויס פון מאַיאָר׳ס מויל: אַדאָלף׳ס שטים לעבט איבער ד ע ם שאָס אויך. ענדליך ווענדט זיך דער מאַיאָר צום האָרניסט :

— בלאָזט דעם סיגנאַל : די זיעבענטע קאָמפּאַניע צום שטורם, מארש, מאַרש, האָרניסט...

— צו בעפעהל, הערר מאַיאָר !

דער בעטויבענדער קלאַנג פון דעם טראָמפּייט סיגנאַל צוטראָגט זיך איבער׳ן וואַלד, און אין א מינוט ארום ענטפערט דער האָרניסט פון דער זיעבענטער קאָמפּאַניע מיט דעמזעלבען סיגנאַל, צום צייכען, אז מען האָט פערשטאַנען דעם מאַיאָר׳ס בעפעהל.

XII

עס געהט אריבער נאָך א האַלבע שעה. אבער פאַר דעם מאַיאָר און זיין אַדיוטאַנט ציהט זיך די צייט פיינליך לאַנג. די זיעבענטע קאָמפּאַניע שטעהט נאָך דערצו אזוי ווייט, דענקט דער מאַיאָר, און דורך דעם וואַלד איז דאָך גאָר קיין וועג ניטאָ. אונגעדולדיג מיט גרויסע, לאַנגע שריט געהט דער מאַיאָר איבער דער וואַלד־

לאַנקע הין און צוריק. און דאָס פייער פון דער אכטער קאָמפּאַניע ווערט אַלץ שוואַכער און שוואַכער. מינוטענלאַנג הערט מען עס אינגאַנצען ניט. אָבער אדאָלף׳ס שטים הערט זיך נאָך אַלץ, כאָטש אַ הייזעריגע:

— אכטונג, פיינדליכע ארטילעריע פון רעכטס, פייער! ווי־זיער 1000.

ענדליך גענט דער מאיאָר נאָכאַמאָל צו צום האָרניסט:

— ווידערהאָלט דעם סיגנאַל, האָרניסט, די זיעבענטע קאָמ־פּאַניע צום שטורם, מארש, מאַרש!

און נאָכאַמאָל קלינגט אָב דער סיגנאַל דורך דעם וואַלד. און ווידער ענטפערט דער האָרניסט פון דער זיעבענטער קאָמפּאַניע, דאָס מאָל פיעל נאָהנטער, פיעל פערנעמליכער פון דער טיף פון וואַלד.

בערקערסבורג אָטעמט אויף ערלייכטערט.

— אַ דאַנק גאָט, שלאָסער, — ווענדט ער זיך צום אדיו־טאַנט. — זיי קומען, זיי קומען! נאָך ניט צו שפּעט!

— ריכטיג, הערר מאיאָר!

אָבער ווידער דערהערט זיך די קלאַפּעריי פון די מאַשינגע־וועהר, ווידער פאַלען די גראַנאַטען אויף דעם ברעג פון וואַלד, און פערבלאָנדזשעטע שראַפּנעלען טראָגען זיך איבער די קעפּ פוןביידע אָפיצירען.

— נאָך איין ציגאַר, הערר לייטענאַנט, די לעצטע!

— ניין, איך דאַנק, הערר מאיאָר, איך קען מעהר ניט רויכערען.

— איהר בעהערשט שוין אויך ניט אייערע נערוועז?

שלאָסער וויל זיך בעהערשען און זאָגט:

— צו בעפעהל, הערר מאיאָר!

דער יונגערמאַן, וואָס, לויט דעם מאיאָר׳ס ווערטער, האָט זיך געהאַלטען פאַר אַ דיכטער און געוואָלט שטודירען געשיכטע אין בערלינער אוניווערזיטעט פּונקט אין דעם מאָמענט, ווען די מאָביליזאציאָן האָט צושטערט אַלע זיינע גאָלדענע טרוימען, נעמט צוזאַמען זיינע לעצטע קרעפטען. אַלץ, נאָר ניט שלאַפקייט, אָבגעלאָזענקייט אין דעם איצטיגען מאָמענט און פאַר די אויגען פון דעם מאיאָר! זינט היינט נאָכמיטאָג ווייס ער, אַז דער מאיאָר קען אריינקוקען אין אַ מענשען׳ס זעל און ווענדט אָן צו אַלץ גאַר אַנאַנדער מאַסשטאַב ווי די, וואָס זיינען פאַרגעשריבען אין די רעגלען און אין דער דיענסטאָרדנונג, וועלכע ער ווייס דאָך אַזוי גוט אויף אויסווענדיג. ניין, אַלץ, נאָר ניט שוואַכקייט!

בערקערסבורג בעמערקט, ווי א ציטער גערט דורך דעם שלאנקען קערפער פון דעם יונגען לייטענאנט, וואס וויל זיך בעהערשען. און דער מאיאר שמייכעלט. ער איז נאך אלץ אימשטאנד צו שמייכלען איראניש, אפילו איצט, ווען דער לעצטער סאלדאט פון דער אכטער קאמפאניע ווערט אויפגעאפפערט. ער שטעהט ווירקליך איבער יעדער סיטואציאן, דאס וויים שלאסער זינגט היינט נאכמיטאג פון דעם מאיאר׳ס אייגענעם מויל.

ער בעוואונדערט איהם, ניין, ער איז איהם מקנא, ער איז אייפערזיכטיג אויף אזא קראפט ביי דעם מאיאר. ער וויים, אז דער מאיאר איז פעהיג צוריקצואווייזען דעם אייזערנעם קרייז, וועלכען אנדערע ווילען אזוי שטארק ערקעמפען, מיט איין זארגלאזער בעוועגונג מיט דער האנט, אין דעם שטאלצען בעוואוסטזיין, אז קיין פירשט אין דער וועלט קען איהם, בערקערסבורג׳ען, ניט אויסצייכנען. ער, בערקערסבורג, קען קעגען דער אוינגעשייגליכער, אונפערמיידליכער ווירקליכקייט, ביים פולען בעוואוסטזיין פון זיינע אייגענע שוואכקייטען און פעהלערען, קאלטבלוטיג אויפאפפערען אנדערע מענשען, וואס גלויבען איינפאך אין זייער בערוף. ער קען אבער פונקט אזוי קאלטבלוטיג אויפאפפערען זיך אליין און אהן קיין ענטוזיאזם, דאס וואלט נאר געווען ביי איהם א רעזולטאט פון א ריין שכל׳דיגער ארבייט: ער וואלט זיך נאר געזאגט, אז דער, וואס האט זיך געוויסענלאז בענוצט מיט דעם פארצוג פון א סיטואציאן, דארף אויך זיין גרייט צו נעמען אויף זיך יעדע קאנסעקווענץ, וואס קומט פון דער סיטואציאן ארוים.

וועהרענד שלאסער איז פערטיפט אין אט די געדאנקען און שטעלט זיך פאר אט דעם מענשען, וועלכען, לויט דעם געלונגענעם אויסדרוק פון קאסינסקי, ער וואלט געקענט זעהן אויף די רואינען פון קארטאגא, קערט זיך פלוצלונג דער מאיאר ראש אום צו איהם. אין א הייזעריגער שטים, ווי עפעס וואלט איהם געשטיקט, גיט ער אב זיין בעפעהל:

— נעמט אויף א ווילע איבער די קאמאנדע איבער דעם באטאליאן, איך מוז געהן צו דער שיצענליניע א קוק טהאן.

מעכאניש שטאמעלט שלאסער אויך איצט זיין געוועהנליכע „צו בעפעהל, העדר מאיאר!“. ער וויים, פארוואס דער מאיאר וויל געהן א קוק טהאן אויף די שיצענליניע. די שיסעריי פון דער אכטער קאמפאניע איז שטיל געווארען, און אדאלף׳ס קאמאנדע הערט זיך שוין מעהר ניט... די שטילקייט פון א בית עולם איז דארט... נאט! שלאסער וויל צוריקהאלטען דעם מאיאר, וויל

פונקט דאַן רייסט זיך אויף א פיינדליכע גראַנאַט, שיינט אויף ווי א בליץ און וואַרפט אויף דעם ברעג פון וואַלד א שוועבעלגעלע ליכט. אָבער עס איז שוין צו שפּעט. די פיגור פון דעם לויפענדען מאַיאָר בעווייזט זיך צווישען די ביימער און ווערט פערשוואונדען. און אַרויף דעם בערגעל לויפט ווידער אָהן אָטעם א סאָלדאַט פון דער אכטער קאָמפּאַניע.

— וואָס ווילט איהר, מוסקעטיר?

קוים כאַפּענדיג דעם אָטעם, שטאַמעלט דער סאָלדאַט:

— הערר קאַפּיטאַן אַדאָלף בעט נאָכאַמאָל געהאָרכזאַמסט, מען זאָל שיקען פערשטאַרקונג. ווען איך בין אוועק, זיינען אונז געבליבען נאָר עלף מאַן.

א יובעלענדע „הוראַ!" קומט ווי אַן ענטפער אויף דעם סאָלדאַט'ס מעלדונג. א שווערע לאַסט פאַלט אַראָב פון שלאָסער'ס האַרץ. די שיסעריי פון דער אינפאַנטעריע לעבט ווידער אויף. שלאָסער דערקענט די שטים פון דעם קאַפּיטאַן, וואָס איז געקומען מיט זיין קאָמפּאַניע פּונקט אין דעם קריטישען מאָמענט. די זיעבענטע קאָמפּאַניע האָט דערגרייכט די ליניע. די פערשטאַרקונג איז שוין דאָ.

— די פערשטאַרקונג איז שוין דאָ! — זאָגט שלאָסער מיט א טאָן פון ערלייכטערונג, און דער מוסקעטיר, איינער פון די עלף איבערגעבליבענע, לויפט באַלד צוריק צו דער פייערליניע. דערלויפענדיג, וואַרפט ער זיך אויף דער ערד און, ליגענדיג אויף'ן בויך, לאָדט ער אָן זיין ביקס און וויל שיסען. אָבער איידער ער שיסט אויס, דערזעהט ער מיט זיינע אייגענע אויגען, גאָר אָהן צווייפעל, די הויכע פיגור פון מאַיאָר, וואָס שטעהט אויף די קניה הינטער דער שיצענליניע. ער מאַכט די גרעסטע אַנשטרענגונגען צו ערמוטיגען די סאָלדאַטען, אָבער פּלוצלינג ניט ער זיך א קער און פאַלט אום.

— דער מאַיאָר! — נאָר דאָס איין וואָרט רייסט זיך אַרויס ביי דעם סאָלדאַט. אָבער נאָך העכער דערהערט זיך איצט אַדאָלף'ס הייזעריגער אויסגעשריי:

— אונטעראָפיציר!

א קאָפּ ריהרט זיך אין גראָז.

— נעמט איבער די קאָמאַנדע איבער דעם רעשט פון דער אכטער קאָמפּאַניע!

— בעפעהל, הערר קאַפּיטאַן!

און ניט אכטענדיג אויף דעם האָגעל פון דער פיינדליכער

שיסערײַ, הויבט זיך אַדאָלף אויף און מיט דרײַ שפּרונגען איז ער שוין בײַ דער זײַט פון מאַיאָר.

— ביזטו פערוואונדעט, בערקערסבורג?

קיין ענטפער.

— אום גאָט'ס ווילען, רעד דאָך, מענש, זאָג, ביזטו פערוואונדעט?

אַדאָלף הויבט אויף זײַן פריינד און זוכט מיט די אויגען ארום נאָך הילף. ענדליך בעמערקט ער זײַן מוסקעטיר, און ניט קלערענדיג וועגען דער געפאהר, זאָגט ער:

— העלפט מיר, קאַם, דער הערר מאַיאָר...

קאַם דערקריכט ווי עס איז צו בײַדע אָפיצירען. וועגען אויפהויבען זיך פון אָרט קען גאָר קיין רעד ניט זײַן, ווײַל דער האָגעל פון פיינדליכע קוילען פאַלט אין וואלד און רוישט ארום, ווי א שטורעם אין פריהלינג. קאַם און אַדאָלף נעמען דעם בעוואוסטלאָזען מאַיאָר.

— ארויף צו דער עפנונג אין וואלד, וואָס ווייטער פון פייער, קאַם, — בעפעהלט אַדאָלף, — פאָרווערטס, מארש!

זיי קריכען אויף אַלע פיער איבער גראָז און וואָרצלען, ניט קלערענדיג וועגען קיין אנדער זאַך, ווי נאָר צו רעטען דעם קאָמאַנדיר פון באַטאַליאָן, ברענגען דעם פערוואונדעטען אין זיכערהייט.

קיין וואָרט, קיין קלאַנג קומט ניט פון בערקערסבורג'ס ליפּען. א גוואַלטיגער בלוטפערלוסט האָט באַלד אָבגענומען בײַ איהם דאָס בעוואוסטזײַן.

— מיר קענען צו דער עפנונג אויבען ניט צוקומען, ער וועט שטאַרבען בײַ אונז אויף די הענט, קאַם! — שטאַמעלט אַדאָלף.
— דאָרט הינטער דעם בוש וועלען מיר זײַן זיכער פון קוילען. קאַם!

— צו בעפעהל, הערר קאַפּיטאַן!

מיט די לעצטע קרעפטען ברענגען זיי ענדליך דעם אָהנמעכטיגען אונטער דעם בוש.

—וואו איז די וואונד? — אַדאָלף עפענט האַסטיג דעם גרויען פעלדמונדיר פון זײַן פריינד. — מען קען גאָרניט זעהן, קאַם, וואו איז די וואונד?

פערלאָרען קוקט אויף איהם דער סאָלדאַט. אַדאָלף'ס געזיכט ברענט ווי אין פיבער, א קאַלטער ציטער לויפט איהם איבער'ן רוקען, זײַנע קניה טרייסלען זיך.

— מיר מוזען איהם רעטען, קאַם!

— בעפעהל, הערר קאפיטאן!

און צווישען די ווערטער הערט זיך א העפטיגע שיסעריי פון דער זיבעבנטער קאמפאניע, דאן די קלאפעריי פון די מאשינגעווער און דער פערשטיקטער קלאנג פון די פאלענדע גראנאטען און שראפנעלען און דער קראך פון די אויפגעריסענע פראיעקטילען. ענדליך רופט קאם אוים:

— אט דא, הערר קאפיטאן, דא!

— וואו, קאם?

— דא, אויף דער רעכטער האנט, ביים גרויסען אדער...

— הויבט אויף די האנט און האלט זי הויך, זעהר הויך.

וועהרענד דער סאלדאט האלט מיט אלע קרעפטען מיט איין האנט די האנט פון מאיאר גאנץ הויך, און דריקט צו מיט דער אנדערער די וואונד, פון וועלכער דאס בלוט שפריצט ווי פון א פאנטאן, ווארפט אדאלף אראב פון זיך דעם מונדיר. אומזיסט זוכט ער עפעס, מיט וואס מען וואלט געקענט פערבינדען די וואונד, אלץ איז שוין לאנג פערברויכט געווארען אונטען ביי דער פייערליניע. ער רייסט אראב פון זיך זיין לייוועטענע העמד, צורייסט עס אויף פאסען און שרייט:

— איצט האלט צו די וואונד, און איך וועל פערציהען מיט אלע קרעפטען, אבער האלט די האנט וואס העכער!

ער לעגט ארויף די שטרייפען פון לייוועגט און פערציהט אזוי שטארק, ווי ער קען נאר. פלוצלונג, ווי דורך א וואונדער, טאפט ער אן מיט די פינגער אין דעם לעצטען מאמענט דעם בלוטענדען אדער. דער שפריצענדיגער בלוטשטראם שטעלט זיך אב. אויב די פערבינדונג וועט זיין גענוג שטארק, איז דעם מאיאר'ס לעבען גערעטעט.

— א דאנק גאט, קאם! איצט וועלען מיר איהם פארזיכטיג ארויפטראגען אויבען צו דער עפנונג, דאס פייער האט גראד איצט אויפגעהערט.

אין א פערטעל שעה ארום לעגען קאם און אדאלף אנידער דעם מאיאר צו די פיס פון זיין אדיוטאנט.

— וואס איז געשעהן? — שטאמעלט שלאסער.

— ער וועט ווידער קומען צו זיך, הערר לייטענאנט.

— איהר דענקט אזוי?

אויף די ביזהער טויטבלייכע באקען פון דעם מאיאר בעוויזט זיך א לייכטע, קוים בעמערקבארע פארב, דאס לעבען, דאס בלוט האט זיך ווידער אומגעקערט אין זיין סיסטעם, נאכ־

דעם ווי די וואונד, פון וועלכער עס האט געוואלט ענטרינען, איז פערהאלטען געווארען.

עס דויערט נאך פינף מינוטען. בערקערסבורג עפענט די אויגען.

— וואו בין איך?

— אין זיכערהייט, בערקערסבורג!

— דו, אדאלף?

— יע, איך!

— וואו בין איך געוועזן?

— אויף דער פייערליניע!

— אך, יע... די געדאנקען קערען זיך ווידער אום צו איהם.

— און דאן?

— דאן האט דיך געטראפען א גראנאטשפליטער אין האנט און האט דיר געמאכט א וואונד אויף דעם גרויסען אדער. א גליק, וואס דאס איז געשעהן נאהנט לעבען מיר!

— און דאן האסטו...

— יע, איך, בערקערסבורג, דאס איז דאך זעלבסטפערשטענדליך.

— אזוי... אזוי... — מורמעלט דער מאיאר. דער שלום פון זיין געדאנק פערזינקט אין טיפען שווייגען, די שווארצע נאכט פון אהנמאכט לעגט זיך ווידער אויף זיין געהירן און פערהילט מיט אן אונדורכדרינגליכען שלייער די געגענווארט און די פערגאנגענהייט. נאר זיינע ליפען שטאמלען:

— וואסער, וואסער, איין זופ וואסער, איך ווער פערברענט!

ווי א ליעבענדע מוטער, טראגט אדאלף צו די פעלדפלאש, אנגעפילט מיט שווארצען קאפע, צו דעם מאיאר׳ס ליפען און שטילט זיין פערצעהרענדען דורשט.

— גוט, גוט, — שטאמלען די בלוטלאזע ליפען, און ווידער וויים דער קנ.פ ניט, ווער עס האט אבגעפרישט די פערטריקענטע ליפען.

אדאלף שפרינגט אויף.

— קומט, קאם, דער הערר לייטענאנט וועט שוין אכטונג געבען אויף דעם מאיאר!

כ־ריקעטיר און קאפיטאן ווארפען זיך צוריק צו דער שיצענליניע, און צו שלאסער׳ס אויערען דערטראגט זיך ווידער אדאלף׳ס אונערמידליכע שטים:

— אכטונג, פייער! פיינדליכע שיצען... וויזיער 600... פייער!

דאס געפעכט ווערט פארטגעזעצט.

לאנגזאם זינקט די נאכט איבער דעם וואלד הינטער טראיאן. די זיעבענטע, די זעקסטע, די פינפטע קאמפאניעס האבען איינע נאך דער אנדערער זיך בעטייליגט אין דער שלאכט. די פיינדליכע ארטילעריע און מאשינגעוועהר האבען אנגעמאכט א שרעקליכע בלוטבאד און פערוויסטונג אין בערקערסבורג'ס באטאליאן. ער אליין האט אבער וועגען דעם ניט די מינדסטע פארשטעלונג. ער רוהט אונטער דעם אורואלטען בוק אויף דער עפנונג אין וואלד. זיין בעוואוסטזיין האט זיך צו איהם אומגעקערט, און ער הערט זיך צו. וועהרענד די בלייכע לבנה שטייגט שטיל און פייערליך ארויף דעם הימעל איבער די בוימער און ראזעי'ס קירכטורעם, קערען זיך אום צו איהם די געדאנקען. זיי טראגען יזיהם אוועק ווייט, ווייט אין מזרח צו מעלאניע, וועלכע זיצט איצט אין פאלקענשטיין, לעבען ווערזשבאלאווא, הארט ביים רוסישען גרענעץ.

וואס טהוט זיך דארט איצט?

בערקערסבורג איז מיעד. איהם איז נאך זעהר שווער צו דענקען. די אויגען שליסען זיך אליין צו. און דורך זיין וויסטען טרוים, אין וועלכען בלוט, טרערען, פייער, אייפערזוכט און ליעבע מישען זיך צונויף, קלינגט אונאויפהערליך די אונבעזיגליכע שטים פון אדאלף, וואס שרייט נאך אלץ אוים די בעפעהלען פאר דעם רעשט פון זיין קאמפאניע:

— אכטונג, פייער!... שיסען גלייך... וויזיער 600... פייער!

אזוי קלינגט אדאלף'ס שטים אונאויפהערליך דורך בערקערסבורג'ס טרוים.

דריטער טייל

I

שוין זעקס יאָהר אין פּיער בוניאָן מער אין ראָזעי. אָבער פאַר די גאַנצע זעקס יאָהר האָט ער ניט איבערגעלעבט אַזוי פּיעל אויפרעגונגען אין זיין קליינער געמיינדע, ווי פאַר די לעצטע עטליכע וואָכען, זינט מען האָט ערהאַלטען אין פּאַריז די בעריהמטע בערלינער דעפּעש, און די דייטשען האָבען מיט צוויי טעג שפּעטער, צו דער ערשטוינונג פון דער גאַנצער וועלט, זיך אריינגעריסען אין בעלגיען.

פּיער בוניאָן איז אַן אַלמן און איז אַלט אונגעפעהר אַ יאָהר זעכציג. פאַר דעם קליינעם ראָזעי איז ער פערהעלטניסמעסיג אַ גרויסער גרונדבעזיצער און האָט אויסערדעם דעם בעסטען, דאָס הייסט איינציגען, רעסטאָראַן אין ראָזעי, קאַפּע דיו רעיזען.

היינט שטעהט ער אונצופריעדען פאַר דעם אריינגאַנג אין זיין רעסטאָראַן און קוקט מיט האַלב צוגעמאַכטע אויגען אויף די זון, ווי אַ קאָטער, וואָס האָט נאָר וואָס ערוואַכט פון שלאָף. איבער זיין ניט צו ריינעם ווייסען העמד טראָגט ער אַ בלויען קיטעל, אויף די פיס זיינען פּילצפּאַנטאָפּעל, און אַ קליינע מיץ מיט אַ בלוי־ווייס־רויטען פּראַנז איז נאַכלעסיג אַנגעטהאָן אויף'ן כמעט גלאַטען קאָפּ.

פּיער בוניאָן איז שלעכט געשטימט. דאָס געשעפט געהט שלעכט, זינט די גאַנצע יוגענד פון דאָרף איז גערופען געוואָרען אונטער די פאָהנען, און דער קריעג האָט זיך אַלץ מעהר קאָנצענטרירט ארום ראָזעי, און בעזונדערס זינט איין באַטאַליאָן פון די „באָשען" איז אריין אין ראָזעי און האָט רעקווירירט אַלץ וואָס איז עסבאַר, און די בויערען מיידען אויס די קאַפּע דיו רעיזען, ווייל מען קען קיינמאָל ניט וויסען, וועמען מען קען נאָך דאָרט אַמאָל איצט טרעפען.

יע, אין אַזאַ צייט איז טאַקי שווער, טראַכט פּיער בוניאָן און קראַצט זיך מיט אַלע פינף פינגער פון זיין שווילינער האַנט דעם נאַקעטען שאַרבען.

עס זעהט אויס, ווי דער מער וואָלט זיך נאָר ארומגעקוקט, אום זיך צו ערקונדיגען וועגען וועטער. אין דער אמת׳ען אָבער קוקט ער אויס אויף עפּעס אנדערש. דער מאיאָר האָט איהם מיט אַ האלבע שעה צוריק געשיקט אַן אָרדנאַנס אין פראַנצוויזיש, אַנזאָגענדיג איהם, אז ער וועט בעזוכען קאפע דיו רעיזען. פיער בוניאָן האָט ניט קיין אהנונג וועגען דעם צוועק פון בעזוך, אָבער קיין גוטס קען מען שוין געוויס ניט ערוואַרטען, ווען אזא באָש וועט קומען צו פאָטער בוניאָן.

ברעכענדיג זיך דעם קאָפּ, וואָס נאָך דער מאיאָר וויל ביי איהם רעקוויזירען, — ווייל רעקווויזירען איז דאָך דאָס איינציגע, וואָס אזא באָש קען דאָ פערלאַנגען, — געהט ער אריין אין רעסטאָראַן.

ביי איינעם פון די טישען ביים פענסטער זיצען דריי בויערען און שפּיעלען אין קאָרטען. זיי שפּיעלען מיט אַזארט, ווי דאָס איז דער שטייגער דאָ אומעטום אויף׳ן לאַנד.

— באָנזשור, מעסיע.

— באָנזשור, פּער בוניאָן. — די בויערען קערען זיך קוים אָב פון די קאָרטען.

זשאַן לואזיר, דעם מער׳ס ניכטע, וואָס בעדיענט דאָ אין רעסטאָראַן, שטעהט הינטער דעם שענקטיש. זי ווענדט זיך צום אָנקעל מיט דער בעמערקונג, אז דער סידער אין קרוג געהט שוין אויס.

— וואַ אַן שערשע אַ לאַ קאַוו! — זאָגט פּער בוניאָן און זעצט זיך צו צו די בויערען. ער קוקט אריין צו זיי אין די קאָרטען און פערדרויכערט דאָס אויסגעלאָשענע שטיקעל ציגארעט, וואָס ער האָט די גאַנצע צייט געהאלטען צווישען די צייהן.

— טי אַ דע לאַ שאַנס (עס געהט דיר), מאַרטאַ.

מאַרטאַ, צו וועמען דאָס ווערט געזאָגט, הויבט ניט אויף די אויגען. ער זיצט, זיין אונגעראַזירט געזיכט אונטערגעשפּאַרט מיט דער האַנט, און ברומט עפּעס אונפערשטענדליכעס, וואָס איז ניכער עהנליך צו פלוך, ווי צו אַ פערנינפטיגען פראַנצויזי-שען זאַץ.

— יע, עס געהט מיר, און אַט זיינען די באָשען אין דאָרף... דאָס איז אַלץ, וואָס מען קען פערשטעהן.

פּיער בוניאָן פרעגט אויף פראַנצוויזיש:

— וויפיעל שטעהען דען ביי אייך איין, פאָטער מאַרטאַ?

— זאָל זיי דער טייוועל נעמען, וויפיעל זיי זיינען, מאָן אַמי! — ענטפערט מאַרטאַ.

דער צווייטער בויער, מיט'ן שעהנעם נאָמען ראָס, מור־מעלט:

— ע ביען, דו דארפט געבען, פער מארטאָ!

דער דריטער שאָקעלט נאָר העפטיג מיט'ן קאָפּ, און דאַן טהוען זיי זיך ווידער שווינגענדיג אריין אין שפּיעל. מען רעדט אין קאָפּע דיו רעיזען קיינמאָל ניט פיעל, אָבער היינט איז דאָ די שטימונג בעזונדערס נעדריקט.

די באשען האָבען געוואונען דאָס געפעכט אין וואלד הינטער טראיאן, ניט קוקענדיג אויף דעם, וואָס פראנצויזען זיינען דאָ געוועזען פיער מאָל אזוי פיעל, ווענען דעם קען שוין קיין צווייפעל ניט זיין. זיין דעריבער האָבען די באשען בעזעצט ראזוי.

פיער בוניאַן געהט אונטער'ן שענקטיש, וואו זשאַן לואזיר איז נראד איצט ארויפגעקומען פון קעלערטרעפּ.

— וואו איז לואי? — פרעגט ער.

— איך ווייס ניט, אָנקעל.

— דו ווייסט ניט?

— ניין, איך ווייס ניט, — ווידערהאָלט דאָס יונגע מיידעל, וועלכע מען וואָלט געקענט רופען א שעהנע, ווען ניט איהר גאָבלעסינע קליידונג און די שמוציגע קיכשירץ, וואָס צושטערען דעם גאנצען איינדרוק. אבער זשאַן לואזיר איז דאָך א שעהן קינד פון אכצעהן יאָהר, ניט קוקענדיג אויף איהר קליידונג און איהר פערשמירטע שירץ. ווען די יוגענד פון ראָזוי איז אוועק צום פראָנט, האָט זיך זשאַן אָנגעטהאָן אין איהרע זונטאָגדיגע קליידער און האָט צוגעצוינען אין איהר אָנקעל'ס קאָפּע אַלע איבערגעבליבענע יונגעלייט.

— ווייסטו ניט, הייסט דאָס, וואו לואי איז? — פרעגט איבער דער מער.

— ניין, אָנקעל, איך ווייס ניט.

— אזוי, אזוי... — ברומט דער אלטער, — נו, רוף מיר שארל.

זשאַן לואזיר פערשווינדעט דורך די טיר, וואָס פיהרט אין פארהויז. דער מער טרעט ווידער צו צו די בויערען. ער וויל מיט זיי פערפיהרען א פּאָליטישען געשפּרעך. אפשר וועט ער האָבען מעהר גליק מיט דעם דריטען בויער, ווי מיט מארטאָ און ראָס.

— אלאָר, — זאָגט ער, — שערבוליאָן, זייט איהר צופריעדען מיט אייערע באָשען?

שערבוליאָן, א נידריגער הויקער, מאכט א סאטירישע גרי־

מאַסע אויף זיין חעסליכען, מיט זומערשפּרינקלען בעדעקטען געזיכט און זאָגט:

— קאַנטאַן, פּער בוניאַן, פּאַר קאַנטאַן, שטאַרק צופרידען... זיי וועלען מיר דאָך אַלץ ניט אויפפרעסען, מיינע באַשען... זיי האָבען דערצו, דוכט זיך, דעם מוט ניט.

דער מער לאַכט.

— זיי וועלען שוין געפינען אַ מיטעל ווי דיך צוערשט אויפצופרעסען, שערבוליאַן, פּאַט אַטאַנדער, מאַן שער, וואַרט נאָר, ביז זיי וועלען זיך גוט אויסהונגערען, וואַרט נאָר!

די גרימאַסע אויף דעם הויקער׳ס געזיכט בעקומט אַ טייוועלשען אויסזעהן.

— סאַפּריסטי, זאָלען זיי פרעסען, מיינע באַשען... צווישען אונז זאָל דאָס בלייבען, מיין אַלטע האָט נאָך אַביסעל ראַטענגיפט, פון לעצטען ווינטער. זאָלען זיי פרעסען, מיינע באַשען... איהר ווייסט דאָך, אויף דער פאַרם מאַן דעזי האָט מען ניט געקענט אויסהאַלטען פון די ראַטען, צו נאָהנט ליגט די פאַרם פון וואַסער, ווען מען האָט דעם קאַנאַל פערשאָטען אין הערבסט, פּער ביוניאַן, זיינען די ראַטען געקומען אַן מאַס אויף׳ן פאַרם, מאַנסיע לע מער!

— איך ווייס, איך ווייס! — פאַטער בוניאַן געהט ווידער צום שענקטיש און גיסט זיך אָן אַ גלאַז סידער פון דעם קרוג, וואָס זשאַן האָט נאָר וואָס אַרויפגעבראַכט. — און וואו האָט דאָס דער לואי געקענט פערפאַלען געהן! — רעדט ער ניט הויך צו זיך אַליין.

ער איז זעהר שטאַרק בעזאָרגט וועגען לואי. דאָס איז זיין אינגסטע־ און איינציגער זוהן. זיינע צוויי טעכטער זיינען שוין זייט יאָהרען פערהייראַט און וואוינען ניט אין ראָזוי. זיינע צוויי איידעמס זיינען אויף׳ן שלאַכטפעלד. אָבער לואי איז איצט זעכצעהן יאָהר אַלט און איז דאָס טייערסטע, וואָס דער מער האָט אויף דער וועלט. לואי האָט זיין מוטער געקאָסט איהר לעבען, ער איז געקומען אויף דער וועלט, אַזאַ ווילדער און איינגעשפּאַרטער, ווי ער איז נאָך איצט אויך.

— וואו קען לואי פאַרט זיין?

— לאָז אונז ענדליך צופרידען מיט דיין לואי, פּער בוניאַן, — ברומט דער אַלטער מאַרטאָ. — מיר וועלען זיך נאָך דאָ פערצעהלען איבער דיין לואי! איז געוועזען אין גאַנצען ווען־קאַטרוואַנט, טראַנט־סענק, ראָס, דו דאַרפסט צאָהלען זיעבען סו...

ראָס נעמט אַרויס פון דער הויזען קעשענע אַ לעדערנע ביי־

טעל, אין וועלכען ער האלט זיין גאנצען פערמעגען אין געלט און וועלכע ער נעמט אלעמאל מיט, ווען ער פאהרט אויף'ן מארק פערקויפען זיין גרינס. זיין שפינאט איז ווייט און ברייט בעריהמט, און מען וויים אויך די אורזאך: ראס האט פאר זיינע פעלדער פערפאכטעט די אבפאל־גרובען פון ראזוי, און דריבער טאקי איז זיין שפינאט אזוי גוט.

פארזיכטיג צעהלט ראס אוים אויף'ן טיש די זיעבען קופערשטיק, רוהיג, ניט געאיילט, איינס נאכ'ן צווייטען, ווי קיין איין באש וואלט גאר ארום ניט געווען, ווי עס וואלט געווען א צייט פון פריעדען.. ראס ליעבט נאטירליך זיין פאטערלאנד, אבער צו אט די שווער פערדינטע סו איז ער צוגעבונדען מיט זיין גאנצער נשמה. מארטא וויים, ווי שווער עס איז איהם מיט זיי זיך צו שיידען.

— נאך איינס און נאך איינס, — זאגט מארטא, — שנעלער, שנעלער, ראס, נאך איינס...

דאס לעצטע ליגט אויף'ן טיש. מארטא נעמט צוזאמען די מטבעות. ראס'ן ערגערט דאס. גראד מארטא דארף געווינען. ער וואלט ליעבער דעם הויקער פערגונען זיינע טייערע סו. אבער מארטא, דער רייכסטער אין גאנץ ראזוי, וואס האט דא ניט לאנג געוואונען א פראצעס מיט א פאריזער ראנטיע און האט בעקומען א גרוים שטיק לאנד! האט זיך צוגענומען דאס שטיק לאנד, דאס פאסענדסטע פאר גרינס, און פאר שפינאט ווי געשאפען, רענקט ראס. און האבענדיג מיט יאהרען צוריק געוואונען דעם פראצעס אז קיינער קלערט שוין ניט וועגען דעם, נעמט ער זיך איצט צו אט די זיעבען סו אויך. אמת, דערפאר האט ער אויך די גרעסטע צאהל באשען אויף זיין הויף, וואס ער האט געגעבען דעם שטאלצען נאמען קלא מאנאברי... מאנאברי... כא־כא... לאכט ראס אין זיך, — און אין אט דעם מאנאברי זיצען איצט די באשען... כא־כא... א שעהנע מאנאברי...

אין דעם מאמענט דערהערט זיך א קלאפען פון א הארטער האנט אין טיר פון קאפע דיו רעיזען. פאטער בוניאן, וואס איז געזעסען ביז איצט איינגעבויגען ביים שענקטיש, הויבט זיך שנעל אויף. די בויערען הערען זיך צו. זשאן לואזיר, ניט ערווארטענדיג קיין גוטס, פערשווינדט אין קיך. נאר דאס שעהנע גרויע קעצעלע מינעט בלייבט פאלשטענדיג רוהיג און קנורט זיך ווייטער, ליגענדיג בעקוועם אויף דער באנק הינטער דעם טיש.

— אנטרע, — ברומט פאטער בוניאן.

און ראס ברומט פאר זיך:

— סע סאַל קאָשאַן, סע סאַל!

אויף'ן שוועל בעוויזט זיך א ריעזיגער גרענאַדיר פון פּאָמערן. ער איז דער רעכטער פליגעלמאַן אין דער ערשטער אבטיילונג פון דער זיבעצנטער קאָמפּאַניע אין בערקערסבורג'ס באַטאַליאָן. ער איז איינער פון די ווייניגע, וואָס זיינען געבליבען לעבען נאָך דער שלאַכט אין טראַיאַנער וואַלד. ווען ער קומט צו צום מער, איז ער מיט א קאָפּ העכער פון דעם אַלטען.

די אימפּאָנירענדע פיגור פון דעם גרענאַדיר פון פּאָמערן צווינגט בוניאָן אראָבצונעמען די מיץ מיט דעם בלוי־ווייס־רויטען פּראַנז און דרעהען זי אין פערלעגענהייט אין די הענט. דער גרענאַדיר גיט איבער דעם מער פון ראַזעי א צעטעלע, אויף וועלכען עס שטעהען א פּאָר פראַנצויזישע ווערטער.

— די וואַפען, גוט, די וואַפען, — מורמעלט דער מער קוים צום הערען.

דער גרענאַדיר פערנייגט זיך און געהט ארויס.

— זיי קומען באַלד? — פרעגט מאַרטאַ.

— געוויס קומען זיי באַלד, — ענטפערט דער מער.

די בויערען ווארפען צוזאַמען די קאַרטען אויף'ן טיש. זשאַן לואַזיר בעוויזט זיך ווידער פון קיך און נעמט צונויפקלייבען דאָס געלט.

— באָנזשור, מעסיע.

די דריי בויערען גנב'ענען זיך ארויס ווי קעץ פון קאַפע.

II

דער מער און זשאַן לואַזיר בלייבען אליין.

— וואו איז לואי? — פרעגט פער בוניאָן נאָכאַמאָל.

— איך ווייס ניט, — ענטפערט זשאַן לואַזיר קורץ. אָבער ביי די ווערטער בעוויזט זיך אן איינגעהאַלטענער בייזער שמייכעל אויף איהרע שטרענג צוזאַמענגעפּרעסטע ליפּען, און צווישען די הויך אויפגעהויבענע ברעמען ליגט אין דעם אויגענבליק עפּעס א פינסטערע ענטשלאָסענהייט. און פער בוניאָן בעמערקט:

— נאָר אָהן נאַרישקייטען, דו הערסט?

— ניין, אנקעל, איך הער, — ענטפערט דאָס מיידעל, אָבער אין איהרע גרויסע דונקעלברוינע אויגען בעוויזט זיך א געפעהרליך פייערל, וואָס בלייבט ניט אונבעמערקט פאַר פאָטער בוניאָן. ער וויל ווידערהאָלען זיין ווארנונג, כאָטש ער ווייס, אז קיין ווירקונג וועט זי ניט האָבען, אָבער דאָ קומט אריין מאַיאָר פאָן בערקערסבורג אין בעגלייטונג פון אונטעראָפיציר וואָלף.

דער מאיאָר זעהט אוים בלייך. ער טראָגט זיין פערבונדענע האנט אין א שלייף.

מיט א קורצען באַנזשור, אויף וועלכען ער בעקומט ניט קיין ענטפער, געהט ער צום טיש, ביי וועלכען די בויערען זיינען געזעסען, און זאָגט קורץ:

— נעמט אראָב פון טיש, מאַדעמואַזעל.

דער בעפעהלענדער זשעסט פון דעם דייטשען אפיציר וויזט אָן, וואָס דאָס פראנצויזישע מיידעל דארף טהאָן, און זשאַן לואזיר נעמט שווייגענדיג אראָב פון טיש. אונטעראפיציר וואלף געהט דערווייל צו צום פענסטער און קוקט ארוים אויף'ן הויף, וואו פיער בוניאָן'ס היהנער גראבען אויף א מיסטהויפען. דער אונטעראפיציר טראָגט אונטער'ן ארעם א בלוי־געבונדען אקטענ־העפט, א צייכען, אז דער מאיאָר וויל זיך דאָ אין קאפע פער־נעמען מיט דיענסטליכע געשעפטען. זינט זיין באטאליאָן האָט פערנומען ראָזוי, איז בערקערסבורג דער האר פון ראָזוי.

— א פעדער און טינט, — בעפעהלט דער מאיאָר

זשאַן לואזיר קוקט אויף איהם און פערשטעהט ניט. בער־קערסבורג ווידערהאָלט אין אן אונצופריעדענעם טאָן:

— אין פלום ע דע ל'אַנקר, מאַדעמואַזעל.

דאָס מיידעל געהט לאַנגזאַם צום שענקטיש, וואוהין פער בוניאָן איז שוין פריהער אוועק, און ברענגט דעם מאיאָר טינט און פעדער.

— זעצט זיך, אונטעראפיציר!

— בעפעהל, הערר מאיאָר!

בערקערסבורג און וואלף זעצען זיךביים טיש. זשאַן לואזיר שטעלט איין שטוהל אזוי, אז דער וואָס זיצט מוז זיין אומגע־קערט מיט'ן רוקען צום פענסטער. אָבער דאָס פענסטער איז צו־געמאכט, נאָך די זיטען פון די בויערען. אוועקשטעלענדיג טינט און פעדער אויף'ן טיש פאר דעם אונטעראפיציר, פרעגט דאָס מיידעל דעם מאיאָר:

— דיו ווען, מאָנסיע?

דאָס פרעגט זי אין דעם געוועהנליכען טאָן, ווי זי, די דיענסט אין קאפע דיו רעיזען, פרעגט אלע בעזוכער פון רעסטאָראַן. זי קלערט גאָר אין דער מינוט ניט, אז זי באָט אן ווייַן עמיצען פון די באָשען. דער מאיאָר ענטפערט:

— איין קוואַרט, מאַדעמואַזעל.

— רויטען אָדער ווייסען?

— ווייסען!

פאטער בוניאַן הערט דאָס און ניסט אן פון א קאַן, וואָס שטעהט ביי איהם בעהאַלטען אונטער'ן טיש, א פלאַש פון א פערטעל ליטר. זשאַן לואַזיר נעמט צוויי גלעזער און סערווירט די באַשען פראַנצויזישען וויין.

— טרינקט, אונטעראָפיציר!

— צו בעפעהל, הערר מאַיאָר!

— ניין, נים צו בעפעהל. טרינקט אַזוי, טרינקט, אויב איהר ווילט, אָבער נים צו בעפעהל, אַניט גאָזט דאָס שוין בעסער שטעהן, אָבער נים צו בעפעהל. טרינקט, אויב איהר ווילט, אונ־טעראָפיציר!

— וועל איך טרינקען, הערר מאַיאָר.

וועהרענד וואָלף גיסט זיך אן, וואַרפט דער מאַיאָר אויף'ן טיש א פופציג־סאַנטים שטיק. זשאַן לואַזיר וויל געבען רעשט.

— סע פור וואו (דאָס איז פאַר אייך), זאָגט בערקערסבורג.

ער הערט נים, ווי דאָס מיידעל זאָגט „מערסי באָקו, מאַנסיע“, ווייל ער מורמעלט צו זיך אליין עפּעס אונפערשטענד־ליכעס. זשאַן לואַזיר טרעט שטיל אָב צו איהר אָנקעל הינטער דעם טיש.

— האָט דער הערר מאַיאָר שמערצען? — פרעגט דער אונטעראָפיציר אין א געפיהלפולען טאָן.

— ניין, איך פיהל נים קיין שמערצען, וואָלף, אינגאַנצען נים, איך דאַנק אייך פאַר אייער מיטפיהלען, איך האָב איבער־הויפּט קיין שמערצען אין האַנט נים געהאַט, ווענינגסטענס גע־דענק איך נים קיין שמערצען. איך פיהל נאָר אביסעל נים בעק־וועם. א קליינער בלוטפערלוסט, וואָלף, נים מעהר, א נאַרישקייט. דער בלוטפערלוסט וועט מיר פערשפּאָרען דריי קורען אין מאַ־ריענבאַד, איך פערזיכער אייך!

ביי די ווערטער נעמט דער מאַיאָר די פלאַש און גיסט אריין אביסעל וויין אין זיין גלאָז.

— נאַ, אייער געזונד, וואָלף! אָבער מיר האָבען דאָס מאָל אונזערס דורכגעפיהרט.

— ריכטיג, הערר מאַיאָר, מיר האָבען אונזערס דורכגע־פיהרט. — ביידע פערטראַכטען זיך.

— וואָס מאַכט דער הערר קאָמאַנדיר, אונטעראָפיציר?

— דער הערר שטאַבאַרצט האָט היינט אין דער פריה גע־זאָגט, אז דער הערר קאָמאַנדיר איז נאָך פון נעכטען נים אַרויס.

— הם... הם... נאָך אַלץ ניט אַרויס ?

— דער שאָס האָט אַנגעריהרט די לונגען, — זאָגט דער שטאַבּאַרצט.

— אַזוי, אַזוי.... דער שאָס האָט אַנגעריהרט די לונגען. זאָגט נאָר, וואָלף, האָט איהר שוין בּעקומען און געלעזען אין רעגי־מענט־קאַנטאָר דעם ראַפּאָרט פון די הערען קאָמפּאַניענפיהרער ?

— בּעפעהל, הערר מאַיאָר.

— נאַ, און...

וואָלף הויבּט אָן רעדען אין דער שטיל, כאָטש ער ווייס, אַז דער מער און האָס מיידעל פערשטעהען קוים איין דייטש וואָרט.

— נאַ, און... — פרעגט איבּער בּערקערסבּורג, ניט קענענדיג איהם פערשטעהן, וואָלף זאָגט נאָכאַמאָל:

— אַכציג פּראָצענט פערלוסט, הערר מאַיאָר, פון דער אַכ־טער קאָמפּאַניע זיינען אונז געבּליבּען אויסער הערען קאַפּיטאַן אַדאָלף נאָר זעקס מאַן נאָך.

בּערקערסבּורג ציטערט אויף.

פאַרוואָס עפּעס רעדט וואָלף ווי אויסגערעכענט וועגען דער אַכטער קאָמפּאַניע און גראַד וועגען אַדאָלף, ועמעס קאָמפּאַניע ער האָט צוערשט געשיקט אין פיינדליכען פייער ? אָבּער גלייכ־צייטיג קלערט ער, אַז ער האָט זיין לעבּען צו פערדאַנקען אָט דעם אַדאָלף'ען, אַז ווען אַדאָלף וואָלט ניט געאיילט איהם צו הילף, וואָלט ער אויסגעגאַנגען אין דער שיצענליניע. נאָך נעכטען האָט דאָס איהם ווידערהאָלט דער שטאַבּאַרצט. — איהר וואָלט זיכער געווען פערלאָרען, הערר מאַיאָר, — האָט ער געזאָגט, — ווען ווי דורך אַ וואונדער פון הימעל עמיץ וואָלט ניט געאיילט צו הילף און וואָלט ניט פערבּונדען דעם אָדער. — און ער האָט דעם „עמיצען" געשיקט דעם ערשטען אין פייער... שטעל אוועק אוריה... אַך, וואָס... צו וואָס קלערען שטענדיג וועגען דעם ?

בּערקערסבּורג גיט דעם געשפּרעך אַנאַנדער ווענדונג. כאָטש ער ווייס גאַנץ גוט, אַז וואָלף פיהרט אויס די דיענסטליכע בּע־פעהלען פון זיינע קאָמאַנדירען אויף דעם געוויסענהאַפטסטען אופן, פרעגט ער דאָך:

— האָט איהר איינגעלאַדען אהער, אין קאַפּע דיו רעיוזען, הערען קאַפּיטאַן אַדאָלף און הערען לייטענאַנט שלאָסער, אונ־טעראָפיציר ? איך וויל, אַז אַלץ זאָל צוגעהן אין בּעסטער אָרדנונג, אַזוי לאַנג ווי איך פיהר דאָס רעגימענט אַנשטאָט אונזער קראַנ־קען קאָמאַנדיר.

— צו בּעפעהל, הערר מאַיאָר.

— און דעם אייניאָהריגען וואָלונטיר אויך?

— צו בעפעהל, דעם אייניאָהריגען וואָלונטיר אויך. ער שטעהט איין דאָ אין הויז, הערר מאַיאָר.

— זעהר גוט. אַ גליק, אונטעראָפיציר, וואָס פון דער אכטער איז אונז קלאָץ געבליבען. אזעלכע, וואָס רעדען גוט פראַנ־צויזיש, זיינען דאָ פאר אונז ניט אָבצושאַצען.

— ריכטיג, הערר מאַיאָר, ניט אבצושאַצען, — זאָגט איבער אונטעראפיציר וואלף און קוקט פול שווערע געדאנקען אין הויף, וואו דער האהן האָט גראד אויסגעשפרייט די פליגלען און האָט געלאָזט הערען זיין קרעפטיגע „קי־קע־רי־קי". און אזוי ווי לע־זענדיג דעם אונטעראפיציר'ס געדאנקען, פרעגט דער מאַיאָר:

— נו, און די איבריגע קאמפאניען פון באטאליאָן און די איבריגע באטאליאָנען פון רעגימענט, וואלף? איהר ווייסט דאך, איך בין נאָך ניט אָ קוראָן, ווייל איך בין א פאָר טעג אבגעלעגען אין לאזארעט.

— אומעטום דאָסזעלבע, הערר מאַיאָר! אין דורכשניט אכציג פראָצענט פערלוסט, מעהר וויים איך אליין אויך ניט, מען האָט נאָך די ראפּאָרטען ניט געקענט צוזאמענשטעלען.

— די הויפטזאך איז און בלייבט, וואָס אונזער לינקען פליגעל איז געלונגען ארומצורינגלען די פאָרטען פון טראַיאָן.

— יע, דאָס איז די הויפטזאך, הערר מאַיאָר.

— אפילו ווען אונזער רעגימענט וואָלט דערביי געמוזט געהן צום טייוועל!

— אפילו ווען אונזער רעגיעמנט וואָלט דערביי געמוזט געהן צום טייוועל, הערר מאַיאָר!

א לאַנגע פאוזע, אין פערלויף פון וועלכער וואלף טרינקט אויס דעם וויין. בערקערסבורג איז אין א טרוימענדיגען צושטאַנד. ער פיהלט זיך שוואך און עלענד, דער געוואלטיגער בלוטפערלוסט האָט ערשעפּט זיינע קרעפטען, אָבער ער וויל זיך ניט פיהלען שלאַף און עלענד, ער פיהרט דאך איצט דעם רעשט פון רעגי־מענט. דער גענעראל האָט איהם שוין פאָרגעשלאָגען פאר דעם אייזערנעם קרייץ פון ערשטען קלאַס.

אָבער בערקעסבורג, ווען ער דענקט וועגען דעם, מוז אליין שמייכלען. וואָס פאר א דאָפּעלטע נאטור ער מוז דאָס זיין, ווען ער קען אויך זאָגען, וואָס ער האָט בעטראכט און געמוזט בע־טראכטען פון אויבען אראָב, זיין שטאָלץ און צו דערזעלבער צייט שמייכלען מיטליידיג איבער אָט די זאכען! וואוהין זיין עהרגייץ

האָט דאָס איהם געקענט פערפיהרען, — איהם, אין גרונד גענר־
מען אַ קאַלטע, פילאָסאָפיש געשטימטע נאַטור, וועמעס בליק איז
ניט געוועהנט זיך אָבצושטעלען אויף דער אויבערפלאַך פון ער־
שיינונגען, נאָר קוקט אריין טיף ביז צו זייערע וואָרצלען!

ווי האָבען טויזענדער, הונדערטער טויזענדער, מיליאָנען אין
דייטשלאַנד אָנגענומען די לעצטע געשעהעגישען? ווי אַ מעכטי־
גען שטורעם, וואס האָט זיך אויפגעהויבען און האָט זיך פערביי־
געטראָגען איבער דער ערד, וואס מ'מוז דולדען. אפשר ניט אזוי?
ווי אַ מיסיאָן פאר אָט דעם פאָלק פון דער הויכער פּראָווידענץ.
אבער ער, ער, וואָס פיהרט איצט הינטער טראָיאַן דעם רעשט פון
אַ כמעט פערניכטעטען רעגימענט, וואָס טראָגט אין אַ בינט אַ
פערוואונדעטע האנט און די שוואַכקייט פון בלוטפערלוסט אין
קערפּער, אַ שוואַכקייט, פון וועלכער, ווי ער ווייס שוין אליין,
ער וועט זיך שוין קיינמאָל ניט בעפרייען, ער זעהט אויף דעם
גרונד פון ערשיינונגען, ווי דורך אַ קלאָר וואסער, אויף וועמעס
גרונד ער זעהט איינפאַכע שטיינדלעך און ווייס שוין פאראויס,
אז דאָ קען מען ניט אויספישען ניט קיין פּערל, ניט קיין גאָלד!

אָבער זיין ווילען האָלט איהם אויף. דער פעסטער ווילען
צו געהן ביז צום סוף אויף דעם וועג, וואָס זיינע פאַלשע פאראור־
טיילען און עהרגייץ האָבען איינמאָל אויסגעקליבען, און שיינען
פאַר דער גאַנצער וועלט צו זיין דאָס, וואָס ער דאַרף זיין פאַר
דער וועלט, אַ דערהויבענער, אויסגעצייכענטער, פּריווילעגירטער
מענש, איינער פון פיעלע טויזענדער. און צו דערזעלבער צייט
איז איהם, אפשר נאָר איהם אליין פון פיעלע הונדערטער פון זיין
שטאַנד, בעשערט צו זעהן, ווי לעער די שאָלעכץ איז, וואָס
גלאַנצט אזוי פון דרויסען.

אזאַ איז ער געווען. אַן ערהאבענער און לעכערליכער שיקזאַל
איז איהם אויסגעפאַלען אין דער פורכטבארער צייט, איבער דעם
זין פון וועלכער טויזענדער און טויזענדער האָבען זיך געבראָכען
דעם קאָפּ, וועלכען זין ער האָט בעגריפען צו גוט: ווערטלאָזע
שטיינדלעך אויף דעם גרונד פון אַ קלאָרען וואסער! און מעלאַ־
ניע? מעלאַניע, וועלכע האָט איהם קיינמאָל ניט געהערט און
קען איהם קיינמאָל ניט געהערען, צוליעב וועלכער ער האָט שווער
געמאַכט זיין געוויסען מיט אַ נייער שולד, וואָס דער שיקזאַל
האָט געוואָלט פערוואַנדלען פון אַ קאַלטבלוטיגען מאָרד אין זיין
אייגענע רעטונג. אַ מאָרד פון אַ פריינד, וועלכער האָט איהם גע־
טרויט, און וועלכען זי האָט געליעבט און ליעבט נאָך איצט אויך
מעהר פון אַלע אין דער וועלט! דאָס בעווייזט דאָך דער בריעף

פון פאלקענשטיין, וואס זי האט אליין געשריבען און וואס ליגט ביי איהם איצט אין קעשענע פון מונדיר!

דער פריינד, פון וועלכען ער טראכט, פיהרט איהם ארויס פון די געדאנקען. ער בעווייזט זיך אין דעם מאמענט, צוזאמען מיט אדיוטאנט שלאסער, אויפ׳ן שוועל פון קאפע דיו רעיזען.

III

— גוט מארגען, בערקערסבורג! — קאפיטאן אדאלף׳ס שטים קלינגט פרעהליך און זארגלאז.

— גוט מארגען, אדאלף!

— האלט זיך פריי, אונטעראפיציר. בלייבט זיצען. נו, ווי פיהלסטו הייגט, בערקערסבורג?

— א דאנק, אדאלף, פיעל בעסער, אבער נאך אלץ אביסעל שוואכלעך.

— נו, עס וועט שוין זיין גוט, אלטער פריינד!

— מען מוז שוין האפען.

שלאסער געהט אויך צו צום מאיאר.

— ערלויבט מיר אויך זיך ערקונדיגען וועגען אייער געזונד, הערר מאיאר.

—איך דאנק אייך זעהר, מיין ליעבער שלאסער, זעצט זיך, מיינע העררען.

אדאלף און שלאסער זעצען זיך. אדאלף׳ס שטוהל שטעהט אין דער ניש פון פענסטער.

דער מאיאר ווענדט זיך צום אונטעראפיציר.

— רופט איצט אראפ דעם אייניאהריגען קלאץ, אונטעראפיציר, אום מיר זאלען גלייך קענען אנהויבען.

— בעפעהל, הערר מאיאר! — זאגט וואלף און געהט אויספידרען דעם מאיאר׳ס בעפעהל.

— שרעקליכע לופט דא אין קאפע, — בעמערקט אדאלף, — ווען די הערדען האבען גארניט געגען דעם, וועל איך עפענען דאס פענסטער.

— יע, די לופט איז דא זעהר שלעכט, מיין ליעבער. זעה אבער, צו דו וועסט ניט פיהלען קיין צוגווינד, דו זיצסט דאך מיט׳ן רוקען צום פענסטער.

— א ניין, איך בין אלע מאל פאר פרישע לופט. — ער שטעהט אויף, עפענט דאס פענסטער און זעצט זיך ווידער.

זשאן לואזיר גנב׳עט זיך צו, ווי א קעצעל, צום טיש, וואו די באשען זיצען.

— ע וואו, מעסיע (און איהר, מיינע העררען)? — זאָגט זי שטיל, זיך ווענדענדיג צו אדאָלף און שלאָסער.

— דיז וועז רוזש (רויטען וויין)!

— ביען, מעסיע!

ווערהענד זשאָן געהט צום שענקטיש אָנגיסען דעם וויין אין פערטעל ליטר פלאשען, רעדט אדאָלף צום מאיאָר אין א בעזארגטען טאָן:

— דו וואָלסט געדאַרפט פאָלגען אונזער שטאַבארצט'ס ראַט, בערקערסבורג. א היימאורלויב וואָלט פאַר דיר איצט געווען די בעסטע זאַך.

בערקערסבורג שמייכעלט פינסטער.

— א היימאורלויב, אדאָלף! — דער מאיאָר ווידערהאָלט די ווערטער מיט א זאָנדערבארער בעטאָנונג, דאַן זאָגט ער שוין אין אַן איינפאכען טאָן: — דו ווייסט דאָך, אז איך האָב מעהר קיין היים ניט, אדאָלף, זינט זי איז ביי איהר פאָטער אין פאַלקענשטיין.

ער שווייגט און קוקט פערטראַכט און פינסטער אין איין פונקט פאַר זיך. און דאַן פּלוצלונג, אונפערשטענדליך פאַר אדאָלף'ען, הויבט זיך אין איהם אויף א געפיהל, ער פרעסט ענערגיש אדאָלף'ס האַנט און זאָגט:

— איך וועל דיר דאָס קיינמאָל ניט פערגעסען, אדאָלף, הערסט, קיינמאָל ניט!

— אָבער דאָס איז דאָך געווען זעלבסטפערשטענדליך, בערקערסבורג!

— זעלבסטפערשטענדליך? אוועקצולויפען פון דער פייער־ליניע, אום צו רעטען איין פערוואונדעטען דאָרט, וואו טוזענט אנדערע זיינען געלעגען! איז דאָס געווען אזוי זעלבסט־פערשטענדליך?

— פאַר מיר — יע, וויייל יענער פערוואונדעטער איז געווען דער באטאליאָנס־קאָמאַנדיר, בערקערסבורג!

— נאָר דערפאַר, אדאָלף?

אדאָלף ענטפערט מיט אַן אָנשטרענגונג.

— יע, נאָר דערפאַר.

— אויב אזוי, איז געווים.... — בערקערסבורג שמייכעלט, אָבער ער ווייסט גוט, אז אדאָלף גלויבט אליין ניט אין זיין פער־זיכערונג, אז ער וויים גאַנץ גענוי, אז ער האָט געראַטעוועט דעם פריינד, ניט דעם קאָמאַנדיר.

ווערהענד בערקערסבורג און אדאָלף רעדען אזוי, האָט זיך שלאָסער בעשיידען אויפגעהויבען און איז אָבגעטראָטען. ער

האָט גענומען בעטראַכטען די דרוקבילדער, וואָס הענגען אויף די ווענט פון קאַפע. זיי שטעלען פאָר טיפען פון דערזעלבער פראַנצויזישער אַרמיי, וואָס זיי, די דייטשען, ווילען איצט פערניכטען און האָבען זיך צוליעב דעם אַריינגעריסען אין פראַנקרייך דורך בעלגיען. שלאָסער פייפט שטיל.

„איך האָב געהאַט אַ קאַמעראַד,
אַ בעסערען געפינסטו ניט!"

וואָרום גראַד די מעלאָדיע איז אידם אַרויף אויפ'ן זינען. ווייס ער ניט.

אונטעראָפיציר וואָלף און דער וואָלאַנטיר קלאָץ זיינען שוין אָנגעקומען. זיי וואַרטען ביים טיר, ביז די צוויי אָפיצירען וועלען ענדיגען זייער געשפרעך. דאַן קומט קלאָץ צו צום מאַיאָר און מעלדעט:

— איינאָהריגער קלאָץ, פון דער אַכטער קאָמפּאַניע, איך האָב די עהרע צו קומען פאָר אייך אַלס דאָלמאַטש צו אייער דיענסט.

— איהר רעדט פריי פראַנצויזיש, איינאָהרינגער?

— מיר דוכט, אַז יע, הערר מאַיאָר.

— איז גוט. איך בעט די הערען זיך איצט צו זעצען. אונטעראָפיציר וואָלף, איהר וועט פיהרען דעם פּראָטאָקאָל!

— צו בעפעהל, הערר מאַיאָר!

— איינאָהרינגער, זאָגט נאָר יענעם מאַן הינטער'ן שענקטיש, אַז ער זאָל צוקומען אַהער און זיך שטעלען פאַר'ן טיש.

ביז ערפילט פּאַטער בוניאָן דעם מאַיאָר'ס בעפעהל, וואָס דער וואָלאַנטיר קלאָץ גיט איהם איבער אויף פראַנצויזיש.

— פרעגט דעם מאַן, ווי ער הייסט, אַלע זיינע פאָרנעמען און דעם צונאָמען, און צי ער איז מער פון ראָזוי!

פּאַטער בוניאָן ענטפערט אויף קלאָץ'ס פראַגען:

— מאַריע זשאָזעף פּיער בוניאָן, געבאָרען דעם 18טען יוני, 1853, מער פון ראָזוי.

— פרעגט צי ער איז פערהייראַט.

— אָן אַלמן, מאָנסיע!

בוניאָן שאָקעלט זיך פון איין זייט צו דער אַנדערער, די הענט אין די הויזענקעשענעס. ער פיהלט, אַז דאָס ערגערט דעם באָש, און ער האָט דערפון פיעל פערגניגען. בערקערסבורג בעמיהט זיך מעהר ניט צו אַכטען אויף די בענעהמונג פון דעם מער פון ראָזוי, ער געהט אָן מיט דער אויספאָרשונג.

— איינאָהרינגער קלאָץ, פרעגט, צי ער האָט קינדער און

וויפיעל; זיהן אדער טעכטער, צי זיי זיינען פערדייראט, צי ניט, און פון וועלכען עלטער זיי זיינען, און צי זיי וואוינען דא אין ראזוי!

קלאץ איבערזעצט די אלע פראגען. דער מער, וואס האט אליין שוין אויפגענומען טוצען פערסאנאלאקטען, ענטפערט זעהר גענוי און מיט אפיציעלער קורצקייט. ער האט דריי קינדער, צוויי טעכטער און איין זוהן, אין עלטער פון 25, 23 און 16 יאהר. די טעכטער זיינען פערהייראט און וואוינען ניט אין ראזוי. דער זוהן איז מיט איהם.

— ווער איז דאס יונגע מיידעל, וואס בעדיענט דא אין קאפע?

— זשאן לואזיר, מיין ניכטע, מאנסיע, — ענטפערט פא־טער בוניאן.

— איז אין ראזוי דא א קיורע?

— יע, אין ראזוי איז דא א קיורע: זשאן באנוויזאוש.

— וואו וואוינט ער?

— אין דעם קירכהויז.

— ווער איז דער רייכסטער גרונדבעזיצער אין ראזוי?

— אריסטיד מארטא.

— וואוינט ער ווייט פון דאנען?

— פונקט אנטקעגען קאפע דיו רעיזען.

— גוט.

פאטער בוניאן שמייכעלט. און אין דעם שמייכעל, וואס שפיעלט אויף זיינע שלעכט ראזירטע ליפען ביי די גאנץ אי־בערפליסיגע פראגען פון דעם מאיאר, זעהט זיך קלאר דער אויס־דרוק פון פעראכטונג. אבער בערקערסבורג בלייבט קאלט. ער זאגט איינפאך צו אונטעראפיציר וואלף:

— גיט איבער דעם אייניאהריגען קלאץ מיין טאגבעפעהל, וואס דארף אויסגעהאנגען ווערען אויף די ווענט פון ראזוי, און זאל ער דאס איבערזעצען אין פראנצויזיש פאר דעם מער פון ראזוי.

— דער וואלאנטיר קלאץ לעזט דעם בעפעהל אין פראנ־צויזיש:

צו די איינוואוינער פון ראזוי!

עס איז די איינוואוינער פערבאטען:

צו האלטען ביי זיך וואפען;

זיך אויפצוהאלטען אויפ'ן גאס נאכדעם ווי עס ווערט דונקעל;

צו פערמאכען די לאדען פון די פענסטער;

אנצוגעמען א פיינדליכע האלטונג קעגען די טרופען פון זיין מאיעסטעט, דעם קעניג פון פרייסען.
פאר ניט פאלגען דעם בעפעהל וועט קומען טויטשטראף.
— האט איהר דאס פערשטאנען, הערר מער פון ראזוי?
— געוויס, מאנסיע!
— און זייט איהר נאכגעקומען דעם בעפעהל, וואס איך האב אייך איבערגעגעבען היינט אין דער פריה דורך מיין ארדנאנס?
— וועלכען בעפעהל, מאנסיע? — פרעגט דער מער, נאכדעם ווי קלאץ האט איבערזעצט די פראגע.
— דעם בעפעהל וועגען וואפען.
— די וואפען זיינען אין שייער.
— אין וועלכען שייער?
— אין שייער, וואס לעבען דער מעריע.
— אלע וואפען? — דער מאיאר בעטאנט דאס ווארט „אלע".
— אלע וואפען, מיין הערר, — ווידערהאלט פייערליך דער מער פון ראזוי.
—איך מאך אייך, מער פון ראזוי, פעראנטווארטליך, אז אלע וואפען זיינען אין שייער.
— גוט, מאנסיע.
— זאגט דעם מער, אייניאהרינגער קלאץ, אז איך בין געצוואונגען איהם, דעם קורע און דעם בויער, — ווי איז זיין נאמען?
— אריסטיד מארטא, הערר מאיאר.
— און דעם בויער אריסטיד מארטא צו האלטען ווי געפאנגענע פערשלאסען אין קירך, אום די בעפעלקערונג פון ראזוי זאל ניט טהאן עפעס קעגען מיין היינטיגען בעפעהל.
דער וואלאנטיר קלאץ איבערזעצט דאס אלץ אין פראנצויזיש. ביי דעם ווארט „אטאזש" בעוויזט זיך א ביטער־זיס שמייכעלע אויף פאטער בוניאן'ס ליפען. ער צוקט מיט די אקסלען אזוי, אז זיין נאקעטער קאפ פערזינקט כמעט אין זיי, און זאגט:
— ווען דער הערר מיינט....
— יע, דאס מיין איך, מער פון ראזוי! אונטעראפיציר וואלף! געהט גלייך צום פייער־הויז, נעמט פון דארטען צוויי פייערלייט און ברענגט אהער דעם קורע און דעם בויער אריסטיד מארטא.
— בעפעהל, הערר מאיאר!

— האלט, נעמט מיט דעם אײניאַהריגען קלאַץ, אום איהר זאָלט זיך דאָרט קענען בעסער צוגויפּרערען.

— בעפעהל, הערר מאַיאָר!

אונטעראָפיציר וואָלף און דער וואָלאַנטיר קלאַץ פערלאָזען סאַפּע דיו רעיזען, אום אויסצופיהרען דעם מאַיאָר׳ס בעפעהל. דער מאַיאָר ווענדט זיך צו שלאָסער.

— איהר, הערר ליטענאַנט, ווערט זײַן אזוי גוט דערוויל קאָנטראָלירען די וואַפען אין שייער.

— בעפעהל, הערר מאַיאָר! האָט איהר דעם שליסעל, הערר מער?

— זשע נע קאָמפּראָן פּאַ!

שלאָסער ווידערהאָלט די פראַגע אויף פראַנצויזיש. פאַטער בוניאָן שלעפּט זיך לאַנגזאַם אין זײַנע פאַנטאָפעל צום שענק־טיש, וואו דער שליסעל הענגט אויפ׳ן וואַנט אויף א נאָגעל.

— נו, אָן אוואַן, מאָן אמי!

דאָס זאָגט שלאָסער און ווײַזט אָן אויפ׳ן טיר. פאַטער בוניאָן וואַרפט א לויערענדען בליק אויפ׳ן באָש, דאָן פאָלגט ער אידם שווײַגענדיג נאָך, אום איהם צו ווײַזען אין שייער די וואַפען, וואָס די אײנוואוינער פון ראָזוי האָבען געבראַכט.

בערקערסבורג און אדאָלף בלײַבען ווידער אליין, ווײַל זשאָן לואזיר, פונקט ווי איהר קוזען לואי, וואָס פעהלט שוין דעם גאַנצען טאָג, איז פלוצלונג שנעל און שפורלאָז פערשוואונדען.

IV

עס נעמט א גוטע האַלבע שעה, ביז אונטעראָפיציר וואָלף און דער אײניאַהריגער קלאַץ קומען אַרײַן מיט דעם קיורע און דעם בויער מאַרטאָ. צווישען בערקערסבורג און אדאָלף קומט אין דער צײַט פאָר א גאַנץ גלײַכגילטיגער געשפּרעך. און דאָך האָבען זיי דאָ געהאַט אזא גינסטיגע געלעגענהייט אלץ אויס־צורעדען. אָבער אדאָלף ווענדט אָב דעם געשפּרעך יעדעס מאָל, וואָס בערקערסבורג וויל רעדען וועגען זײַן דאַנקבאַרקייט, און דער מאַיאָר ווייס גאַנץ גוט, אז דער פרײַנד ווייס זעהר גוט זײַן, דעם מאַיאָר׳ס, שולד פאַר איהם, זײַן פערברעכערישען פערלאַנג. אָן אָבגרונד ליעגט איצט צווישען זיי, און אוּמזיסט ווילען זיי איהם איבערבריקען מיט גלײַכגילטיגע ווערטער. און זיי אָטמען לײַכטער אָב, ווען זיי דאַרפען שוין מעהר ניט בלײַ־בען אליין אויג אויף אויג.

אונטעראָפיציר וואָלף מעלדעט:

— אונטעראָפיציר וואָלף און אײניאַהריגער קלאַץ, פון דער

אבטער קאמפאניע, מיט דעם קיורע באגוויזאוש און דעם בויער מארטא.

זיין אויסשפראך פון דעם פראנצויזישען נאמען באגוויזאוש וואלט ארויסגערופען געלעכטער אין גאנצען דארף, דא אבער בעמערקט מען דאס ניט.

— מיר וועלען ווארטען ביז הערר לייטענאנט שלאסער וועט צוריקקומען מיט דעם מער פון ראזוי, — בעפעהלט דער מאיאר.

— צו בעפעהל, הערר מאיאר.

בערקערסבורג און אדאלף זעצען זיך ווידער אויף זייערע שטוהלען ביים טיש. דער אונטעראפיציר און דער וואלאנטיר בלייבען שטעהן, מיט די מענשען פון ראזוי, ביים טיר. דער מאיאר ווענדט זיך צום קיורע און צום בויער.

— איהר קענט זיך אויך זעצען, מיינע הערען. — ער בעקומט ניט קיין ענטפער און דארף ווידערהאלען זיינע ווערטער אויף פראנצויזיש.

דער קיורע זעצט זיך מיט אן איראנישען שמייכעל אויפ׳ן באנק, וואס ציהט זיך אין דער לענג פון וואנט. מיט א בייזער מינע זעצט זיך אויך דער בויער, און וועמען די גאנצע סיטואציא אין בעצוג צו די באשען ערוועקט האס.

בערקערסבורג בענוצט זיך מיט דער געלעגענהייט צו בעטראכטען נאהנטער די מענשען. ער מעסט זיי אב מיט דעם בליק פון אן אפיציר, וואס האלט זיך פאר א מענשענקענער. וואס בערקערסבורג איז טאקי צופעליג.

— פון אט די דא קען מען קיין נוטס ניט ערווארטען, — לויפט איהם דורך דער געדאנק.

דער בויער מאכט דעם איינדרוק פון א ווידערשפענסטיגער פערזאן. מיט אזעלכע מענשען קען א פרייסישער מאיאר לייכט פארטיג ווערען. פאר סאלדאטען איז אין אזעלכע פאלען פארראן דער קארצער, און פאר דעם דא — נו, אירגענד וועלכער קעלער אין ראזוי.... אבער דער קיורע, דער קיורע. דער לאנגער, מאגערער און מיט די שניייווייסע האר, אויף וועלכע די טאנזור טיילט זיך שארף אויס, האט נאך קיין אייןווארט ניט געזאגט. און דאך קען איהם שוין בערקערסבורג גרינדליך. ווי אויל פליסען פון זיין מויל ווערטער פון בעשיידענהייט, מילדקייט און קריסטליכער פערצייהונג, ווען ער פרעדיגט ליעבע, פריעדען און ברידערליכקייט... און דאך.... בערקערסבורג וויל נאר ווייטער ניט דענקען, דען אין די העל־ברוינע אויגען פון קיורע שיינט עפעס, וואס ער קען שוין צו גוט פון דער צייט, וואס ער האט

פערבראכט אין עלזאס-לאָרעין. מיט איין איינציגען וואָרט האָט בערקערסבורג, אַ יונקער פון נאָרדאָסט דייטשלאַנד, דעפינירט אָט דעם „עפּעס“. דאָס איז דער פ אַ נ אַ ט י ז ם פון די קאַטוילישע שאָווינסיסטען, פאַר וועמען די פרייסען האָבען אָנ־גערירט ניט נאָר די היילינקייט פון פאַטערלאַנד, נאָר אויך די אונפערלעצליכקייט פון דער איינציגער הייליגער קירך. זיי זיינען אין די אויגען פון דעם קיורע ניט נאָר רויבער און מער־דער, אַ ניין, פאַר אַזעלכע האָט זיין קירך נאָך די לעצטע פער־צייהונג אויף דעם טויטענבעט. זיי זיינען פאַר איהם אַ פּ י ק ו ר ס י ם אין ערשטער ליניע, און דער הימעל אַליין פרעהט זיך, ווען זיי שטאַרבען אויפ'ן שייטערהויפען.

עפּעס פון דעם פינסטערען גייסט פון דעם צווייטען פיליפּ, וואָס האָט פאַר זיין גלויבען אַנגעצונדען איין אויטאָדאַפע נאָכ'ן אַנדערען, לעבט אויך אין דער זעל פון אָט דעם איינפאַכען קיורע פון ראָזוי.

מיט דעם מוז מען זיין פאָרזיכטיג, נים קוקענדיג אויף די ערדווירדיגע האָאָר, וואָס אומפאַסען דעם, אין אונטערשיד צו דעם בויער, אַזוי ערעל פאָרמירטען קאָפּ.

— דו שטעהסט אויף אַ קראַטער, די ערד אונטער דיר איז מינירט, דו וואַנדערסט איבער פייערגרובען, וואָס זיינען פון אויבען פערדעקט מיט גראָז, — זאָגט זיך בערקערסבורג.

דאָ ערשיינט שלאָסער אין דער בעגלייטונג פון מער.

— איז אַלץ אין אָרדנונג, הערר לייטענאַנט? — פרעגט דער מאַיאָר.

— צו בעפעהל, הערר מאַיאָר. דער הערר מער האָט מיר געגעבען זיין עהרענוואָרט, אַז א ל ע וואַפען זיינען אַוועק־געלעגט געוואָרען אין שייער לעבען דער מעריע.

— און האָט איהר איהם אויפמערקזאַם געמאַכט, הערר לייטענאַנט, אַז ער איז מיט זיין לעבען פעראַנטוואָרטליך פאַר די ריכטיגקייט פון זיין בעהויפּטונג?

— צו בעפעהל, הערר מאַיאָר.

— ער און די צוויי אַנדערע, דער קיורע בּאַנוויזאַוש און דער בויער מאַרטאַ.

— צו בעפעהל, הערר מאַיאָר.

— האָט איהר אַליין, הערר לייטענאַנט, בעקומען דעם איינדרוק, אַז דאָס, וואָס איהר האָט געזעהן, איז א ל ע וואַפען, וואָס האָבען זיך געפונען אין ראָזוי?

— די וואַפען זיינען זעהר אַלט, מעהרסטענס קען מען זיי

שוין נים געברויכען, הערר מאיאר, און נאך דער צאָהל קענען זיי זיין אלע.

דעם מאיאר, וועמען עס האָט אויסגעוויזען, ווי א צווייפעל וואָלט געקלונגען אין דעם לייטענאַנט'ס ווערטער, ווענדט זיך נאָכאַמאָל צום מער:

— זיינען עס אלע וואפען, מער, וואָס געפינען זיך אין ראַזוי?

דער מער אײלט נים צו ענטפערען. וואָלאָנטיר קלאָץ איבערזעצט פאר איהם דעם מאיאר'ס ווערטער.

— טוט לעז ארם דע ראַזוי, מאָנסיע!

— גוט!

אויף א צייכען פון מאיאר הויבען זיך אויף דער קיורע און דער בויער מארטאַ. צוזאמען מיט דעם מער געהען זיי צום טיש, ביי וועלכען אונטעראָפיציר וואָלף שרייבט ווידער זיין פראָטאָקאָל. דער מאיאר ווענדט זיך צום קיורע, און וואָלאָנטיר קלאָץ איבערזעצט זיינע ווערטער:

— הערר קיורע! איך מאַך אייך אויפמערקזאַם, אז איך בין געצוואונגען איינצוהאַלטען אלס פאנדען און פערשפארען אין קירך דעם מער פון ראַזוי, מאריע זשאָזעף פיער בוניאָן, דעם בויער אריסטיד מארטאַ און אייך, דעם קיורע זשאַן באַנוויזאזש.

ביי די ווערטער מאכט דער קיורע, גאנץ אומגערן, אן אָבוועהרענדע בעוועגונג מיט דער האַנט, דען דאָס וואָרט סאַקרילעזש — פערשוועכונג פון היילינקייט — לויפט איהם דורך אין געדאַנק, און דער אויסדרוק פון טיפסטער פעראַכטונג שפיעלט, גאנץ דייטליך פאר דעם מאיאר, אויף זיינע ליפען. אָבער דאָס ריהרט נים בערקערסבורג'ען, און ער זאָגט ווייטער:

— אום אָבצוהיטען די זיכערהייט פון די איינוואוינער פון ראַזוי און די אונפערלעצליכקייט פון די טרופען פון זיין מאַיעסטעט, דעם קעניג פון פרייסען....

א שמייכעל פון טיפסטען מיטלייד בעווייזט זיך אויף דעם קיורע'ס געזיכט. אָבער קיין זאַך קען נים שטערען בערקערסבורג'ס אייזינע רוהיגקייט, און ער שליסט:

— . . . וועלען די דריי פאנדען זיין פעראַנטוואָרטליך מיט זייער לעבען פאר יעדע אונגעזעצליכע האַנדלונג. איצט ווערט אָהר אזוי גוט זיין, הערר קיורע, ארומצוגעהן דאָס גאנצע דאָרף, צוזאמען מיט די אַנדערע פאַנדען און אין בעגלייטונג פון א פייקלער, און אויפמערקזאַם מאכען די בעפעלקערונג אויף די

אונפערמיידליכע פאלגען פון יעדער אונבעדענקטער טהאט. יעדער ווידערשטאנד קעגען די טרופען פון זיין מאיעסטעט דעם קעניג, וואס האבען בעזעצט ראזעי, נאך דעם קריעגסרעכט, וועט מוזען פיהרען, אהן קיין ערבארמונג, צום טויט פון די דריי פאנדען און, אויב איך וועל דאס געפינען פאר נויטיג, צו דער פערברענונג פון ראזעי... האט איהר מיך פערשטאנען, מער?

— פרענט בערקערסבורג נאכאמאל מיט א שניידענדער שטים, נאכדעם ווי וואלאנטיר קלאץ איז פארטיג געווארען מיט זיין איבערזעצונג.

— פאלשטענדיג, מאנסיע!

— דאן געהט, אונטעראפיציר, מיט די דריי פאנדען צו דער וואך, נעמט מיט א פייקלער און געהט ארום דאס גאנצע דארף. מארש!

—צו בעפעהל, העדר מאיאר! — דער אונטעראפיציר שפרינגט אויף פון ארט.

זיינע בעמיהונגען אויסצושטעלען די דריי פאנדען אין מיליטערישער ארדנונג שטויסען זיך אן אן דעם פאסיווען ווי־דערשטאנד פון דעם קיורע, דעם מער און מארטא. דעם בראווען וואלף בלייבט מעהר ניט איבער, ווי נאר צו קאמאנדירען שניידיג זיין „ארן טריט, מארש!“ און נאכצופאלגען זיין זאנ־דערבארע קאמפאניע, וואס האט שוין פאר איהם שוויינענדיג פערלאזען דאס קאפע.

— איהר קענט איצט אויך אוועקגעהן, אייניאהריגער קלאץ, — זאגט דער מאיאר.

— צו בעפעהל, העדר מאיאר.

— האלט זיך נאך אויף א האלבע שעה אויבען, איינ־יאהריגער. אייער קווארטיר איז דאך דא אין הויז?

— צו בעפעהל, העדר מאיאר.

— מא ווארט אויבען אין אייער צימער, אפשר וועל איך אייך דארפען האבען נאכאמאל.

— צו בעפעהל, העדר מאיאר.

שלאסער הויבט זיך אויף.

— איהר דארפט מיך ניט מעהר, העדר מאיאר?

—ניין, איך דאנק אייך, העדר לייטענאנט, ביז מיטאג!

— ביז מיטאג, העדר מאיאר! גוטען אפעטיט, העדר קאפיטאן!

— גוטען אפעטיט!

ווידער בלייבען בערקערסבורג און אדאלף אליין.

— מיר איז אונהיימליך מיט די יונגע, — הויבט אָן בערקערסבורג.

— אונהיימליך? דו ביזט דאָך ניט פון יענע, וואָס שרעקען זיך אַזוי לייכט איבער.

— דאָס ווייזט נאָר אַזוי אויס, אַדאָלף, דאָס ווייזט נאָר אַזוי אויס.

— ווייזט נאָר אַזוי אויס, זאָגסטו?

דער מאיאָר קוקט אַדאָלף'ען גלייך אין די אויגען און זאָגט אין אַ זאָנדערבאַרען טאָן, שאַרף אונטערשטרייכענדיג יעדעס וואָרט:

— גלויבסטו דען ווירקליך, אַדאָלף, אַז מען א י ז טאַקי דאָס, וואָס מען ו ו י י ז ט א ו י ס צ ו ז י י ן?

ערשטוינט קוקט אַדאָלף אָן דעם מאיאָר, דאַן ענטפערט ער מיט זיין געוועהנליכען אָפענעם אויסדרוק, אין וועלכען עס קען ניט זיין קיין פאַלשקייט:

— וועגען דיר האָב איך דאָס געגלויבט, בערקערסבורג.

— ווירקליך, ווירקליך, אַדאָלף? — אַ שמייכעל פון טיף־סטען מיטלייד בעוויזט זיך אויף דעם מאיאָר'ס ליפען. — אָך ניין, אַלטער פריינד, וואָס דו זאָגסט דאָ איצט, גלויבסטו אַליין ניט, דו האָסט דאָס אין דער אמת'ען קיינמאָל ניט געגלויבט.

און ווען אַדאָלף וויל נאָכאַמאָל ווידערהאָלען די פייערליכע פערזיכערונג, אַז דאָס איז טאַקי געווען זיין עהרליכע איבער־ציינונג, ברעכט דער מאיאָר אויס אין אַ הילכיגען געלעכטער און זאָגט:

— איך וואָלט דאָס גראַד אָנגענומען פאַר אַ בעליידיגונג, אַדאָלף, ווען עמיץ וואָלט מיך אָנגענומען פאַר דעם, וואָס איך ווייז אויס און מוז אויסווייזען צו זיין! און וואָלט איך טאַקי געווען אַזאַ, וואָלטען מיך די עטליכע וואָכען פון קריעג אויפגע־קלערט וועגען דעם, אַז עס איז צייט צו ווערען אַנאַנדערער. האַ, האַ, האַ!

— איך פערשטעה דיך ניט!

— איז גוט, אַדאָלף, ווען דו פערשטעהסט מיך ניט, ווען דו גלויבסט אין דעם, איז גוט, אַלטער פריינד! זעהר, זעהר גוט! דאַן ביזטו אַ גליקליכער. ליידער קען איך אַ צווייטען וועגען דעם ניט פיעל ערקלערען, אַז איך זעה אויף דעם גרונד פון זאַ־כען, פונקט ווי איך האָב געזעהן אויף דעם גרונד פון זאַכען אין דער היים, אין צייט פון פריעדען. מיר שפּיעלען אַ קאָמעדיע, מיין פריינד, וואָס קען אויסוואַקסען אין דעם גרעסטען טרויער־שפּיעל פון דער וועלטגעשיכטע.... און דאָן....

— און דאַן ?

— פאַסט דאָס פאַר א ו נ ז וועגן דעם צו פילאָסאָפירען ? אַך ניין, צו ניין ! זיי האָבען דיך אַ נאָמען געגעבען „דער קוילענזיבערער“, און דאָך ערלויב איך מיר שטאַרק צו צווייפלען, אַז מיר, דו און איך, וועלען דערלעבען ביז צום סוף פון דעם פינפטען אַקט פון אַט דעם טרויערשפּיעל.... און דעריבער.... „נאָר דער אירטום איז דאָס לעבען, און דאָס וויסען איז דער טויט !“

— דו ביזט אַ פערעהרער פון שילער, בערקערסבורג ?

— יע, דאָס אויך ! איך האָב היינט צופעליג געלעזען אַזאַ שטיקעל.... — ביי די ווערטער ציהט בערקערסבורג ארויס פון קעשענע אַ בערלינער צייטונג, — דאָ....

— וואָס איז דאָ ?

— דאָס איז אַ טעאַטערשפּיעל, וואָס רופט ארויס טרערען אין די אויגען און צו דערזעלבער צייט קיצעלט דיך שטאַרק צום לאַכען. וואָס ז י י ד אָ ר ט צושרייבען נאָר, וועגען דעם האָבען מיר ניט די בלייכסטע אהנונג, מיר, וואָס פערבלוטען דאָך פאַר דעם, די בלייכסטע אהנונג ניט ! געדענקסט אַדאָלף ?

— וואָס, בערקערסבורג ?

— אונזערע געשפּרעכען דאָרט אין דער היים, אין קאַזינאָ, ביים עסטיש, אין רויכסאַלאָן, ערינערסטו זיך כאָטש אַביסעל אָן אונזערע געשפּרעכען פון פאַר דריי, פיער יאָהרען, שוין פאַר פינף יאָהרען אפילו ? מיר האָבען דאַן בעטראַכט דעם איצטיגען קריעג פאַר אַן אונפערמיידליכע נויטווענדיגקייט, מיר אַלע האָבען דאָס מעהר אָדער ווייניגער געווינשט. מיר האָבען זיך נאָך געקענט וויצלען איבער די מאַסענגרובען אין פראַנקרייך און אויף די סטעפּענפעלדער אין רוסלאַנד, בעדעקט מיט אייזיגען שניי, און דאָס אַלץ אין אַ טאָן, ווי דאָס וואָלט אַ קלאָון געדראַפּט אויסגיסען אין אַ געשמאַקלאָזער קאָמעדיע אַ בלעזעל, אָנגעפילט מיט שוויינענבלוט, און ניט מיר — דעם פורפורזאַפט פון אונזער אייגענעם הארצען. צי עס האָט זיך געהאַנדעלט אום מאַראָקאָ, צי אום סקוטאַרי, — יעדער אויסרעד — געדענקסט, פריינד ? — איז דאַן געווען געניגענד, און היינט !

— און היינט ?

— היינט האָבען מיר דאָס אַלץ פערגעסען, וואָס זאָל איך דיר זאָגען וועגען היינט ? לעז נאָר אַט די שמאַטע, וועסטו שוין האָבען גענוג. מיר, נאָר מיר אַליין וויסען דעם אמת ! יע, מיר וויסען דאָס... מאַניאַ גראַנדיאָזאַ, פריינד, מאַניאַ

גראַנדיאָזאַ איז דאָס, וואָס וויל אַרויפוואַרפן אַסאַ אויפ'ן אַלימפּ.

מיט שרעק קוקט אַראַלף אָן דעם מאַיאָר. אַזוי האָט ער דאָך נאָך קיינמאָל צו איהם ניט גערעדט. פאַרוואָס האָט ער גראַד אַזוי אָנגעהויבען רעדען צו איהם און אין אַזאַ מאָמענט, פאַרוואָס? ער נעמט די צייטונג און וויל לעזען אַן אַרטיקעל, וואָס בערקעסבורג האָט דיק אָנגעצייכענט מיט בלײשטיפט, און וואָס טראָגט די איבערשריפט: „דאָס דאָפּעלשפּיעל פון דעם אַנטאַנט! דאָס ליגענגעוועב פון אונזערע פיינד!" בערקערסבורג קוקט איהם אַריבער די שולטער און ברעכט פּלוצלונג אויס אין אַ הילכיגען געלעכטער.

— וואָס איז, בערקערסבורג?

— גאָרניט, גאָרניט... עס איז געווען איינער, וועמעס אומגליק איז געווען דער צאָפּ, וואָס איז איהם הינטען נאָכגעהאָנגען... אָדער דאָס... „וויי אַ וועה! אַ וועה! פערגעסען דאָס הילצערנע פערדעל!" דאָס זאָגט האַמלעט, און אַט איז דער אַפּאָסטאָל פון גרויזאַמסטען אמת איז געקומען צו אונז פון דעם פערעטערישען אַלביאָן... און דאָס קינד, קיין איין מלאך איז ניט אַזוי ריין.... האַ, האַ, האַ...

פון נאָס דערטראָגט זיך דאָס פּויקען, וואָס בעגלייט די דריי פאָנדען איבער'ן דאָרף. און דאַן הערט זיך די זאַלבונגס־פולע שטים פון קיורע באַנוויזאַוש, וואָס רופט די בעפעלקערונג צו רוה און אָרדנונג, וואָס בעט זיי אום זיין אָרים לעבען און אום דאָס לעבען פון די צוויי אַנדערע, דעם מער און דעם רייכסטען בויער. וואָס בעשווערט זיי צוליעב זייערע לעבענס צו בלייבען פערנינפטיג און רוהיג. אַזוי ווי יענע מענשען וואָלט אין זייער פאַנאַטיזם שטאַרק געלעגען אין זינען דאָס לעבען פון די דריי, ווען זיי וואָלטען געקענט אַרויפשפּרינגען אויף די העלזער פון די באָשען און שטילען זייער דורשט נאָך בלוט און ראַכע אָן די פערהאַסטע פיינד!

און הינטער דעם — דאָס לאַכען פון מענער, דאָס פלוכען פון אַלטע און פערקריפּעלטע אויף שטעקענס, דאָס שרייען פון ווייבער, דאָס אונפערשטענדליכע מורמלען פון קראַנקע, וועמען דער טויט האָט שוין לאַנג געקושט... אַזוי ווי היינט וואָלט געווען אַ מי קאַרעם, און דער צוג פון די געפאַנגענע וואָלט געווען אַ מאַסקעראַד פאַר ראָזעי, ייאָס זעהט אַזעלכע אַמוזירענדע זאַכען אַזוי זעלטען.

ווי נעשפּענסטער ציהען זיי פערביי דעם מער'ס היז, פער־

דרעהען זיך ביים עק פון דארפסגאס און שטעלען זיך דארט ווידער אב, און דער קיורע בעשווערט דארט ווידער מיט זיין יאלבונגספולער שטים.

אזוי ווי מען קען בערוהיגען א שטורעם אויפ'ן ים מיט א פעסעל אויל, וואס מען זאל אויסגיסען אויף די ברויזענדע וועלען! דאס איז נאר אום זיך אביסעל וויסער צו מאכען, לייכטער מאכען דאס געוויסען, — דענקט בערקערסבורג און קוקט אויף אדאלף'ען מיט טיפסטען מיטלייד.

V

אין דעמזעלבען אויגענבליק פאסירט עפעס שרעקליכעס, וואס פערזיגעלט דאס שיקזאל פון ראזעי. אין ראהם פון פענ־סטער, וואס איז בעדעקט מיט ווילדען וויינרעב, וואס דער הערבסט האט שוין געפארבט העלרויט, בעווייזט זיך דער לויף פון א ביקס. בערקערסבורג און אדאלף זיינען גראד אומגעקערט מיט'ן רוקען צום פענסטער און זעהען דאס ניט. איבער דעם לויף פון ביקס איז צו זעהן דאס מיט האס צוקרימטע געזיכט פון דעם יונגען לואי בוניאן, וועגען וועמען קיין מענש האט מעהר ניט געקלערט, און וועמעס עקזיסטענץ דער מאיאר האט שוין לאנג פערגעסען.

א שאס קראכט. דאס איז געוועזען דער סיגנאל. פון אלע הייזער פון ראזעי האט מען באלד געענטפערט. ווי אויף א בעפעהל, האבען אנגעהויבען קראכען די ביקסען פון די בויערען, באטש די אלטע, ראסטיגע, אונברויכבארע וואפען זיינען גע־לעגען הינטער שלאס און ריגעל אין שייער לעבען דער מעריע. דער מאיאר כאפט זיך פאר'ן קאפ. טראפענס פון קאלטען שוויים שטעהען אויף זיין שטערן, און זיין קאפ שווינדעלט. עס שטעהט איהם פאר די געפאהר צו זינקען אין אבגרונד פון בעוואוסטלאזיגקייט, ווייל זיין קערפער האט נאך ווייט ניט איבערוועלטיגט די פיזישע שוואכקייט, וואס איז איבערגע־בליבען נאך זיין שרעקליכען בלוטפערלוסט. ער כאפט זיך אן אן ברעט פון טיש, אום ניט אומצופאלען. מיטאמאל בעגרייפט ער קלאר די גאנצע שוידערליכע ווירקליכקייט. ער קען שוין ווידער זעהן און — ער זעהט.

ביי זיינע פיס ליגט קאפיטאן אדאלף אין בלוט מיט א געעפענטען מויל, וואס האט, דוכט זיך, געוואלט רעדען, קען שוין אבער ניט ארויסגעבען קיין איינציגען קלאנג. מיט איין קלאפ האט דער זוהן פון דעם מער פון ראזעי אוועקגעלעגט

דעם טויטפיינד, וואָס האָט זיך אריינגעריסען אין דאָרף פון זיין היימאַט. און דרויסען קראַכט אַ שאָס נאָך אַ שאָס, עס הערען זיך הילכיגע טריאומפירענדע אויסגעשרייען און פלובען פון דער בעפרייטער פּאָלקסזעל. דער קאַמף צוברענט זיך אויף די גאַסען פון ראָזוי.

דער מאיאָר וואַרפט זיך צו זיין פריינד.

— אַדאָלף, אַדאָלף, — ציטערען זיינע ליפען, — זאָג דאָך כאָטש איין וואָרט, אַדאָלף, האָבען זיי דיך דען אזוי...

אָבער פון די אויף אייביג אָבגעשטעלטע און ברייט געעפענטע אויגען פון דעם קאַפּיטאַן פון דער אַכטער קאָמפּאַניע קוקט אויף בערקערסבורגען נאָר דער לערער, שרעקליכער, קאַלטער טויט, וואָס קען שוין מעהר ניט ארויסברענגען קיין איין וואָרט. אין איינציגע סעקונדען איז זיין פריינד פון איהם אוועק אויף אייביג, ניט אויסהערענדיג זיינע דאנקווערטער, ניט געבענדיג איהם די מעגליכקייט מיט עפּעס אָבצוצאָהלען, דער פריינד, וועמעס פייגער און געמיינער מערדער ער איז דאָ ניט לאַנג צוריק געווען אין וואונש.

אַ גרענצלאָזער ווילדער צאָרן נעמט ארום דעם מאיאָר.

— ראַכע, ראַכע, ראַכע, — ברומט עס ווי אַ ווילדע טיער אין זיין זעל. אין קאָפּע איז טויטשטיל. אָבער פון דרויסען דערטראָגען זיך די ווילדע, בעטויבענדע געשרייען און דער קראַך פון די ביקסען, און ענדליך קומט דער ענטפער פון די אינפאַנטעריעגעוועהר, ענדליך, ענדליך!

בערקערסבורג טרייסעלט זיין טויטען פריינד. כאָטש ער וויים גאַנץ גוט, אז דאָ איז אַלץ געענדיגט, טרייסעלט ער איהם דאָך.

— שטעה אויף, אַדאָלף, שטעה אויף, זאָג נאָר איין וואָרט, כאָטש נאָר איין איינציג וואָרט. האָט דאָס דיך דען אזוי...

ווי אַ שפּאָט איבער איהם דערטראָגט זיך דאָס פריעדליכע קנורען פון דעם קאָטער, וואָס האָט זיך בעקוועם אויסגעצויגען אויפ׳ן באַנק.

— וואָס זאָל איך טהאָן? — פליהט דורך דעם מאיאָר אין געדאַנק די פראַגע, — וואָס זאָל איך טהאָן? — און ווידער קומט דאָס איין איינציגע, דאָס שרעקליכע וואָרט: ראַכע, ראַכע, ראַכע!

די טיר פון קאָפּע ווערט אויפגעריסען, און דאָס בלייכע געזיכט פון ליטענאַנט שלאָסער בעווייזט זיך.

— איהר, שלאָסער?

— איך, הערר מאיאר. האָט מען אהער איך געשאָסען?

— אַט זעהט! — מיט אַ ציטערענדער האַנט ווײַזט דער מאיאר אַן אויף אדאָלף׳ס טויטען קערפּער אויפ׳ן דיל.

— טויט?

— טויט! די הינט!

— קיין רעטונג מעהר?

— קיין רעטונג מעהר. פון הינטען דורך דאָס פענסטער, די הינט, די הינט! — דער מאיאר דריקט צונויף זיין פויסט.

— אפשר זאָל איך לויפען נאָך דעם שטאַבארצט, הערר מאיאר?

— איהר זעהט דאָך אליין, שלאָסער, דורך דעם רוקען אין לונג און הארץ. ער איז געפאַלען ווי פון אַ בליצשטראַהל, ווי אַן אייכענבוים אין שטורם, די הינט, די הינט!

— האָט מען געכאַפּט דעם לומפּ?

— ניין, אָבער מען מוז איהם זוכען! אין נאָמען פון אייער טרייהייטס־שבועה! און אונטער טויטשטראָף! אַלע וואָפען זיינען אָבגעליפערט, אַלע, הא, הא, הא!

ווידער די פירכטערליכע שיסעריי אין גאַס, ווידער די שרעקליכע געשרייען פון פרויען און קינדער, געשרייען פון די צוריצטע מענערען, וועמען די ווילד געוואָרענע סאָלדאַטען, וואָס קעמפען פאר זייער לעבען, שלעפּען פאר די האָר דורך די שמוציגע רינעס. עס רייסט דורך די לופט אַ וואַהנזיניגער געשריי פון אַ פרויענברוסט, קעגען וועלכער אַ מוסקעטיר האָט אָנגעשטעלט זיין באַיאָנעט.

— זיי גיסען זודיגע וואַסער און ברענענדע פּעטראָלעאום פון די פענסטער, הערר מאיאר! — רעדט אַרויס שלאָסער, און אויב דער מאיאר זעהט ריכטיג, שטעהט דער שוים פון ווילדען צאָרן אויף דעם לייטענאַנט׳ס ליפּען.

— מען מוז דעם מערדער זוכען! מען מוז זיין מערדער זוכען! פון זיי אַלעמען מוז מען פריהער פון אַלץ געפינען זיין מערדער! — ברילט דער מאיאר אויסער זיך, ניט קענענדיג מעהר זיך בעהערשען. — ברענגט מיר זיין מערדער אַ לעבעדיגען, איהר הערט!

— צו בעפעהל, הערר מאיאר!

אויף דער גאַס ווערט שטאַרקער די שיסעריי. די אינפאַנטעריסטען שיינען ענדליך צו האָבען זיך געפונען. די אונטער־אָפיצירען און סערזשאַנטען שיינען צו ווערען די האַרען פון

דער סיטואַציאָן, די ווענט און פענסטער ציטערען פון זייערע הילכענדע בעפעהלען:

— ציעלען — פייער! ציעלען — פייער!

דאַן קראַכען די שאָסען, און מען הערט דעם פערשטיקטען קלאַנג פון פאַלענדע מענשליכע קערפּער. געשריי, געלעכטער. גיהנם'ס שפּאָטען, האַלצשיך, וואָס קלאַפּען אָן דעם ברוק פון גאַס, און ווידער:

— ציעלען — פייער!

— זאָל מען אַרעסטירען די פּאַנדען, שלאָסער, איהר זיים פאַר זיי פעראַנטוואָרטליך! — דונערט איצט דער מאַיאָר.

— צו בעפעהל!

שלאָסער געהט ערפילען דעם בעפעהל, און בערקערסבורג שטעהט ווידער איבער דעם בלוטענדען קערפּער פון פריינד, אונפעהיג עפּעס צו דענקען אָדער טהאָן, אַזוי ווי מען וואָלט איהם בעטויבט מיט אַ שטאַרקען קלאַפּ אין קאָפּ.

— אַדאָלף, אַדאָלף, אַדאָלף...

עפּעס ווערגט איהם אין האַלז. טרערען, וואָס האָבען זיך ביי איהם שוין ניט בעוויזען זייט פיעלע יאָהרען, שטייגען איצט פון דער טיף פון זיין ברוסט ארויף אין זיינע אויגען, און ער קען שוין מעהר ניט אונטערשיידען קיין זאַך אַרום. זיין ווילענסקראַפט בלייבט מינוטענלאַנג פּאַראַליזירט. ווי ער וואָלט געשטאַנען ביים ראַנד פון אַבגרונד, ווי עס וואָלט זיך פאַר איהם געעפענט דער קראַטער פון ועזואַוו, וואָס וויל אַלץ פערשלינגען, אַלץ אַראָבצרייסען אין זיין טיף. ער קען ניט מאַכען קיין איין שריט, ניט פאָרווערטס, ניט צוריק...

אַדאָלף! אַדאָלף!... אַדאָלף, וועמען דאָס פייער פון די פיינדליכע שיסער און אַרטילעריע האָט געשוינט, פון צווישען הונדערטער געשוינט, אום ער זאָל דאָ פאַלען פון דער האַנט פון אַ פיינען מערדער. יע, דאָס איז דאָך געווען אַ מאָרד, אַ פייגער, געמיינער מאָרד, גיט קוקענדיג אויף דעם, וואָס ער האָט די לעצטע טעג איבערגעדענקט און ארויסגעזאָגט. דאָס איז דאָך געווען אַ מאָרד, וואָס פאָדערט אַ באַלדיגע, לעצטע, גרויזאַמע בעלוינונג. דאָס איז געווען אַ געבראָכענע שבועה, אַ ניט געהאַלטען וואָרט, „אַלע וואַפען", און אַזוי, און אַזוי... אַ טייוועלשער שמייכעל געהט אַריבער דעם מאַיאָר'ס געזיכט, אַ געבראָכענע שבועה, אַ ניט געהאַלטען עהרענוואָרט, צוריסענע אָבמאַכען, אַזוי ווי דאָס אַלץ וואָלט ניט געווען אַ גאַנץ געוועהנליכע זאַך אין דעם איצטיגען קריעג! דאָ איז קיינער ניט פריי־

געוועז פון שולד, קיינער ניט, קיינער ניט! ניט די איינוואוינער פון ראזעי, און די אנדערע נאך ווייניגער. קיינער ניט! געוואלט האט פערנומען דעם ארט פון רעכט, רויהע מאכט קעגען רויהער מאכט! קיין מאראל, קיין שוץ פון געזעץ איז מעהר ניטא! נאר איין בעפרייטער עלעמענט קעגען אנאנדער בעפרייטען עלעמענט. אבער ראבע, ראבע פאר אדאלף'ען, ראבע פאר דעם פריינד! ניט אומגעקוקט זיך אן א זייט! דאס איז איצט זיין מיסיאן! דאס נאר, קיין זאך מעהר איז איהם ניט געבליבען אויף דער ערד. ענדליך, זיין לעצטע מיסיאן, דענקט דער מאיאר.

ער נעמט אראב זיין סאבעל פון קליידערהאקען, וואו ער האט איהם אין פערלויף פון פערהער לייכטזיניג אויפגעהאנגען, אזוי ווי ער וואלט גאר ניט געוועזן אין פיינדליכען לאנד, און עס געלינגט איהם ווי עס איז דאס ארומצושנאלען מיט דער לינקער האנט. דאן ציהט ער מיט דערזעלבער האנט ארויס זיין רעוואלווער פון לעדערטאש.

פארווערטס, בערקערסבורג, פארווערטס! צו דער ארבייט פון ראבע! — רוימט דאס איהם נאט, אדער דער טייוועל, אדער זיין אייגענער טיף אויפגעטרייסעלטער איך? ער ווייס דאס ניט.

פארווערטס, בערקערסבורג, פארווערטס! צו נעמען ראבע פאר דעם טויטען!

אזוי טרעט ער איבער די שוועל פון קאפע, א דעמאן, אויף זיין מיסיאן צו פערניכטען ראזעי, און קומט ארויס אין גאס, וואו אנטקעגען איהם פליהען די זאלפען פון זיין אייגענער אינפאנטעריע.

פארווערטס, בערקערסבורג, פארווערטס!

אין גאס ליגען לייכען אויף לייכען. דער מאיאר קוקט זיך אויף זיי ניט אום. איהם ארט ניט די שיסערייען פון זיינע אייגענע מענשען, וואס קען איהם לייכט טרעפען. ער קלעטערט, זיין סאבעל אין דער לינקער האנט, דער רעוואלווער צווישען די צייהנער, איבער די לייכען פון סאלדאטען און בירגער און שטורמט פארווערטס.

א פרוי שטעהט פאר איהם. זי האלט א געפעס מיט א וואסערהעלער פליסיגקייט אין האנט — וויטריאל. ער שטויסט אריין דעם סאבעל אין די שייד, רייסט דעם רעוואלווער אין די לינקע האנט און הויבט איהם אויף. זיין פינגער דריקט אב, די קויל טרעפט די פרוי, די וואסערהעלע פליסיגקייט מישט

ניט געקענט נעפינען, האט לייטענאנט שלאסער, זיין אדיו־טאנט, איבערגענומען די פיהרערשאפט פון באטאליאן. שלא־סער, וואס האט זיך אמאל געהאלטען פאר א דיכטער, וואס האט, איידער דער שרעקליכער קריעג האט אויסגעבראכען, גע־וואלט ארויסטרעטען פון דער ארמיי און שטודירען געשיכטע אין בערלינער אוניווערזיטעט, דערקענט זיך איצט אליין ניט. די עטליכע שטונדען פון בלוטפערגיסונג האבען איהם אויך פער־וואנדעלט אין א ווילדע טיער, וואס קען זיך ניט בעהערשען. ווי אלע אנדערע, קען ער זעהן, הערען און שמעקען נאר בלוט און בלוט און פלאמיגען פייערשיין.

פלאמיגען פייערשיין...

ווי מעטעארען וואלטען נעפלויגען אין הימעל און נעפאלען גלייך אין די הייזער און די שייערען, וואס זיינען נאר וואס אנגעפילט געווארען מיט תבואות. דאס זיינען די צינדבאמבען, וואס די סאלדאטען ווארפען אויף שלאסער'ס בעפעהל, לויט דער לעצטער פעראָרדנונג, וואס דער פערשוואונדענער מאיאר האט נעגעבען דעם אונטעראפיציר וואלף. און וואו די באמבען פאלען, דארט בעוויזט זיך באלד פייער און ציהט זיך מיט פלאמיגע צינגער צום טונקעל געווארענעם הימעל. די גלאק פון ראזעי אויף דעם קליינעם קירכטורעם מיט דעם רויטען צינעלדאך הויבט ווי דורך א וואונדער אן קלינגען: שטורם, שטורם, שטורם!

דער יונגער בעדיענער פון קורע באגוויזאזש האט זיך פערקליבען הינטער דעם הויכאלטאר, פון וועלכען די אלבארמ־הערציגע מוטער פון גאט קוקט אראב. ער ציהט דעם שטריק, און עס טראגט זיך דער וויינענדיגער רוף צו די הויכקייטען פון מעיז, ווייט איבער דאס זילבערבאנד פון טייך, וואס איז איינ־געשלאסען אין בערגיגע ברעגען: שטורם, שטורם, שטורם!

אויף דעם קליינעם פלאץ פאר דער קירך שטעהט שלאסער. און עס עפענט זיך איצט פאר איהם דאס בילד פון דעם ברע־נענדען דארף, אין זיין גאנצער שוידערליכקייט און הערליכקייט.

די געטער פון ראכע האבען זיך צושפיעלט איבער ראזעי. טראי'ס פערניכטונג אין א דארף פון פיער הונדערט זעלען, א לעצטע געריכט אויף דעם מעיז, ווייל א אינגעל, וואס איז קוים זעכצעהן יאהר אלט, האט געשאסען אויף א קאפיטאן דורך דאס פענסטער פון קאפע און האט דערמיט נעגעבען דעם סיגנאל צו אן אלגעמיינעם און זיכער פאראויס בעשטימטען אויפשטאנד. און דאך! וואס האט שלאסער געהערט פון

מאיאר פאן בערקערסבורג דאן אין דער עפנונג אין וואלד הינ־טער טראיאן? וואס האט ער איהם דאן געזאגט, ווען ער האט פאר איהם, שלאסער'ן, אין אנגעזיכט פון טויט, פאר וועלכען זיי זיינען אלע גרייט געווען, געעפענט זיין געוועהנליך פער־שלאסענע זעל, און זיי האבען גערעדט וועגען „דאן קארלאס" און „די רויבער"?

די געטער פון ראכע, דאס לעצטע געריכט איבער ראזעי!

פערזען פון איליאס טראגען זיך דורך שלאסער'ס קאפ, פערזען, וועלכע נערא האט אפשר רעציטירט, שטעהענדיג אויף דעם פאלאטינישען בערגעל און אראבקוקענדיג אויף רוים, וואס האט געברענט צו זיינע פיס!

ארום איהם רייסען זיך ארויס פלאמען פון הייזער און הויפען, באלקען ברעכען זיך און פאלען, עס קראכט און דונערט, און ער, וואס איז געגען זיין ווילען געווארען א דעמאן פון פער־וויסטונג, שטעהט אהן בעוועגונג אויף דעם קירכפלאץ פון ראזעי. ארום איהם זיינען מיט הערבסטבלומען בעציערטע קברים פון די, וואס רוהען שוין אין פריעדען, וואס האבען זיך דא אנידערגעלעגט אין שוץ פון קירך און פון דעם הייליגען בילד פון ראזעי, ווייל דאס דארף, וואס ווערט מארגען שוין ניט זיין, איז געווען זייער היימאט, ווייל זיי האבען דא, זיך עלטע־רענדיג, זיך צוגעקליבען אן ארט, וואס זאל אמאל זיין זייער פריעדענסהאפען נאך א לאנגען און שווערען וואנדערען דא אויף דער ערד.

נעדאנקענלאז לעזט שלאסער איבער וואס איז אויסגע־קריצט אויף איינער פון די מצבות, וואס ליגען צו זיינע פיס. דאן ווענדט ער זיינע טרוקענע אויגען צו די פלאמען, אין וועלכע ראזעי איז איינגעהילט. די מיה און ארבייט און שוייס פון הונדערטער פלייסיגע און פריעדליכע מענשען ווערט דא פערברענט!

די געטער פון וועלטגעריכט איבער ראזעי! הערמאן און דאראטהעא! געטהע איבער דעם מעיז!

מיט אונזיכערע טריט געהט פערביי איהם דער צוג פון די פערטריבענע, מיט אויגען, וואס זיינען פון שרעק ארויסגע־טראטען פון זייערע לעכער. קינדער און מיידלעך, פרויען און אלטע לייט שלעפען זיך, טראגענדיג מיט זיך אלץ, וואס איז זיי איבערגעבליבען. אט געהט א קליין מיידעלע פון א יאהר זעקס און טראגט אין די נאקעטע ציטערענדע הענט א שטייגעל

מיט א שטיגליץ, א פינפיאָהריג אינגעלע דריקט צערטליך צו זיין קליינעם הארץ א קאנאריק, וואָס ער האָט געראַטעוועט פון די פלאמען פון זיין פאטער׳ס הויז... אן אכציגיאָהריגער בלינדער, וואָס טאפּט אָן מיט׳ן שטעקען די שטיינער פון גאַס, א קריפּעל פון א יאָהר צוואנציג, וואָס שלעפּט זיך קוים מיט זיינע געלעהמטע פיס נאָר מיט דער הילף פון צוויי קוליעס...

האָבען אט די אויך געשאָסען אויף די סאָלדאטען פון זיין מאַיעסטעט, דעם קעניג פון פּרייסען?

זיי לויפען, זיי אלע אנטלויפען, אָהן א הויז, אָהן א היים! זיי וועלען מאכען זייער לאגער אין פעלד, אונטער דעם גוטען הימעל, וואָס איז בעדעקט מיט די אייביגע שטערען.

ענדלאָז איז דער צוג דורך בלוט און טויטע קערפּער אין דער ברענענדער און צוזאמענפאלענדער דאָרפסגאס פון ראָזוי, ענדלאָז איז דער צוג, און דאָך האָבען דאָ געוואוינט אין גאנצען פיער הונדערט מענשען! עס איז טונקעל געוואָרען, סאָלדאטען מיט פאַקעלען און די פלאמען פון דער ברענענדער היימאט בעלויכטען כמעט טאָגהעל דעם טרויריגען צוג. שלאָפער׳ס אויגען נעמען אלץ אויף, קיין זאך געהט ניט אוועק אונבעמערקט פון איהם.

מוטערס מיט זוינקינדער אויף די הענט, ארומגערינגעלט פון אנדערע קינדער, וואָס האלטען זיך אין שרעק פאר דער מוטער׳ס הענט און קליידער; א באָבע, וואָס דריקט צו איהר וועלקענדער ברוסט איהר וויינענדע אייניקעל און קושט איהרע רויטע ליפּעלעך מיט ליפּען, וואָס זיינען שוין לאנג אָבגעוועהנט פון קושען; פיבערקראנקע, וואָס האלטען זיך קוים אויף די פיס און שלעפּען מיט די לעצטע קרעפטען זייער בעטגעוואנד, זייער לעצטע האָפנונג, דורך דעם שמוץ פון גאַס... שוואנגערע פרויען — צוויי, דריי, פיער, פינף... שלאָסער וויל מעהר ניט צעהלען און צעהלט דאָך... די פרוכט פון דער צוקונפט טראָגען זיי אין עלענד... וועלען נאָך אפשר היינט ביינאכט.... פון שרעק און אנגסט... ערגעץ אין א גראָבען אין פעלד, ווי הונט... גאָט, מיין גאָט! און זיי וועלען ניט געפינען קיין קריפּ פאר די טויערען פון בית לחם, וואוהין זיי זאָלען קענען לעגען די פרוכט פון זייער לייב, ווי אמאָל די, וואָס האָט דער וועלט געבאָרען דעם קרייצטרעגער!

נעטער פון ראכע איבער ראָזוי! ענדלאָז איז דער צוג פון די פערטריבענע אין דער נאכט!

— דיורער ! דער טויטענטאנץ ! — טראגט זיך דורך דער געדאנק אין שלאסער׳ס קאפ.

וואס האט ער אמאל געזעהן אויף די ווענט פון דעם קירכהויף אין פיזא, און אין די גאלעריען פון רוים און ווענע־דיג ? דאס לעצטע געריכט... די טויטזינד פון דער וועלט... דער מבול...

און איצט ?

דאס, וואס ער זעהט איצט, וואלט ניט טיציאן׳ס פינזעל, ניט דאנטע׳ס לירא ניט געקענט איבערגעבען ! דאס איבער־טרעפט ווייט האמער׳ן אליין און דאס רינגענדע פייער פון זיינע פערזען !

די געטער פון ראכע איבער ראזוי ! און ער האט זיי אליין גערופען ! ווי פראמעטעאוס, וואס האט גע׳גנב׳עט א פונק, דריקט ער צונויף זיין פויסט אנטקעגען יענע, וואס האבען דערלאזען, אז דאס זאל געשעהן, — אנטקעגען די שלאפענדע, ווי געטהע האט געזאגט.

דאס ווייגען פון דעם קירכנלאק הערט פלוצלונג אויף. א רויטער פלאם, וואס איז געקומען צופליהען ווי א מיטנאכט זון פון א דערבייאינגען שייער, האט זיך אריבערגעווארפען אויף דאס רויטע ציגעלדאך פון קירכטורעם.

די באלקען אין טורעם האבען אנגעהויבען ברענען, דער איבערגעברענטער שטריק איז געבליבען הענגען אין דעם אינ־געל׳ס האנט, און ער איז אנטלאפען, אנטלאפען אין זיין רויטען קיטעל און ווייסען העמד, האלטענדיג אין די הענט די זילבערנע קאפסעל מיט דעם ווייהרויך. ווייל קיורע באנוויזאזש האט נאך געוואלט לעזען א מעסע פאר די רעטונג פון ראזוי, איידער דער מאיאר האט איהם מיט די צוויי אנדערע פערהאלטען אלס פאנדען.

דער ווינט הויבט זיך אויף, א ים פון פונקען וועהט איבער דעם קירכהויף, עס צופליהט ווי א פייערווערק ארום שלאסער׳ס געשטאלט, אבער ער ריהרט זיך ניט פון ארט, ער שטעהט ווי צוגעשמידט פאר דער ברענענדער קירך, פון וועלכער עס פליהען ארויס טויבען, וואס האבען זיך געבויט זייער נעסט אין דעם שוץ פון דעם קרייץ פון ליעבע.

וואהנזיניגע טויבען ! טויבען, וואס האבען זייערע יונגע אין נעסט, געבלענדט פון די פלאמען און געטריבען פון ווילדען מוטערשמערץ, קערען זיי זיך אום אין די פלאמען און פאלען מיט אבגעברענטע פליגלען צו שלאסער׳ס פיס... זיי שלאגען

מיט די פליגלען און פלאַטערען אַהנמעכטיג אויפ'ן באָדען, געבראַטען לעבעדיגערהייד, און פיהרען זייערע בעטענדע אויגען אין אַלע זייטען...

נעטער פון ראכע אויך איבער די אונשולדיגע טיערען פון ראַזוּי!

שלאַסער'ן פאַלט דאַס איין, צו שפּעט, צו שפּעט!

— עפענט די שטאַהלען, בינדט אָב די קיה און פערד, לאָזט ארויס די שווינען און שאָף, — רופט ער פערצווייפעלט צו איינעם פון די סאָלדאַטען, וואָס איילען פערביי איהם.

אָבער יענער הערט איהם גאָר ניט. ער טראָגט אין די הענט א צינדבאָמבע און זוכט פאַר איהר א ציעל, געטריבען פון דעם זוהן פון די עריניען, דעם פורכטבארסטען צווישען אַלע גיהנם'ס געטער.

ער האָט זיי גערופען, די גייסטער... זיי זיינען ווילד געוואָרען און וועלען ניט שטיל ווערען, ביז אַלץ וועט ניט זיין געענדיגט! קיין זאַך וועט זיי ניט אָבשטעלען! אַלץ איז פעראורטיילט — די פרויען, קינדער, קריפּעל, אַלטע לייט און בלינדע, אויך די נאָך ניט געבאָרענע פרוכט פון לייב, אויך דאָס שטומע פיה, — אַלץ, אַלץ, ווי די טויבען, די לעבעדיגערהייט געבראַטענע אויף ראַזוּי'ס קירכטורעם! און ער שטעהט דאָ צווישען זיי, א גאָט פון פערניכטונג, א בלינדער אויספיהרער פון דעם בעפעהל פון דעם, וואָס איז פערשוואונדען און קען ניט געפונען ווערען, דעם מאיאָר, וואָס האָט פאַר איהם דאָרט אין וואַלד הינטער טראָיאַן, אין אַנגעזיכט פון טויט, אויפגעדעקט זיין זעל, וואָס איז אפשר פאַר איהם אליין געבליבען אַן אונלעזבארע רעטעניש.

רעטענישען... רעטענישען... און די געטער פון ראכע האָבען זיך צושפּיעלט איבער ראַזוּי!

בלוטרויט איז דער גאַנצער הימעל. קאָרן און שטרוי אין די שייערען זיינען א גוטע נאַהרונג פאַר די פלאַמען, גיבען זיי זייער שוועבעלגעלען שיין

סדום און עמורה... פעך און שוועבעל פון דער הויך... דאָס שטראָפגעריכט פון יהוה, וואָס בעשטראָפט די זינד פון די עלטערען אויף די קינדער ביז צום דריטען און פיערטען דור, — רעכנט שלאָסער.

די אייביגע שטערען בעהאַלטען זיך פאַר אָט די פייערבראַנדען אויף דער ערד, פייערבראַנדען, וואָס מענשליכע הענט וואַרפען אין מענשליכע וואוינונגען. דער גאַנצער האָריזאָנט

איז איין העלער פלאַם, וואָס הענגט איבער דעם טונקעלען שטרייף פון וואַלד הינטער טראַיאַן.

טראַיאַן ברענט, ראָזוּעי ברענט, אַלץ איז אין פלאַם!
די זיגרייכע אַרמיי!...

שלאָסער פערמאַכט די אויגען מיט דער האַנט. די אויגען קענען מעהר ניט פערטראָגען דעם העלען שיין.

ווערט די האַנט ניט פייכט, ניט וואַרם, ניט הייס? יע, טרערען פון דעם פיינד, טרערען פון דעם פערניכטער, פון אַ ווערקצייג אין העכערע הענט, איבער פון איהם אליין בעפאָהלענעם אונטערגאַנג פון ראָזוּעי!

טרערען, ערלייזענדע טרערען אין אַ ים פון בלוט און פייער! טרערען פון די אויגען פון דעם, וואָס שטעהט אויף אַ בערגעל פון טויטע קערפּער, וואָס זיינען צוזאַמענגעהויפט געוואָרען אויף זיין בעפעהל.

די געטער פון וועלטגעריכט און טרערען, הייסע, ברענענדע, ביטערע, זאַלציגע טרערען, ווי די, וואָס זיינען ביי איהם געראָנען, ווען זיינע פיס זיינען צום ערשטען מאָל אַראָבגעגאַנגען די זידליכע אַלפּען, און זיינע אויגען האָבען אין מילאַן דערזעהן די צענאַ פון לעאָנאַרדאָ דאַ ווינטשי.

— איך זאָג אייך, צווישען אייך איז פאַראַן איינער, וואָס וועט מיך פעראַטען!

איינער! דער איינער איז דער, וואָס האָט געוואָלט ווערען אַ דיכטער און האָט אַט וואָס דערזעהן און אַט וואָס געטהאָן!

איינער צווישען אייך וועט מיך פעראַטען!
אַ דונערנדער קראַך...

דער קירכטורעם פון ראָזוּעי איז פאַר שלאָסער'ס בליקען צוזאַמענגעפאַלען. דאָס אַלטאַרבילד מיט דער בלוטענדער וואונד פון דער אַלבאַרמהערציגער מוטער פון גאָט ליגט אונטער רואינען און אַש. דער צוג פון די היימלאָזע ווערט אַלץ שיטערער און שיטערער, עס לויפען איצט נאָר איינצעלנע פערשפּעטיגטע פון די, וואָס אַנטלויפען פון ברענענדיגען ראָזוּעי.

געענדיגט! אַדאָלף'ס טויטענפאַקעל האָט גענוג געלויכט. דער פלאַם אויפ'ן האָריזאָנט ווערט בלייכער. שטיל גלימט און רוישט נאָך אין די רואינען פון די הייזער און שייערען. שלאָסער'ס נערוועז קענען שוין מעהר ניט אויסהאַלטען, ער ברעכט צוזאַמען פאַר די רואינען פון דער קירך פון ראָזוּעי און יאָמערט ווי אַ קליין קינד.

VII

צווישען די נאָך אַלץ רויכערענדע רואינען פֿון ראַזעי, אויף דער פֿערלאַזענער גאַס לעבען דער קליינער קירך מיט דעם צו־זאַמענגעבראָכענעם טורעם, דערהערט זיך אַ פֿערשטיקטער קלאַנג פֿון פּויקען. די סאָלדאַטען פֿון באַטאַליאָן האָבען געכאַפּט דעם יונגען לואי בוניאָן, וואָס האָט דער ערשטער געשאָסען אין קאַפּע דיו רעיזען אין קאַפּיטאַן אַדאָלף. זיי האָבען אויך געפֿונען דעם אַלטען קיורע באַנגוויזאַוש, וואָס האָט זיך אין דער געפֿאַהר בעהאַלטען לעבען זיין בעדיענער אונטער דעם אַלטאַר מיט דעם בילד פֿון דער אַלבאַרמהערציגער מוטער פֿון גאָט. דער מער און מאַרטאַ זיינען געפֿאַלען אין פֿערלויף פֿון דעם גאַסענקאַמף. זיי ליגען צווישען בערגלעך טויטע קערפּער, וואָס מען האָט נאָך ניט געהאַט קיין צייט צו בעערדיגען.

שלאָסער איז געזונד געוואָרען און האָט ערפֿילט זיין שווערע פֿליכט: ער האָט איבערגעגעבען דעם קאַפּיטאַן'ס מערדער און דעם קיורע, וואָס האָט געבראָכען זיין עהרענוואָרט, צום גע־ריכט, אוןביידע זיינען פֿעראורטיילט געוואָרען צום טויט. דע־ריבער האָט זיך דאָס געהערט דער פֿערשטיקטער קלאַנג פֿון פּויקען צווישען די נאָך אַלץ רויכערענדע רואינען פֿון ראַזעי. אַ קליינע קאָמפּאַניע סאָלדאַטען, מיט אַ פּייקלער פּאַראַוים, געהט דאָס אויספֿיהרען די שרעקליכע ארבייט אונטער די שטראַהלען פֿון דער זון, וואָס האָט געבראַכט אַ נייעם טאָג איבער די רואי־נען פֿון דאָרף. אויף'ן גאַס זיינען ניטאָ קיין צושויער, קיינער וואַגט ניט צו בעווייזען זיך אפֿילו אויפ'ן וועג צו ראַזעי. נאָר די בערגלעך טויטע קערפּער און די סאָלדאַטען פֿון באַטאַליאָן, וואָס מוזען דאָ בלייבען, ביז דער לעצטער אַקט פֿון שיקזאַל וועט דאָ ניט אויסגעפֿיהרט ווערען.

אַן אונטעראָפֿיציר פֿון דער זעקסטער קאָמפּאַניע פֿיהרט די קליינע אַבטיילונג, וואָס בעשטעהט פֿון פֿינף סאָלדאַטען, און פּאַראַוים געהען די צוויי פֿעראורטיילטע, ענטוואָפֿענט, מיט די הענט פֿערבונדען אויף הינטען. אויף די טויטבלייכע געזיכטער פֿון דעם אינגעל און פֿון דעם אַלטען איז פֿערגליווערט דער אויס־דרוק פֿון פֿינסטערער ענטשלאָסענהייט און פֿאַנאַטיזם, און די הערליכע ליכטיגקייט פֿון מאַרטירער שיינט אויף זייער שטערן און זייערע ליפּען.

„ווען בערקערסבורג וואָלט דאָס געזעהן!“ — קומט פֿלוצלונג דער געדאַנק שלאָסער'ן, וואָס מוז נאָך זיין דיענסט־פֿאַרשריפֿט ביייוואוינען די עקזעקוציאָן, ווי דער פֿאַרשטעהער

פון געריכט. וואס האט דאך דער מאיאר געזאגט דארט אין וואלד הינטער טראיאן! וועלכע געוואגטע געדאנקען ער האט ארויסגעזאגט! „פארטיזאנען" — דאס איז גאר אן אויסדרוק פון האס צו די העלדען פון פרייהייט, וואס זייען גרייט צו שטארבען פאר דעם, וואס זיי האלטען פאר גערעכט. אזוי אונ־געפעהר האט ערקלערט זיין אנזיכט יענער זאנדערבארער מענש, וועמען די נאהענטקייט פון טויט איז נויטיג געווען, אום ער זאל עפענען זיין אמת'ע און טיפסטע מענשליכע נאטור.

— באטאליאן, האלט!

די אבטיילונג שטעהט אויף דעם פלאץ פאר דער קירך, וואו אין דעם קליינעם קירכהויף רוהען אונטער דעם פריעדלי־כען שאטען פון די קירכליכע ווענט די פריהער געשטארבענע בירגער פון ראזעי.

אונטעראפיציר היינריך, וואס פיהרט די אבטיילונג, שטעלט אויס זיינע פינף מאן. דאס איז א יונגערמאן פון א יאהר זעקס און דרייסיג, וואס האט געענדיגט זיין דיענסט, נאך איידער מען האט אין די נידריגערע שיכטען פון דער ארמיי געהאט די מינדסטע אהנונג ווען דער אנקומענדער מלחמה. ער האט גלייך נאכדעם געהייראט. זיין טערעזא האט געדיענט אין הויז פון קא־פיטאן, וואוהין ער פלעגט טעגליך קומען מיט דעם בעפעהלבוך, אלס שרייבער פון זיין קאמפאניע. דארט האט ער זיך בעקאנט מיט דער בעצויבערענדער קליינער טערעזא מיט דעם ענטצי־קענדען שמייכעל אויף די רויטע ליפען, ווען זי פלעגט איהם יעדען טאג עפענען די טיר.

אונטעראפיציר היינריך איז א פריעדליכער מענש. די רויהע ארבייט פון דעם קריעגער איז איהם קיינמאל ניט געווען צום הארצען, ער האט אבער געמוזט דיענען, פונקט ווי יעדער איינער אין דייטשלאנד און אין פראנקרייך. ער איז געווען דער עלטסטער פון פיעלע קינדער ביי זיינע עלטערען; זיין פאטער איז געווען א קליינער מאגיסטראטס־בעאמטער אין א קליין שטעדטעל אויפ'ן וועזער, און ער איז געווען צופרידען, ווען ער האט זיך בעפרייט כאטש פון איין קינד, ווייל די אנדערע האבען דאך אויך געדארפט ערנעהרט און ערצויגען ווערען. און דאס געהאלט פון א קליינעם מאגיסטראטבעאמטען אין א שטעדטעל אויף דעם וועזער איז ווייט ניט גענוג, ווען די פאמיליע צעהלט ניין קעפ. אמת, דער פאטער האט דעם עלטסטען נאך אויף זיין פערצעהנטען יאהר אבגעגעבען אין לעהרע צו א קאמערסאנט, ווייל ער האט נאך אין שול ארויסגעוויזען א פלינקקייט און פערשטענדליכקייט. אבער ביי דער איצטיגער צייט איז גאר ניט

ליכט צו געפינען א גוטע שטעלע. און ווען, נאכדעם ווי זיין מיליטערדיענסט האט זיך געענדיגט, האט דער קאפיטאן איהם גענומען צורעדען צו בלייבען אין דער ארמיי פאר זיין ווייטער־דיגער קאריערע, האט ער צוגעשטימט. ווענען קריעג האט דאך קיינער ניט געקלערט, און היינריך האט זיך נאך דערצו גע־קליבען הייראטען.

דער הערר קאפיטאן האט פאר איהם אויסגעווירקט די נויטיגע ערלויבניש, און אין אפריל האט ער געהייראט און האט בעקומען אין דער קאזארמע א זעהר נעטע וואוינונג. ארביי־טענדיג יעדען טאג זייט מאנאטען נאר מיט דער פעדער אין זיין קאנטאר, האט ער שוין כמעט פערגעסען, ווי אומצוגעהן מיט'ן ביקס. און דא האט מען איהם, ווייל קיין אנדערער איז ניט גע־ווען, געשיקט צו דער עקזעקוציאן. אונטעראפיציר היינריך, ווענען וועמעס מילדקייט די סאלדאטען פלעגען זיך וויצלען, אין דער ראל פון א הענקער! דאס איז געווען איינע פון יענע איראניען פון שיקזאל, וואס נאר דער קריעג האט געקענט ארויס־ברענגען.

און ווי ער שטעהט דא אין שטעלט אויס זיינע סאלדאטען, פליהען זיינע געדאנקען אוועק אהיים, צו זיין טערעזא. ווען ער האט זיך מיט איהר געשיידט, אום צו געהן אין פעלד, האט ער געוואוסט, און די אקושעריו האט בעשטעטיגט, אז זיין טערעזא וועט איהם צו וויהנאכטען שענקען א קליין זיס קינד — איהם! אבער ווער קען וויסען, וואס ביז דאן וועט נאך פארקומען. האבען דען אט די צוויי געפאנגענע מיט די אויף הינטען פער־בונדענע הענט, וואס שטעהען דא ביי דער וואנט פון דעם קירכ־הויף פון ראזעי, געוואוסט מיט דריי, אכט, פערצעהן טעג צוריק, וואס מיט זיי וועט היינט פארקומען? און ער?

די סאלדאטען זיינען אויסגעשטעלט. אונטעראפיציר היינ־ריך געהט צו צו שלאסער און ערקלערט, אז אלץ איז גרייט צו דער הינריכטונג. דער לייטענאנט נעמט ארויס פון מונדיר א שריפט: דער טויטאורטייל פון געריכט! אין נאמען פון זיין מאיעסטעט, דעם קעניג פון פרייסען, נאך קריעגסרעכט...

דא זיינען ניטא קיין צוהערער, אויסער די סאלדאטען, וועלכע זיינען געוועהנט צו די אלע קריעגסארטיקלען און נעמען אן דעם טויט אורטייל ווי עפעס, וואס איז זעלבסטפערשטענד־ליך. אין נאמען פון זיין מאיעסטעט, דעם קעניג פון פרייסען, דורכגעפיהרט פון איינעם פון זיינע לייטענאנטען אין א דערפעל, וואס איז פערצעהרט פון פלאמען, אין הארץ פון פראנקרייך! אונטעראפיציר היינריך פערמאכט די אויגען. ווי עס וואלט

איהם געבלענדט די העלע זון, וואס שיינט דורך די שיטערע בלעטער פון די טרויעריגע ווערבעס אויף דעם קירכהויף. אויף די ווערבעס הענגען נאך גרינע בלעטער, און ווער קען וויסען וואס וועט נאך זיין מיט אט די בוימער און מיט איהם אליין און מיט זיין קאמפאניע, ווען זיין טערעזא וועט איהם שענקען דאס קליין צארט קינד מיט דעם זיסען נארישען שמייכעל אויפ׳ן רויטען מיילכעל? ווער קען הייגט וויסען, וואס וועט זיין, ווען די גרינע בלעטער וועלען אראבפאלען, ווער, ווער?

שלאסער האט געענדיגט לעזען דעם אורטייל. ער גיט מיט דער האנט א צייכען דעם אונטעראפיציר, אז ער זאל הייסען איינעם פון די סאלדאטען פערבינדען די פעראורטיילטע די אויגען. אונענטשלאסען שטעהען די צוויי סאלדאטען, זיי קוקען אויף דעם אונטעראפיציר און דאן אויף שלאסער. זיי פרעגען מיט די אויגען און ווארטען.

קיורע באנוויזאזש איז ווי פערגליווערט אין געבעט. דאס זעהט מען קלאר אויף זיין געזיכט, כאטש ער קען ניט צונויפלעגען די אויף הינטען פערבונדענע הענט, ווי ער פלעגט דאס טאן אזוי אפט, בעטענדיג פאר זיינע פיער הונדערט זעלען אין דער קליינער דארפסקירך פאר דעם בילד פון דער אלבארמהערציגער מוטער פון גאט.

שלאסער קערט אב זיין געזיכט.

ער דענקט וועגען בערקערסבורג׳ען. ווי יענעמס געדאנקען וואלטען פלוצלונג אריינגעדרונגען אין זיין קאפ. „אנדרעאס האפער“, — קומט איהם פלוצלינג דער געדאנק. אין קיימען אין מאנטוא... און דאן: „דו האסט דאס געזאגט, איך בין א קעניג!“ ער קען מעהר ניט פערטראגען דעם בליק פון דעם צום טויט ענטשלאסענעם אינגעל און פון דעם פריסטער, וואס האט זיך שטיל איבערגעגעבען זיין שיקזאל, — זיי שטעהעןביידע רוהיג און געלאסען פאר די סאלדאטען. אט דעם אינגעל און דעם אלטען שטעהט איצט פאר אנצוטאן די מארטירערקרוין, ווי יענעם, וואס איז געשטאנען פאר דעם ריכטערטיש פון פילאטוס.

דו האסט דאס געזאגט, איך בין א קעניג...

און טריי צו זיין שבועה, טאר ער קיין זאך ניט פרעגען אדער אונטערזוכען, ער מוז איינפאך טהאן זיין פליכט, ניט מעהר. און דער מענש, וואס האט פאר דעם אויסברוך פון דעם וועלטקריעג זיך געהאלטען פאר א דיכטער, נעמט צונויף דעם לעצטען רעשט פון זיין ווילענסקראפט און זאגט:

— ווי איהר ווילט, אונטעראפיציר, נימ דעם בעפעהל צום שיסען!

— בעפעהל. הערר לייטענאנט!

דער זעבצעהנייאָהריגער פיער בוניאָן שאָקעלט מיט'ן קאָפ:

— נאָן, נאָן, נאָן, זשע נע ווער פּא. לעסעי מעז יעי, נאָן, זשע נע ווער פּא!

און דער אלטער קיורע באַנוויזאזש קוקט ארויף צום הימעל, ווי ער וואלט געבעטען: „פערגיב זיי, פאטער, ווייל זיי ווייסען נימ, וואָס זיי טהוען. האר, אין דיינע הענט גיב איך איבער מיין גייסט!"

אזוי זעהט אוים דער אלטער אין דעם מאָמענט, ער, ווען דער בישאָפּ האָט אנפערטרויט די פיער הונדערט זעלען פון ראָ־זעי, וואָס זיינען שוין איצט אלע אין דעם הימעל'ס הערליכען קעניגרייך, אויסער די וועניגע, וואָס וואנדערען איצט אום אויף דעם שאָסעי פון טראיאָן.

איצט רייסט זיך אויך פון זיינע פערוועלקטע ליפען אראב דערזעלבער אויסגעשריי, ווי פון די יונגע פרישע ליפען פון דעם אינגעל:

— נאָן, נאָן, זשע נע ווער פּא. לעסעי מעז יעי.

א קלאפּ אין פויק דערהערט זיך.

אונטעראפיציר היינריך בעהערשט זיינע געדאנקען. ער מאכט אן אנשטרענגונג און שרייט:

— שטיל שטעהן! דאָס געוועהר איבער! ציעלען! פייער!

א שאָס קראכט.

— ציעלען! פייער!

א צווייטער שאָס.

— ציעלען! פייער!

א דריטער.

— געוועהר אראב! זיך ריהרען! מוסקעטירען בעטכער און גרוי!

— בעפעהל, הערר אונטעראָפיציר!

— בעפעהל, הערר אונטעראָפיציר!

די צוויי סאלדאטען טרעטען ארוים פון דער אבטיילונג. זיי נעמען פון דער ערד א שטיק לייוועגט, וואָס זיי האָבען דאָ נאָך פריהער אנידערגעלעגט, און דעקען דערמיט צו די נאָך צו־קענדע און ווארימע קערפּער פון דעם אינגעל און דעם אלטען. פון וועלכע דאָס בלוט שטראָמט אונאויפהערליך.

— מוסקעטיר שינעמאן, מוסקעטיר באָלינגער!

— בעפעהל, הערר אונטעראָפיציר!

— בעפעהל, הערר אונטעראָפיציר!
— גראבען א גרוב!
— בעפעהל, הערר אונטעראָפיציר!
— בעפעהל, הערר אונטעראָפיציר!

די צוויי סאלדאטען נעמען זיך גלייך צו דער ארבייט.

— באטאליאָן אהן טריט, מארש!

מיט דעם פויק פאראויס, מארשירט דער רעשט פון דער אָבטיילונג דורך די נאָך אלץ רויכערענדע רואינען פון ראָזוי צוריק אויף דעם וועג, אויף וועלכען זי איז געקומען.

שטיל פאלגט נאָך לייטענאנט שלאָסער.

VIII

נאָך אכט און פערציג שטונדען האָבען די חיענען פון שלאכטפעלד, וואָס האָבען אויך ארומגעזוכט די רואינען פון ראָזוי, געפונען דעם מאיאָר. ער איז געלעגען לעבען דעם מיסט־הויפען פון הויף, וואו דעם בויער'ס גאָפעל האָט איהם געטראָפען, די שפיץ פון דעם מערדערישען אינסטרומענט האָט נאָך געשטעקט אין זיין רוקען. מען האָט ביי איהם צוגענומען דעם זייגער און דאָס געלד און די רינגען, וואָס זיינען, צו זיין גליק, ניט צו פעסט געזעסען אויף זיינע פינגער. מען האָט בעשלאָסען, אז ער איז טויט.

דאָס בילען פון א הונגעריגען היימלאזען הונט, וואָס האָט געזוכט א ביין, האָט צוגעצויגען די אויפמערקזאמקייט פון א פאטרול, וואָס איז דורכגעגאנגען די גאס פון דארף. די סאלדאָטען האָבען מיט שרעק זיך אָבגעשטעלט פאר דעם קערפער פון מאיאָר. זייער פיהרער, וואָס האָט מיטגעמאכט א קורס פאר סאַניטארען, האָט צוגעלעגט זיין אויער צום אָפיציר'ס ברוסט. ער האָט ניט קיין טעות, גאנץ שטיל, קוים פערנעמבאר, געהט נאָך אין קערפער דער אָטעם, און דאָס הארץ ארבייט. נאָר א געאיבטער האָט דאָס געקענט דערהערען.

אויף א וואונק פון אונטעראָפיציר הויבען די צוויי סאָלדאטען אויף דעם מאיאָר. מיט א פערשטיקטען קלאנג פאלט אראָב צו דער ערד די מיסטגאָפעל, מיט וועלכער ער איז געוואָרען פערוואונדעט. דער אונטעראָפיציר בעטראכט די מיסטגאפעל: איהם דוכט, אז די שפיץ פון איין צאָהן איז אָבגעבראָכען און איז געבליבען שטעקען אין דער וואונד.

דער מאיאָר קומט ניט צו זיך. די סאלדאטען גיבען איהם איבער צו די מענשען פון רויטען קרייץ, וועלבע פיהרען איהם אָב צום נאָהנטסטען פעלדלאזארעט.

נאָך א גרינדליכער אונטערזוכונג, שאָקעלט דער שטאבארצט מיט'ן קאָפּ און זאגט:

— אייגענטליך זעה איך גיט קיין האפנונג, דער רוקענמארך איז אָנגעגריפען... מיר וואָלטען אָבער יע געקענט פּרוּווען אן אפּעראציאָן, שוועסטער רות.

שוועסטער רות ענטפערט גיט. עס ליגען נאָך הונדערטער אי אין לאזארעט, אי דרויסען אויף'ן פריינען פעלד, וועמען מען דאַרף העלפען, פּערבינדען און אָפּערירען. דאָס געפעכט ארום טראיאָן האָט זיך צובראָכען מיט א נייער מאכט, און עס וועט היינט קיין סוף ניט נעמען צו די וואָגענס און אויטאָמאָבילען, וואָס קומען אָן אָנגעלאָדען מיט די אָפּפער פון דער שלאכט.

— מיר וועלען פונדעסטוועגען פּרואווען, שוועסטער רות, — ווידערהאלט דער שטאבארצט.

— ווי דער הערר שטאבארצט געפינט פאר נויטיג....

מיט דעם געזיכט אראָב ליגט דער מאיאר אויף דעם ריין געשייערטען טיש, וואָס מען האָט רעקווירירט פון דער קיך פון איינעם פון די גרעסטע הויפען, און וואָס דיענט צו דערזלעבער צייט אי פאר אונטערזוכונגען, אי פאר אָפּעראציאָנען.

— שוין ווידער א טראַנספּאָרט, הערר שטאָבארצט. מיר האָבען שוין קיין בעטען ניט. דרויסען אויף'ן פעלד ליגען מענשען א רייה נאָך א רייה. — שוועסטער רות עפענט די טיר, אום צו איבערצייגען דעם ארצט, אז וואָס זי זאָגט איז ריכטיג. עס רייסען זיך אריין וועה געשרייען און קרעכצען פון די לייַדענדע. אָבער דער שטאָבארצט און שוועסטער רות זיינען שוין געוועהנט צו דעם יאָמערען און שרייען. דאָס פורכטבארע שרעקט שוין ניט מעהר די נערוועז, וואָס זיינען הארט געוואָרען דאָ צווישען טויט־נויט און מאטערניש.

— דערשלאָגט מיך, מאַכט א סוף מיט מיר! — דערטראָגט זיך א שרעקליכער געשריי פון פעלד.

די, וואָס שרייען, האָבען מעהרסטענס אָן אויסזיכט צו ווערען גערעטעט. די ווירקליך שווער פערוואונדעטע ברענגען שוין ניט ארויס קיין קלאַנג פון זייערע ליפּען. זיי ליגען דאָ, ווי די טויטע, אָהן אָנטייל, זיי האָבען ניט קיין אהנונג וועגען דעם, וואָס מיט זיי טהוט זיך.

— דעם נייעם טראַנספּאָרט זאָל אויפנעמען אסיסטענט דאָקטאָר ווילדע, — ענטשיידט דער שטאַבארצט.

— ער איז שוין ארויסגעגאַנגען, הערר שטאַבארצט, — ענטפערט די שוועסטער.

— גוט. איך וויל דאָ גאָרניט איבערלאָזען אָהן אַ פּערזוך, ווענינגסטענס.

— ווי דער הערר שטאַבּאַרצט געפינט פאַר נויטיג, אָבער מיר האָבען מעהר קיין בעט ניט.

— בעט נומער אַכצעהן ווערט פריי, שוועסטער, דער מאַן שטאַרבט.

— ער איז נאָך אָבער ניט געשטאָרבען, הערר שטאַבּארצט.

— טהוט וואָס איך זאָג אייך, שוועסטער, ביז איך וועל פאַרטיג ווערען, וועט דער מאַן זיין טויט.

— גוט, הערר שטאַבּארצט!

— גיט מיר די מאַסקע און כלאָראָפאָרם, שוועסטער!

די שוועסטער ברענגט דאָס פון דעם קיכשראַנק, וואָס דער שטאַבּארצט האָט זיך דאָ איינגעשאַפט, און וואָס שטעהט ביי דער אויסגעקאַלכטער וואַנט פון דעם פריהערדיגען שולצימער, וואָס מען האָט איצט שנעל פערוואַנדעלט אין אַן אימפּראָוויזירטען לאַזאַרעט. די שוועסטער האַלט, ווייזט אויס, וועניג פון דעם פּערזוך צו רעטען דעם מאַיאָר. זי פּרואווט מאַכען נאָך אַן איינווענדונג.

— מיר מוזען שפּאָרען דאָס כלאָראָפאָרם, הערר שטאַבּארצט. דער סאַניטעטסצוג האָט זיך פערשפּעטיגט. מיר האָבען נאָר נאָך די איין פלאַש. ער איז בעוואוסטלאָז, אפשר קען מען דאָס מאַכען אָהן נאַרקאָז?

דער שטאַבּארצט ענטפערט ניט. ער לעגט אַרויף די מאַסקע אויף דאָס געזיכט פון דעם פערוואונדעטען. פון דרויסען דערטראָגען זיך ווידער די געשרייען פון די ליידענדע, ווי די ווילדע געשרייען פון אָקסען אין שלאַכט־הויז ווען מען גיט זיי מיט עפּעס איבער'ן קאָפּ. אָבער דעם ארצט ציטערט אפילו ניט די האַנט, ווען ער טונקט איין אַ שטיק וואַטע אין כלאָראָפאָרם און לעגט דאָס אונטער די נאָז פון מאַיאָר, וועמען ער האָט מיט דער הילף פון דער שוועסטער אומגעדרעהט.

— גיט אַכטונג אויף דעם פּולס, שוועסטער רות!

— גוט, הערר שטאַבּארצט.

זי איז גרייט גוט אַכטונג צו געבען, אָבער דער פּולס איז אַזוי שוואַך, אַז אפילו איהר געאיבטער פינגער קען איהם ניט געפינען.

— איך געפין ניט מעהר קיין פּולס, הערר שטאַבּארצט.

— איהר מוזט איהם געפינען... אַט אַזוי... נו, אַט בין איך פאַרטיג...

פאַרזיכטיג ווענדט ער אום דעם פּאַציענט מיט דער הילף

פון דער שוועסטער. מיט טיפע אײַנשניטען טײלט ער אָב די הויט פון דעם מוסקעל און דאַן דעם מוסקעל פון ביין.

— איך בין געווען געדעכט, עס שטעקט אין פינפטען ווירבעל, שוועסטער. גיט מיר די צוואַנג.

— דאָ, הערר שטאַבאַרצט.

די שפּיץ פון דעם צאָהן זעהט זיך קלאָר. זי שטעקט דריי ביז פיער צענטימעטער אין ביין, אָבער דער אָבגעבראָכענער עק שטעקט ארויס.

— ווען אָט דאָס וועט זיך מיר אָבברעכען, איז אַלץ פערלאָרען, — דענקט דער שטאַבארצט און נעמט אָן די שפּיץ מיט דער צוואַנג. ער פּרואווט לאַנגזאַם.

— עס שאָקעלט זיך, ס'וועט געהן, שוועסטער, איהר זעהט!

די גאַנצע אויפמערקזאַמקייט פון דעם ארצט איז איצט געווענדט אויף דעם פּרעמדקערפּער, וואָס מען מוז ארויסציהען, אום דער היילונגספּראָצעס זאָל זיך קענען אָנהויבען. ער רעדט שטיל פאַר זיך:

— אַזוי... אַזוי... לאַנגזאַם... נאָכאַמאָל, אַזוי, אַזוי,,:

דאַן איין שנעלער ציה

— געלונגען! — קומט דער פרייד געשריי פון זיינע ליפּען. ער האַלט אין דער צוואַנג די שפּיץ פון דעם צאָהן.

— איהר זעהט, שוועסטער, איך גלויב ניט, אַז עפּעס איז דאָרט נאָך געבליבען.

— ניין, הערר שטאַבארצט, דאָס איז געווען א וואונדערליבע אָפּעראַציאָן.

— זעהט איהר! — רופט דער ארצט אויס מיט פרייד.

— איצט גיט מיר סטעריליזירטען גאַז.

שוועסטער רות גיט דעם גאַז.

דער שטאַבארצט טריקענט אויס די וואונד לאַנגזאַם און פּאָרזיכטיג.

— איז דאָס אביסעל שמוציג געווען, דאָס שטיקעל צאָהן פון דער מיסטגאָפּעל!.. וועט שוין אָבער זיין גוט... ביי אונזער אַסעפּטיק, וועט שוין זיין גוט, שוועסטער!

עס נעמט גאַנצע צעהן מינוט, ביז דער ארצט ענדיגט זיין געוויסענהאַפטע ארבייט, ווייל אַלץ ווענדט זיך איצט אָן דעם, ווי ריין מען וועט האַלטען די וואונד. ענדליך בעפעהלט ער:

— און איצט גיט מיר דאָס קעסטעל מיט דערמאַטאָל און דאָס פערבאַנדצייג.

שוועסטער רות פאָלגט דעם בעפעהל, ניט זאָגענדיג א וואָרט. זי האָט ניט געגלויבט, אז די אָפּעראַציאָן וועט געלינגען, זי איז געווען פעסט איבערצייגט, אז דער ראָסטיגער צאָהן וועט זיך אָבברעכען און בלייבען שטעקען אין ביין. אויך איצט צווייפעלט זי נאָך, צו דער פערוואונדעטער וועט בלייבען לע־בען. און וועהרענד דער ארצט בעדעקט די וואונד מיט דעם געלען פולווער, פרעגט זי בעשיידען:

— גלויבט איהר דען ווירקליך, אז איהר וועט איהם קע־נען רעטען, הערר שטאַבארצט?

— איך האָף, אז איך וועל קענען, שוועסטער רות, אָבער א לעהמונג וועט בלייבען, און פון איהר וועט זיך ענדליך ענט־וויקלען א טאַבעס, ווייל דער רוקענמארך איז זעהר שווער פערלעצט.

— שרעקליך, בעסער שוין געשטאָרבען, — זאָגט שוועס־טער רות.

— מיט א טאַבעס קען מען לעבען נאָך צעהן יאָהר, שוועסטער רות, ווען מען איז פאָרזיכטיג, — ענטפערט דער שטאַבארצט. דאַן לעגט ער רוהיג ארויף דעם פערבאַנד, מיט דער הילף פון דער שוועסטער. דער מאַיאָר ליגט נאָך אלץ אין טיפען נאַרקאָז, כאָטש דער שטאַבארצט האָט שוין לאַנג פון איהם אראָבגענומען די מאַסקע.

— האָט איהר א זויערשטאָף־אַפּאַראַט, שוועסטער?

— געוויס, הערר שטאַבארצט.

נאָכדעם ווי דער אַפּאַראַט האָט געאַרבייט פינף מינוט, הויבט דער מאַיאָר זיך אָן צו רעגען. א קוים בעמערקבארע פארב בעוויזט זיך אויף זיינע ביזהער טויטבלייכע באַקען.

— דער פולס ווערט שוין קרעפטיגער, הערר שטאַבארצט, — זאָגט שוועסטער רות.

— זעהט איהר, מיין טייערע, אָט האָבען מיר איהם אומ־געקערט צום לעבען!

א שמייכעל פון גליק און בעפרידיגונג שוועבט אויף די ליפען פון דער שוועסטער פון רויטען קרייץ.

— איצט זעהט נאָך דעם בעט נומער אכצעהן, שוועסטער.

שוועסטער רות געהט צום בעט נומער אכצעהן און שטעהט א ווײלע צומישט, אָהן ווערטער.

— נו, וואָס, שוועסטער רות?

נאָך אלץ קומט ניט קיין ענטפער. אין דעם בעט נומער אכצעהן ליגט א בלוטיונגער לייטענאַנט פון נײַנצעהן יאָהר. ער ריהרט זיך שוין ניט מעהר.

— איהר זייט געווען געדעכט, העדר שטאבארצט, — זאגט ענדליך די שוועסטער, און טרערען הערען זיך אין איהר שטים.

— צו וואס וויינען, שוועסטער?

— איך ווייס די לעבענסגעשיכטע פון דעם טויטען, העדר שטאבארצט, ער איז געווען דער איינציגער זוהן ביי זיין מוטער, וואס האט איהר לעצטעס אוועקגעגעבען, אום ער זאל קענען ווערען אפיציר, און דא... צו ניינצעהן יאהר... ער האט מיר דערצעהלט וועגען זיין מוטער, איידער זיין קאמפאניע איז ארויסגעטראטען אין יענע שלאכט...

— וואס קען מען טהאן, שוועסטער רות... א שאס אין קאפ מיט אן ענטציינדונג פון דער געהירנהויט. דא האט מען שוין גארניט געקענט טהאן... און דא האט נאך די געפריהר־מאשין אויפגעהערט צו ארבייטען, מיר האבען דאך אין די לעצטע פיער און צוואנציג שטונדען קיין ברעקעל אייז ניט געהאט, דאס ווייסט איהר דאך אליין. מען האט דא גארניט געקענט מאכען. יאמערט ניט, קיין יאמערענדע שוועסטער טויגען מיר ניט, איך האב אייך דאס שוין צוואנציג מאל געזאגט, אט העלפט מיר דא בעסער.

שווייגענדיג פאלגט שוועסטער רות דעם בעפעהל פון שטאבארצט. זיי הויבען אויף דעם נאך ווארימען קערפער פון יונגען לייטענאנט און לעגען איהם אנידער דערביי אויף'ן דיל.

— איצט האב איךווירקליך מעהר קיין צייט ניט, — זאגט דער שטאבארצט, — די אנדערע ווארטען אויף מיר. וועלען מיר איצט נעמען דעם מאיאר...

— אין דאסזעלבע בעט, העדר שטאבארצט?

— דער טייוועל זאל דאס נעמען! שוועסטער, ענטציינדונג פון געהירנהויט איז, אויף ווי ווייט איך ווייס, ניט אנשטעקענד, מיך פרעהט, וואס דאס בעט איז פריי געווארען פונקט אין צייט. דא אין פעלד, צוויי קילאמעטער הינטער דער פייערליניע, קע־נען מיר ניט קלערען וועגען אזעלכע קלייניגקייטען, ווי אין דער אוניווערזיטעטס־קליניק, וואו איהר האט געלערנט. אן אוואן! גיט איהם דריי טיילעפעל ציטראנגוואסער, ווען ער וועט קומען צו זיך, שוועסטער... אויף ווידערזעהן!

מיט זיין אינסטרומענטטאש אין האנט געהט דער שטאבארצט ארויס אין דרויסען, וואו ער דארף נאך זעהן דעם נייעם טראנספארט און אבקלייבען די, וואס מען קען נאך רע־מען דורך א שנעלע אפעראציאן.

IX

ניין טעג האָט דער מאיאָר געשוועבט צווישען לעבען און טויט. אָבער א דאנק די בעמיהונגען פון דעם שטאַבּארצט און שוועסטער רות איז דער פיבער פערשוואונדען, און ענדליך איז דער פערוואונדעטער, לויט אלע ווארשיינליכקייטען אונהייל־באר, אָבגעשיקט געוואָרען מיט א טראנספּארט אין דייטשלאנד. ער וועט שוין זיין רעגימענט און דעם פראָנט ניט זעהן, כאָטש מען האָט איהם אויף זיינע פראגען אויס בארמהערציגקייט פערזיכערט, אז יע.

ווער האָט דען איהם געקענט? דעם רעטזעלהאפטען מענשען, וואָס האָט פערבאָרגען זיינע טיפסטע איבערצייגונגען אונטער דער אייזערנער מאסקע פון שטרענגער דיענסט און ערפילונג פון פליכט. נאָר איינמאָל האָט ער די מאסקע אויפגעהויבען, ווען ער איז געשטאַנען אין אנגעזיכט פון טויט אויף דעם שלאַכטפעלד הינטער טראיאַן. נאָר איינמאָל אין זיין גאנצען לעבען איז ער געווען ווארהאפטיג, אין דעם בעוואוסטזיין, אז כראָנאָס האלט שוין זיין שטונדענגלאז אין די ביינינע הענט און איז שוין גרייט דאָס אומצוקערען. איינמאָל אין זיין גאנצען לאנגען לעבען איז ער געווען ווארהאפטיג און אויפריכטיג.

קיין מענש האָט דאָס ניט געוואוסט, אויסער שלאָסער, און ווער קען זאָגען מיט זיכערהייט, אז ער וועט זיך אומקערען פון אָט דער שרעקליכסטער פון אלע מלחמות און וועט אויף דעם עדות זאָגען? און קיינער וועט דאָס קיינמאָל ניט וויסען, קיין פריינד, קיין פערוואנדטער, קיין פרוי, אפילו ניט מעלאניע פאָן בערקערסבורג.

פאר דעם הערדענהויז אין פאלקענשטיין קלינגט דער טעלעגראמענטרעגער פון דער פאסטסטאציאָן פון ווערזשבאלאווא. הינדענבורג האָט בעזיעגט די רוסען, און פאר א ווײַלע שטעהט דער פיינד ווידער אויסערהאלב דעם גרענעץ. דער צופאל האָט געוואָלט, אז מעלאניע זאָל עפענען די טיר. זי איז ערשט צוריקגעקומען פון הינטערשטען הויף, וואו זי האָט געפיטערט היהנער און טויבען. ווען זי האָט דערזעהן פאר זיך דעם טעלעגראמענטרעגער, האט איהר הארץ גענומען קלאפּען אין באנגער עריוארטונג. א רויטע פארב בעווייזט זיך אויף איין אויגענבליק אויף איהר געזיכט און ווערט גלייך פערביטען אויף אן אשגרויע בלייכקייט, ווען זי בעגריסט דעם מענשען מיט דער רויטער טאש.

מעכאניש נעמט זי די דעפּעש פון זיין האנט. ווי א בליץ

צוקט איהר דורך דער געדאנק, אז זי האלט איצט אין איהר האנט דעם אורטייל פון איהר שיקזאל, דעם וועגווייזער פון איהר גאנצער צוקונפט. זי געפינט נאך אין זיך גענוג קראפט, צו דאנ־קען דעם מענשען, זאגען איהם א פאר פריינדליכע ווערטער און געבען איהם טרינקגעלט. דאן געהט זי מיט שווערע טריט ארויף די טרעפ צו זיך אין צימער, אום דארט צו עפנען די דעפעש און לעזען דאס, וואס זי ווייס שוין אייגענטליך, אין וואס זי האט אין דער אמת'ען קיינמאל קיין אויגענבליק ניט געצוויי־פעלט.

„מאיאר פאן בערקערסבורג שווער פערוואונדעט און אויף'ן וועג אהיים. קאפיטאן אדאלף טויט."

נאר דער לעצטער זאץ בלייבט אין מעלאניע'ס בעוואוסט־זיין. זי וויינט ניט. נאר א קלאנג, ווי עפעס וואלט זי געשטיקט. נאר זי האלט איין דעם קלאנג מיט אן אנשטרענגונג פון איהר ווילען. דאן געהט זי צום וואשטיש, נעמט דעם שוואם פון נעץ, טונקט איהם איין אין קאלטע וואסער פון דער קאן און פיהרט איהם איבער די ברענענדע אויגען. דאן געהט זי צום טיר און קלינגט.

אין א מינוט ארום קומט אריין איהר דיענסט־מיידעל. זי בלייבט שטעהן און קוקט מיט דעם טיפסטען שרעק אויף מעלאניע'ס אשגרויע געזיכט. ווי זי זעהט דאס אויס! טיפע רינגען אונטער די גרויסע, ברייט אויפגעריסענע, טרוקענע און הייסע אויגען, די האאר צוואוואָרפען, די ליפען האלב גע־עפענט און בלוטלאז... ווי דער וואהנזין וואלט זיך בעהאלטען הינטער דעם שטערן און אבגעווארט דעם מאמענט, אויסצוברע־כען מיט א ווילדקייט, וואס מען קען ניט איינהאלטען.

אבער קיין זאך געשעהט ניט.

מעלאניע רעדט, און איהר שטים קלינגט רוהיג און געלא־סען. אזוי ווי עס וואלט זיך געהאנדעלט וועגען בעשטעלען שווייגענפלייש אדער א פאר געקאכטע אייער צום איוענדברויט, אזוי רוהיג, אזוי זעלבסטפערשטענדליך, לאנגזאם, ווי געלאנג־ווייլט, רעדט זי:

— ניט דאס איבער דעם הערן באראן.

— גוט, גנעדיגע פרוי.

— ווארט, האט דער הערר באראן ווידער זיין פאדאגרא?

— יע, ווי יעדען טאג, גנעדיגע פרוי.

— ריכטיג, ווי יעדען טאג. דאן גיט איבער די דעפעש ווירץ'ען, איהר פערשטעהט, ווירץ'ען, ער זאל דאס געבען דעם

חערדן בארָאָן אין א גינסטיגער מינוט. ווירץ פערשטעהט איהם דאָך בעסער, ער שטעהט צו איהם אם נאָהנטסטען.

— גוט, גנעדיגע פרוי, איך וועל דאָס איבערגעבען ווירץ'ען.

אונענטשלאָסען נעמט דאָס מיידעל די דעפּעש פון מעלאניע'ס האנט. אַן אונבעשטימטע אנגסט און צו דערזעלבער צייט א שרעקליכע נייגעריגקייט בעהערשט זי. עפּעס שרעקליכעס מוז שטעהן אין דער דעפּעש, אנדערש וואָלט דאָך די פרוי מאיאָר ניט געווען אין אזא צושטאנד, זי איז דאָך אין די פערגאנגענע וואָכען געווען פערהעלטניסמעסיג רוהיג און גוט געשטימט, גאר ניט ווי דער בארָאָן, וואָס איז אלעמאָל גענייגט צו פערצווייפלען און ערווארט טאָג־טעגליך דאָס ערגסטע. דאָס ערגסטע מוז טאקי איצט שטעהן אין דער דעפּעש. דער מאיאָר מוז זיין טויט, יע, עס איז גאר קיין צווייפעל ניט, דער מאיאָר מוז זיין טויט.

אין אזעלכע געדאנקען פערלאזט דאָס מיידעל מעלאניע'ס צימער. זי געהט זוכען ווירץ, אום איהם איבערצוגעבען די דעפּעש. די פרוי מאיאָר איז גערעכט, דעם בארָאָן'ס פאקטאָטום, ווען אלע אין הויז קענען ניט ליידען, פערשטעהט גוט די קאַפּריזען פון דעם פּאָדאגריקער, ווי קיין אנדער מענש וואָלט דאָס געקענט. זאָל טאקי ווירץ איבערלעזען די דעפּעש און געפינען די געלעגענהייט מיטצוטיילען דעם בארָאָן וועגען דעם מאיאָר'ס טויט.

דאָס מיידעל לעזט אליין איבער די דעפּעש און אטעמט אויף ערלייכטערט. עס איז דאָך נאָך גאר ניט אזוי שלעכט! ער איז שווער פערוואונדעט, אָבער דאָך אויף'ן וועג אהיים, ווען ער קען שוין זיין אויף'ן וועג אהיים, איז ער דאָך שוין אויסער געפאהר, שליסט דאָס מיידעל. זיכער איז ער אויסער לעבענסגעפאהר, ווען ער פאהרט אהיים. שווער פערוואונדעט — דאָס גרייט מען זיי צו צו עפּעס שרעקליכעס. פיליייכט א האנט פערלאָרען, פיליייכט א פוס. אָדער ביידע הענט, צי ביידע פיס.

דאָס איז שרעקליך, ניט אויסצומאָלען, א מאן ווי דער מאיאָר, אין די בעסטע יאָהרען, ווען זי האָט אלע מאָל געהאלטען פאר א שעהנעם, וואָס זעהט אויס אזוי שטאטליך אין דעם אוניפאָרם, פּלוצלונג אָהן הענט אָדער אָהן פיס... א קריפּעל, א הילפלאזער, וואָס קען זיך אליין ניט אנטהאָן, ווען מען מוז פיטערען און העלפען ביי זיינע קערפּערליכע בעדערפּנישען... אָ, דאָס איז שרעקליך! אָבער ער איז אויף דער רייזע אהיים, איז ער דאָך אויסער לעבענסגעפאהר.

אָבער נאָך עפּעס שטעהט אין דער לאקאָנישער, אָבער

פאטאלער דעפעש. נאך עפעס... קאפיטאן אדאלף טויט... זי קען זיך ניט דערמאָנען אַ קאפיטאן אדאלף. זי איז נאָך ניט געווען אין פאלקענשטיין, ווען ער פלעגט בעזוכען דאָס הויז. וואר־שיינליך א בעקאנטער פון דעם מאיאָר'ס גארניזאָן, וועגען וועמעס טויט מען קען ניט ניט מיטטיילען ביילויפיג, אז מען טעלעגראפירט שוין, בעשליסט דאָס מיידעל.

צופעליג בעגעגענט זי אויף'ן וועג ווירץ'ען. ער געהט אין קיך איבערבייטען דעם לייזאָמען פאר דעם באראָן, ווייל פאר די לעצטע צוויי וואָכען בעהויפטעט דער באראָן, אז לייזאָמען איז דער איינציגער מיטעל, וואָס מאכט איהם די שמערצען ער־טרעגליך.

— איהר, ווירץ?

— פריילין!

ווירץ רעדט צו איהר „פער פריילין", זינט זי האָט פראָ־טעסטירט קעגען די צודרינגליכקייטען און פערטרוילכקייטען פון זיין זייט און קעגען רופען זי מיט איהר ערשטען נאָמען, און זינט די פרוי מאיאָר האָט בעשטימט, אז זי זאָל טיטולירט ווערען „פריילין".

— וואָס נייעס? — האָט געפרעגט דעם באראָן'ס דיענער, און א נייגעריגקייט האָט זיך בעוויזען אין זיינע אויגען.

— די פרוי מאיאָר וויל, אז איהר זאָלט איבערגעבען דעם הערן באראָן דעם אינהאלט פון אָט דער דעפעש אין א גינסטי־גען מאָמענט.

— גיט דאָס מיר נאָר! — דער דיענער שטרעקט אויס א ציטערענדע האנט. — שווער פערוואונדעט... א שאָד, א שאָד דעם מאיאָר, אָבער איך האָב געוואוסט, פריילין, אז ביי די פראנצויזישע פינף־און־זיעבציגער וועט קיינער פון אונזערע ניט קומען צוריק א גאנצער. די פיינדליכע ארטילעריע איז פיעל בע־סער פון אונזערער. מען דארף דאָס ניט זאָגען אין דער הויך, אָבער, צווישען אונז גערעדט, אין דייטשלאנד ווייס דאָס שוין יעדע קינד.

— אזוי...

— און דאָן... קאפיטאן אדאלף טויט... א שאָד איהם, א וואוילער יונג געווען, פריילין, און אזוי מוזיקאליש, אזוי מוזי־קאליש, אזוי ענטציקענד מוזיקאליש! ער האָט אייך געקענט פאנטאזירען אויפ'ן קלאוויר, אז טרערען האָבען זיך אין די אוי־גען געשטעלט.

— איהר קענט דעם קאפיטאן אדאלף?

— צי איך קען איהם, פריילין! ער איז דאָ אין פאלקענ־

שטיין געווען אויף א מאנעווער מיט צוויי יאָהר צוריק, ווען איהר האָט נאָך ניט געהאַט די עהרע צו שטעהן אין פריוהערדלי־כער דיענסט.

— אזוי... און וואָס נאָך ווייסט איהר וועגען דעם קאַפּיטאַן אדאָלף?

דאָס מיידעל איז געשפּאנט אויף דעם העכסטען גראד. מיט אַן עכט ווייבליכען זין דערשפּירט זי אַן אינטערעסאנטען צוזאמענהאנג צווישען דעם אונערקלערליכען צושטאנד פון דער פרוי מאיאָר און דעם טויט פון דעם איהר אונבעקאנטען קאַפּי־טאַן אדאָלף. אין איהרע פרייע שטונדען איז זי א פלייסיגע לעזערין פון ראָמאנען, און דער גלויבען, אז אין יעדען אדעלהויז געהט אום א געשפּענסט, איז איהר אריין אין פלייש און בלוט. זי פרעגט איצט נאָכאמאָל:

— און וואָס ווייסט איהר נאָך וועגען אָט דעם מיסטעריע־זען קאַפּיטאַן אדאָלף, ווירץ?

— פאַרוואָס רופט איהר איהם מיסטיריעז, פריילין?

— איך האָב אויף דעם מיינע אייגענע גרונדען, ווירץ, — ענטפערט דאָס מיידעל און שמייכעלט געהיימניספול.

און ווירץ, וואָס ליעבט מעהר פון אלץ צו ערוועקען צו זיך אַן אינטערעס און וואָס האָט אין זיך, ווי אלע אלטע און ער־פאהרענע דיענער, די אייגענשאַפטען פון פיגאַראָ, ענטפערט אין נאָך א געהיימניספולערען טאָן:

— יע, פריילין, דאָס איז אַ ראָמאנטישע געשיכטע. מען האָט דאַן אין פאלקענשטיין אַ סך זאכען דערצעהלט, ווען דער קאַפּיטאַן אדאָלף איז דאָ געשטאנען אין קוואַרטיר.

— אין צוזאמענהאנג מיט דער פרוי מאיאָר, ווירץ?

— געוויס אין צוזאמענהאנג מיט דער פרוי מאיאָר. מיר זיינען אלע געווען איבערצייגט, אז ער האָט געוואָלט בעטען איהר האנט. די באנק אונטער דעם זילבערנעם עשענבוים אויף'ן גרויסען שוואנענוויהער דאָרט אין פּארק וואָלט זעהר פיעל גע־קענט דערצעהלען, ווען בענק וואָלטען געקענט רעדען. און פּלוצ־לונג האָט מען ערקלערט אונזער פריילין פאַר די כלה פון דעם מאיאָר, ניט פון דעם העררן אָבערלייטענאנט, כאָטש דער מאַ־יאָר איז מיט צוואנציג יאָהר עלטער פון איהר, און דער העררר אָבערלייטענאנט איז דאָך געווען פיעל בעסער פאַר איהר צוגע־פּאסט. צאָהלונגס שוועריגקייטען האָבען זיך דאָ אריינגעמישט, האָט מיר געזאָגט א איד פון דער קרייזשטאדט און האָט דערביי אזוי פערעטעריש געשמייכעלט, ווי ער וואָלט געווען ניט קיין איד, נאָר אַן ענגלענדער.

— לאָזט צורוה די נארישע וויצען, ווירץ.

— וועלכע נארישע וויצען, פריילין, איך רעד אין היילינגען ערנסט. אן ענגלענדער איז היינט ערגער פון צעהן אידען! אזא קרעמער, ווי דער ענגלענדער איז, קען מען ניט געפינען אויף דעם גאנצען אָריענט. יע, פריילין, אזוי שטעהט שווארץ אויף וויס אין דער „אָסטפּרייסישער“. איהר לעזט אָבער ניט קיין צייטונגען, ווען איהר וואָלט געלעזען צייטונגען, וואָלט איהר דאָס געוואוסט, איהר לעזט אָבער נאָר ראָמאנען, אין דער איצטיגער הויכפּאָליטישער צייט נאָר ראָמאנען...

דאָס מיידעל האָט זיך שוין צו איהם ניט צוגעהערט.

— איצט איז אלץ קלאָר, — זאָגט זי ווי צו זיך אליין, — אלץ, אלץ איז קלאָר!

דאָס האָט דער טויט פון דעם קאפּיטאן אדאָלף, און ניט די שווערע פערוואונדונג פון דעם מאיאָר, געמאכט אזא איינדרוק אויף די גנעדיגע פרוי. אויך דאָ אין הויז, ווי אומעטום, איז געוועזן א געשעפענסט.

— דער לייטנאנט איז גענוג תיים, — דערהערט זיך די שטים פון דער קעכין אין קיך.

— איך קום.

ווירץ פאָלגט דעם רוף, און דאָס מיידעל ווידערהאָלט נאָכאמאָל, איידער זי פערשווינדט אין דיענערשטוב:

— אזוי, אזוי...

דאָרט דערצעהלט זי די גרויסע געהיימנים צו די אנדערע, יעדערער נאַטירליך אונטער דעם פייערליכען צוזאָג, אז דאָס וועט קיינעם ניט איבערדערצעהלט ווערען.

X

פאר דעם ערשטען קאמינפייער, וואָס מען האָט דעם הערבסט אָנגעצונדען אין הערדענהויז, זיצט דער באראָן אין ווארט אונגעדולדיג אויף זיין לייטנאַמען. ער איז אין זיין שלאָפראָק, זיין לאנגע ליולקע שטעהט אָנגעלעהנט צום שטוהל, צו וועלכען דער באראָן איז צוגעבונדען. ער האָט אראָבגענומען דעם שוך און דעם זאָק פון לינקען פוס און קרעכצט און האַלט דעם פוס מיטביידע הענט. דער קנעכעל, אויף וועלכען ווירץ דאַרף ארויפלעגען דעם הייסען בריי, וואָס שטילט די שמערצען, איז שטארק אָנגעשוואָלען.

— וואו האָט ער געקענט פערפאלען געהן? — אונגעדולדיג קוקט דער באראָן אויפ'ן זייגער, וואָס קלאַפּט איינטאָניג

די מינוטען אויף'ן קאמין. פינף מינוטען איז שוין אוועק. דער יונג האט זיך שוין ווידער געמוזט פעררעדען מיט איינער פון די דיענסטען! אונווילינג שטרעקט ער אוים די האנט, צו נעמען די ציימונג. אויף איין מאמענט פערגעסט ער די שמערצען אין קנעכעל און שטעלט דעם פוס פרייער אויף'ן טעפיך, אבער באלד שפרינגט ער אויף מיט א הויכען „חימעל, הערר גאט, סאקראמענט."

ער טהוט באלד אן זיין פענסנע און נעמט שטודירען „דאס ווירבאלענער (ווערזשבאלאווער) קרייזבלאט", וואס ער האט שוין היינט פינף מאל דורכגעלעזען און ווייס שוין אויף אויסווענינ. ער לעזט אבער נאכאמאל מיט גרוים פערגניגען: „א גרויסער זיעג איבער די רוסען. הינדענבורג נעמט אכציג טויזענד געפאנגענע." דער באראן שמייכעלט מיט צופרידענהייט. ער דענקט ניט נאך, אז דארט שטעהען נאך אנדערטהאלבען מיליאן אין רעזערוו, און אז רוסלאנד'ס מענשענקוועלען זיינען אונערשעפליך. עס קומט איהם גאר ניט אויף'ן זין, אז סיביר איז הונדערט מאל אזוי גרויס ווי אסטפרייסען. אין „קרייזבלאט" שטעהט געדרוקט שווארץ אויף ווייס, אז הינדענבורג האט גענומען אכציג טויזענד רוסען געפאנגען. דאס „קרייזבלאט" זאגט ניט קיין ליגען און ווייס אלץ, — דאס איז פונקט אזוי זיכער, ווי אן „אמן" אין קירך, און די הויפטזאך איז דער גלויבען, וואס מען האט אין זיך, און דאס וואס דאס „קרייזבלאט" פון ווערזשבאלאווא פערשטארקט אט דעם גלויבען.

דער באראן איז גליקליך, אין געהויבענער שטימונג, אכציג טויזענד רוסען — א קלייניגקייט! די לאגערען פאר געפאנגענע אין דייטשלאנד וועלען שוין באלד קיין ארט ניט האבען, די בעפעלקערונג קרעכצט אונטער דעם שרעקליכען יקרות, א צענטנער ארבעס איז שוין ארויפגעשטיגען ביז פינף און פערציג מארק, און מעהל ווערט שוין געמישט מיט קארטאפעל. דאס מאכט ניט אוים. אבער אכציג טויזענד רוסען! מיר האבען אין דייטשלאנד גענוג ארט און ברויט פאר זיי, דענקט דער באראן, מעג ענגלאנד פערשליסען די האפענס און אבשטעלען דעם אימפארט פון איבער די ימים, מיר האבען גענוג ברויט. די ערנטע איז געווען אויסגעצייכענט, וועט זיין גענוג אויך פאר די אכציג טויזענד רוסען! אז אין סיביר איז פאראן ווענינער ברויט, אבער דערפאר פיעל מעהר רוים ווי אין דייטשלאנד, דאס קומט דעם באראן ניט אויף'ן זין. און צו וואס דענקען וועגען דעם? הינדענבורג האט געזיעגט, דאס איז דאך די הויפטזאך. אכציג טויזענד רוסען!

ער איז גליקליך. ער נעמט דעם שטעקן, וואָס שטעהט אָנגעשפּאַרט אַן קאַמין, און פּרואווט געהן, הינקענדיג אויף'ן קראַנקען פוס. ער פיהלט גרויסע שמערצען, אָבער זיין ווילענסקראַפט און דאָס אנגענעהמע בעוואוסטזיין, אַז אכציג טויזענד רוסען זיינען געפאנגען, טרייבען איהם פאָרווערטס. אויף דער אנדערער וואַנט הענגט א קארטע פון דעם אָסטליכען קריעגסטעאטער. ער וויל זיך פארשטעלען גענוי, וואו דער גרויסער הינדענבורג האָט דאָס גענומען געפאַנגען אכציג טויזענד רוסען, ער, וואָס האָט שוין דריי מאָל אזוי פיעל רוסען — מאָסקאָוויטער, ווי דער וואלדוועכטער האָט ליעב זיי צו רופען — אריינגעטריבען אין די מאַזורישע זומפּען און האָט אָבגערייניגט דאָס בראַווע אָסט־פּרייסען...

אַך, אָך, אָך... דער באַראָן שטעהט פאר דער קארטע און שטודירט: לאָדז, ווארשוי... ריכטיג, די ווייקסעל, די ווארטא... טאַרן, אַי שלעכט!.. וואָס אויב די רוסען וועלען זיך אריינרייסען אין טאַרן! דער באַראָן שמייכעלט באַלד ביי דעם געדאנק, דער־פון קען גאָר קיין רעד ניט זיין, הינדענבורג וועט זיי איינפאַך אריינטרייבען אין די זומפּען, און אויב דאָרט זיינען ניטאָ קיין זומפּען, וועט ער זיי ערגעץ אנדערש פערטרייבען! מען דאַרף זיך נאָר פערלאָזען אויף הינדענבורג'ען!

דער וואלדוועכטער איז א בראַווער יונג. ער איז שוין אי־בער זעכציג, ווי דער באַראָן אליין. נאָך גאר א יונגער אינגעל, האָט ער מיטגעמאכט דעם פעלדצוג אין זיעבציגסטען יאָהר. ער האָט נאָך אָבער ניט קיין פּאַדאַגרא און רעוומאַטיזם, ער קען נאָך טרינקען און שפּיעלען און קאָרטען, פּונקט ווי דאַן, אין סט. פּריוואַ, וואו דער באַראָן האָט איהם, דורך א גוט געציעלטען שאָס, געראַטעט פון טויט. ער איז א בראַווער יונג. און איהם, דעם באַראָן, האָט דער ארצט פון דער קרייזשטאדט פערבאָטען צו נעמען א טראָפּען אלקאָהאָל אין מויל!

פון סט. פּריוואַ הויבט זיך אָן זייער פריינדשאַפט, וואָס איז עהנליך צו א בלוטבונד. אַט דאָס זיינען געווען צייטען, די טעג פון נאַפּאָלעאָן דעם דריטען און סט. פּריוואַ! דאַן איז פראַנקרייך געפאלען אונטער דייטשלאַנד'ס קלעפּ, זי וואָלט איצט אויך געפאלען, ווען ענגלאַנד וואָלט זיך ניט אריינגע־מישט, דער פערעטערישער אלביאָן, און ווען דאָס געוויסענלאָזע בעלגיען וואָלט ניט ענטזאגט זיין מאַיעסטעט א פרייען דורכ־גאַנג. ביי דעם געדאנק דריקט דער באַראָן צונויף זיין פויסט און ניט א קלאַפּ מיט'ן פוס אין דיל. אָבער ער שרייט אויס פון וועהטאָג.

דאַ אָבער קומט אריין ווירץ מיט דעם דאמפענדען ליינזאַ־מען אין א האנדטוך.

— אָבער וואָס טהוט דאַ דער הערר באראָן! דער הערר באראָן ווייס דאָך, אז דער הערר באראָן טאָר אונטער קיינע אומשטענדען ניט אויפשטעהן, און נאָך ווען דער פוס איז ניט פערבונדען, אונטער גאָר קיינע אומשטענדען!

— נו, גוט, ווירץ...

..יב דער באראָן פיהלט אכטונג צו וועמען דאַ אין הויז, איז דאָס צו זיין אַלטען פאקטאָטום, וואָס פערשטעהט, ווי איהם צו בעהאנדלען. דעריבער לאָזט ער זיך איצט נעמען פון ווירץ, ווי א קליין קינד, ביי דער האנט און צוריקגעפיהרט ווערען צום לעהנשטוהל.

— איצט וועט זיך דער הערר באראָן נאָר גוט אוועקזע־צען...

— אָך, אָך...

— עס וועט שוין באַלד בעסער ווערען, הערר באראָן... אזוי... אזוי... און איצט וועלען מיר דאָס צולעגען, ווי לאַנג דאָס איז היים, וואָס הייסער, די היץ איז די הויפטזאַך, זאָגט דער הערר סאניטעטסראט, די היץ שטילט איין אלע שמערצען, הערר באראָן. לעגט נאָר דעם פוס העכער!

ווירץ רוקט צו א שטוהל אונטער דעם באראָן'ס פוס, דאן לעגט ער דעם זודיגען ליינזאַמען ארום דעם קנעכעל.

— אָ, צום טייוועל!.. ווילט איהר מיך אַ לעבעדיגען אָב־קאָכען, ווירץ, ווי די קאַזאקען די איינוואוינער פון שמאַלקא־לען... הערט נאָר, ווירץ... אָ, צום טייוועל!..

ווירץ בלייבט פעסט. ער פרעסט דעם ליינזאַמען נאָך ענגער ארום דעם קנעכעל און פערזיכערט:

— די היץ טהוט אלץ, הערר באראָן, גלויבט מיר, נאָר די היץ. איך האָב נאָר מורא, צי עס איז נאָך אַלעמען נאָך ניט גענוג היים...

— אָ, זאָל אייך דער טייוועל נעמען, ווירץ...

— אויב איהר וועט מיך אזוי שלעכט בעהאנדלען, הערר באראָן...

— איז וואָס וועט זיין, ווען איך וועל אייך שלעכט בע־האנדלען, ווירץ?

ווירץ קען זיין העררן. די נייגעריגקייט איז ביי איהם די בעמערקבארסטע אייגענשאפט, און נאָר זיין קראנקהאפטער עגאָאיזם איבערטרעפט זי. דעריבער שמייכעלט ער שלוי, ווי ער

וואָלט געהאט נאָט וויס וואָס פאַר ערפרעהענדע נייעס פאַר דעם באַראָן.

— נו, וואָס איז געשעהן, ווירץ?

ווירץ וואַרט אבזיכטליך נאָך א מינוט, אום דעם באַראָן'ס אונגעדולד זאָל שטייגען ביז אויף דעם העכסטען גראַד, דאַן זאָגט ער:

— מיר האָבען דירעקטע נאַכריכטען פון דעם וועסטליכען פראָנט, העדר באַראָן.

דער באַראָן רייסט אויף ברייט די אויגען און האָט דעם אויסזעהן, ווי ער וואָלט געוואָלט ארויסרייסען די ווערטער פון דעם דיענער'ס מויל.

— א זיעג, ווירץ, א גרויסער, בעשטימטער, ענטשידענער זיעג איבער די פראַנצויזען, ווירץ, דאָס קען דאָך נאָר זיין די איינציגע נאַכריכט פון וועסטליכען פראָנט.

ווירץ שמייכלט ווי א פיגאַראָ.

— פערזענליכע נאַכריכטען, העדר באַראָן, א דעפּעש, וואָס די פרוי מאַיאָר האָט ערשט ערהאַלטען.

— נאַכריכטען פון מיין איידעם, הייסט דאָס?

— געטראָפען, העדר באַראָן!

— גוטע נאַכריכטען?

— נאָך מיין מיינונג, ניט די ערנסטע, העדר באַראָן.

— א דאַנק גאָט, גיט דאָס מיר איבער.

ווירץ וואַרט ווידער, דאַן זאָגט ער:

— פיעלייכט וועט בעסער זיין, ווען איך וועל דאָס דעם העררן באַראָן דערצעהלען אין אומגעקערטער אָרדנונג, אום דער העדר באַראָן זאָל זיך ניט איבערשרעקען.

— וואָס זאָל דאָס הייסען, „אין אומגעקערטער אָרדנונג", ווירץ?

— איך מיין נאָר, העדר באַראָן, דאָס גלייכגילטיגע צו־ערשט און צולעצט דאָס פיעלייכט ווענינער אנגענעהמע.

— ווי גוט איהר קענט דאָס אָבהיטען מיינע נערוועז, ווירץ!

— יע, ניט אמת, העדר באַראָן? — ווירץ שמייכעלט זעלבסטצופרידען. — עראינערט זיך דער העדר באַראָן אָן א העררן קאַפּיטאַן אדאָלף, וואָס איז נאָך דאַן געוועזען אָבערלייטע־נאַנט?

— ווער איז דאָס געוועזען אזוינס, ווירץ?

— ער איז דאָ געשטאַנען אין קוואַרטיר מיט א פּאָר יאָהר

צוריק אין צייט פון מאנעווער און... — ווירץ שטעלט זיך אָב אונטערנטשלאָסען.

— רעדט ווייטער, ווירץ.

— און, אויב איך האָב קיין טעות ניט, האָט ער דאָן דער נגעדיגער פרייליין...

— ריכטיג, איך דערמאָן זיך איצט אביסעל, ווירץ, א בלאָנדער, ניט אמת, מיט קורץ געשאָרענע וואָנצעס...

ווירץ שמייכעלט מיט דעם אויסדרוק פון מיטלייד

— אלע הערעלן טראָגען דאָך איצט, הערר באראָן, קורצ־געשאָרענע וואָנצעס, זינט זיין מאַיעסטעט האָט זיך אָבגעבערענט די וואָנצעס מיט א ציגארעט.

— אמת, אמת, ווירץ. איז וואָס איז געשעהן מיט דעם... ווי רופט איהר איהם... רודאָלף...

— אדאָלף, הערר באראָן...

— זאָל זיין אדאָלף...

— ער איז געפאַלען, הערר באראָן, ער איז טויט, אזוי שטעהט אין דער דעפעש.

— דער ארימער יונג! אָבער עס פאַלען דאָך אין די איצ־טיגע טעג אזוי פיעל, מיין טייערער ווירץ, יעדען טאָג פאַלען דאָך עטליכע טויזענד, איז וואָס איז דאָ צו רעדען... און...

— יע, וואָס איז אייגענטליך דאָ צו רעדען, יעדען טאָג פאַלען דאָך עטליכע טויזענד, הייגט וואָס איז דאָ צו רעדען... און...

— און מיין איידעם, הערר מאַיאָר פאָן בערקערסבורג?

— דער הערר מאַיאָר איז איצט אויף'ן וועג אהיים, הערר באראָן!

— אויף'ן וועג אהיים, דאָס איז פיין, ווירץ, מיר וועלען מיט דעם וואלדוועכטער האָבען אונזער דריטען מאַן צום סקאַט, דער פאַסטאָר מילער פון ווערזשבאַלאָווא שפּיעלט דאָך אונער־טרעגליך שלעכט, און וועט נאָך באלד איינגאנצען טויב ווערען...

— יע, אָבער...

— וואָס נאָך? וואָס פאר אן „אָבער“? — ווערט דער באראָן אויפגערעגט.

— עס שטעהט דאָך נאָך עפּעס אין דער דעפּעש, — ענטשולדיגט זיך ווירץ. ער האָט שוין חרטה, וואָס ער האָט אָנגעהויבען איבערגעבען דעם אינהאלט פון דער דעפּעש אין אזא פאָרם.

— נו, וואָס נאָך שטעהט דאָרט? — ערגערט זיך דער באראָן. דער מאַיאָר קומט צוריק אהיים, און ער וועט האָבען א

דריטען צום סקאט, דאָס איז דאָך די הויפטזאַך. וואָס נאָך קען דען שטעהן אין דער נארישער דעפעש? ער האָט אינגאנצען פערגעסען, אז די דעפעש קומט פון פראַנט.

— אין דער דעפעש שטעהט, אז דער הערר מאַיאָר איז פערוואונדעט, אפילו זעהר שווער פערוואונדעט, הערר באראָן!

— און איז שוין אויף'ן וועג אהיים, ווי קען איינס שטימען מיט דעם צווייטען, מענש?

— דאָס קען איך שוין ניט וויסען, הערר באראָן... דער הערר מאַיאָר האָט דאָך געקענט פערלירען אַ האנט, אָדער אַ פוס, דאָס רופט מען דאָך אויך שווער פערוואונדעט.

דער באראָן קראַצט זיך הינטער די אויערען. „דאָס האָט טאַקי געקענט געשעהן, — דענקט ער פאר זיך, — דער ווירץ איז נאָר ניט אזוי אונגערעכט... און אויב... אַ האנט... האָפענט־ליך, נאָר איינע...” דער באראָן וויל ניט דערפיהרען דעם געדאנק ביז'ן סוף, און ער זאָגט זעהר געלאַסען:

— איך דענק, ווירץ, אז מיר דארפען רוהיג אָבוואַרטען, אויב ער פאהרט איצט אהיים, דאַן קען דאָך די זאַך ניט זיין אזוי... גו, געוויס, געוויס... עס געשעהען אַלערליי... געוויס, געוויס... דער לייטנאַנט ווירקט טאַקי זעהר גוט, איך בין זעהר ציפרידען מיט דעם לייטנאַנט... זעהר צופרידען... האַלט מיר נאָר מיין ליולקע, זי איז, נאַטירליך, ווידער אויסגעגאנגען... ניין, מיט דעם פידיבוס, מיין טייערער ווי אַלעמאָל, איהר ווייסט דאָך!

— געוויס, הערר באראָן!

ווירץ צינדט אָן דעם באראָן זיין לאנגע ליולקע.

— דער וואַרינאַס II איז דאָך דער בעסטער! מיר וועלען וואַרטען און זעהן, וואָס גאָט וועט געבען, ווירץ!

XI

אין אַ פּאָר טעג ארום האָט זיך אויפ'ן שוועל פון דעם הערערנהויז פון פאַלקענשטיין בעוויזען דער מאַיאָר, ריכטיגער, אַ שאָטען פון דעם פריהערדיגען מאַיאָר. ווירץ, דעם באראָן'ס פאַקטאָטום, האָט ניט פערפעהלט צו בעציערען די טיר מיט פיכטענצווייגען, אייכענבלעטער זיינען שוין אין די וועלדער ארום ווערזשבאָלאָווא געווען פערדארט און געל. די ווערטער פון זיין מאַיעסטעט: „איידער די בלעטער וועלען אראָבפאַלען פון די בוימער, וועלען מיר אַלע שוין ווידער זיין אין ליעבען רייטשען פאַטערלאַנד”, זיינען ניט ערפילט געוואָרען. פונ־

דעסטוועגען האָט ווירץ ארומגעשלאָגען די קאָלאָנעס פון טיר מיט שווארץ־ווייס־רויטע פאָהנען, און אויף א פאַפּשילד האָט מען געקענט לעזען: „א הערצליך ווילקאָמען ידעם אהיים קור מענדען זיעגער!“

א מיעדער שמייכעל בעוויזט זיך אויף דעם אַש־גרויען און אויסגעצעהרטען געזיכט פון מאיאָר, ווען ער דערזעהט דאָס שילד און די גוט געמיינטע ווערטער פון דעם טרייען דיענער פון זיין שוועֶר.

אזוי זעהט דאָס אויס א זיעגער, לויפט דורך א געדאנק אין זיין אויסגעמאַטערטען געהירן, אין וועלכען די געדאנקען קענען איצט נאָר מיט דער גרעסטער מיה צוזאמענגעבונדען ווערען. די וואונד אין רוקען, וואָס פערהיילט זיך אלץ ניט, איז נאָך ניט אלץ, וואָס ער האָט געבראכט מיט זיך אהיים פון דעם פעלד פון עהרע. די נערווען, וואָס זיינען אזוי צוריסען און פערצעהרט געוואָרען פון די שרעקליכע ערלעבנישען אין דער שלאכט ארום טראָיאָן און אין דעם גאסענקאמף אין ראָזעי, האָבען אריינגעבראכט אין זיין געהירן עפּעס, וואָס איז שרעקליך עהנליך צו וואהנזין, וואָס גנב’עט זיך לאנגזאם צו.

אין שלאָף הערט ער דאָס קראכען פון קאנאָנען. ווען ער איז וואך, זעהט ער בלוט. א בעוועגליכער און טריפענדער שלייער, א פּורפּור פאָרהאנג שפּרייט זיך שוין וואָכענלאנג פאַר זיינע אויגען. מיט ודער גרעסטער אָנשטרענגונג שלינגט ער אראָב די פּאָר ביסען, וואָס זיינען נויטיג, אום צו דערהאלטען זיין לעבען, ווייל אָט די ביסען זיינען אויך איינגעטונקט אין הייסע, רינענדע, דאמפּענדע בלוט.

און ביי יעדער קליינינקייט וויינט ער ווי א קינד. די טרערען קומען איהם פון זיך אליין, גאָר אָהן אן אורזאך. ווי יויבער און מערדער איבערפאלען זיי דעם מאיאָר פון הינטען, זיי רייסען זיין אָרימע הארץ און זיין קראנקע זעל, ביז דער שטראָם פון טרערען בעדעקט זיין געזיכט, און ער ווערט אזוי אָבגעשוואכט, אז ער קען שוין אפילו מעהר ניט וויינען. אזוי ווי די טרערען פון די פרויען און קינדער פון ראָזעי, וועמעס הייזער און שייערען ער האָט געהייסען אונטערצינדען, וואָלטען פון וועמען געזאמעלט און אריינגעגאָסען געוואָרען אין זיינע אויגען, וואָס האָבען געמוזט צוזעהן אזוי פיעל שרעקען. אזוי ווי ער, א ווייסענדער צווישען טויזענדער נארען, וואָלט דאָס פעראורטיילט געוואָרען איבערצולעבען אלע ליידען, די גאַנצע גרויזאמקייט און שאנד פון דער מלחמה. און פאַר איהם

וואָלטען איצט אָנגעקומען די טעג פון גאָט'ס געריכט, די טעג פון ראָזעי.

ביי דעם אָנבליק פון דעם אָנגעקומענעם מאיאָר, פערשטומט דער גרוס אויף די ליפען פון דעם אלטען דיענער, שטאַרבט אָב דער גרייטער שפּאַס אין מויל פון דעם קראַנקען באַראָן, שווייגען די נייגעריגע הויזהאַלטערין און מיידלעך, וואָס זייגען געווען גרייט צו פערשיטען דעם מאַיאָר מיט פראַגען. זיין אויסזעהן זאָגט אַלץ! די נייגעריגקייט און דער אינטערעס געהען איבער אין שרעק און מיטלייד. נאָר אין די אויגען פון איינער פלאַמט אַן אונאויסלעשליך פייער, אַ פערצעהרענד, אויספּרואוועגד פייער! מעלאַניע וויל וויסען דעם אמת אום יעדען פּרייז.

אָבער דער מאַיאָר רעדט קוים ארויס אַ וואָרט. נאָר זעהר זעלטען קומען אָבגעריסענע און גאַנץ גלייכגילטיגע זאַצען פון זיין מויל. גלייך נאָך זיין אָנקומען האָט מען איהם אוועקגעפיהרט אין זיין צימער, דאָס הייסט, ווירץ און נאָך אַ דיענער האָבען איהם ארויפגעטראָגען אויף די טרעפּ און איהם אוועקגעלעגט אויפ'ן בעט אין זיין צימער, נאָכדעם ווי דער קראַנקענוואַרטער, וואָס האָט איהם בעגלייט אַהיים, האָט איבערגעגעבען ריכטיג אַלע פעראָרדנונגען, וואָס דער שטאַבּאַרצט האָט איהם מיטגעגעבען. און דער מאַיאָר האָט שוין מעהר זיין צימער ניט פערלאָזען.

זיין ערשטער בעזוכער אויפ'ן צווייטען טאָג אין דער פריה איז געווען דער סאַניטעטסראַט, וואָס איז געקומען פון דער נאָענטסטער קרייזשטאָדט. ער האָט דעם באַראָן און מעלאַניע'ן בעשטעטיגט אַלץ, וואָס ער האָט שוין געוואוסט פון דעם שטאַבּאַרצט'ס קראַנקהייטסבעריכט: אַ שווערער נערווענשאָק, וועגען וועלכען מען קען נאָך ניט פאָראויסזאָגען, מיט וואָס דאָס וועט זיך ענדיגען, און די שלעכט היילענדע וואונד אין רוקען מיט אַ פערלעצונג פון דעם ווירבעלזייל, פון וואָס אַ טאַבּעס וועט זיך וואַרשיינליך לאַנגזאַם ענטוויקלען. ער האָט קיין זאַך ניט פערבאָרגען פון דעם שווער און דער פרוי, ער האָט זיי געזאָגט אַלץ, וואָס מען קען ערוואַרטען.

דער קראַנקער באַראָן איז צו עגאָאיסטיש, צו קענען פערנעמען זיין אויפמערקזאַמקייט מיט די קראַנקהייטען פון אַנדערע, און מעלאַניע נעמט אויף דעם פּראָגנאָז פון דעם סאַניטעטסראַט מיט אַזאַ רוהיגקייט, אַז דאָס ווירקט אויף דעם אַלטען אַרצט, ווי אַ קאַלטער דוש. מיט אַ פּאָר העפליכע ווערטער געהט ער ארויס און פערשפּרעכט צו שיקען איפ'ן צווייטען

טאָג א פלעגערין פון דעם שטאָדטישען שפּיטאָל. אזא פלעגערין איז, ביי דער בעשרענקטער בעוועגונגס־פעהיגקייט פון דעם פּאציענט, אונבעדינגט נויטיג.

דער באראָן און מעלאַניע זיינען איינפערשטאַנען.

נאָכאמאָל שאָקעלט דער סאניטעטסראט זיין ווייסען קאָפּ. קיין וואָרט פון דעם מויל פון דער יונגער פרוי, אז זי וועט אויך העלפען בעדיענען איהר קראנקען מאן, קיין איין וואָרט אין די איצטיגע טעג, ווען טויזענדער פרויען און מיידלעך אין יעדער דייטשער שטאָדט און פון אלע שיכטען פון דער בעפעלקערונג לויפען אזוי גערן צו ברענגען אנטקעגען גאנץ פרעמדע און אפילו פיינדליכע פערוואונדעטע זייער פולע מאָס פון ליעבע. און פון דעם מויל פון אָט דער יונגער פרוי קומט ניט קיין איין וואָרט! און דאָ האנדעלט זיך דאָך וועגען איהר אייגענעם מאן!

אויף דער וועראנדא, ביי א פלאַש באָרדאָ און א ציגאַר האָט דער סאניטעטסראט נאָך א לאנגען געשפּרעך מיט דעם שווער און דער פרוי פון מאיאָר, אָבער דער באראָן אונטערברעכט איהם אזוי אָפט מיט פראַגען וועגען זיין אייגענעם געזונדהייטס צושטאנד, אז דער אלטער ווערט אויפגערעגט. ער אָטעמט פריי אָב, ווען ער זיצט אין זיין קארעטע און פאָהרט צוריק אין שטאָדט.

— צום טייוועל, — ברומט ער פאר זיך, — אזא קאלטע הארצלאָזיגקייט האָב איך נאָך ניט בעגעגענט אין מיין גאנצער פראַקטיק.

שוועסטער אורסולאַ פון שטאָדטישען שפּיטאָל איז פּינקטליך אָנגעקומען אויף מאָרגען אין דער פריה. דער פּאציענט האָט שלעכט פערבראַכט די נאכט, פון פריהשטיק קען גאָר ניט זיין קיין רעד. די שמערצען פון דער וואונד זיינען שטארקער, און ער בעט, מען זאָל איהם איינשפּריצען מאָרפיום. די שוועסטער וויל איהם אָברעדען, אָבער דאָס העלפט ניט, און זי מוז נאָכגעבען. אונטער דעם שמערצשטילענדען איינפלוס פון דעם וואונדערליכען און בארמהערציגען נארקאָטיקאָן בערוהיגט ער זיך אביסעל. ער איז אפילו שוין אימשטאנד אראָבצושלינגען א פּאָר לעפעלעך שווארצען קאַפע און זאָגען עטליכע ווערטער.

— רופט אריין מיין פרוי, שוועסטער!

— אויב דאָס וועט נאָר ניט אויפרעגען דעם הערין מאיאָר, — מאכט די שוועסטער די איינוועדונג, אָבער זי האָט באלד חרטה. דער סאניטעטסארצט האָט איהר דאָך נעכטען

אנגעזאגט, אז דאס וויינען, די נערוועז ערשיטערונג זייגען געפעהרליך, דאס וועט, נאך דער מיינונג פון דעם ערפאהרענעם ארצט. איהם פריהער אדער שפעטער ברענגען צו גרונד.

נאך א מאל בעט דער מאיאר, דאס מאל ווי א קינד, און אין א טאן, אין וועלכען עס הערען זיך שוין שמערצען און טרערען.

— רופט ארויין מיין פרוי, שוועסטער!

איצט נעהט די שוועסטער גלייך ערפילען זיין וואונש און רעדט ניט קיין ווארט. דער מאיאר, וועמעס שטוהל די שוועסטער האט צוגערוקט נאהנט צום פענסטער, קוקט ארויס אין הערבסטליכען, פון בלעטער בערויבטען פארק פון פאלקענשטיין.

בלוטרויט ווערט שוין ווידער פאר זיינע בליקען: ברענענדע דערפער אין העלע פלאמען, רינענדע זאפט פון שווארצע וואונדען, וועלכע וועלען זיך שוין קיינמאל ניט פערמאכען, וואונדען פון הונדערטער, פון טויזענדער, פון צעהן און הונדערטער טויזענדער, וואס האבען געפארבט די ערד פון פלאנדערן, פראנקרייך און פוילען מיט אונאויסלעשליכע פלעקען, וואס קיין פארום פון וועלטגעשיכטע וועט ניט אראבנעמען פון דער רעכנונג פון דעם, ווער עס האט די אלע שרעקען אנגעהויבען.

די פורפור־רויטע טרוימען ווערען באלד פלוצלונג פון עפעס איבערגעריסען. די טיר עפענט זיך, און א שאטען טרעט איבער די שוועל, א שווארצער שאטען געקליידט אין טיפען טרויער, שווארץ ווי א קבר... ער וואלט זיך דערמאנט אן די גרוב ביי דער קירך פון ראזוי, אין וועלכע מען האט אריינגעווארפען דעם יונגען בוניאן און דעם אלטען קיורע. אבער ער איז דאן געלעגען לעבען א מיסטהויפען אויף א הויף מיט א מיסטגאפעל אין רוקען, און זיין אויג האט יענע גרוב ניט געזעהן.

שטארק אויפגערעגט קוקט דער קראנקער אויף די פרוי, זיין פרוי, וואס איז געווען זיין פרוי מיט עטליכע מאנאטען צוריק, און וואס איז איצט אריינגעקומען ווי א פרעמדע אין זיין ליידענסצימער, און וואס שטעהט ווי א שרעקליכע געטין פון ראכע, ווי א גריכישע פארץ.

און אין איין אויגענבליק זעהט ער אלץ.

פערשטעהן, פערצייהען, — דאס קען מען פון אט דער פרוי קיינמאל מעהר ניט ערווארטען!

די שוועסטער קומט ארויין גלייך נאך איהר.

ווי דער מילדער גלאנץ פון דער לבנה לעבען דעם בלו־

טיגען שיין פון נאָרדליכט, אזוי ווירקט אויף דעם מאַיאָר די ערשיינונג פון דער שוועסטער לעבען דער שיקזאלברענגענדער מעלאַניע. די שוועסטער איז אינגאנצען גוטסקייט און ליעבע. די שווארצע פרוי קען ניט פערשטעהן, זי איז די אַנזאָגעריין פון דעם לעצטען געריכט. דער מאַיאָר פיהלט דאָס. ער וואָלט געוואָלט זיך אָנכאַפּען אָן דער שוועסטער, זי אין קיין פאַל ניט ארויסלאָזען פון צימער, און דאָך רייסט עפּעס פאַטאַלעס איהם אראָב פון די ליפּען:

— איך וויל זיין אליין מיט מיין פרוי, שוועסטער אור־סולא.

די שוועסטער נייגט דעם קאָפּ. זי נעהט צו נאָכאמאָל צום שטוהל פון דעם קראַנקען, פעריכט זיין קישען, רוקט צו נאָהנטער צו איהם דאָס קליינע טישעל, אויף וועלכען עס שטעהט פרישע ציטראָנוואסער, און פרעגט מיט איהר זאנפטער שטים:

— וויל דער הערר מאַיאָר נאָך עפּעס?

און אונטער דעם בליק פון דער שווארצער פרוי ענטפערט ער, מוז ער ענטפערען, כאָטש ער וויל זיך אָנכאַפּען אָן דער שוועסטער און זי האלטען פעסט און ניט אָבלאָזען:

— ניין, שוועסטער אורסולא, לאָזט מיך אליין מיט מיין פרוי.

און די שוועסטער פערלאָזט דאָס צימער. זינט דעם לעצ־טען אָבשיעד אין דער גאַרניזאָנשטאָדט, שטעהען איצט דער מאַיאָר און מעלאַניע צום ערשטען מאָל ווידער אונטער פיער אויגען איינע אנטקעגען דעם אנדערען.

דורך די שויבען פאלט דאָס גרויע הערבסט ליכט אויף איהר איבערשלאנקע, הויכע פיגור. אמאָל, מיט יאָהרען צוריק, האָט ער אויף דער ביהנע געזעהן אנטיגאָנא פון סאָפאָקלעס. איז די פרוי ענליך צו איהר?

„ניט צו האסען, נאָר צו ליעבען בין איך דאָ“.

איז זי צו איהר ענליך? ניין, אָ, ניין! אנאנדער צונג לעגט זיך אויף אָט די פעסטגעשלאָסענע ליפּען, אויף וועלכע מען האָט קיינמאָל ניט געזעהן קיין מיטלייד מיט איהם. ווי זי דאָ האָבען אויסגעזעהן לוידי מאקבעט, פעדרא, יהודית, וואָס האָט אראָבגעשניטען דעם קאָפּ פון הליפרנות פון זיין לע־בענדען קערפּער און האָט דאָס געבראכט צו ישראל ווי א טראָפעי פון זיין בעפרייאונג.

א טיפע שטילקייט הערשט לאנג צווישען זיי. דער זייגער אויף דער וואנט קלאפּט אָב די מינוטען. מעלאַניע איז צו־געגאנגען צום פענסטער און איז כמעט אומגעקערט צום מאַיאָר

מימ'ן רוקען. עטליכע סעקונדען קלאפט זי נערוועז מיט די פינגער אויף די שויבען. ענדליך מאכט זי אַן אָנשטרענגונג און פרעגט:

— צו וואָס האָסטו מיך גערופען?

קיין וואַנדלונג, אפילו זיין ערשטען נאָמען ניט דערמאָנט, נאַרניט, נאַרניט, אויסער דעם געוועהנליכען „דו", וואָס, ווי ער פיהלט, קומט איהר אויך אָן איצט מיט דער גרעסטער מיה ארויסצורעדען.

— אויף וועמען טרויערסטו, מעלאַניע? — זיין פראַגע קלינגט האַרט.

זי פיהלט דאָס, אָבער איהר ענטפער קלינגט נאָך האַרטער. ווי פון שטאָהל געהאַמערט זיינען איהרע ווערטער. דער קריעג און זיינע שרעקען האָבען אין איהר ברוסט דערשטיקט יעדע מיטלייד און ערבאַרמונג. דאָס פיהלט דער מאַיאָר ביי איהרע ווערטער:

— איך טרויער אויף אַדאָלף'ען.

— אויף דיין געליעבטען?

— אויף דעם, וואָס איז מיר געווען טייערער פון אַלץ אויף דער ערד.

— אויף דיין געליעבטען?

זי שמייכעלט מיט אַ מויטליכער פעראַכטונג. און ער פיהלט זיך צו שוואַך, אום ווייטער זי אויסצופרעגען. די טרערען שטייגען שוין ווידער ארויף פון זיין ברוסט, שטעלען זיך איהם אין האַלז, ווערגען איהם. און דער בלוטיגער, העלער פלאַמענטעפּיך פון טראַיאַן און דאַזוי שפּרייט זיך ווידער אויס פאַר זיינע אויגען.

— גוט, גוט, — זאָגט ער מיט אַ שוואַכער שטים.

און ניט זאָגענדיג מעהר קיין וואָרט און זיך מעהר אפילו ניט אומקוקענדיג אויף דעם מאַיאָר, פערלאָזט מעלאַניע דאָס צימער.

XII

דאָס שרעקליכסטע פאַר דעם מאַיאָר זיינען געווען די נעכט, די לאַנגע, קריכענדע, שלאָפלאָזע נעכט פון שפּעטען הערבסט, ווען דער ווינט קלאָגט און רייסט די פענסטערלאָדען פון פאַל־קענשטיין, און די וואונד, וואָס פערהיילט זיך ניט, ברענט. אַרום צעהן אזייגער אין אָווענד ברענגט שוועסטער אורסולאַ דעם קראַנקען צו בעט. יעדען אָווענד פרעגט זי איהם מיט זעלבער פריינדליכקייט און מילדקייט, וואָס נאָך ער וויל.

און יעדען אָוועגד פערזיכערט דער מאַיאָר, אַז ער דאַרף מעהר גאָרניט, און זי פערשווינדט אין דער טיר פון דעם דערבייאיגען צימער און לעגט זיך אליין אָברוהען.

און דאן הויבט זיך דאָס אָן. אונאויפהערליך קלאַפט אָב דער זייגער די מינוטען, איינע נאָך דער אנדערער, און ער הערט זיי אלע און איז ניט אימשטאנד כאַטש אויף אַ פערטעל שטונדע זיך צו פערגעסען אין אַן ערקוויקענדען שלאָף, זיך אומקערען פון איין זייט אויף די אנדערע, זיך אפילו נאָר אַ ריהר טהאָן, — דאָס קען ער ניט, ווייל זיין קלענסטע בעוועגונג דערמאָנט איהם אָן דעם צאָהן פון דער מיסטגאָפעל אין ראָזעי, וואָס איז פערברענט געוואָרען אויף זיין בעפעהל, דעם צאָהן, וואָס האָט געשטעקט אין זיין פלייש גאנצע אכט און פערציג שטונדען, אַז זיין ווירבעלזייל איז פערלעצט, און אַז די וואונד, ניט קוקענדיג אויף אלע בעמיהונגען פון די ארצטען, פערהיילט זיך ניט און וועט, דוכט זיך, קיינמאָל זיך ניט פערמאכען.

אזוי ליגט דער מאַיאָר בעוועגלאָז, און דאן קומען די בילדער! דאָס זיינען ניט די טרוימען און ניט די פאנטאזיען, וואָס אַ שווערער קראנקער זעהט אין פיבער, דאָס זיינען ווירקליכע שרעקליכע בילדער פון דעם, וואָס ער האָט דורכגעלעבט, וואָס קענען זיך ניט אָר נפאסען אין אַ מענשען'ס זעל, בילדער און זעהונגען, וואָס עסען זיך איין ווי מיט נעגעל אין דאָס געהירן פון דעם, ווען עס איז אויסגעקומען צו זעהן צופיעל לײדען אויף דער וועלט, לײדען, וואָס ער האָט אליין געשאפען, פאר וועלכע עס איז אפילו פאר דעם טראָהן פון דעם בארמהערציגען גאָט — נאָך די לאָגישע שלוסען פון דעם שטרענגען פערשטאנד, — ניטאָ און קען ניט זיין קיין פערצייהונג.

בילדער... בילדער... בילדער.

אייראָפּא אין קאמף ־זעגען זיך אליין! די מוטער צורייסט איהר אייגענעם לייב, וואָס האָט זיי אלעמען געבוירען!

דאָס איז געוועזען דער אורזין פון דעם אלעם, דאָס איז געוועזען דאָס בילד פון אלע בילדער. דען די אלע בילדער האָבען זיך פון צעהן טויזענדער מאָזאיקפלאטען צונויפגעזאמעלט אין איין קאָלאָסאלע בילד פון וואהנזין און שרעקען, אין אַ ריעזענפאנאָראמא פון שרעקליכער געוואלט!

די וועלט איז ארויס פון איהרע ראמען! מען קען דאָס שוין ניט גוט מאכען! אַ טראגישער אירטום! די וועלט איז ארויס פון איהרע ראמען!

דער ים ליגט פול מיט מינען, הינטער יעדען פעלז לויערט דער טויט, איבער יעדען בערגעל טראָגען זיך ווילדע שרעקען,

אין יעדען מאָל געהט אום דער שניטער מיט דעם פליישלאָזען געזיכט און די ביינערנע הענט און שניידט, און אין די קורצע רוהפּאוזען גרייט ער זיך נאָר צום נייעם שניט!

איירָאפּא און די גאַנצע וועלט זיינען ארויס פון זייערע ראַמען! גיפטיגע ווערטער פון האס און אויפרוהר טראָגען זיך איבער די ימים, דורך לאַנד און לאַנד, פון פאָלק צו פאָלק...

די קרומאויגינע האָט מען אַנגערייצט אויף זייערע ווייסע בריִדער, נעגער ווערען ווי בלוטהינט געהעצט קעגען דעם עדעלווילד פון דער ערד, קריעגער פון די טאָלען פון אינדוס און גאַנגעס, מיט טורבאַנען אויף די קעפּ, ווערען געמאַכט פאַר די אויספיהרער פון גערעכטיגקייט, פאַנאַטישע נאָכפאָלגער פון איזלאַם ווערען געוואָרפען אין קאַמף צו צושטערען דאָס ווערק פון פליים אין דער וועסטליכער קולטור, די פלאַטערענדע גרינע פאָהנען און דאָס צייכען פון דער זיגענדער האַלבער לבנה איבער זייערע קעפּ.

בילדער אויף בילדער... וואָס איז דאָס געווען? איז דאָס געווען דער אמת? די וועלט איז דאָס ארויס פון איהרע ראַמען, אַ נייער מבול איז אַנגעקומען! אין נאָמען פון אַללאַה דעם אַל־מעכטיגען! אין זיין נאָמען איז דאָס די וועלט ארויס פון איהרע ראַמען! דער ה י י ל י ג ע ר קריעג!

האָרדען פון די רוסישע סטעפּען האָבען זיך אויפגעהויבען, ווי אין די טעג פון די הונען און די מאַדיאַרען, ווי אַ וואָלקען פון היישעריקען, האָבען זיך אַראָבגעלאָזען אויף די בליהענדע פעלדער און האָבען זיך ווידער אויפגעהויבען פון ברוינעם אָבגעברענטען לאַנד.

און ער איז פעראורטיילט צו ליגען מיט זיינע שמערצען אין רוקען און דאָס אַלץ נאָכצודענקען און זיך אויסמאָלען אין די לאַנגע, ענדלאָזע נעכט! ער איז געצוואונגען דאָ צו ליגען אַליין און צוגלידערען דאָס פערוויקעלטע און טונקעלע בילד פון אַלגעמיינעם אונגליק!

וואָס איז געווען דאָס אייגענע קליינע שיקזאַל אנטקעגען דעם וועלט אונגליק, — פרעגט ער זיך צום טויזענטען מאָל, — און [illegible] עגען איז דען דאָס קליינע שיקזאַל ניט געווען גרעסער? פיהלט ער דען ניט שטאַרקער, טיפער, שרעקליכער ווי אַלץ די שלאַכט הינטער טראַיאַן, אַדאָלף'ס רעטונג און די אייגענע פיינע ערמאָרדונג פון דעם פריינד, דאָס פערברענען פון ראָזעי, די וואונד, וואָס ער האָט בעקומען אויף דעם בויערג־הויף, און ענדליך דעם וואונש צו טויטען, דעם ווילען צום פעררעט!

וואס איז דאס אין פערגלייך מיט די וועהען, אין וועלכע די ערד ליגט איצט, און דאך, איז דען דאס ניט געווען מ ע ה ר?

שפיגלען זיך דען דא ניט אב דער אנהויב און דער סוף פון דער קאטאסטראפע, אין וועמעס פייערען נייע וועלטען ווערען אויסגעשמידט, און וואס האט ארומגענומען ווי א שטאלענער רינג דעם לייב פון גאנצען ערדקוגעל, ווייזט זיך דען דא ניט, ווי אין א קליינעם שפיגעל, וואס איז געווען דער אנהויב פון דעם פערברעכען, — אין דעם גרויסען, ווי אין דעם קליינעם?

קנאה, אייפערזוכט, אונערזעטליכע בעגעהרען, טריילאזיגקייט, פערראט צו דעם הייליגסטען, געבראכענע צוזאגען, צוריסענע אבמאכען, דאס וואנקען פון אלע פונדאמענטען, אויף וועלכע דער ערהאבענסטער טעמפעל פון דער מענשהייט איז אמאל געשטאנען!

ליגען... אי דא אי דארט ליגען... די זינד אנטקעגען דעם הייליגען גייסט, פאר וועלכע עס איז אפילו נאך דעם גרויסען פערצייהער ניטא קיין פערגעבונג, דא פונקט ווי דארט, אין אראלף׳ס און זיין שיקזאל, ווי אין דעם שיקזאל פון דער וועלט...

געטער פון ראכע איבער בײדען, און געטער פון ראכע איבער ראזעי און איבער דער גאנצער איצטיגער צייט!

פערגעסענדיג זיין וואונד, הויבט זיך דער מאיאר אויף פון בעט און שרייט אויס אין נאמענלאזען שמערץ: „געטער פון ראכע איבער מיר!“

אין דער פינסטערניש פון זיין צימער בעמערקט ער ניט צוויי גליהענדע אויגען. דאס זיינען די אויגען פון מעלאניע, זיין פרוי, וואס גנב׳עט זיך צו יעדע נאכט אויף די שפיץ פינגער, אום צו הערען, וועגען וואס ער טרוימט, צו דערגעהן וועגען זיין פערברעכען. ווייל זי שפירט, אז דא איז געווען א פערברעכען!

געטער פון ראכע אין דער געשטאלט פון זיין אייגענער פרוי איבער זיין שמערצענסבעט! יהודית אויף דעם געלעגער פון הליפרנות, וואס האָרכט און האָרכט אויף יעדען אטעמצוג, אויף יעדעם האלב־ארויסגעזאגט ווארט, אויף יעדע בעוועגונג, וואס קען ארויסגעבען זיינע פערבארגענע געדאנקען.

ער אבער האט וועגען דעם קיין אהנונג ניט. אין טיפער פערצווייפלונג, מיט אנגסטשווייס אויפ׳ן קאלטען שטערן, לעגט ער צונויף די הענט צום געבעט.

„א געבעט... ביי איהם!“ — טראגט זיך דורך דער גע־

דאנק אין מעלאניע'ס קאפ. איהרע אויגען און אויערען לאזען ניט דורך קיין צוקען פון זיינע הייסע ליפען, קיין קראמפען פון זיינע אייזקאלטע פינגער. „ער קען נאך בעטען!"

גנב'ענען זיין געבעט, ווי ער האט אמאל גע'גנב'עט איהר ליעבע.

אן אויג פאר א אויג, א צאהן פאר א צאהן... דאס געזעץ פון די איצטיגע טעג, וואס זייגען שרעקען, טויט און פערוויס־טונג, דאס לייטמאטיוו פון אלטען בונד, איידער עס איז נאך דערהערט געווארען די לעהרע פון ליעבע און פערגעבונג פון די זינד!

פאלק קעגען פאלק, ברודער קעגען ברודער, פריינד קעגען פריינד, פרוי קעגען מאן... דאס איז די מאקסים פון דער איצטיגער צייט!

נ ע ו ו א ל ט א י ב ע ר ר ע כ ט!

די גרעטערע צאהלען זיעגען, די אויבערהאנט בעקומט די מאשין, וואס קען אם בעסטען זעען טויט... א באמבע איז געפאלען, און אלץ ווערט פערניכטעט, וואס איז אמאל געווען דער פונדאמענט פון מענשליכען צוזאמענלעבען, פריעדען און צוטרויען, טרייהייט און עהרליכקייט.

ווי ער האט אמאל גע'גנב'עט דאס היילינגטום פון איהר הארץ, אזוי גנב'עט זי איצט דאס, וואס געהערט צו גאט אליין: זיינע פערבארגענסטע געדאנקען, דאס געהיימניס פון זיין שווערער שולד, וואס ער דעקט אויף נאר פאר דעם אלוויסענדען און אלריכטענדען!

„און פערגיב אונז אונזער שולד, ווי מיר פערגיבען די, וואס זייגען אונז שולדיג..." — מורמלען די אייזקאלטע ליפען פון מאיאר. — „מיין שולד פאר אדאלף, וואס האט מיך גערע־טעט, האר אין הימעל, מיין טויטשולד! א וואונש צו ערמאר־דען איז שוין אויך א מארד! הערר גאט אין הימעל! און פערגיב אונז אונזער שולד, ווי מיר פערגיבען די, וואס זייגען אונז שולדיג..."

מיט א קרעכץ פאלט ער צוריק אויפ'ן קישען.

„עס פליהט דאס ווארט, דער זין האט ניט קיין פליגלען,
דאס ווארט אהן זין קען ניט צום הימעל גרייכען."

ער גלויבט דאך ניט און האט קיינמאל ניט געגלויבט... און דאס איז ניט קיין געבעט.

אן אויג פאר אן אויג, א צאהן פאר א צאהן!

די געטער פון ראכע האבען ארומגערינגעלט זיין שמער־צענסבעט, ווי זיי האבען אמאל, פון איהם אליין ארויסגערופען,

אַרומגענומען ראָזעי!.. דער בראַנדפּאַקעל הויבט זיך אין דער לופטען פאַר זיינע פאַרטערטע אויגען. וואָס איז דאָס געווען? ניט צוויי אויגען פול מיט האַס? יע, צוויי אויגען, אָנגעפילט מיט אונדערבאַרעמדיגער, אונאויסלעשליכער פיינדשאַפט, זיינען געווענדט אויף איהם! איז דאָס ניט געווען די וואַנקענדע געשטאַלט פון אַ נעמעזיס, וואָס איז איצט פאַרשוואונדען פון זיין צימער? ניט זי? אָדער אפשר אַ געשפּענסט?

ער וויל שרייען, רופען שוועסטער אורסולאַ, זי זאָל איהם באַפרייען פון דער בייזער זעהונג, וואָס דריקט זיין ברוסט פון דעם געשפּענסט פון זיין פאַנטאַזיע, וואָס נאַרט איהם.

פון דער געטין פון ראַכע, וואָס שוועבט אַרום איהם!

שוועסטער אורסולאַ זאָל קומען, זאָל אָנציטערען ליכט, זאָל אַרויפלעגען איהר זאַנפטע און קיהלע האַנט אויף זיין שטערן... אָבער איהם פעהלט די קראַפט פון ענטשלוס, אום זי צו רופען. ער איז צו שוואַך, ניט פיזיש צו שוואַך, אַ ניין, ער איז צו ווילענסשוואַך. די שרעקען פון די שלאַכטפעלדער פון פלאַנדערן און נאָרדפראַנקרייך, טריאָן און ראָזעי האָבען געלעהמט זיינע פליגלען, געבראָכען זיין נאַטור, זיין ווילען, וואָס ער האָט אַמאָל געהאַלטען פאַר אייזערנע, האָבען פון איהם געמאַכט אַן אָהנמעכטיגען אַלטען אָדער, אַך, אַ הילפלאָזע קינד.

צו וואָס ווערטער? שווייגען און ליידען, ליידען, ליידען און דאַן שטאַרבען, ווען ער האָט שוין גענוג געליטען, ווען ער האָט שוין געליטען נאָך מעהר, — ער, וואָס האָט אַליין אַמאָל געטראָגען ליידען איבער דער ערד!

וואַרטען... וואַרטען און ניט רופען... ביז דער מאָרגען וועט קומען...

דאָס וואָרט אָהן זין קען ניט צום הימעל גרייכען

אַזוי ליגט ער און קוקט אַרויף, ביז די קרייזען פון דער בלייכער הערבסט זון וועלען דאָרט אָנהויבען שפּיעלען, און דער מאָרגען וועט ענדליך קומען.

דער וואָקזאַל פון אַלטען גאַרניזאָן. די מענגען פון די, וואָס געזעגנען זיך. מען דריקט זיך די הענט. מען איז באַציערט מיט בלומען און איבערבלעטער. מען זינגט, מען פרעהט זיך, מען טרינקט, מען רויכערט, די וואָס פאָהרען אַב און די וואָס בלייבען, אַזוי ווי מען וואָלט דאָ געגאַנגען צום טאַנץ! די לאַנגע קאָלאָנען פון די אַלטע מאַנשאַפטען, די קאָמפּאַניען פון נייגעקליידטע, רעקרוטען פון פאָריגען הערבסט, אַן אונענדליכער צוג פון טויזענדער, צעהן, הונדערטער טויזענדער...

דאס אלץ שטעהט אויף פאר די שלאפלאזע אויגען פון דעם מאיאר, וואס איז צוגעשמידט צו זיין בעט.

ווי זיי האבען דאס זיך א לאז געטהאן דורך לוקסעמבורג און בעלגיען אין נארד פראנקרייך, אזוי ווי זיכער אין דעם, אז דאס פולהארן פון זיעג וועט זיך צו זיי נייגען אין עטליכע וואכען ארום. אין דער ווירקליכקייט זיינען דאס נאר געווען מענגען פון שלאכטפיה, פוטער פאר די אונערבארמדיגע קאנאנען פון דער פראנצויזישער פעלדארטילעריע, א ציעלבערטע פאר די ריעזען פון די ענגלישע פאנצערשיפען, וואס האבען געלויערט אויפ'ן ברעג, אן אנפילונג פאר די טיפע גראבענס אין די ווייטע עבענען פון די פלאנדרישע און פראנצויזישע טייכען, וואס האט זיי בעדעקט מיט הויפענס טויטע קערפער, מיט ענדלאזע שיכטען פון אזעלכע הויפענס.

א בעדעקטע מיט בלוט, שפרייט זיך איצט פאר די שלאפלאזע אויגען פון דעם מאיאר דאס פלאכע לאנד, פון די אויפגעריסענע פאנצערטורעמס פון ליעזש ביז די ברעגען פון דעם שטורמיגען ים, וואו די דינען האבען מיט אונערזעטליכען דורשט געטרונקען דאס, וואס איז געווען דייטשלאנד'ס גרויסע האפנונג און רייכע צוקונפט.

און א בער אט דעם פלאכען לאנד, וואס איז געדיכט בעדעקט מיט א זאנדערבארען פולווערדאמף, און וועמעס קאנאלען און טייכען זיינען אין פורפור געפארבט, הענגט דער פלאמענשיין פון ברענענדע שטעדט און רויכענדע דערפער. דאס גאנצע פלייסיגע און רייכע לאנד איז פערוואנדעלט אין איין גליהענד פייער, אין וועלכען די פעלקער, פריינד און פיינד, ווערען לעבעדיגערהייט געבראטען.

אזוי ליגט דער מאיאר אונבעוועגליך און קוקט אין דאס פערגאנגענע. איהם דוכט, אז ער איז געווען אין ווערקשטאט פון בעל זבוב, דעם האר פון אלע שדים! ווי שטעהט געשריבען וועגען איהם אין דער הייליגער שריפט? דערום איז ער ניט אין דער ווארהייט, ווייל די ווארהייט איז ניט אין איהם! ער איז ניט אין דער ווארהייט! אבער וואס העלפט דאס גריבלען, וואס נוצט דאס נאכדענקען, צו וואס זיך אלעמאל ווידער פערטיפען אין די אלע שרעקליכע זאכען?

דאס שיקזאל איז ערפילט. און ער האט נאר ניט געזעהן פאר זיך, ווי נאר בילדער און בילדער, בילדער פון שרעקען, בילדער פון וואהנזין. און מעג ער זיך וועהרען קעגען זיי, ווי ער וויל, רייסען זיי זיך ווידער און ווידער אריין אין זיין געהירן, וואס מיחט זיך אומזיסט צו פערשליסען זיך פון זיי. זיי

רייסען זיך אריין ביימאג, אבער מעהר פון אלץ אין די נעכט, ווייל ער האט זיי געזעהן מיט זיינע אייגענע אויגען און קען שוין פון זיי אין ערגעץ קיינמאל מעהר ניט אנטלויפען.

XIII

פאלקענשטיין ברענט. ווי א גאט'ס געריכט איז דאס געקומען איבער דעם באראנ'ס גוטסהויף אין דער פינסטערניש פון נאכט. פאלקענשטיין ברענט, ווי עס האבען געברענט ליעזש און נאמור, אנטווערפען, מעשעלן און לאווען, ברענט, ווי עס האבען געברענט ליל, אררא, מאובעזש און ראזעי. אין דעם העלען שיין, וואס בערעקט די אונדורכדרינגליכע, פון קיין לבנה שטראהל ניט בעלויכטענע הערבסט נאכט, טיילען זיך קלאר אויס די אלע איבערגעלעבטע שרעקען, צוזאמען מיט דעם פייער, וואס האט פערצעהרט די ארומיגע דערפער און גיטער.

קאזאקען איבער אסטפרייסען און פאלקענשטיין!

דער שטורמגלאק קלאגט, אנזאגענדיג פון דער קליינער קירך אין ווערזשבאלאווא דאס אונבעגרייפליכע.

קאזאקען איבער אייך!

הארדען פון די נידריגקייטען פון דאן און וואלגא, טאטערען פון די סיבירער גרענעצען, פערד און רייטער צוזאמענגעוואקסען, בראנזפיגורען פון איין גוס! רימענבייטשען האלטען זיי אין זייערע שטאהלענע הענט און טרייבען פאר זיך דאס פאלק, וואס איז פון זינען אראב פאר שרעק... פלאמענרעגען, פעך און שוועבעל פון הימעל.

קאזאקען איבער דעם לאנד!

דורך דעם וואלד פון עידקונען ציהט זיך איבער דעם שאסעי פון גומבינען דער טרייסטלאזער צוג נאך ועסט פון די היימלאזע. זיי אנטלויפען פאר דעם וואלקען פון הוישריקען, וואס זיינען אויפגעבראכט געווארען אויף די רייכע סטעפען פון פאדאליען און וואהלין.

דעם צאר'ס הענקער זיינען דאס הינטער אייך!

געאיבטע דיענער פון בלוט געריכט, וואס זיינען אויף זיין בעפעהל שוין געווען ביי דער ארבייט אין פעטערבורג און מאסקווא, קיעוו און אדעס.

דאס לאנד איז אין פייער! קאזאקען איבער אייך!

דער גלויבען אין פאטערל און זיין קירך, דער פאנאטיזם פאר דעם גרויסען און היילינען רוסלאנד בליצט אין די טונקעלע אויגען.

האַרדעו און האָרדעו פון די סטעפּעו איבער דעם לאנד!
מאַן און פערד ווי אויסגעגאָסעו פון איין שטיק!

מיט געשרייעו זיינעו די דיענער און דיענסטעו, די ווירט־שאַפטערין און ארבייטער אנטלאָפעו פון פאלקענשטיין. מע־לאַניע׳ס שעהנע און נייגעריגע קאמערמיידעל האָט א געלער טייוועל אוועקגעשלעפּט אין עידקונענער וואלד. דאָרט אונטער א קוסט איז זי געווען זיין רויב. איצט שלאָפט זי דעם אייביגען שלאָף מיט אן איבערגעשניטענעם האלז, אן אָפּפער פון דעם גרויסען און הייליגען רוסלאנד אין נאָמען פון צאַר!

די טייוועלשע האָרדע טרייבט פאר זיך די פעראורטיילטע. ווי פאקלען בעלויכטען דעם וועג די ברענענדע גיטער און דער־פער. נאָך ווערסט, נאָך ווערסט... אויף דעם שאָסעי פון גומבינען און אינסטערבורג דורך דעם ענדלאָזען עידקונענער וואלד... בלוטרויט דער גאנצער הימעל, פייערשיין דורך די שטאַמען פון בוימער, ענדלאָז דער צוג!

רעטונג, רעטונג, רעטונג!

מען לויפט און לויפט...

געשפּאנעו פון בויערעו, קינדערשע וועגעלעך אָנגעלאָדען מיט דעם רעשט פון פערמעגען, עקיפּאַזשען פון די יונקער, א פערגעסענער אויטאָמאָביל, יזון צווישען זיי די הונדערטער און טויזענדער עלענדע, וואָס מוזען געהן צופוס, מיט צואוועהטאָגטע פיס און טרערענדע אויגען, געביסען פון דעם רויך פון די אויף אייביג פערברענטע היימען. הינטער זיי רייטען קאזאקען.

הו־הו!... הו־הו!... אין נאָמען פון צאַר!

דער אלטער כריסטיאַן, וואָס האָט ערשט ניט לאנג בעגע־געגט מעלאַניע אויף דער באַהנסטאַציאָן אין ווערזשבאלאווא, שמייסט ווילד די פערד, וואָס ווילען ניט געהן אין דער ביג־סטערניש פון וואלד, דערשראָקען פון דעם העלען פייערשיין, וואָס רייסט זיך דורך פון נאָהנט און ווייט.

הו־הו!... הו־הו!... קאָזאקען יאָגען הינטער זיי!...

— שמייסט שטארקער די פערד, כריסטיאַן, אום גאָטעס ווילען, שמייסט שטארקער די פערד, — קרעכצט דער קראנקער באַראָן, — די ווילדע טיערען זיינען שוין גאָר נאָהנט צו אונז!

און ווידער שמייסט דער קוטשער, פלוכט און שרייט.

הו־הו!... הו־הו!... קאָזאקען איבער אייך!...

דער באַראָן האָט פערגעסען זיין פּאָדאַגרא. ער קראַמפט צו־נויף די האנט, ניט קוקענדיג אויף די שמערצען, וועלכע ער איז, אײַפּריגענס, כמעט ניט אימשטאנד צו פיהלען איצט, און טאַפּט

אַז די ברוסטקעשענע פון זיין ראָק. דאָ האַלט ער זיין פּאַרטפּעל מיט די לעצטע באַנקנאָטען, וואָס ער האָט געראַטעוועט פון זיין פייערזיכערען שראַנק אין פאַלקענשטיין. דאָס לעצטע, וואָס איז איהם געבליבען! און ווער קען וויסען, צי ער וועט מאָרגען נאָך האָבען א רויטען העלער?

קאָזאַקען איבער איהם און זיין פאָלק! הו־הו!.. הו־הו!... זייערע שאַרפע אויסגעשרייען רייסען זיך אַריין אין די שטילקייט פון וואַלד.

א קלאַפּען און קראַכען הערט זיך אין דער ווייט, א ים פון פונקען בעדעקט דעם טונקעלען הימעל, ווי א ריעזיגע פייערווערק. דערפער פאַלען צוזאַמען, גיטער ווערען פערוואַנדעלט אין רויך און אַש, דאָס אייגענטום פון די יונקער, וואָס זיי האָבען אַזוי פעסט געהאַלטען און האָבען געמאַכט פון דעם בויער זייער קנעכט און פון דעם לעהרער א ווערקצייג פון זייער ווילען.

דאָס הייליגע רוסלאַנד, קאָזאַקען איבער דעם אַלעם!

טיף אין עקיפּאַזש, וואָס בעוועגט זיך קוים אין דעם קויט פון דער וואַלדעפּנונג, ליגט דער מאַיאָר. קיין קלאַנג קומט ניט פון זיינע פעסטגעשלאָסענע ליפּען, טויטבלייך איז זיין געזיכט. ער ליגט ווי א טויטער קערפּער אין זיין קישען, און אין זיין געהירן ציהט דאָס איינציגע: „געטער פון ראַכע איבער ראָזעי!“

אין פאַלקענשטיין האָט מען זיך דערוואוסט וועגען דעם אַנפאַל, איידער עס האָבען זיך דערהערט די ווילדע געשרייען ביי די טויערען פון גוט, איידער דער פייערבראַנד האָט זיך בעוויזען איבער די דעכער פון די געביידען.

די רויהע הענט פון די אַרבייטער, וואָס זיינען זיך נאָכדעם צולאָפען פאַר די רוסען אין אַלע פיער ריכטונגען, האָבען דעם שווערפערוואונדעטען אַרויסגעהויבען פון בעט, אַראָבגעטראָגען פון די טרעפּ און אַוועקגעלעגט אין וואַגען. שוועסטער אורסולא האָט זיך אַרום איהם געמיהט, אָבער איהר מיה האָט ניט געהאָלפען. די וואונד ברענט ווי פייער, ווי פייער פון גיהנם...

הו־הו!.. הו־הו!..אויף דעם ווילען פון צאַר האָבען זיך קאָזאַקען איבער אייך אַראָבגעלאָזען!

עפּעס שרעקליכעס האָט געמוזט געשעהן אין רוקען, דאָס פיהלט דער מאַיאָר. די נאָך אַלץ ניט פערהיילטע וואונד האָט זיך געמוזט עפענען ברייטער. דער פערבאַנד האָט זיך אַראָבגערוקט, דער ביין איז אָבגעדעקט, און יעדער טרייסעל פון וואָגען פערשאַפט איהם אונבעשרייבליכע שמערצען. אָבער קיין וואָרט קומט ניט פון דעם מאַיאָר׳ס ליפּען. ער זעהט

נאָר די אויגען פון באראָן, וואָס זיינען ברייט אויפגעריסען און אנגעפילט מיט שרעק. דער עלענדער פּאָדאגריקער, וואָס האָט שוין איצט אלץ פערלאָרען, הערט נאָך ניט אויף צו זאָרגען וועגען זיין געזונד און וועגען דעם לעצטען רעשט פון זיין פערמעגען, און שרייט אלץ צום קוטשער, ער זאָל אנטרייבען די פערד, וואָס קענען שוין קוים שלעפּען די פיס פון שרעק און מיעדקייט.

דער באראָן הויבט זיך אויף פון זיין אָרט, קוקט ארויס דורכ׳ן פענסטער צוריק...

— זיי זיינען שוין נאָהנט אויף אונזערע טריט... טרייבט די פערד, כריסטיאן! — שרייט ער, אָבער דאָס זיינען נאָר די צווייגען פון בוימער, וואָס טרייסלען זיך ווי געשפּענסטער ביים העלען שיין פון ווייטע פלאַמען. די קאָזאקען ארבייטען איצט אין די גיטער און הייזער און דענקען גארניט וועגען פערפאָלגונג. זיי זיינען ווי א וואָלקען פון וועספּען, וואָס האָבען דערשמעקט פוילענדע עפּעל אונטער די שווערבעלאָדענע עפּעלבוימער.

ענדליך פרעגט דער באראָן:

— וואו האָט זי זיך געקענט אהינטהאָן, בערקערסבורג?

קיין ענטפער קומט ניט. די אויפגעריסענע וואונד ברענט, די שמערצען רויבען דעם מאיאָר כמעט זיין פערשטאַנד. קיין וואָרט ניט!

— ווייסט איהר גארניט וועגען דעם, שוועסטער אורסולא?

— איך האָב ניט די מינדסטע פארשטעלונג, הערר באראָן!

— שרעקליך, שרעקליך, אויב זי איז אריינגעפאַלען אין די הענט פון די קאָזאקען!...

— דאָס גלויב איך ניט, הערר באראָן!

— פארוואָס גלויבט איהר דאָס ניט, שוועסטער אורסולא?

— ווייל איך דענק, אז די פרוי מאיאָר איז אין זיכערהייט.

— פארוואָס דענקט איהר אזוי, שוועסטער אורסולא? זאָגט דאָס מיר, בערוהיגט מיך!

— די פרוי מאיאָר איז דאָך שוין נעכטען אוועק פון הויז, איידער די נאַכריכט וועגען דעם ארייננדרינגען פון די רוסען אין ווערזשבאָלאָווא איז נאָך אָנגעקומען. די פרוי מאיאָר האָט געהאט צייט אַבצופאָהרען.

ביי די ווערטער האָט דער מאיאָר געווענדט זיינע אויגען, אָנגעפילט מיט פיבערהאפטען גלאַנץ, אויף די שוועסטער אָבער ער זאָגט קיין וואָרט ניט.

דער באראָן אָבער פרעגט ווייטער:

— איהר ווייסט עפּעס בעשטימטעס, שוועסטער אורסולא, פון וואָס שליסט איהר, אז די פרוי מאיאָר איז נאָך נעכטען

אבגעפאָחרען פון ווערזשבאָלאָווא? און וואוהין איז זי געפאָהרען?

שוועסטער אורסולא שווייגט. זי האָט גוט בעמערקט, אז דער מאַיאָר פערפאָלגט איהר יעדעס וואָרט מיט געשפּאַנטער אויפמערקזאמקייט, אז ער זעהט אויס, ווי ער וואלט געוואָלט דעם ענטפער, וואס דער באַראָן ערוואַרט אויך, איהר ארויסרייסען פון מויל. און זי איז איבערצייגט, אז ווען דער מאַיאָר וועט דערהערען איהר ענטפער, וועט דאָס פאר איהם זיין א טויט־קלאפּ. אָבער דער באַראָן פרעגט ווידער, דאָס מאָל שוין מיט דעם וויינענדען טאָן פון אן איינגעשפּארטען קינד:

— איהר האָט געהערט עפּעס בעשטימטעס, שוועסטער אורסולא. איהר ווייסט, וואו די פרוי מאַיאָר איז, איהר ווייסט, אז זי איז נעכטען אָבגעפאָהרען פון ווערזשבאָלאָווא, זיך ניט געזעגענענדיג מיט אונז. מאַטערט אונז ניט מעהר, שוועסטער אורסולא!

די שוועסטער איז נאָך אלץ אונענטשלאָסען, צי זאָל זי ענטפערען אויף דעם באַראָן'ס פראגען, און וואָס זי זאָל זאָגען. דאָ דערהערט זיך פּלוצלינג: הו־הו!... הו־הו!...

דער באַראָן שפּרינגט אויף אין שרעק.

— דאָס זיינען זיי, אום גאָטעס ווילען, זיינען זיי דאָס?

דאָס איז אָבער נאָר געוועזן כריסטיאַן, וואָס האָט ווידער צוגעטריבען די פערד, וואָס האָבען זיך נאָכאמאָל אָבגעשטעלט.

— רעדט, שוועסטער אורסולא! — מיט דער לעצטער אָנשטרענגונג, אָבער ווי א בעפעהל פון די אַמאָליגע, די בעסטע טעג פון זיין געזונדהייט, זיינען די ווערטער ארויס פון מאַיאָר'ס מויל. און שוועסטער אורסולא האָט ניט געקענט ווידערשטעהן דער סוגעסטיווער קראַפט פון דעם בעפעהל, וואָס האָט זיך אויסגעארבייט אין דער שול פון פּרייסישען מיליטאַריזם.

לאנגזאם, אָבער ווי אונטער דעם איינפלוס פון א העכערער מאַכט, וואָס איהר ווילען קען ניט איבערוועלטיגען, זאָגט זי:

— די גנעדיגע פרוי איז אבגעפאהרען אין קעניגסבערג און פון דאָרט אין בערלין. זי האָט דעריבער ניט געקענט אריינפאלען אין די הענט פון די קאַזאַקען. ניט קוקענדיג אויף דעם, וואָס איך האָב איהר צוגעזאָגט קיינעם קיין וואָרט ניט זאָגען וועגען איהר בריעף און איהר בעשלוס, האָב איך דאָך געפונען פאר נויטיג דאס אייך צו זאגען, אום אייך צו בערוהיגען. די קאזאקען האָבען איהר קיין שלעכטס ניט געקענט טהאָן.

— האָט, הייסט דאָס, די פרוי מאַיאָר אייך געשריבען,

— מישט זיך דאַ אריין דער באַראָן, — און איהר דערצעהלט דאָס אונז ערשט איצט?

א פאַרוואורף הערט זיך אין זיין שטים, אָבער שוועסטער אורסולא הערט דאָס גאַנץ גלייכגילטיג אוים. זי קוקט זיך מעהר ניט אום אויף דעם באַראָן. איהרע בליקען, פול מיט שרעק, זיינען צוגעשמידט צום מאַיאָר׳ס געזיכט. זיינע אויגען זיינען אָנגעלאָפען מיט בלוט און ווייט ארויסגעטראָטען פון זייערע לעכער. זיי גליהען איצט אין דעם שיין פון די ברענענדע דער־פער, וואָס רייסט זיך דורך אין וואלד פון עידקונען. שוועסטער אורסולא ציטערט אויף, דערהערענדיג די שרעקליכע שטים פון מאַיאָר, ווען ער רעדט ארוים מיט די לעצטע קרעפטען:

— דערענדיגט אייער ערצעהלונג, שוועסטער אורסולא! האָט אייך די פרוי מאַיאָר מיטגעטיילט וועגען איהרע אבזיכטען, פאַרוואָס זי איז אָבגעפאָהרען אין קעניגסבערג און בערלין?

— ניין, הערר מאַיאָר! — זאָגט די שוועסטער א ליגען, ווי פון אן אינסטינקטיווען אימפולס.

אָבער דער גוט געמיינטער ליגען פון דער שוועסטער, וואָס האָט ניט געוואָלט, דער מאַיאָר זאָל זיך דערוויסען, אז מעלאַניע האָט אלץ ערפאהרען און איז דעריבער אוועק, פערלאזענדיג איהם אויף אייביג, האָט שוין ניט געהאָלפען. א גלאַנצענדיגער געגענשטאַנד האָט אויפגעבליצט אין זיין האַנט, א פייערשיין האָט אויף אן אויגענבליק בעלויכטען דאָס אינגוועניגסטע פון עקיפאזש, און א דומפיגער קנאַל האָט זיך דערהערט...

דער באַראָן האָט אויסגעשריען, די שוועסטער האָט ארוים־געגעבען א פערשטיקטען קלאַנג...

הו־הו!... הו־הו!... דאָס איז ווידער געוועזען דעם קוטשער׳ס בייטש, וואָס האָט אָנגעטריבען די אויסגעמאַטערטע פערד...

די שוועסטער בויגט זיך איבער דעם מאַיאָר און פיהרט איהר האַנט איבער זיין געזיכט. אין דעם ענגען וואָגען ווייסט זי ניט וואָס צו טהאָן. דאָס יאָמערען פון באַראָן נעמט ביי איהר אָב דעם לעצטען רעשט פון זעלבסטבעהערשונג.

— וואָס האָט ער געטהאָן? האָט ער זיך דערשאָסען? רעדט דאָך, שוועסטער!

די ציטערענדע און אייזקאַלטע הענט פון דער שוועסטער בעוועגען זיך איבער דעם מאַיאָר׳ס קערפּער. ענדליך דערפיהלען איהרע הענט א וואַרימען שטראָם... בלוט, בלוט... דאָס סימוואָל פון אונזער צייט!

— אין האַרץ, — שטאַמעלט זי, — אין האַרץ, דוכט מיר, הערר באַראָן.

דער קוטשער שמייסט ווילד די פערד.

הו־הו !.. הו־הו !... קאַזאַקען, דאָס מאָל אמת׳ע קאַזאַקען... דאָס מאָל ניט קיין געשפּענסטער... דאָס מאָל ניט קיין צווייגען פון בוימער... דאָס מאָל אמת׳ע לעבעדיגע רייטער, צוזאַמענגעוואַקסענע מיט די פערד...

הו־הו !.. הו־הו !.. שאָסען פון רעוואָלווערען...

דער קוטשער פאַלט אראָב, די פערד פאַלען... קנאַלען פון רימענבייטשען... הו־הו !.. הו־הו !..

דער וואָגען שטעהט, ווי איינגעגראָבען... בראַנזגעזיכטער אין פּאַקעלשיין... איבער דער שוועסטער, איבער דעם באַראָן, איבער דעם טויטען קערפּער... דרויסען ליגען אין שמוץ און אין בלוט בריסטיאַן און די פערד.

רעוואָלווערען קראַכען... געשרייען... טויטשטיל...

גיעריגע הענט טאַפּען נאָך דעם פּאָרטפעל פון באַראָן מיט זיין לעצטען געראַטעטען פערמעגען, שמוציגע הענט שלעפּען די צום טויט פערוואונדעטע שוועסטער איבער דער מיט מאָך בעדעקטער ערד אין געדיכטען וואַלד.

די קערפּער פון באַראָן און מאַיאָר ליגען ווי א קרייץ איינער איבער דעם אנדערען לעבען די פערד, דעם קוטשער און דעם איבערגעקערטען וואָגען...

דעם צאַר׳ס קאַזאַקען איבער אייך, גאָט׳ס געריכט, געטער פון ראַכע, ווי איבער ראָזעי !

אָבער דער מאַיאָר הערט זיי שוין מעהר ניט.

א גאַנצע אבטיילונג ציהט איצט דורך דעם וואַלד פון עידקונען, ווי א וואָלקען פון וועספּען, וואָס האָבען זיך אויף א ווײַלע אראָבגעלאָזען אויף די פוילענדע עפּעל אונטער די בוימער און האָבען זיך איצט ווידער אויפגעהויבען און טראָגען זיך איבער דעם וואַלד.

הו־הו !.. הו־הו !..

דעם צאַר׳ס קאַזאַקען איבער אייך!

פערטער טייל

I

אָחן א בעשטימטען פאהרפּלאַן לויפט דער שנעלצוג דורך די אונדורכדרינגליכע פינסטערניש פון דער נאַכט, פון בערלין איבער קעלן צו אַאַכען. ער פיהרט דעם שטאַב פון דעם בעריהמטען קליניקער און כירורג פּראָפעסאָר ווילהעלמי, אויף די שלאַכטפעלדער אין פלאַנדערן. אונערהערטע זאַכען גיט מען שטילערהייט איבער איינער דעם אנדערען אין בערלין. שוין א וואָך, אז די צייטונגען ברענגען ניט קיין פערלוסטליסטען. מען רעדט שטילערהייט וועגען שרעקליכע אָפּפער, וואָס דער דריימאָליגער, געצוואונגענער און אומזיסטער איבערגאַנג פון דעם איזער האָט געקאָסט. און צעהנדליגער מיליטערצוגען ווערען אריבערגעוואָרפען פון אָסט אין וועסט, פערשטאַרקונגען פון אין איילעניש צוזאַמענגעשטעלטע רעזערווקאָרפּוסען, וואָס דאַרפען מאַכען דעם געוואַגטען איבערגאַנג צום פערטען מאָל, ווייל מען האָט זיך געשטעלט פאר א ציעל איינצונעמען קאַלעי און בולאָן צו א פאראויס בעשטימטען דאַטום.

נאָך שרעקליכערע פערלוסטען וועלען זיין. דעריבער פליהט דאָס אזוי דער צוג, וואָס איז אָנגעפּראָפּט מיט שוועסטער, קראַנקענוואַרטער און אַרצטען, אונטער דער לייטונג פון ווילהעלמי, פון אָסט נאָך וועסט, און שטעלט זיך קוים אָב ביי א סטאַציאָן. די פּאָטסדאַמער און בערלינער גאַרדע־רעגימענטען דאַרפען דאָס בעווייזען דעם וואונדער.

און שוין גרייט זיך דער אַטלאַנטישער אָקעאַן זיי אויפצונעמען.

אין די שויבען קוקט די אונדורכדרינגליכע נאַכט פון אָנהויב ווינטער.

אין א ווינקעל פון א קופּע פון ערשטען קלאַס זיצט ווילהעלמי, א פריינדליכער הערר מיט דעם ערנסטען געזיכט פון א געלעהרטען, וואָס האָט אין זיין בערלינער קליניק אין פערלויף פון יאָהרען און פון זיין ארבייט הונדערטער מענשען דאָס

לעבען ווידער געשענקט. ער שווייגט און קוקט פערטראַכט פאַר זיך. איבער זיין קאָפּ אין נעץ פאַר געפּעק ליגט זיין קליינער לעדערנער טשעמאָדאַן. אין טשעמאָדאַן געפינען זיך די אינסטרומענטען, וואָס לעבען אויף אין די הענט פון דעם מייסטער און ווערען ווערקצייג פאַר וואונדער: מעסער, זעגען פאַר ביינער, געבויגענע און געקרימטע זאָנדען, מיט וועלכע דער כירורג פאָרשט אויס דאָס געהיימנים פון די וואונדען; די מעדיקאַמענטען און דאָס פערבאַנדצייג, מיט דער הילף פון וועלכע ער בעהערשט אלערליי פאָרמען פון לעהמונג.

ווילהעלמי קען ניט שלאָפען. אין די לאַנגע זיעבצעהן יאָהר, זינט ער איז דירעקטאָר פון דער כירורגישער קליניק, האָט ער פיעל געזעהן און איבערגעלעבט. אויך פריהער, נאָך זייענדיג אַן אסיסטענט פון די ערשטע קאָריפּעען אין באַן און ברעסלאַו, האָט ער פיעל, פיעל שוידערהאפטעס געזעהן. אָבער וואָס ערוואַרט איהם איצט אויף די שלאַכטפעלדער אין פלאַנדערן?

מיט עטליכע יאָהר צוריק איז געשעהן אַן אייזענבאַהן אונגליק לעבען ברעסלאַו, און ער איז געוועזן איינער פון די ערשטע אָנצוקומען אויף'ן אָרט. עס איז איהם אויך אמאָל אויסגעקומען צו פאָהרען אין רוהר געגענד, וואו מינען זיינען איינגעפאלען, און בעהאַנדלען און פערבינדען די מינען ארבייטער, וואָס זיינען פערשאָטען געוואָרען און וואָס מען האָט ארויסגענומען האַלבפערברענטע פון די מינען. אָבער וואָס איז דאָס אַלץ געווען אין פערגלייך מיט דעם, וואָס וועט קומען דאָרט אויף'ן ים ברעג פון די שווערע געוועהר פון פעלדארטילעריע, פון די פראַנצויזישע פינף־און־זיעבציגער! וואָס איז דאָס געווען אין פערגלייך מיט דעם, וואָס איהם איז איצט פאָרגעשטאַנען צו זעהן אין א לאַנד, וואָס איז אָנגעפילט מיט רויך, נאָך ניט לאַנג צוריק אַזא שעהנעם לאַנד, אויף וועמעס ברייטער עבענע צעהנדליגער טויזענדער קינדער פון זיין פאָלק ליגען איצט פערוואונדעטע און פערקריפּעלטע! נאָך מיט א זעקס מאָנאטען צוריק האָט ווילהעלמי געמיינט, אַז זייענדיג דירעקטאָר פון בערלינער קליניק, האָט ער ערשעפּט דעם אָבגרונד פון מענשליכע לײדען... און איצט...

און ווי ער פאהרט אזוי דורך די נאָרד־דייטשע נידריגע עבענע, און אין דרויסען אין דער שוואַרצער אונהיימליכער פינסטערניש איז ניט צו בעמערקען קיין בוימער אָדער בושען, דערמאָנט ער זיך אָן זיינע פאָרטראַגען, וואָס ער האָט ערשט ניט לאַנג נאָך געהאלטען אין פערשיעדענע שטעדט אין דייטשלאַנד

און אויסלאנד. אין יענע פארטראגען האט ער אנגעוויזען אויף די נויטווענדיגקייט פון ארבייטער פערזיכערונג פון אונגליקספאלען, און אז מען מוז איינפיהרען אין פאבריקען, מינען און אויף אייזענבאהנען געוויסע רעגלען פון פארזיכטיגקייט, וואס זאלען דערהויבען ווערען צו א געזעץ; ער האט אויך אנגעוויזען, ווי נויטיג עס איז איינצוקויפען מעזאטאר און ראדיום צו היילען קרעבסקראנקע און איינריכטען טובערקולאז סאנאטאריען צו בעקעמפען שווינדזוכט... און ווי אונענדליך לעבערליך ער קומט זיך דאס איצט אליין פאר מיט זיינע שעהנע שטרעבונגען צו דיענען דער ליידענדער מענשהייט!

וואס פאר א בעטרעף האבען איצט אין דער אמת'ען אט די אלע קרעבסקראנקע און שווינדזיכטיגע ארבייטער, וועמען ר. האט אבגעגעבען זיין לעבען און זיין קאריערע, אין פערגלייך מיט די צעהנדליגער און הונדערטער טויזענדער, די מיליאנען, וואס פערגיסען זייער בלוט און הויכען אוים זייער לעצטען אטעם אויף די ווייטע עבענען פון פלאנדערן און פוילען, אין די גראבענס, אין די פאנצערטורעמס, אויף די ריעזיגע שיפען אויף'ן אקעאן! צעהנדליגער, הונדערטער טויזענדער, מיליאנען געזונטע, בליהענדע יונגע מענשען, וואס נויטיגען זיך ניט אין קיין מעזאטאר אדער ראדיום, אום צו פערלענגערען זייער וועלקענדען לעבען אויף א פאר מאנאטען, די בליהונג פון דער נאציאן, ניין, פון די נאציאנען פון אייראפא, וואס גיבען אב די קראפט פון צו־קונפטיגע גענעראציאנען צום טויט, וועלכער גיט קיין זאך ניט צוריק, אנשטאט אט די מענשען בלייבען אין דער היים אלטע, קראנקע און קריפעלס.

די בליהונג פון דער נאציאן, — דער דייטשער, פראנצויזישער, ענגלישער, בעלגישער אדער רוסישער, אלץ איינס! — ווערט אונערבארמליך געשניטען פון פייערשפייענדע מאנסטער, וואס האבזיכטיגע אונטערנעמער און ערדגייציגע קריעגער האבען ערפונדען און אויפגעבויט, און קיין זאך בלייבט ניט איבער אנשטאט זיי! דער נעגער, הינדו, טורקא, ספאהי, וואס ענגלאנד און פראנקרייך האבען גערופען אלס הילפספעלקער אין דעם שרעקליכסטען פון אלע קריעגען, דאס אלץ איז נאר פוטער פאר די ריעזיגע פערניכטונגס מאשינען, וואס ווארפען ארוים מיט מאטעמאטישער גענויקייט זייערע שראפנעלען און גראנאטען;— פונקט אזוי גוט, ווי א פאריזער, בערלינער אדער מינכענער מאלער, וואס האט ענטציקט מיט זיינע בילדער די, וואס שעצען קונסט; פונקט ווי דער דיכטער, פון וועמעס ביכער טויזענדער

האָבען אמאָל געשעפּט ערהאַבענע פרייד; פּונקט ווי דער פּאַר־שער, וואָס האָט זיך דערגראָבען צום גרונד פון ווארהייט; פּונקט ווי דער פרעדיגער, וואָס האָט דערהויבען א גאַנצע געמיינדע צו ריינע הויכקייטען!

און וועלען אָט די אָפּפער זיין אַלץ? וועלען דען זיך ניט אומקערען אהיים טויזענדער, צעהנדליגער, הונדערטער טויזענ־דער קריפּעלס און קראַנקע, ווי פיעלע פון זיינע פּאַציענטען, וועמען עס איז איהם אזוי שווער געווען צו פערבאָטען צו הייראַ־טען, און די וועלען איצט קומען צו זייערע פרויען און פאַמיליען, וועלען איבערגעבען די קראַנקהייטען פון זייערע אָרגאַניזמען צו א נייער גענעראַציאָן, וואָס וועט זיין א פלוך און אן אונגליק פאַר דער צוקונפט פון די אייראָפּעאישע לענדער. מיט שרעק זעהט דאָס ווילהעלמי זעהר קלאָר פאַר זיך.

מיט אזעלכע געדאַנקען איז ער איצט געפאָהרען דורך די נאַכט צו די שלאַכטפעלדער פון פלאַנדערן, אום צו ברענגען הילף.

ווילהעלמי האָט זיך ארומגעקוקט. זיין בליק איז געפאַלען אויף דאָס געזיכט פון דעם הויף־פרעדיגער, וואָס איז געזעסען אנטקעגען איהם א זעלבסטצופריעדענער און האָט זיך געדריי־מעלט. ער האָט זיך א ווײַלע אריינגעקוקט אין דעם גלאַטראַזיר־טען פרעדיגער, דאַן האָט ער געשאָקעלט מיט זיין פיינעם קאָפּ פון א געלעהרטען און האָט שמערצליך געשמייכעלט.

„ווי איז דאָס געווען מעגליך? — האָט ער א טראַכט געטאָן. — א זעלבסטצופריעדענער נאַר מיט דעם טיטול פון הויף־פרעדי־גער!" אליין איז ער אן איסגעשפּראָכענער מאַטעריאַליסט. דאַרווין, וואָס האָט געהערט צו א נאַציאָן, וועלכע מען האָט איצט געדאַרפט האַסען, פּאַסטער, וואָס האָט געהערט צו א פאָלק, צו וועלכען מען האָט איצט געדאַרפט אָפיציעל פיהלען מיטלייד, דאָס זיינען געווען זיינע צוויי גרויסע לעהרער. אין זיין שווערער פּראָפעסיאָן האָט ער געדיענט טריי, געטאָן זיין ארבייט געוויסענהאַפט און האָט זיך ניט פערטיפט ווייטער אין פראַגען פון גלויבען און יענער וועלט.

איבער איצט, קוקענדיג אויף דעם זאַטען מענשען, וואָס איז זיך אזוי בעקוועם געזעסען אין די ווייכע קישענס אנטקעגען איהם, זיינען איהם געקומען אין קאָפּ אפּיקורסישע געדאַנקען.

טעאָלאָגיע איז דער עלאַסטישסטער פון אלע בעגריפען. ער האָט זי קיינמאָל ניט געקענט גוט פערשטעהן, ער, דער מעדיקער

מיט דעם ניכטערען בליק פון א נאַטורפאָרשענדען בעאָבאַכטער, אָבער היינט קען ער טעאָלאָגיע אין גאַנצען ניט בעגרייפען!

זי האָט זיך אין פערלויף פון די לעצטע פאָר וואָכען אומ־געדרעהט, אַט די פּראָטעסטאַנטישע טעאָלאָגיע, איינפאַך אומ־גערעהט זיך אויף די קנאַפּעל, ווי א באַטאַליאָן פון פּריסישע סאָלדאַטען אויף דער קאָמאַנדע פון דעם מאַיאָר! א לעבעדיגער בעווייז איז געווען אָט דער מענש, וואָס איז דאָ געזעסען אנט־קעגען איהם און געשלאָפען. הויף־פּרעדיגער, פעלדגייסטליכער, און ווער ווייס וואָס נאָך, קירכענראַט, עהרענדאָקטאָר, ווען מען האָט קאָמאַנדירט צום פראָנט, פאָהרט ער איצט אין איין צוג מיט ווילהעלמי, אום צו ערמונטערען די סאָלדאַטען און אפּי־צירען און ווי א טאַשענשפּיעל פערדרעהען דאָס געבאָט פון ליעבע אין א געבאָט פון האַס.

„איהר האָט געהערט: דו זאָלסט ליעבען דיין פריינד און האַסען דיין פיינד! איך אָבער זאָג אייך: ליעבט אייער פיינד, בענשט די, וואָס פלוכען אייך, בעט פאַר די, וואָס בעליי־דיגען אייך, דען איהר זייט קינדער פון אייער פאָטער אין הימעל...“

און אָט דער מענש דאָ וועט וואַגען אויפצושטעהן קעגען זיין האַר און ערלייזער און פּרעדיגען האַס!

ווילהעלמי שמייכעלט, פאַרשטעלענדיג זיך זיין וויז־א־ווי מיט דעם פעטען געזיכט און דעם שניט אויף׳ן באַק אין א שוואַר־צען קלייד, אלס דעם פּראָפעט פון דעם לעהרער פון נצרת, וואָס ניט אָב אויך זיין מאַנטעל צו דעם, וואָס האָט ביי איהם צוגענו־מען זיין ראָק. די בערגלעך פון גליל, וואו טויזענדער האָבען גע־לעבט פון צוויי ווייצענברויטען און צוויי פישלעך און פון די ווערטער פון זיין מויל, און אָט דער מענש דאָ!

אָבער וואָס איז דער וואונדער! האָבען דען נאָך ערשט מיט עטליכע וואָכען צוריק די אויטאָריטעטען, וואָס זיינען אמאָל גע־ווען הייליג, ניט געשפּיעלט מיט די מאָראַלע בעגריפען פון דער מענשהייט, ווי מיט א פּילקע? האָט זיך דען אלץ ניט איבערגע־קערט, אויסער איהם און זיין קונסט? נאָר ער אליין וועט היילען, אָפּערירען, פערבינדען, רעטען און געזונט מאַכען, פריינד און פיינד, אלץ איינס, לינדערען די ליידען, טהאָן גוטס, ניט פרעגענ־דיג, וועמען ער וועט דאָס טהאָן.

דער צוג שטעלט זיך אָב. איין מאָמענט האָט אויסגעוויזען, ווי דער הויף־פּרעדיגער וואָלט זיך אויפגעכאַפּט פון זיין טיפען

שלאָף, אָבער ניין, ער לעהנט גלייך ווידער אָן דעם קאָפּ און בראַפּעט ווייטער גאַנץ געשמאַק.

דריי מינוטען שטעהט דער צוג. פלאַקערענדע ליכטער אויף דער קליינער סטאַציאָן. סאָלדאַטען און סאַניטעטס־פּערסאָנאַל טראָגען די שווער פערוואונדעטע אין א טראַנספּאָרט, וואָס געהט אָב אהיים, ווייל די לאַזאַרעטען אין בראַבאַנט און פלאַנדערן קענען שוין לאַנג ניט האַלטען די אַלע קראַנקע און פערוואונדעטע. ווען מען קען נאָר אבפיהרען, מוז מען איבערשיקען ווייטער אין לאַנד. און וויפיעל אַזעלכע שטאַרבען אויף דער רייזע!

דריי מינוטען... דער צוג ריהרט זיך ווידער. די מאַשין אר־בייט אַלץ שנעלער, און באַלד הערט זיך שוין ווידער דאָס איינ־טאָניגע קלאַפּען פון די רעדער, דאָס רוישען פון לאָקאָמאָטיוו, און אין די שויבען קוקט די שוואַרצע אונדורכדרינגליכע נאַכט.

פאַר דעם וואַכען גאַ־אַנק פון ווילהעלמי קומען די עבענען און שטעדט פון פלאַנדערן און בראַבאַנט. אין זיין אויפגערעגטער פאָרשטעלונג מאָלען זיי זיך איהם אַזעלכע, ווי ער האָט זיי גע־זעהן אין די זומער מאָנאַטען מיט יאָהרען צוריק אין צייט פון פריעדען. ער און זיין פרוי זיינען געווען פערעהרער פון קונסט און שעהנהייט און בעוואונדערער פון דעם אונפערגלייכליכען רובענס. זיי האָבען טיף געליעבט דעם ים, און מיט ערהפורכט פלעגען זיי אָפט געהן אויף די גאַסען, אויף וועלכע דער גייסט פון אויפשטאַנד און פרייהייט האָט זיך געטראָגען אין די צייטען פון שפּאַנישער הערשאַפט.

די אונפערגעסליכע זומערטעג איבער די שטילע קאַנאַלען פון גענט אָדער בריגע, וואו די הייזער און בוימער האָבען זיך אָבגעשפּיגעלט אין שוואַרצען וואַסער, וואו יאָהרהונדערטער האָבען זיך ווי אָבגעשטעלט פאַר די ראַטהייזער, קירכען און קראָמען, וואָס דער בירגערליכער געשמאַק און דאָס איינגעשפּאַר־טע, שטאָלצע זעלבסטבעוואוסטזיין האָבען אויפגעבויט און בע־ציערט מיט די ווערק פון יענער אונשטערבליכער מיניאַטור־קונסט, וואָס האָט זיך אין קיין אנדער לאַנד ניט ענטוויקעלט, אויסער נידערלאַנדען.

און פריינד און פערטרויטע פון ים זיינען דאָ ער און זיין פרוי געווען אין די פערגאַנגענע זומערען פון פריעדענסצייט. קנאָקע, אָסטענדע, בלאַנקענבערגע, הייסט, — ווי אָפט האָבען זיי דאָ גערוהט אין די זומער מאָנאַטען! ווי נאָר ער פלעגט קענען זיך ארויסרייסען פון די טרויעריגע צימערען פון זיין קליניק און זיך ווידער דערפיהלען א מענש, פלעגען ער און זיין

פרוי איילען אהין, וואו דער ווארימער ווינט צוטראָגט ווייט איבער דעם ים די טענער פון א וואונדערליכען אָרקעסטער, — אין אָסטענדע, וואו גאַנץ אייראָפּא פאָהרט זיך צונויף, וואו אלע נאַציאָנען פון ביידע העמיספערען פלעגען זיך רייכען די הענט, וואו די קינדער פלעגען גראָבען דעם פיינעם זאמד, זוכענדיג מושלען... זייערע פאָטערס האָבען איצט מיט זייער בלוט גע־פארבט אָט דעם זאמד!

ער ציטערט אויף... ער האָט דאָך געווים שטארקע נערווען, ער, דירעקטאָר פון א כירורגישער קליניק, איינער פון די מוטיג־סטע און בעריהמטסטע כירורגען פון זיין צייט, וואָס צוזעגט, ווען דאָס איז נויטיג, היפּטענביינער אויף לעבעדיגע קערפּער, ווי דאָס וואָלט געווען א שטאָם פון א טאַנענבוים אין וואלד... און דאָך... רואינען אויף דעם אָרט פון דער געוועזענער אונבע־שרייבליכער שעהנקייט און עלעגאַנץ פון אָסטענד, פלאמען האָבען פערצעהרט דעם וואונדערליכען, רייכען קורזאל, דער רויך פון פּולווער איבער די מיטעלאלטערליכע קלוב־געביידען און פּאַטריציער־הייזער פון מעשעלן, גענט און ברוגע, — ברוגע, איבער וועמעס גאַסען ער האָט, בעטרונקען פון שעהנהייט, גע־וואנדערט ווי א פערצויבערטער פּרינץ פון פערגאַנגענע יאָהר־הונדערטער פון שעהנהייט און רייכטום...

און קעגענאיבער איהם זיצט דער שנאָרכענדער, זאטער הויף פּרעדיגער, וועמען מען האָט פון בערלין קאָמאנדירט צום פראָנט אין דאָסזעלבע פלאנדערן, פאר וועמען קריעג און טויט, האַס און יענע וועלט קענען שוין מעהר ניט זיין קיין פּראָבלעמען, פאר וועמען דאָס וואָרט איז וואָרט, אָבער ניט מעהר ווי וואָרט!

הויבט דען שוין אָן טאָגען? איז מען שוין אזוי לאנג גע־פאָהרען, אז מען איז שוין איצט לעבען אאכען און באלד ביים גרענעץ, ביי דעם, וואָס איז אמאָל געווען דער גרענעץ?.. אמאָל... אמאָל...

ווילהעלמי שפּרינגט אויף. איהם ווערט קאלט. ווירקליך, דער צוג נעמט לויפען לאנגזאמער, און אָט שטעלט ער זיך אב... דער וואָקזאל פון אאכען...

אויף דער פּלאטפאָרם פון וואָקזאל דאָסזעלבע בילד... יונגע, געזונטע סאָלדאטען, וואָס מוזען געהן אין בלוטבאָד אויפ'ן פראָנט, פרויען און מיידלעך, וואָס גיבען זיי מיט עסענוואַרג און בלומען, מיעדע און פערבונדענע, וואָס ווערען טראנספּאָרטירט צוריק, ווי ביינאכט אויף דער קליינער סטאַציאָן!

ווען איז דאָס אזוי, יע, ווי אזוי וועט זיך דאָס אלץ ענדיגען?

II.

בראבאנט און פלאנדערן! דאס לאנד פון רעמבראנדט און רובענס, די וויעג פון הומאניזם, וואס האט ערלעזט די וועלט צוערשט פון רוים׳ס נעגעל און דאן פון די קייטען פון דעם פינסטערן פיליפ פון עסקוריאל. א קוואל פון רייכטום, א פעסטונג פון בירגערליכער פרייהייט! דאס שטאטהויז אין לאוווען, דאס אראבנעמען פון קרייץ אין קאטעדראל פון אנטווערפען, — פערלען פון קונסט, וואס וועט אין קיין אייראפעאישען לאנד ניט בעגעגענט ווערען.

דער שנעלצוג מיט פראפעסאר ווילהעלמי׳ס שטאב האט שוין הינטער זיך געלאזען ווערוועי, די גרענעצסטאציאן, וועלבע איז היינט פול מיט סאלדאטען, וואס זיינען פארמירט געווארען, ווי אין אאכען, אין נייע רעזערוועס און וועלען אבגעשיקט ווערען צום פראנט ביי איפר... אט איז ליעזש, דער שטאנדהאפטיגער ליעזש, דער צענטער פון קוילען פליהט פערביי, דעם לאנד׳ס אונערמעסליכע, שווארצע רייכטום! צושאסען די געוואלטיגע פארטען, די ווייסע פאהן וועהט נאך אויף איינעם, וואס האט אם לענגסטען אויסגעהאלטען, וועמעס ווענט פון בעטאן און פאנצערפלאטען זיינען אויפגעריסען געווארען מיט בעטויבענדע קראכען, ווען די צענטנערשווערע פערניכטער זיינען געקומען צופליהען פון די פייערשפייענדע מיילער... לאסען, וועמעס בראווסטע פערטיידיגער, צוזאמען מיט דעם פיהרער פון דער פעסטונג, זענען בעגראבען געווארען אונטער די רואינען... דעם פיהרער האט א וואונדער געראטעוועט פון דעם גיפטיגען וואלקען פון פולווער און שוועבעלדאמף... געראטעוועט אלס געפאנגענעם!... ליעזש און די שווארצע רייכטימער פון לאנד, די צוזאמענגעפאלענע קוימענס פון דער אינדוסטריעלער פראווינץ, וואס פלייסיגע הענט האבען אויפגעשטעלט... דאס לאנד פון וואלאנען ליגט ווייט הינטער דעם צוג.

אין דעם דורכגאנג וואגאן ס שטעהט מעלאניע און פרעסט דעם הייסען שטערען אויף די קאלטע שויב. דער קוילענשטויב פון לאקאמאטיוו און דער דאמף פון קאכענדען וואסער, וואס טרייבט אונאויפהערליך די מאשין פאראויס, בעדעקען דאס גלאז אזוי געדיכט, אז זי איז קוים אימשטאנד צו זעהן די פערבייפליהענדע לאנדשאפט, אונטערשיידען די הייזער, דערפער, ווינטמיהלען, קאנאלען און ברייטע לאנקעס. מיט איהר שארפען אנגע־

שטרענגטען אויג, מיט איהר האַרץ, וואָס איז דורכגענומען מיט דעם טיפסטען מיטלייד פיהלט זי מעהר, ווי זי קען זעהן.

אָבער אין די טעג פון פריעדען איז זי אויך אמאָל, פונקט ווי ווילהעלמי, געווען אין בראבאנט און פלאנדערן, און זי ליעבט דאָס איינענאַרטיגע לאנד, איבער וועלכען עס שפּרייט זיך א הימעל, וואָס איז אָנגעזעטיגט מיט דער ים לופט, מיט איהר שאַרפען גערוך, ווי א צודעק פון אזעלכע שעהנע פארבען, וואָס מען קען אין ערגעץ מעהר ניט זעהן אין גאנץ אייראָפּאַ.

האָט דאָס געמוזט אזוי זיין? לאַנד פון רובענס און רעמבראנדט, — דען זיי זיינען דאָך איינס אלס לאנדשאַפט און קינסטלערישער בעגריף, — פארוואָס ביזטו, גראָד דו, געווען דער אָרט פאר דעם שוידערליכסטען, אבשייליכסטען קריעג אין דער געשיכטע? גראָד דיינע אולמען און פאַפּלען האָבען געדאַרפט אָבגעשניטען ווערען פון דיין שעהנער ערד אוים טאַקטישע גרונדען! גראָד דיינע קאַנאַלען האָבען געמוזט געפאַרבט ווערען מיט דעם פורפּורזאַפט, וואָס די וועלען פון אָקעאַן וועלען ניט אָבוואַשען אין יאָהרהונדערטער! די האַנט פון ליידי מאַקבעט, וועמען א גאַנצער ים פון טרערען וועט שוין ניט קענען אומקערען די ווייסקייט פון איהר ריינער אונשולד! שעקספּיר, גערעכטסטער פון די גערעכטע, וויליאם, געטהע׳ס גרויסער לעהרער, רובענס און רעמבראנדט, עגמאָנט און אָראַניען!

ווי פון פאַנטיוס צו פּילאַטוס האָט זיך מעלאַניע געלאָזען צוערשט אין קעניגסבערג און דאַן אין בערלין, ווען זי האָט ענדליך בעשלאָסען צו פערלאָזען אין געהיים איהר היימאַט און איהר שולדיגען מאַן און זיך אריינוואַרפען אין די טהעטיגקייט פון רויטען קרייץ, טהאָן גוטס און אלץ פערגעסען. טהאָן גוטס, פריינד צי פיינד, די בעגריפען עקזיסטירען שוין גאָר פאר איהר ניט, אומעטום, וואו מען קען העלפען, וואו נאָר מען קען וואָס פערגעסען און פערגעבען. פערגעסען, פערגעסען די פערגאַנגענהייט!

אָבער אלע ערטער זיינען געווען איבערפילט. פּאַטריאָטישע פרויען און מיידלעך, פיעלע פון זיי, ליידער, נאָר צוליעב מאָדע, זיינען זיך צונויפגעקומען פון אומעטום צו דער ארבייט פון ליעבע, צווישען א וועלט פון פיינדשאַפט און האַס. צעהן מאָל האָט מען מעלאַניע׳ן צוריקגעוויזען, אָבער זי האָט ניט נאָכגעלאָזען, ביז עס איז איהר ענדליך געלונגען. איהר ענטשלוס איז געבליבען פעסט, איהר ווילען איז געווען האַרט ווי אייזען, ווען

זי האָט געדאַרפט אויספיהרען דאָס, וואָס איהר איבערציינגונג האָט איהר דיקטירט. אין לאַנד פון פיינד זיין א דיענערין אין דער ארבייט פון ליעבע, בעסער פון אלץ אין בעלגיען, וואָס זי האָט פערעהרט מיט דעם גאַנצען פייער פון איהר האַרץ, — דאָס איז געווען איהר איינציגער וואונש.

די אַלע ביוראָס פון רויטען קרייץ און די וואַרטצימערען פון די פערשיעדענע געזעלשאַפטען, וואָס פרויען האָבען גע־גרינדעט און אָנגעפיהרט אין קעניגסבערג און בערלין, זיינען געווען פול מיט מענשען, וואָס זיינען געווען בעזעלט מיט דעמ־זעלבען וואונש, ווי מעלאַניע, און דאָך ניט דעמזעלבען... זי האָט געשטרעבט אויסצוגיסען איהר ליעבע אויף די ליידענדע און שווער בעלאָדענע, לויט דעם וואָרט פון דעם, וואָס איז געווען א פיינד פון דעם און פון יעדען קריעג!

ניט צו האַסען, נאָר צו ליעבען איז זי דאָ!

זי האָט זיך שוין געפרעגט אין פערצווייפלונג, צי עס וועט איהר געלינגען אינגאַנצען איהר פלאַן, ווען אין דער לעצטער מינוט האָט זי געפונען הילף ביי פרוי פאָן וויטגענשטיין, אן אלמנה פון א גענעראַל.

די דאַמע, וואָס האָט געקוקט אויף די הילפסאַרבייט, ווי אויף א בעשעפטיגונג, וואָס גאָט אליין האָט איהר געשיקט, האָט איהר געגעבען א בריעף צו פּראָפעסאָר ווילהעלמי, וואָס האָט גע־דאַרפט, ווי זי האָט געוואוסט, צוגרייטען אן אויסעראָרדענטלי־כען צוג פאַר בעלגיען און אָבפאָהרען אין א פּאָר טעג ארום צום פראָנט אין בעלגיען. איהם האָט מעלאַניע פאָן בערקערסבורג פערטרויט איהר וועה איבער דעם, וואָס קומט פאָר, און איהר הייסען וואונש צו דיענען די אונגליקליכסטע צווישען די אונ־גליקליכע, דאָרט אין בעלגיען, אין אַנגעזיכט פון געפאהר און טויט.

קעגען אַלע ערוואַרטונגען, האָט זי דער שטאַרק פערנומע־נער פּראָפעסאָר ווילהעלמי גלייך אויפגענומען אין קאָנסולטאַ־ציאָנסצימער אין זיין פריוואַטער וואוינונג אין בערלין אויף פאָסשטראַסע.

זי וועט קיינמאָל ניט פערגעסען יענע שעה, ווען זי איז געזעסען אַנטקעגען דעם זאָנדערבאַרען מענשען, וואָס האָט אין אזא צייט גאָר ניט געהאַט קיין פאַראורטיילען, און האָט איהם פערטרויט אלץ, וואָס האָט געדריקט איהר צוואוועהטאָגט האַרץ.

אין שטילען צימער האָט זיך געהערט דאָס רוישען און לאַרמען אויף דער נאָהנטער לייפּציגערשטראַסע, ווי אַ גערויש פון אַ שטורמיגען ים.

און דאָס צימער! שוין די איינריכטונג דאָ האָט דערצעהלט, וואָס פאַר אַ זעלענקענער ער איז, וואָס פאַר אַן ענטוזיאַסט פאַר קונסט און מענשענפריינד!

נאַציאָנאַלע אונטערשידען, פעלקערגעגענזאַצען זיינען איהם פרעמד. פאַר איהם איז נאָר דאָ איין מענשהייט, נאָר א י י ן ל י י ד ע נ ד ע מענשהייט, וועמעס קראַנקהייטען און ליידען מען דאַרף לינדערען און היילען. אויף דער וואַנט איז געהאַנגען די „אַנאַטאָמיע“ פון דעם גרויסען אַמסטערדאַמער, פון רעמ־בראַנדט, לעבען דעם ענגלישען בילד „דער דאָקטאָר“, דעם ריה־רענדען בילד, אויף וועלכען דער וויסענדער דאָקטאָר בויגט זיך איין איבער דעם פיעבערקראַנקען קינד. דאָ איז געהאַנגען דאָס ווערק פון גאַבריעל מאַקס „יעזוס היילט אַ קראַנק קינד“, פון דער בערלינער נאַציאָנאַלער גאַלעריע, לעבען אַ מייסטערבילד פון לוֹאוור, וואָס זי האָט נאָך אַמאָל מיט איהר פריינדין בעוואונדערט אין די לאַנג פערגאַנגענע טעג. און אויף דער מיטעלסטער וואַנט איז געהאַנגען „דער וויוויסעקטאָר“, אַ שטאַרקע פרויענפיגור, וואָס דריקט צו איהר ברוסט אַ הינטעל און בעשיצט עס פון דעם פיזיאָלאָג'ס מעסער. אין האַנט האַלט זי אַ וואָג, און איין שאָל מיט דעם פלאַמענדען האַרץ פון ליעבע זינקט אַראָב טיפער און טיפער, ווערענד אויף דער צווייטער שאָל ליגט, בעצירט מיט אַ לאָרבערקראַנץ, דאָס געהירן, אַ סימוואָל פון דעם קאַלטען, אויס־גערעכענטען פערשטאַנד, וואָס האָט אונטעריאָכט אויך אונזער צייט...

ער איז געווען אַן אַפּאָסטאָל פון וואַרהייט, מענשענליעבע און שעהנהייט. דאָס האָט מעלאַניע קלאָר דערפיהלט, זעהענדיג אין צימער אַ צווייטע קאָפּיע פון דעם „אַנאַטאָם“. דער אַלטער, וואָס האָט זיך איינגעבויגען איבער דעם טויטען קערפּער פון אַ יונגען מיידעל, וואָס ליגט אויפ'ן טיש מיט דער גאַנצער בלענדענ־דער שעהנקייט פון נאַקעטען יונגען קערפּער, קען זיך ניט ענט־שליסען צו בעריהרען דעם קערפּער מיט זיין מעסער, אום צו ערפאַרשען דאָס טיפסטע געהיימניס פון דער נאַטור, ווייל אום צו דערגרייכען דעם ציעל, וואָלט ער געדאַרפט איבערטרעטען איבער פערניכטונג און צושטערונג פון שעהנהייט.

טיף איבערציינגט אין זיין גוטסקייט און גרויסקייט האָט זי

אויף איהם געוואַרט. און ווען ער איז ענדליך אריינגעקומען, האָט איהר דער ערשטער בליק בעשטעטיגט, אַז זי האָט זיך אין איהם ניט אָבגענאַרט. אָט דער מענש האָט געמוזט בלייבען דערזעלבי־גער, וואָס ער איז געווען, אפילו אין דער איצטיגער שרעקליכער צייט, ווען אלץ, אלץ טרעט ארויס פון די ראַהמען פון ציוויליזאַ־ציאָן און קולטור... דער פיעלגעריהמטער קולטור, וואָס איז געווען נאָר א ביליגער גלאַנץ.

וועגען דעם האָבען קלאָר גערעדט בראַבאַנט און פלאַנדערן, דורך די רויכערענדע רואינען פון וועלכע זי איז איצט דורכגע־פאָהרען.

נאָר ער איז געבליבען דאָס, וואָס ער איז געווען, דער פעסטער מענשענפריינד, דער טיף איבערצייגטער פאציפיסט, וואָס איז געשטאַנען אין פערזענליכען פערקער מיט נאָבעל, וואָס האָט געשעצט איבער פיעלע קונסטווערק א בוך פון זוטנער, צו־ליעב דער טענדענץ פון דעם בוך. ווי זי האָט איהם געקענט פון צעהנדליגער פון זיינע ארטיקלען און פיעלע פאָפולערוויסענ־שאַפטליכע ביכער, אַזאַ איז ער געבליבען. איצט פאָהרט ער אין דער שפּיץ פון זיין אבטיילונג מיט דעם טשעמאָדאַן, וואָס ליגט איבער איהם אין דעם נעץ פאַר באַגאַזש און וואָס האַלט אין זיך שרעקליכע אינסטרומענטען. ער פאָהרט צום פלאַנדרישען פראָנט, דעם שוידערליכסטען אין דעם מערדערישסטען פון אלע קריעגען, אום צו ברענגען הילף, פערבינדען וואונדען, היילען, זאָגען א טרייסטוואָרט צו די שטאַרבענדע, צי זיי זיינען פראַנצויזען, צי ענגלענדער, צי בעלגיער, צי דייטשען... ער איז געבליבען אונפער־ענדערט, אפילו ווען מיליאָנען ארום איהם דענקען אנדערש ווי ער, אפילו ווען מיליאָנען איבער מיליאָנען שרייען זייער „קרייציג איהם, קרייציג!“ מיט דעמזעלבען פאַנאַטיזם און האָס, מיט וועלכען מען האָט דאָס געשריען מיט צוויי טויזענד יאָהר צוריק אויף די גאַסען פון ירושלים.

בראַבאַנט און פלאַנדערן!.. אהין, וואו מען ליידט, וואו מען אָפּפערט אַם מעהרסטען, אין בראַבאַנט און פלאַנדערן, וועלכע זי ליעבט אַזוי! אין איינפאַכע ווערטער, אבער מיט א ציטערענדער שטים האָט זי פאַר איהם אויפגעדעקט איהר טיפ־סטען וואונש, נאָכדעם ווי זי האָט איהם דערצעהלט די געשיכטע פון איהר הייראַט און איהרע ליידען.

און ער האָט זי ניט אונטערבראָכען אונגעדולדיג, ער האָט זיך צוגעהערט אויפמערקזאַם, ניט אויפהויבענדיג דעם קלאָרען

בליק פון זיינע אויפריכטיגע, שטאָהלגרויע אויגען. נאָר ווען זי האָט געענדיגט, האָט ער געווענדט אויף איהר זיין פארשעגדען בליק און האָט געזאָגט איינפאך:

— ווייסט איהר דען קלאָר, וואָס איהר פערלאַנגט איצט פון מיר, פרוי מאיאָר?

און זי האָט געענטפערט אין דעמזעלבען איינפאכען טאָן:

— יע, איך ווייס דאָס, הערר פּראָפעסאָר.

צוערשט האָט ער געשאָקעלט מיט'ן קאָפּ און ערווידערט:

— ניין, איהר ווייסט דאָס ניט! אין מיין קליניק האָב איך געהאט צעהנדליגער פאלען, ווען אפילו געאיבטע אַלטע קראַנקענוואַרטערינען האָבען ניט געקענט אויסהאלטען ביי געוויסע אָפּעראַציאָנען, פרוי מאיאָר!

— דאָס קען איך זיך לייכט פארשטעלען, הערר פּראָפעסאָר.

— דאָס קריעגסלאַזאַרעט האָרט לעבען פראָנט איז ניט קיין קליניק, פרוי מאיאָר. איך אליין ווייס נאָך ניט, וואָס מיר שטעהט פאָר, איך ווייס נאָך ניט, צי איך וועל קענען זיך פערלאָזען אויף מיינע נערוועז, ווען דאָס דונערען פון קאַנאָנען וועט זיך דערהערען אין דער ווייט, און די גראַנאַטען און שראַפּנעלען וועלען פליהען איבער דעם דאך מיט דער פאהן פון רויטען קרייץ.

— אייערע נערוועז וועלען דאָס אויסהאלטען, הערר פּראָפעסאָר, — האָט זי מיט זיכערהייט געזאָגט.

ער בעשטעטיגט מיט א שמייכעל:

— איך האָף, אז יע, פרוי מאיאָר. אָבער איהר, א דאַמע פון געזעלשאַפט!

זי האָט אראָבגעלאָזען די אויגען, אָבער איהר שטים האָט געקלונגען פעסט און זיכער:

— איך וועל אַלץ איבערקומען, הערר פּראָפעסאָר, איך וועל אַלץ איבערקומען, ווייל איך וויל און ווייל איך מוז, ווייל איך ליעב פלאַנדערן און בראַבאַנט, און ווייל איך וויל דאָרט העלפען.

ער האָט געהאט נאך איין איינוועגדונג.

— ביי דער מאָדערנער קריעגספיהרונג, מיין ליעבע פרוי מאיאָר, קען גאַנץ מעגליך זיין, אז דער וואָגען פון רויטען קרייץ זאָל מיר אין איין איינציגער שטונדע ברענגען הונדערטער שווערפערוואונדעטע אין אָפּעראַציאָנסצימער. וועט איהר קענען פערטראָגען די געשרייען פון אָט די הונדערטער, וועט פאר אייך זיין מעגליך אָבצוטיילען קאַלטבלוטיג די אָפּעריר־באַרע פון די שטאַרבענדע, וועמען איך קען שוין מעהר ניט העלפען?

איך וועל דאָס קענען, הערר פּראָפעסאָר.

— עס קען נאָך טרעפען, אז איך זאָל זיין געצוואונגען צו אפּערירען אָהן כלאראָפאָרם. עס קען טרעפען, אז די צאָהל פון אָפּעראציאָנען, וואָס מוזען באַלד אויסגעפיהרט ווערען, וועט ערשעפּען די נארקאָטישע מיטלען פיעל שנעלער ווי מען האָט געקענט ערווארטען ; עס קען טרעפען, אז מען וועט ניט קענען אזוי שנעל צושטעלען נייעם שטאָף, און מיר וועט אויסקומען צו שניידען א לעבעדיגען קערפּער ביי דעם פולען בעוואוסטזיין פון דעם ליידענדען. וועט איהר דאָס קענען פערטראָגען, פרוי מאיאָר?

— איך וועל אייך קוקען אין געזיכט, העדר פּראָפעסאָר, און איך וועל וויסען, אז איהר מאטערט, אום צו העלפען. און ווען איך וועל דאָס וויסען, דאַן וועל איך דאָס קענען פערטראָגען, אזוי לאנג ווי איהר וועט דאָס פערטראָגען, העדר פּראָפעסאָר, ווייל איך וויל העלפען, און ווייל איך מוז דאָס פערטראָגען!

— נו, גוט, — האָט ער געזאָגט, זיך אויפהויבענדיג פון אָרט. — אויף ווידערזעהן, פרוי מאיאָר. קומט היינט נאָכמיטאָג אין מיין קליניק אויף צעסעלשטראָסע און בעט די הויפּטאויפזעהערין ארויסצוגעבען אייך קליידער פון א שוועסטער פון רויטען קרייץ. איך גיב אייך מיט א פּאָר ווערטער צו איהר, דאָס וועט זיין גענוג.

ער איז שוין געשטאנען ביים טיר. ער האָט איהר אָבגעגעבען אזוי פיעל פון זיין טייערער צייט, כאָטש נאָך צעהנדליגער האָבען געוואַרט, אום מיט איהם צו רעדען.

— איך דאנק אייך, העדר פּראָפעסאָר.

— און מאָרגען האַלב נאָך אַכט אזייגער אין דער פריה פאהר איך אָב מיט מיין אבטיילונג פון פאטסדאמער וואקזאל.

— האַלב נאָך אַכט אין דער פריה, העדר פּראָפעסאָר. — זי גיט איהם די האנט, וועלכע ער דריקט זעהר פריינדליך.

פון יענעם טאָג אן הייסט זי שוועסטער אירענא, און איצט פאָהרט זי אין איין צוג מיט איהם צום פראָנט אין בראַבאַנט און פלאַנדערן, וואו זי האָפט צו בעוויזען, אז זי איז ווערט צו זיין מיט איהם.

III.

בריסעל, שטאָדט פון עלעגאנץ, פון גלאנץ און צויבער און פרייד, אין וועלכען די רוהע איז אזוי אנגענעהם געווען, צווייטער פאריז, ווי עהנליך די ביזט דאָס איצט צו א קריעגסלאַגער! — האָט געקלערט שוועסטער אירענא, ארויסגעהענדיג מיט פּראָפע־

סאר ווילהעלמי פון דעם וואקזאל און געהענדיג איבער דעם גרויסען בולוואר צו דער בערזע.

שווארץ־ווייסע און שווארץ־ווייס־רויטע פאָהנען אין דער לופטען, אומעטום קאסקען אין גרויען איבערצוג, מיליטערישע מוזיק מיט פויקען און טראָמפּייטען פון די ארויסמארשירענדע אבטיילונגען.

פערלאָרען אין געדאנקען געהט שוועסטער אירענא ביי דער זייט פון פראָפעסאר ווילהעלמי אויף די טראָטוארען פון דער אמאָל בעלעבטער, פרעהליכער שטאָדט, וואו מענשען האָבען שפּאצירט און אָנגעפילט די גאסען מיט הילכיגען געלעכטער. די מעהרסטע קראָמען זיינען געשלאָסען, לער זיינען די קאפעס, וועמעס טישלעך פלעגען אמאָל אין די אווענדען פערנעמען דעם גאנצען טראטואר ביז צום ברוק, פאר דער בערזע זעהט מען שוין ניט קיין הערדען אין צילינדרען, וואָס פלעגען דעבאטירען וועגען דעם צושטאנד פון קורס און פון וועלטמארק, ווייל פאר די לעצטע מאָנאטען איז שוין פאר בעלגיען און איהר הויפּטשטאָדט מעהר ניטאָ קיין וועלטמארק.

דער קעניג און זיין ארמיי האָבען זיך גערעטעט פון דער פעסטונג פון אנטווערפען. איצט קעמפען זיי זייט ביי זייט מיט די פראנצויזען און ענגלענדער אויף דעם ים ברעג ביי איפּר און אויף דעם איזער.

די פרעמדע זיינען איצט די הארען פון דער שטאָדט!

טראָמפּייטען און פויקען... די וואך געהט צום שטאָדטהויז אויף גראנד פּלאס, צום פּאלאץ פון דעם פערטריבענעם קעניג, צום הערליכען פרעכטיגען פּאלאץ פון גערעכטיגקייט, וואָס בעהערשט די שטאָדט.

גערעכטיגקייט!... דאָס וואָרט קלינגט פיינליך אָב אין שוועסטער אירענא'ס זעל, ווען זי קוקט נאָך דער וואך, וואָס געהט ארויף די טעראסע צו דעם מייסטערווערק פון ארכיטעקטור, וואָס די גאנצע וועלט האָט בעוואונדערט.

קאנאָנען קוקען אויף איהר אראָב פון דער טעראסע. זיי זייגען אָנגעשטעלט אויף די שטאָדט און אויף די ווייטע עבענע פון בראבאנט, וואָס איז אמאָל געווען אזא לאַכענדיגע. די קאנאָנען שווייגען, זיינען אָבער גרייט צו שיסען.

ביי דעם געדאנק ציטערט אויף שוועסטער אירענא ווי פון קעלט, זי זאָגט אָבער ניט קיין וואָרט. זי וואָגט ניט צו פערטרויען איהרע געדאנקען דעם גרויסען בערלינער קליניקער, וואָס געהט ביי איהר זייט אויך א שווייגענדער, זעהענדיג פאר זיך דאָס טרויעריגע בילד פון פערוויסטונג.

געטער פון ראַכע איבער בריסעל... ווי אמאָל איבער ראָזעי, איבער אַסטפּרייסען... אומעטום דאָס זעלבע בלוטפערגליווערענדע בילד.

די דייטשע וואך פאר דעם פּאַלעי דע זשוסטיס, דעם פּאַלאַץ פון גערעכטיגקייט!

אן איינפאכער אינפאַנטעריסט אין בייערישער אוניפאָרם, א בראַווער און עהרליכער יונג פון פּאַסענהאָפען, וואָס האָט קיין אהנונג ניט, וואו אייגענטליך ער איז, און פארוואָס ער שטעהט דאָ.

ער ווייס אפילו ניט, אז די קעניגין פון אָט דעם לאנד איז א בייערישע פּרינצעסין, וועלכער ער דארף אָבגעבען קעניגליכע עהרע, נאָך די רעגלען פון זיין ארמיי. ווען ער האָט דערזעהן די דאַמע אין קליידער פון א שוועסטער פון רויטען קרייץ און דעם העררן אין צילינדער און עלעגאַנטען פּאַלטאָ, וואָס איז געווים אן ארצט, צוגיסט זיך איבער זיין געזיכט א ברייטער שמייכעל. ער וויל גאָרניט נאָכדענקען, דער גוטער יונג פון פּאַסענהאָפען, קריעג איז קריעג, מען געהט, וואוהין מען שיקט, אין בריסעל צי אין פראַנקרייך, אין גאַליציען צי אין פּוילען.

ווילהעלמי נעמט ארויס זיין פּארטסיגאַר און גיט איהם א האַוואַנאַ. דער יונג דענקט א ווײַלע נאָך. ער דערמאָנט זיך אן דער אינסטרוקציאָן, וואָס ער האָט בעקומען אין מינכען, אויף'ן מאַרספּעלד, אז א סאָלדאַט אויף ו:אַך דאַרף מיט קיינעם ניט רעדען און פון קיינעם קיין זאַך ניט נעמען. אָבער דאָ אין בריסעל, אויף דיענסט אין פעלד איז גאָר אן אנדער זאַך, און ניט קוקענ־ דיג אויף דעם, וואָס די דייטשע ציייטונגען זיינען פול מיט בע־ שרייבונגען וועגען פיעלע ליעבעסגאָבען, מיט וועלכע מען בעשיט די סאָלדאַטען, בעקומט דאָ זעלטען ווער א ציגאַר. און וואָס זיינען א פּאָר הונדערט טויזענד ציגאַרען, ווען מיליאָנען מענשען שטעהען אין פעלד, און אלע ווילען רויכערען? ווען קען שוין דאָ אָנקומען א ציגאַר צו א סאָלדאַט?

און אויסרופענדיג מיט אויפריכטיגער דאַנקבאַרקייט: „זאָל אייך גאָט דערפאַר בעלוינען טויזענד מאָל!“ בעהאַלט דער פּאַסענהאָפענער יונג די ציגאַר אין זיין מונדיר, און מיט'ן ביקס אויפ'ן אקסעל פּאַטרולירט ער ווידער די הערליכע טעראַסע פאַר דעם פּאַלאַץ פון גערעכטיגקייט, וואוהין ער איז אויף אזא אונ־ פערשטענדליכען אופן אָנגעקומען.

שוועסטער אירענאַ און ווילהעלמי קומען ארויף אויף די טעראַסע. די זון שיינט העל אין בלויען הימעל. בריסעל, די אונ־

פערגלייכליכע שטאָדט, ליגט ביי איהרע פיס, בעציערט מיט די פאָהנען פון די עראָבערער.

דער קעניג און זיין פרוי, א שוועגערין פון דעם לאָטרינגער זיעגער, זיינען פערטריבען, זייער פאלק איז פעראורטיילט צו ליידען נויט און פערצווייפלונג, און די ארמיי קעמפט ווי לייבען ביז דעם לעצטען מאן, זיי קעמפען און פאלען... דאָרט, אויף די געלע וואסערען פון איזער, וואו דער אטלאנטישער אָקעאן ווארט אויף זיינע אָפּפער.

שוועסטער אירענא'ס אויגען וואנדערען איבער דעם אונגעהויערען בילד פון דער גרויסער שטאָדט. דער אונענדליכער ים פון הייזער, וואָס שפּרייט זיך ביי איהרע פיס, איז ניט לאַנג צוריק געוועזן א צענטער פון לעבען, פול עלעגאנץ און גלאנץ און פרעהליכקייט, מיט וועלכען קיין שטאָדט אין אייראָפּא האָט זיך ניט געקענט פערגלייכען, אויסער פאריז. און איצט?...

זי לעגט די האַנט אויף די באַלוסטראדע, קראַמפּט איין די פינגער אין קאלטען שטיין, אום זיך אָנצוהאלטען.

בריסעל, בריסעל, די איינציגע שטאָדט פון בעלגיען, וואָס איז געפאלען אָהן איין שאָס, די אנדערע האָבען זיך געוועהרט, ווי לייבען, און דערפאר האָט מען זיי פערוואנדעלט אין שטויב און אש.

ווילהעלמי שיינט צו פיהלען, וואָס אין איהר קומט פאָר. ער געהט צו איהר צו.

— טרערען? איהר ווייגט שוין?

— האָט דאָס ג ע מ ו ז ט אזוי זיין?

— מען זאגט, אז דאָס האָט אזוי געמוזט זיין, און די, וואָס זאָגען דאָס, דארפען דאָך וויסען.

—איהר דענקט אזוי, העררר פּראָפעסאר?

— איך האָב דאָ קיין מיינונג ניט, גנעדיגע פרוי.

— אויב איהר האָט וועגען דעם קיין מיינונג ניט, ווער דען זאָל אַזאַ מיינונג האָבען?

— קיינער האָט ניט קיין מיינונג אין די איצטיגע טעג.

— קיינער ניט... איהר זייט גערעכט... קיינער ניט!

אויף איהר געזיכט בעווייזט זיך א שמייכעל פון מיטלייד, כמעט פון פעראכטונג. ווילהעלמי בעמערקט דאָס.

— איהר שמייכעלט?

— די מענער, העררר פּראָפעסאר, די העלדען!

— לעכערליך? די העלדען?

— די, וואָס האַלטען זיך פאר העלדען און זיינען נאָר קנעכט.

— וואס מיינט איהר: „קנעכט“?

— קנעכט פון א י י ן מיינונג, וואס מען האט אויף זיי ארויפגעצוואונגען!

— אין דעם זיין איהר אפשר גערעכט, גנעדיגע פרוי.

לאנג האבען שוועסטער אירענא'ס פערטרערטע אויגען זיך ניט געקענט אבצרייסען פון דעם ים פון הייזער פון דער געפאלע־נער שטאדט. ענדליך נעמט זי אן די האנט פון פראפעסאר, אזוי ווי דאס וואלט געווען זעלבסטפערשטענדליך אדער ווי זי וואלט געזוכט א שטיצע, און זאגט:

— לאמיר אראבגעהן צוריק, הערר פראפעסאר, דא, דוכט מיר, האבען מיר שוין אלץ געזעהן.

— ווי איהר ווילט, גנעדיגע פרוי.

ווען זיי קומען צוריק צום בולוואר, וואס איז אמאל געווען אזוי בעלעבט, זאגט זי ווידער:

— ווייסט איהר, ווער עס שטעהט פאר מיינע אויגען?

— ווער?

— געטהע.

— געטהע? פארוואס געטהע?

— ווייל ער האט איינגעשריבען בריסעל און זיין געשיכטע אין דאס אייביגע בוך פון דיכטונג.

— ריכטיג, איך האב היינט וועגען דעם ניט געקלערט גאר.

— אבער איך הער וועגען דעם ניט אויף צו קלערען... אלבא'ס סאלדאטען, וואס האבען אין אט די גאסען מארשירט מיט פינסטערע געזיכטער, איידער די שעה פון בעפרייאונג האט געשלאגען פאר די נידערלאנדען. איך דערמאן זיך אן געטהע'ס עגמאנט און אן קלערכען, וואס האט בעשלאסען צו שטעלען זיך אין דער שפיץ פון א גרופע בירגער, אום איהם צו בעפרייען פון געפענגניס... א, קלערכען, ווען דו וואלסט געווען א מאן, וואלטען מיר דיך דא איצט דערזעהן די ערשטע און וואלטען דיר געהאט צו פערדאנקען דאס, פאר וואס עס איז אזוי שווער צו זיין דאנק־באר צו א קעניג, — פ ר י י ה י י ט!

— פ ר י י ה י י ט! איהר פאנטאזירט, גנעדיגע פרוי. פרייהייט אין די איצטיגע טעג פון גוואלדטהאטען, ווען נאר מערזער רעדען!

— ערלויבט מיר צו פאנטאזירען, הערר פראפעסאר, ווי מאריא סטוארט אין גארטען פון פארטערינגגי. דער גלויבען פון עגמאנט וועט פאר מיר זיין אין בריסעל די איינציגע טרייסט, דער גלויבען, מיט וועלכען ער איז געגאנגען אויף'ן עשאפאט... איך וויל אויך געהן אויף'ן וועג צו אן עהרענהאפטען טויט, איך

וויל אויך שטארבען פאר פרייהייט, פאר וועלכע איך האָב געלעבט און געקעמפט, און פאר וועלכע איך וויל איצט ליידען. בריסעל און עגמאנט און בעטהאָווען, וואָס האָט געשאַפען די פרייהייטס מוזיק צו געטהע׳ס ווערק, זיי אלע זיינען געוואָרען פאר מיר בעגריפען, וואָס מען קען ניט אבטיילען איינעם פון דעם אנדערען.

— און איך האָב גאר וועגען דעם ניט געקלערט, כאָטש מיר טהוט אזוי וועה פאר די שעהנע שטאָדט. אָבער איהר זייט גערעכט. היילינ ווערט פאר אונז א זאַך, א מענש, אן אָרט ערשט דורך דעם אויסערוועהלטען פון דער מענשהייט. און דאָס, וואָס ווערט געהייליגט דורך אזא מענשען, דארף בלייבען אויף אייביג אונבעריהרבאר, ווייל דאָס ווערט אן אידאָל פאר דער מענשהייט. איהר זייט גערעכט! ערשט איצט, ווען איהר האָט אויף דעם געווענדט מיין אויפמערקזאמקייט, פיהל איך דעם אמת׳ען קוואל פון מיין טיפען וועה. פון דעם מאָמענט פון דער ערשטער אויפפיהרונג פון „עגמאָנט“ האָבען בריסעל און געטהע גדארפט ווערען בעגריפען, וואָס מען קען ניט אָבטיילען. ווי גערעכט איהר זייט!

שוועסטער אירענא שווייגט און קלערט, ווי גליקליך, ווי איבערגליקליך זי איז, וואָס דער, וואָס געהט דאָ מיט איהר, און וועמען זי וויל אבגעבען אלע איהרע קרעפטען צו העלפען די ליידענדע, דענקט און פיהלט דאָסזעלבע, וואָס זי.

לאנג האָבען זיי געשוויגען. נאָר ווען זיי זיינען געקומען צום קעניגליכען פאלאץ, איבער וועלכען א שווארץ־ווייס־רויטע פאָהן האָט איצט געוועהט, האָט שוועסטער אירענא ווידער גערעדט:

— זינט ווען איז דאָס עגמאָנט געוואָרען אזוי איינזאם? וואו איז די גערעכטינקייט פון קעניג, אין וועלכע ער האָט זיין גאנצען לעבען געגלויבט? די פריינדשאפט פון דער רעגענטין, וואָס, מען מוז דאָך דאָס אָנערקענען, איז געווען כמעט ליעבע? זיינען זיי מיט אמאָל פערשוואונדען, ווי א גלאנצענדע פייערבילד אין דער נאכט, און האָבען איהם איבערגעלאָזען אליין אויף דעם פינסטערען וועג? ניין, דאָס פאָלק, צו וועמען עס האָט געברענט אזא פייער פון ליעבע אין זיין הארץ, וועט שטראָמען אין די טויזענדער צו זיין רעטונג, די טויערען וועלען ווערען אויפגעפראלט, די גראטען וועלען צושפרינגען, די געמויערטע ווענט וועלען איינפאלען אונטער זייערע הענט, און מיט פרייד וועט עגמאָנט ארויסקומען אנטקעגען דער אויפגעהענדער זון!...

א פיבערישע רויטקייט בעווייזט זיך אויף איהרע באקען פון בעגייסטערונג. זי דריקט דעם פּראָפעסאר די האנט.

— ניין, בריסעל דארף ניט אונטערגעהן! ער מוז צוריק בעקומען זיין פרייהייט, *שוין דערפאר אליין, וואָס געטהע האָט איהם געהייליגט!*

טרויעריג שאָקעלט ווילהעלמי זיין קאָפּ.

— איך בין א נאטורפארשער און מאטעריאליסט, מיין ליעבע, גנעדיגע פרוי, — זאָגט ער נאָך א לאנגען נאָכדענקען, — און דעריבער... דער גאנג פון דער וועלט געשיכטע, דאָס שיקזאל פון פעלקער, דאָס ווייס איך ניט... בריסעל'ס צוקונפט ווייס איך אויך ניט... די אלטע האָבען אמאָל געהאט א שעהנעם אויסוועג, *די מאָירא,* גנעדיגע פרוי... טראָיא און קארטהאגא זיינען געפאלען, רוים און ביזאַנטיום...

— *רוים איז איביג!*

— ווי איהר ווילט דאָס פערשטעהן... אין א געוויסען זין, מוז אלץ, וואָס וועט בלייבען אונשטערבליך אין געזאנג, אין לעבען אונטערגעהן. אזא טרייסטוואָרט האָט אונז אויך געלאָזען איין גרויסער דיכטער.

אירענא שווייגט. ווילהעלמי בלייבט שטעהן און שאָקעלט זיין שעהנעם, ערנסטען קאָפּ פון א געלעהרטען.

— וואָס איז אמת? האָט געפרעגט פּילאטוס. איך פרעג אייך: וואָס איז איביג? וואָס איז איביג אין דעם גאנג פון דער וועלטגעשיכטע?

IV.

ביז בריסעל איז די רייזע אין דעם שנעלצוג, וואָס האָט געפיהרט ווילהעלמי'ס שטאָב, אָבגעגאנגען גלאַט. אָבער אין דער עראָבערטער הויפּטשטאָדט פון דעם געוועזענעם זעלבסטשטענדיגען און נייטראלען לאנד, זיינען שוין פאָרגעקומען שטערונגען. די אונגעהויערע טראנספּאָרטען פון מיליטער, וואָס מען האָט ווידער געדארפט אריבערווארפען פון אָסט נאָך וועסט, האָבען אָבגעהאלטען ווילהעלמי'ס צוג אין בריסעל. די מיליטערישע פערוואלטונג האָט געפונען פאר נויטיג צו ברענגען נייעם מאַטעריאל פאר די טראנשעען. און דעריבער האָבען די פערוואונדעטע געמוזט ווארטען, ביז די הילף וועט צו זיי קענען קומען, און די טויטע — ביז מען וועט פאר זיי אויסגראָבען זייער גרוב.

פּראָפעסאָר ווילהעלמי איז שוין געוועזען ביים מיליטערישען און ציווילען גובערנאטאר בעטען, מען זאל זיין צוג דורכלאָזען

וואס שנעלער. אבער קוים איז דער צוג אבגעפאהרען עטליכע קילאמעטער, האט מען איהם יעדעס מאל ווידער געמוזט אב־שטעלען, אום דורכצולאזען די וואגאנען מיט נייעם, נאר וואס איינגעאיבטען מענשען־מאטעריאל, אויף וועלכען עס האבען אזוי גיעריג געווארט די וועלען פון אטלאנטישען אקעאן, די קא־נאנען פון די ענגלישע פאנצערשיפען און די גראנאטען פון דער פראנצויזישער און בעלגישער ארטילעריע.

שוועסטער אירענא האט נאך אלץ געהאפט, אז זי וועט ניט דארפען זעהן און הערען די אלע שרעקען, וואס האבען זי אזוי געמאטערט אין פערלויף פון די לעצטע עטליכע וואכען. אבער דער צוג האט זיך אלץ געמוזט אבשטעלען, און מען האט געמוזט ארויסגעהן פון וואגאן.

אויף די שטילע וואסערען פון דיל איז אמאל געלעגען א שטאדט, פריינדליך, ווי קיין אנדער שטאדט אין בראבאנטישען לאנד, געלעהרט און בעריהמט און געהייליגט פון דער געשיכטע פון יאהרהונדערטער. זי איז געווען די ציערונג פון זיך ברא־באנט... געווען! אין די טרוימענדע, פון אולמען בעשאטענטע קאנאלען האבען זיך אבגעשפיגעלט די גיבעלדעכער פון דער שטאדט. זיי האבען דערצעהלט פון פערגאנגענע טעג, ווען דער הויפט פון שטאדט פלעגט געהן אין שטאדטהויז אנגעטאן אין סאמעטגעוואנט מיט זוימען פון הערמעלין פעלץ, אום דארט צו פערוואלטען, צוזאמען מיט די אנדערע פון זיין שטאנד, די געשעפטען פון זיין לואווען.

געלעהרטע פראפעסארען פלעגען דא אמאל דיספוטירען אין די גרויסע זאלען, אין דעם שאטען פון דער אלטער גאס, און לעזען די פראגען פון דעם אנהויב און דעם סוף פון דער וועלט. ווייל לואווען'ס אוניווערסיטעט האט זיך געקענט פערגלייכען מיט באלאניא און פאדוא און איז געווען דער ערשטער אנ־שטאלט פון געלעהרטע, ווען דער קריעג פון לואי דעם פער־צעהנטען האט געבראכט פערוויסטונג אין דייטשלאנד. פיעלע טויזענדער פארמעטראלען און ביכער האבען די געלעהרטע הערען דא געזאמעלט אין דער געביידע פון דער ביבליאטעק און נאך פיעל פריהער פון די צייטען פון לואי דעם פערצעהנטען איז לואווענ'ער אוניווערסיטעט געווען בעריהמט, באלד נאך לוטער'ס אויפטרעטען איז די הויכשול שוין געווארען אנערקענט פאר די ערשטע אין גאנץ אייראפא.

די שטאדט, וואס איז איצט אויף אייביג פערוואנדעלט געווארען אין רואינען, האט געהאט הינטער זיך א געשיכטע פון

טויזענד יאהר. זי איז געווען גרויס און בעריהמט דאן, ווען אין דעם וואלד פון שפריי, וואו בערלין שטעהט איצט, זיינען נאך געווען עלענדע פישערדערפלעך, וועגען וועלכע די געשיכטע דערמאנט ניט קיין ווארט.

אין פערצעהנטען יאהרהונדערט איז די שטאדט געווען די וויעג פון די גראפען פון בראבאנט. דאן איז געווען די צייט פון איהר העכסטער בליהונג. דער פלייס פון די נידערלענדער פער־באנדען פון האנדווערקער, האט זי דאן דערהויבען צו דעם, וואס זי איז אין פערלויף פון צעהנדליגער און הונדערטער יאהרען געווען פאר די נידערלאנדען, פאר אייראפא און פאר דער וועלט: לואווען, דאס קעסטעל פאר קונסטזאכען, די ציערליכע, די ריינע, דער אבגאט פון קונסט, וואס האט נאר אונטער אט דעם הימעל געקענט בליהען, וואו די פארבען פון רובענס און רעמבראנדט, וואן דיק און יאקאב מאריס האבען נאר געקענט געבארען ווערען פון דער צונויפגיסונג פון דעם אקעאן'ס קאליר און ליכט מיט דעם ליכט און קאליר פון דער ברייטער גרינער עבענע.

אליין און איינזאם האט שוועסטער אירענא געוואנדערט איבער די רואינען פון דער שטאדט, אהן דעם טרייסטער וויל־העלמי. זי האט זיך פארגעשטעלט דאס שרעקליכע בילד, אבער זי האט ניט געהאט קיין אהנונג וועגען דעם, ווי שוידערליך דאס וועט זיין אין דער ווירקליכקייט.

מויערן שווארצע פון רויך, שטויב, אש, רואינען, וואוהין נאר זי ווענדט איהר בליק. וואס פאר א בעטרעף האט דאס, וואס אין דער לעצטער מינוט האט זיך דא עמיצער בעדענקט און האט געראטעוועט פון פייער דאס גרויסע ווערק פון גאטישער בוי־קונסט, דאס שטאדט־הויז! וואס פאר א בעטרעף האט דאס! דאס גרויסע קונסטווערק, וואס איז אמאל געווען דער מיטעל־פונקט פון פלאץ געבויט אין גייסט פון מיטעלאלטער, שטעהט דאך איצט אינמיטען א הויפען רואינען, איז עס דען ניט נאך טראגישער אין זיין צום הימעל שרייענדער שעהנקייט. יוי ווען ס'וואלט אין גאנצען פערשוואונדען פון מיט דער בלוט געפארב־טער ערד? ליגען דען ניט לואווענ'ער אוניווערסיטעט און ביב־ליאטעק אין רואינען, אין שטויב? קוקען דען ניט ארויס די שווארצע ריסען אין די קאלאנען פון סעינט פעטער, ריסען, וואס די דייטשע באמבען האבען געמאכט?

מיט פערטערטע אויגען שטעהט שוועסטער אירענא פאר דעם שטאדט הויז. פערוויסטונג, רואינען, אש איז אומעטום, וואוהין נאר איהר אויג קען דערגרייכען. און זי איז דאך נאך ניט

געוועזן קיין צושויערין פון יענער נאכט פון שרעקען, ווען מיספערשטענדנים און וואהנזין האבען דא פעראורזאכט עפעס אונבעגרייפליכעס, ווען סאלדאטען האבען געשאסען אויף סאלדאטען און בירגער אויף בירגער, ביז א ים פון פייער האט בעדעקט לוואווען, די אונפערגלייכליך שעהנע שטאדט, ביז די דייטשע באמבען האבען אין עטליכע שעה צושטערט דאס, וואס דייטשע קונסט האט פלייסיג און מיט עהרפורכט לאנגזאם געבויט אין פערלויף פון יאהרהונדערטער.

רואינען, א הויפען רואינען איז אלץ, וואס הונדערטער יאהרען פון קולטור, פון פלייסיגער, געדולדיגער ארבייט פון בירגער האבען געשאפען, דאס געפיהל פון בירגערליכער רוה, פריעדען, בעקוועמליכקייט, וואוילזיין און זיכערקייט! און אט די רואינען זיינען נאך ניט דאס ערגסטע. רואינען זיינען אויך אונזערע בעגריפען פון רעכט און גערעכטיגקייט. קריעג און — גערעכטיגקייט! אין קריעג איז „גערעכט" דער שטארקערער, וואס איז מעהר בעוואפענט און האלט זיך דעריבער פאר בערעכטיגט צו טריאומפירען איבער דעם שוואכערען. און ווען דער שוואכערער מאכט נאר א פערזוך צו פערטיידיגען זיך, ערקלערט מען זיינע פערטיידיגונגס מיטלען פאר אונגעזעצליך און מען בעשטראפט שווער דעם שולדיגען!

קריעג און גערעכטיגקייט! שליסען דען די צוויי בעגריפען ניט אויס איינער דעם אנדערען, ווען דער רייכסקאנצלער אין בערלין האט געקענט ערקלערען, ניט נאכדענקענדיג פיעל, אז צוועקמעסיגקייט, אז א נויטווענדיגקייט וויים ניט פון קיין געזעץ? עקזיסטירט דען איבערהויפט גערעכטיגקייט אויף דער ערד, און ווער איז דא גערעכט און ווער אונגערעכט?

קען זי אורטיילען? ז י, וואס איז געקומען אהער, א שוועסטער פון רויטען קרייץ, צו העלפען יעדען איינעם, פריינד צו פיינד, ווער עס נויטיגט זיך נאר אין הילף?

„אורטיילט ניט אום מען זאל אייך ניט אורטיילען", — דערמאנט זיך איהר פלוצלונג. זי נעמט ארויס איהר טאשענטיכעל און ווישט אב די טרערען, וואס פליסען איבער איהרע פלאמענדע באקען. אבער די געדאנקען קוועלען זי ווייטער. וואס איז געוועזן אלץ, וואס זי האט געזעהן אויף איהר שרעקליכען וועג דורך ווערוויע, ליעזש און בריסעל, אין פערגלייך מיט דעם וואס שטעהט דא איצט פאר איהר!

דא ליגט אן אפפער, אן אונשולדיג ערמארדעטער אפפער פון חעכסטער שעהנהייט און העכסטער קונסט. דא ליגט לוואווען.

איהר לאוועז מיט זיין טויזענדיאהריגער געשיכטע. די שטאדט אויף די ברעגעז פון דיל, וואס איז געווען בעדעקט מיט גאר־טענס, די שטאדט פון אינערליכער גרויסקייט און גייסטיגער הויכקייט, לאוועז, לאוועז...

ווי א וועה געשריי קלינגט אב דער נאמען, דער אונפער־געסליכער, דער איצט ווי טראיא אונשטערבליך געווארענער נאמען, אין דער ברוסט פון דער שוועסטער.

איין נאכט, איין איינציגע, פון דעם זאר פון גיהנם גע־שאפענע נאכט, ווען די מענשען זיינען פערוואנדעלט געווארען אין וועלף פון די סטעפען. זיי האבען זיך איינער אויף דעם אנ־דערען ארויפגעווארפען אין וואוט און פערצווייפלונג, ביז דער רויטער האהן איז געזעסען אויף דעם שלאנקען גיבעלדאך פון סעינט פעטער, ביז די פלאמען האבען ארומגענומען די היילינגע הערליכע גאטישע זיילען און די אלטע פארמענטען, ביז דער שארפער שרעקליכער וועה געשריי האט אויפגעטרייסעלט די וועלט פון איין פאל ביז דעם צווייטען: לאוועז, די ליעבליכע שטאדט, ברענט, לאוועז, די ליעבליכע שטאדט, ווערט צו־שטערט, זי איז שוין מעהר ניט אויף דער וועלט, אויסער אין דעם גאלדענעם בוך פון דער געשיכטע! אין דעם בוך פון גע־שיכטע א זייט, בעציערט מיט דעם שעהנסטען פון מיטעלאל־טער, געמאהלען אין גאלד און בלוי אויף די פארמענטען פון דעם זילבערנעם קאדעקס אין אופסאלא, פון דער ליעדערהאנד־שריפט אין היידעלבערג אויף די ברעגען פון נעקאר!

לאוועז!

איז נאך דא רעכט און גערעכטיגקייט אויף דער וועלט, נאכ־דעם ווי דייטשע הענט האבען צושטערט לאוועז אויף די ברעגען פון דיל? איז נאך דא אויף דער וועלט גערעכטיגקייט?

שוועסטער אירענא ווארפט צוריק איהר שטאלצען קאפ. דאס מאל ג ע פ י נ ט ז י דעם ענטפער, די ענטשיידונג. דאס מאל שאקעלט זי איהר קאפ.

ניין, אזא זאך איז מעהר ניטא, קען מעהר ניט זיין, נאכ־דעם ווי די ליעבליכע שטאדט לאוועז איז געזונקען אין אש און רואינען!

V

דאס פעלדלאזארעט איז איינגעריכטעט. עס געפינט זיך האַרט לעבען פראנט, דאָרט וואו די ברייטע גרינע, פון קאנאלען דורכגעקרייצטע עבענע פון פלאנדערן קומט זיך צונויף מיט

דעם געלען זאמד פון די דינען, וואס ציהען זיך מיט אזא בענקשאפט צום ים.

ארום איפר אוןביים איזער־איבערגאנג געהט נאך אלץ אן דער קאמף. אן אייזערנער ווילען האט דארט אויפגעשטעלט א וואנט פון סאלדאטען, ענטשלאסען צו מאכען דאס אונמעגליכע מעגליך און אויסשטרעקען זיין אייזערנעם פויסט פון קאלעי איבער דעם קאנאל.

די קאנאנען דונערען ביי איפר, און דאס קראכען דערטראגט זיך צו דעם קאם פון דינען, וואו דאס לאנגע איינשטאקיגע לאזארעט איז אויפגעשטעלט. דורך די פיעלע איינזאמע שטונדען פון טאג און נאכט, וואס שוועסטער אירענא מוז פערברענגען דא אין לאזארעט, הערט זי זיך צו צו דער שיסעריי. זי האט נאך צייט, ביז די קראנקע וועלען אהער קומען. זי פערענדיגט דעריבער איהר טאגבוך פון דער בעלגישער רייזע, א שרעקליכע אנקלאגע, וואס זי וועט שליידערען א דעגענערירטען גאטלאזען יאהרהונדערט אין דאס בלייכע געזיכט.

זי האט שוין פיעל, פיעל זייטען פון בוך בעדעקט מיט די דיינע און רעגעלמעסיגע בוכשטאבען פון איהר אויסגעצייכענטער האנדשריפט, און אין די פעסטע ליניען קען מען גאר ניט מערקען די טיפע אויפרעגונג פון דער שרייבערין. אזוי זיצט זי איצט און שרייבט, און גאר נאהנט פון איהר, אויף די ברעגען פון דעם געלען איזער דונערען די קאנאנען.

גאנצע מאנאטען דויערט שוין די שיסעריי, געהט שוין אן די שלאכט אין פלאנדערן, און מען זעהט נאך אלץ קיין סוף ניט. ווי ווילדע טיערען האבען זיך די געגנער ארויפגעווארפען איינער אויף דעם אנדערען, און זיי גיבען זיך ניט אונטער און ברינטען ניט אב אויף קיין טריט. מען קעמפט פאר יעדען טריט, בלוט שטראמט פון טויזענדער און טויזענדער וואונדען, בערג מיט טויטע קערפער בעדעקען די גרינע פעלדער, הויפענס קערפער ליגען אויפ׳ן גרונד פון קאנאלען, און די מיט בלוט געפארבטע וואסערען טרעטען ארויס פון די ברעגען. די צאהל פון די געפאלענע איז שרעקליך גרויס, אבער די פיהרער הערען אלץ ניט אויף אנצורייצען זיי איינעם אויף דעם אנדערען, ווי טיגערען אויף דער ארענא. קאלעי און דאנקירק מוזען גענומען ווערען מיט שטורם...

אבער אומזיסט אלע אנשטרענגונגען.

די שווערע ארטילעריע האט פעראורזאכט א שרעקליכע פערוויסטונג אין די דייטשע רייהען. זיי ווערען געשניטען פון

די פינף און זיבציג סאנטימעטער ריעזען פון די פראנצויזען און פון די קאנאָנען פון די ענגלישע פאנצערשיפען. זאָלען זיי שניידען.... פאָרווערטס, איבער בערג טויטע קערפּער, פאָרווערטס! קאַלעי און דאָנקירק מוזען גענומען ווערען!

עס ווערט פערגאָסען דאָס בלוט פון דער בעסטער דייטשער יוגענד... זאָל עס פערגאָסען ווערען! קאַלעי און דאָנקירק מוזען פאלען!

דער אונגליקליכער איפּר איז דער צענטער פון אַט די שרעקליכע שלאכטען, וואָס האָבען ניט זייער גלייכען אין דער גאנצער וועלטגעשיכטע.

אונגליקליכער איפּר!....

דריי מאָל איז ער שוין בעשאָסען געוואָרען. און אַט האָבען איין נאָוועמבער זונטאג ווידער גערונערט די קאנאָנען צום פערטען מאָל. שוועסטער אירענא האָט זיך אויפמערקזאם צוגעהערט צו דער שיסעריי אין די אונהיימליכע שעה'ן פון איהר פרייער צייט, פאר דעם אָנקומען פון א נייעם טראנספּאָרט. ביי יעדען קראך האָט זי אינגאנצען אויפגעציטערט, פונקט ווי דעם ערשטען טאָג. די ארומיגע האָבען זי פערזיכערט, אז איהר געהער און געפיהלען וועלען זיך צוגעוועהנען צו דער שיסעריי, אָבער שוועסטער אירענא האָט געפיהלט, אז ניט איהר אויער, ניט איהר הארץ וועלען זיך צו דעם קענען צוגעוועהנען. ווייל נאָך אלץ אזוי אָנגעשטרענגט, אָדער נאָך מעהר ווי פריהער, כאפּט איהר אויער אויף יעדען קלאפּ, נאָך אלץ אזוי שטארק, אָדער נאָך שטארקער ווי פריהער, קלאפּט איהר הארץ און פערגעהט אין שרעק.

און זייענדיג דאָ ביי איפּר, איז נאָך איהר הארץ אלץ פול מיט שרעק און אונענדליכען טרויער פאר דעם געפאלענעם אנטווערפּען. דער לעצטער פאָרט איז אַרייפגעפלויגען אין לופט. אויף די וועגען, וואָס פיהרען אין האָלאנד, האָט זיך א גאָס געטהאָן א מענשענשטראָם, וואָס קען ניט ארומגענומען ווערען מיט'ן בליק, קען ניט געצעהלט ווערען.... די גרעסטע דיכטער פון אלע צייטען און פעלקער האָבען געבויגען דעם קאָפּ פאר דער ברענענדער שטאָדט אויף דער שעלד און פערגאָסען טרערען, און געטינגען האָבען געזאמעלט די אונשטערבליכע טרערען אין זילבערנע שאלען און געמאכט פון זיי אייביגע פערל פאר די קומענדע דורות.

און דער מענשליכער שטראָם האָט זיך געטראָגען אין וועלען פון דאָרף צו דאָרף, און פון אומעטום האָבען זיך אנטקעגען איהם געשטרעקט הונדערטער און טויזענדער ליעבענדע ברידערליכע

הענט מיט ברויט פון זייער מיטלייד, מיט מילך פון זייער בארמהערציגקייט, מיט ווייַן פון דעם טייערען בעכער פון ליעבע. גאַנץ האָלאַנד האָט אויפגענומען די אַנטלאָפענע ווי אַ ליעבענדע מוטער, גערופען און ערמונטערט זיי: „זיהן און טעכטער פון פלאַנדערן און בראַבאַנט, ברידער און שוועסטער פון מיין בלוט און שפּראַך, קומט, אַ קומט אין מיינע אָרעמס, צו מיין ברוסט, מיין הארץ איז פול מיט וועה און שמערץ און גרויסער, געטליכער ליעבע!“

אונפערגעסליכע, שעהנסטע בילד פון יענע שרעקליכע טעג און נעכט, ווען דער ענדלאָזער מענשענשטראָם האָט זיך געצויגען צו האָלאַנד'ס גרענעצען, און איין צווילינגס שוועסטער האָט דער אנדערער אויסגעשטרעקט די הענט, ווי צו שווערען טריי־הייט און ליעבע!

די קיינמאָל ניט וועלקענדע קרוין, די שעהנסטע פון אלע, וואָס האָבען ווען עס איז געקרוינט דעם נאָבעלען שטערן פון פרייען נידערלאַנדען!

דער מאָנסטער פון וועלטקריעג האָט רוהיג איבערגעשפּרייזט איבער די שטאָלצע פּאָרטען פון אנטווערפּען, ווי איבער אלע בליהענדע שטעדט און דערפער, וואָס האָבען זיך איהם גע־שטעלט אין וועג. איצט האָסטו זיך געשטעלט איהם אין וועג, אונגליקליכער איפּר. דער מאָנסטער וועט אריבערשפּרייזען אויך איבער דיין גאָלדענעם קאָפּ, וואָס איז איינגעבויגען אין טרויער נאָך די דריי מאָל איבערגעלעבטע שרעקען. אונגליקליכער איפּר!

היינט איז דער שעהנער אונגליקליכער איפּר צום פיערטען מאָל אונטער דעם פייער פון די קאַנאָנען פון ביידע זייטען. דער איבערגאַנג איבער'ן איזער מוז ווידער און ווידער געמאַכט ווערען.

פאר וואָס ליגסטו אויף'ן וועג פון וועלטבראַנד, ארימער איפּר, מיט דיינע גאָטישע זאַלען, מיט דיינע מיידלעך און פרויען, וואָס מאַכען אין די געגיבעלטע הייזער ביי דעם שווייגענדען וואסער פון קאנאל די טייערסטע שפּיצען? פארוואָס ליגסטו אין וועג פון וועלטקריעג? דער מאָנסטער וועט אויך איבער דיין גאָלדענעם קאָפּ אריבערשפּרייזען, אונגליקליכער איפּר!

VI

ווי אַ לאַבירינט פון אונטערערדישע וועגען פון אַ מויל־ווּאָרף ציהען זיך אויף פיעלע קילאָמעטער די טראַנשעען דורך די נריינע עבענע פון פלאַנדערן ביז צו די געלע דינען ביים ים.

זיי האָבען שוין דערגרייכט דיקסמונד און ניופאָרט, ביים ראַנד פון אטלאַנטישען אָקעאַן. און די, וואָס זיצען אין די אונטערערדישע וועגען, האָבען נאָך קיין אהנונג ניט, אז דער אָקעאַן גרייט זיך זיי אראָבצוציהען אין א נאַסען, אייז קאַלטען קבר, אין אָבגרונד פון אייביגען שווייגען אין א טונקעלער נאַכט, ווען אין הימעל וועט ניט לייכטען קיין איין שטערן.

די גראָבענס זיינען ווי א שלעכטע קרעבס-געשווילעכץ אויף דעם בליהענדען לייב פון דער פלאַנדרישער עבענע, ווי א געשלענגעלטער וואָרים פון קבר, וואָס צונאָגט דאָס אוראַלטע האָלץ, וואָס האָט געזאָלט דויערען אייביג. זיי וואָלטען דאָס זיכער געטהאָן, ווען ניט דער אטלאַנטישער אָקעאַן, דער גרויסער וואונדער פון זיין וואסער, וואָס איבערפליסט דאָס לאַנד, זיין וואסער, וואָס קען זיך ניט אבשטעלען פאר קיין מענשליכען בעפעהל, פאר קיין מענשליכען ווילקיר, וואָס וועט ניט אבטרעטען פאר דעם איינגעשפּאַרטען דעספּאָטיזם פון דעם, וואָס האלט זיך פאר בערעכטיגט צו הערשען און בעפעהלען איבער הונדערטער טויזענדער און שפּיעלען מיט זייער לעבען, ווי מיט א פּילקע! דאָס וואסער, וואָס האָט זיך נאָר איינמאָל פאנאנדערגעשיידט אויף דעם וואָרט פון דעם אייביגען און אונערפאָרשליכען, אום דורכצופיהרען דורך די וועלען פון רויטען ים דאָס פאָלק ישראל, און האָט דאן איינגעשלונגען די ארמייען פון די מצרים אויף א צייכען פון זיין פינגער.

די העסליכע קרעבסגעשווילעכץ צוואוואקסט זיך אלץ וויטער און ווייטער און פערצעהרט די לעצטע קרעפטען פון דעם שעהנעם פרייען לאַנד. אום אָבצושטעלען די קראַנקהייט, איז נויטיג א שארף מעסער, וואָס זאָל אָבשניידען דעם צופרעסענעם טייל פון קערפּער. די וועלען פון אָקעאַן זאָלען אויפנעמען דאָס לאַנד, וואָס זיי האָבען אזוי געליעבט, אין זייערע גרינגע ארעמס.

די לעצטע רעטונג, די פון הימעל אראָבגעשיקטע וועלען פון אטלאַנטישען אָקעאַן!

ביי יעדען שאָס ציטערט אויף שוועסטער אירענא. צום פערטען מאָל צוברענט זיך דער קאַמף פאר דעם אונגליקליכען איפּר. שוועסטער אירענא האָט איצט פערלאָזען דעם שוץ פון דעם לאַזארעט. אין די קליידער פון א שוועסטער פון רויטען קרייץ און אָהן א הוט שטעהט זי אויף דעם קאַם פון דער דינע און קוקט אין דער ריכטונג פון דער שטאָדט. זי קען פון דאַנען דייטליך זעהן די הייזער און טורעמס. איבער די הייזער און טורעמס ציהט זיך [illegible] ווייסער רויך פון פולווער און די גראַנאַטען

פלאצען אין פלאמענגארבען איינע נאך דער אנדערער. די שטאדט מוז פאלען, דער קאנאל מוז ווערן איבערגעגאנגען!

דער אקעאן שטורעמט, די וועלען קלאפען זיך הילביג אב אן ברעג, דער צארניגער ווינט רייסט אויף גאנצע וואלקענס שטויב, אין דער לופטען איז א שטורעם... אבער ניט יענער בע־פרייענדער שטורעם, וואס דער מילדער וועסטווינט ברענגט דער דורשטיגער ערד, נאר א שטורעם פון פערוויסטונג, וואס די פינסטערע קרעפטען פון גיהנם האבען אויפגעהויבען.

פון ים, פון וועסט האט זיך דער שטורמווינט אויפגעהויבען. שוועסטער אירענא קען קוים זעהן, דער ווינט פערשיט איהרע אויגען מיט דעם דינעם זאמד, אין וועלכען קינדער האבען נאך זומער געשפיעלט און געזוכט מושעלן, דער ווינט צובלאזט איהרע האר. ער צובלאזט אבער אויך די פלאמענגארבען איבער די דע־כער און טורעמס פון איפר. די רויטע צונגען טאנצען און שפרינ־גען, ווי וואהנזיניגע, ווי שדים, פון דאך צו דאך, פון הויז צו הויז!

דער מעכטיגער גלאק פון טורעם לאזט איצט הערען זיין שטים, זי מישט זיך אוים מיט דעם דונערען פון די קא־נאנען. שוועסטער אירענא פערנעמט קלאר און דייטליך די שרעקליכע קלאנגען, ווען די אייזערנע מיילער פון די שווערע קאנאנען ווערען אויף א רגע אנשוויגען.

איפר ברענט... צום פיערטען מאל ברענט ער היינט...

די מויערען, די טורעמס, די הייזער מיט די גיבעלדעכער, וואס וועט פון זיי ווערען?

די דעמערונג פון א הערבסט אווענד לאזט זיך לאנגזאם אראב איבער דעם קאם פון דער דינע. און ווייט, ווייט לויכט דער אקעאן ביים ברעג, ווי ער וואלט גערופען: „איך קום, איך קום, איך נעם אייך אין מיינע ארעמס!ווארט, ווארט, איך בין גרייט, זייט געדולדיג, ווארט!“

פורפור־רויט איז איצט דער האריזאנט, וואס ווערט אלץ טונקעלער און טונקעלער, קיין לבנה, קיין שטערן איז ניט צו זעהן איפ'ן הימעל, וואס איז פערהילט אין א שווארצען שניי־וואלקען. מען זעהט קיין זאך ניט, אויסער איין איינציגען פייער־בראנד.

ד ע ר   א ו נ ט ע ר ג א נ ג   פ ו ן   א י פ ר !

דאס שוואנענליעד פון שטילען איפר! פון א שטאדט, וואס האט ניט געוואוסט פון קיין אנדערע ליעדער, אויסער די ליעדער פון פריעדען און ארבייט און פרייד, זינגט גאט־דער האר האט זי

ארויסגערופען פון דער פינסטערניש צום לעבען און בליהען אין דער גרויער פלאנדרישער עבענע.

מויערען, טורעמס פאלען איין, גיבעלהייזער פליהען אין לופט. מיט א שטארען בליק, מיט אויגען אהן טרערען קוקט שוועסטער אירענא אהין, צום וועסט, וואו איבער די וועלען פון ווייטען אקעאן ברויזען אנדערע וועלען — א ים פון רויך, בלוט און פלאמענשיין, ווי אן אונפערשטענדליכער קאפיטעל פון אפא־קאליפסיס, וואס בעשרייבט די שרעקען פון וועלטגעריכט.

א קאפיטעל פון „אינפערנא", לויפט איהר דורך דער גע־דאנק, א קאפיטעל, וואס דאנטע האט ניט פערענדיגט, וואו ער האט זיך אבגעשטעלט, ווייל איהם האבען געפעהלט די ווערטער צו בעשרייבען אזעלכע שרעקען!

איפר ברענט, ברענט צום פיערטען און לעצטען מאל, ווייל מעהר וועט שוין פון איהם איצט גארניט בלייבען.

אן אויסגעשריי רייסט זיך ארויס פון שוועסטער אירענא'ס ליפען. דער טורעם, וואס איז אלט יאהרהונדערטער, וואס האט אמאל אין די פינסטערע צייטען פון מיטעלאלטער, וואס האבען זיך איצט אומגעקערט, גערופען מיט זיין גלאק די בירגער פון איפר צום קאמף, וואס האט אין צייטען פון טיפען פרידען פיעלע, פיעלע צעהנדליגער יאהרען נאכאנאנד אנגעזאגט די שטונדען פון ארבייט און רוה, דער טורעם פון איפר איז אויפ־געריסען געווארען!

דער גלאק איז צושמאלצען געווארען און איז אראבגע־פאלען. דער גלאק, וועמעס צונג האט גערעדט צו אזוי פיעל גענעראציאנען, איז צושמאלצען געווארען און איז אראבגע־פאלען!

א פלאם פון מיליאנען און מיליאנען פונקען אויף דעם ארט, וואו דער טורעם איז געשטאנען.

צום פיערטען און לעצטען מאל ברענסטו, איפר! ווייל איצט וועט שוין מעהר פון דיר גארניט בלייבען. דיין רוהם אבער וועט בלייבען לעבען, פיעל נעפרואווטער איפר! עס וועלען אוועק־געהן די טעג פון וואהנזין, ער וועט זיך צוברעכען אן די אייזערנע ווענט פון פערנונפט און ווילען. און אנקומען וועלען ווידער די געבענשטע טעג פון פריעדען. און אזוי לאנג ווי איין מענשליך הארץ וועט גריסען א צווייטע, וועט אין איהם לעבען דיין רוהם, וועט עס געדענקען דיין טרייהייט ביז צום סוף!...

דער שווארצער שנייוואלקען לאזט זיך אראב נידריגער. עס שנייט, — ווייכער, ווייכער, קאלטער שניי. ווי דער הימעל פון

פלאנדערן וואלט זיך אליין פריינדליך אראבגעלאזען צו בעדע־קען דאס בלוטענדע לאנד.

VII

— **אויף צום שטורם! מארש, מארש! — דערהערט זיך די שטים פון א קאפיטאן, איינעם פון הונדערט, וואס האבען נאר־וואס אבגעגעבען דעמזעלבען בעפעהל אין דער גאנצער לענג פון איזער.** — אויף צום שטורם! מארש, מארש!

זיינע אויגען וויט ארויסגעטראטען פון די לעבער, אויף זיין ברוסט גלאנצט דער אייזערנער קרייץ, וואס ער האט בעקומען מיט א פאר וואכען צוריק. ער שווינגט זיין סאבעל אין דער רעכ־טער האנט, און אין דער לינקער האלט ער פעסט א רעוואלווער. אויף צום שטורם! מארש, מארש! דער איבערגאנג איבער'ן איזער מוז נאכאמאל פערזוכט ווערען! זעקס רעגימענטען האט מען א רוק געטאן אין שטורמאנגריף פאר אט דעם צוועק.

פאהנען וועהען. מען הערט די טראמפייטען און פויקען. א בעטויבענדע הורא. איינער יאגט איבער דעם אנדערען, אויף צום שטורם, מארש, מארש!

די מוזיק זאל פערדעקען די שיסעריי פון ביקסען, דאס דר־נערען פון די קאנאנען, דאס „הורא“ זאל פערשלינגען די שרעק־ליכע קלאנגען פון טויט. זיי ז א ל ע ן, אבער זיי ק ע נ ע ן ניט. ווייל דאס איז אלץ — איין גרויסער וואהנזין. דער אנדערער ברעג פון קאנאל איז פול מיט קאנאנען.

איין קאמאנדיר איז שוין הייזעריג, א צווייטער וועט באלד ווערען הייזעריג. לייטענאנטען, פעלדפעבעל, סערזשאנטען און אונטעראפיצירען נעמען איבער דעם איין איינציגען בעפעהל: אויף צום שטורם, מארש, מארש!

און דא שפרינגען ארויס די מענשען פון די טראנשעען, אין וועלכע זיי זיינען וואכענלאנג אבגעלעגען האלב אין אייזקאלטען וואסער. זיי קענען שוין מעהר ניט לויפען, דאך לויפען זיי פאר־ווערטס, פארווערטס! וואס איז דא דער וואונדער, ווען איבער זייערע קעפ רעגענט מיט פעך און שוועבעל פון סדום און עמורה, און פון הינטען טרייבט זיי דער בעפעהל: אויף, אויף, מארש, מארש! און אויף דעם קאמאנדיר'ס ברוסט שיינט דער אייזער־נער קרייץ!

— אויף צום שטורם, מארש, מארש!

און די אבטיילונגען לויפען און שפרינגען איבער די גרינע עבענע. זיי בעגעגענען זאלפען פון הונדערטער ביקסען. דאס פיינדליכע בליי שניידט זיי טויזענדערווייז. אויף דער קאמאנ־

דיר מיט דער הייזעריגער שטים פאלט, ער שטארבט, האלטענדיג נאָך אין דער האנט דעם געצויגענעם רעוואָלווער. אויך דער מאן מיט דעם אייזערנעם קרייץ פאלט, ער ליגט איצט, א גומער צווישען אנדערע גומערען אין א הויפען טויטע.

און אנאנדערער שרייט שוין אנשטאט איהם:

— אויף צום שטורם, מארש, מארש!

— הורא, מיט גאָט, פאר קעניג און פאטערלאנד!

— מיט גאָט, מיט גאָט! — שרייען הונדערטער און הונדערטער שטימען.

און ווי א שפּאָט קלינגט אָב אין לופט דאָס עכאָ: „מיט גאָט, מיט גאָט!“

אָבער דאָס דונערען פון די קאַנאָנען, פון וועלכען די ערד טרייסעלט זיך, פערשלינגט די געשרייען: „מיט גאָט!“

און דער טויט שניידט און שניידט אין די רייהען פון די אָנגרייפענדע. דער שניטער מיט דעם פליישלאָזען שארבען און די ביינינגע הענט שניידט און שניידט. צעהנדליגער, הונדערטער, טויזענדער צולעגט ער אין דעם זאמד. ער שניידט, זיין פרישגעשליפענע ווערקצייג אין דער מעכטיגער האנט. ער שניידט אלץ, שניידט, שניידט...

— זיך לעגען, זיך לעגען!

ווי אן ערלעזונג פאר עטליכע סעקונדען דערטראָגט זיך דאָס איינציגע וואָרט, ווערט איבערגעגעבען פון מויל צו מויל דורך די רייהען פון די אָנגרייפער. און די לעבעדיגע פאלען, ווי די מוקען אין הערבסט, אויף די הויפענס טויטע, אויף די לייבען פון זייערע אייגענע ברידער.

די פיינדליכע קאַנאָנען שווייגען א מינוט. זיי שפּאָרען זייער אמוניציאָן, ביז דאָס שרעקליכע „אויף צום שטורם, מארש, מארש!“ און דאָס וואהנזיניגע לויפען צו די וואסערען פון קאנאל וועט זיך ניט אנהייבען אויף׳ס ניי. ביז דאן שווייגען זיי.

די קאַנאָנען פון פיינד שטעהען אין אויסגעצייכענטער דעקונג, אין שוץ פון די דינען, און דער קליינער שפּיגעל, וואָס בעוועגט זיך אויף דעם רוקען פון לאפעט, גיט איבער דעם בעאָבאכטענדען אפיציר יעדע ווענדונג פון די ליפענדע.

— אויף צום שטורם, מארש, מאַרש!

ווידער לויפען הינטער זיי און יאָגען זיי מענשען מיט געצויגענע רעוואָלווערען.

— ראַ־טאַ־ראַ־טאַ... ראַ־טאַ־ראַ־טאַ...

קארטעטשען, גראנאטען, שראפּנעלען... די מערזער בר־

לען ווי די ווילדע טיערען, די מערזער פון יענער זייט פון קאנאל און פון הינטער די דינען. ווי פויגלען, וואס דער שטורמווינט טרייבט פון ים, ווי א האגעל אין פריהליגג פלאטערען און קלאפען די שאסען דורך די לופט איבער די פארווערטס לויפענדע.

— אויף צום שטורם, מארש, מארש!

— הורא, הורא, הורא!

די וואהנזיניגע זינגען, א שרעקליכער כאר פון טויט, א פורכטבארער פינאל פון די פעראורטיילטע:

ד י   װ א ך   ב י י ם   ר ה י י ן!

— ליעב פאטערלאנד, מעגסט רוהיג זיין!

זיי שטורמען דעם איזער קאנאל! צום זעקסטען מאל קעגען מויערען פון אייזען, קעגען גראנאטען, וואס צורייסען קערפער אויף שטיקלעך, שטורמען זיי!

— זיך לעגען! זיך לעגען!

נאר דריי פיערטעל פון די, וואס זיינען ארויס אין אנגריף, פאלגען דעם בעפעהל.

ווי א וואלקען פון היישעריקען, וואס טראגען זיך איבער א וויסט, פאלען זיי אהן קרעפטען אויף׳ן גראז. מען הערט נאר א פייפען און כריפען פון ברוסטען, וואס קענען קוים אטעמען. זיי ליגען מיט דער לאסט אויף די רוקענס, וואס טהוען אזוי שטארק וועה, מיט דעם ביקס אין האנט, מיט דער שייד פון דעם זייט־געוועהר צווישען די פיס, וואס שטערט זעהר אין לויפען.

זיי ליגען און אטעמען שווער, צווישען טויטע, פערוואונדעטע, וועמעס שרעקליכע געשרייען פילען אן די לופט, זיי ליגען, וואו דער בעפעהל האט זיי צופעליג געטראפען.

און ווידער: אויף, אויף, מארש, מארש! — פון די הייזעריגע העלזער פון זייערע פייניגער, וואס שיינען גאר צו זיין אונערמיעדליך.

— אויף, אויף און מארש, מארש!

—רא־טא־רא־ טא ... רא־טא־רא־טא ...

טראמפייטען, פויקען, א שיסעריי פון ביקסען ... פארווערכט. פארווערטס, צום וואסער, אלץ נאהנטער צום וואסער!

— דיבטונג פון בריק! אויף, אויף און מארש, מארש!

און זוירקליך, א בריק, איין בריק, וואס דער פיינד האט געלאזען שטעהן, ווען ער איז אין איילעניש אנטלאפען פון זיי, די אונבעזיעגבארע! מען האט די בריק גאנצע טעג און וואכען בעאבאכטעט ... אויף, אויף און מארש, מארש!

א מינוט שוויינען די פיינדליכע קאנאנען. די שיצענליניע

שטורמט פאָרוועדטס, ווי א וואהנזיניגע. נאָר דאָ און דאָרט אַן איינצעלנער שאָס! וואָס איז דאָס? איז זיי אפשר אויסגעגאנ־גען די אמוניציאָן? פארוואָס שיסען זיי מעהר ניט? איז שוין דער זיעג אונזערער? אויף, אויף און מארש, מארש!

די צושאָסענע פאהנען פלאטערען פאר זיי אין דעם ווינט... אָט איז די בריק, די בריק... דאָס וואסער, דאָס וואסער... ווער דערגרייכט איצט דער ערשטער דעם אנדערען ברעג? ווער וועט דאָרט צוערשט קעמפען מיט דעם פיינד? מאן קעגען מאן, ברוסט קעגען ברוסט, דאָס שרעקליכע, געשליפענע באיאָנעט אויף'ן ביקס! ווער, ווער?

— אויף, אויף און מארש, מארש!

ווי געטריבען פון טייוועל, בעדעקט מיט שמוץ און קויט, גארניט עהנליך צו מענשען, לויפען זיי טויטמידע... פאָרוועדטס, פאָרוועדטס!

עהרע, עהרע! דאָס וואהנזיניגע וואָרט טרייבט זיי איצט נאָך שטארקער, ווי דער הייזעריגער רוף פון דעם מענשען מיט די מיט בלוט פערלאָפענע אויגען, וואָס האלט דעם טויטברענגענדען רעוואָלווער אין זיין צוזאמענגעדריקטער האנט.

און פאראויס פלאטערט די פאהן.

די פיינדליכע קאנאָנען שווייגען, און זייער טיפע רוה ווירקט ווי צורופענד און ערמונטערענד:

— פאָרוועדטס, איהר העלדען, נאָר פאָרוועדטס!

און ווייטער לויפען זיי און פאלען אום איבער די טויטע קערפער פון זייערע קאמעראדען און איבער די הויפענס ערד, וואָס זיינען דאָ צוואָרפען אומעטום, וואָס דער פיינד האָט דאָ אנגעשאָטען, ווען ער האָט אויפגעוואָרפען זיינע פערלאָזענע טראנשעען.

אָט איז שוין דער קאנאל און די בריק!

— מיט גאָט, פאר קעניג און פאטערלאנד!

— מיט גאָט, מיט גאָט!

— הורא, הורא, הורא! — דונערען הונדערטער און טוי־זענדער שטימען. די ערשטע קאָמפאניע האָט דערגרייכט די בריק, די אנדערע פאלגען איהר נאָך. הורא, דער אײזער־איבערגאנג, דער בעפאהלענער, וואָס זיי האָבען געמוזט נעמען אונטער אלע אומ־שטענדען, ער איז זייערער!

הונדערטער און הונדערטער זיינען שוין אויף'ן בריק! אין איינינע מינוטען איז די בריק שווארץ פון זיי, ווי פון א הויפען קליינע אינזעקטען...

— הורא, הורא, הורא! — דונערט אין דער לופט.

הונדערטער זיינען שוין אויפ'ן בריק, און נאָך און נאָך הונדערטער קומען אָן.

— הורא, הורא, הורא!

— ראַ־טאַ־ראַ־טאַ... ראַ־טאַ־ראַ־טאַ...

ווידער די אייזערנע שטים פון יענעם ברעג.

וואהנזין, צומישונג, פערצווייפלונג!

הייסט דאָס האָט מען דאָך זיי ניט געצוואונגען צו ווערען אנשוויגען! מען האָט זיי דאָך ניט ערשעפּט!....

— ראַ־טאַ־ראַ־טאַ... ראַ־טאַ־ראַ־טאַ...

און עס שניידט און שניידט אהן אויפהער אויף'ן בריק.

עס דרעהען זיך פערוואונדעטע פערד פון אפּיצירען צווישען די צוקענדע קערפּער פון סאָלדאטען, און איבער זיי אלעמען וועהט די צושאָסענע פאָהן פון דעם ערשטען פון די אָנגרייפענדע רעגימענטען!

— פאָרווערטס, פאָרווערטס!

וואָס איז דאָס? פאַלט איין דער הימעל? טרייסעלט זיך די ערד? האָט זיך דער פארהאנג פון טעמפּעל צוריסען אויף שטיקער פון אויבען ביז אונטען? האָבען זיך געעפענט די קברים? וואָס איז דאָס? וואָס איז דאָס אזוינס? א יובלגעשריי פון טויזענדער און טויזענדער שטימען פון דער אנדערער זייט פון קאַנאַל. דער שלויער פּלאַן איז געלונגען. עס האָט אָבגעגליקט. די בריק, וואָס איז געווען אונטערמינירט זייט וואָכען, די איינציגע, וואָס זיי האָבען געלאָזען שטעהן, איז אויפגעריסען געוואָרען. א ריעזיגער וואלקען פון געלבליכען דאמף און רויך פון דעם דינאמיט איבער דעם שטראָם פערדעקט אלץ ארום... די אנדערע, וואָס ווייסען נאָך גאָרניט, וואָס דאָ קומט פאָר, שפּארען זיך פאָרווערטס, צום בריק, און פאַלען טויזענדערווייז אין וואסער. טויזענדער ראנגלען זיך אונטען מיט דעם קאלטען שטראָם, דער אונבעשרייבליכער שרעק פאר'ן טויט מאכט די טויזענדער טויטמיעדע צוריק לעבעדיג.

און ווידער דערהערט זיך דאָס דונערען פון די קאנאָנען, וואָס זיינען געווענדט אויף די אָנקומענדע. זיי שניידען און שניידען ווידער אונערמיעדליך און אהן ערבארמונג... רייהען און קאָלאָנען שניידען זיי.

— וויקטואר! וויקטואר! — דערהערט זיך פון דעם אנדערען ברעג פון טויזענדער שטימען. — וויקטואר!, וויקטואר!

און אונטען ווארפען זיך אויסגעמאטערטע קערפּער, הענט

ציהען זיך צו די ברעגען, פערוואונדעטע קרעכצען און שרייען און רופען נאך הילף, אזוי ווי דא קען נאך זיין א האפנונג אויף הילף!

באיאנעטען און קאלבען אין די הענט פון פאנאטיזירטע, — דאס איז דער איינציגער ענטפער. זיי ווילען מארדען אין נאמען פון מארד, קענען ניט האבען קיין אנדער געדאנק, ווי נאר דעם איין געדאנק, — צו מארדען!

ווי נאר עס בעוויזט זיך א קאפ איבער דעם ראנד פון ברעג, וואס זאגט צו רעטונג, ווערט אט דער איין בלוטיגער געדאנק באלד אויסגעפיהרט. א מעסער אין די ברוסט פון דעם מיטמענשען, וואס דערשווימט צום ברעג, מיט די קאלבען איבער די קעפ פון די, וואס דערהויבען זיך נאכאמאל איבער דעם שמוציגען וואסער. א שרעקליכער קאמף אויף'ן ברעג, א נאך שרעקליכערער איבער'ן וואסער, מאן קעגען מאן, ברוסט קעגען ברוסט!

מיט קאלבען און באיאנעטען!

געשפאלטענע קעפ, צוהאקטע שולטערען, דורכגעבויערטע רוקענס און בריסט.... געהירן אויף די קאלבען... צוקענדע, בלוטענדע, לעבעדיגע געהירן פון מענשען, וואס איז אמאל געווען אנגעפילט מיט געדאנקען און פלענער פון העלדענמוט, פאטריאטישער בעגייסטערונג, ליעבע, טרייהייט און גוטסקייט, אבער אויך מיט האס און ראכע און פיינדשאפט! צוקענדע, בלוטענדע, לעבעדיגע געהירן פון מענשען הענגט איצט אויף די קאלבען אין העסליכע, שמוציגע שטיקער!

א שטראם פון בלוט, א פורפור־רויטער איז איצט דער גאנצער קאנאל... און די אנדערע שפארען נאך, רעגימענט נאך רעגימענט, צו נעמען מיט שטורם דעם איבערגאנג איבער'ן אי־זער, לאזענדיג הינטער זיך דעם ברענענדען איפר.

— וויקטואר, וויקטואר!

— צוריק, צוריק!

דאס שרעקליכע ווארט האט זיך צוערשט ארויסגעריסען פון איין מויל, דאן פון צעהנדליגער, הונדערטער, טויזענדער!

דער מענשענשטראם האט זיך מיט אמאל א ווארף געטאן צוריק פון טייך... צוריק, צוריק... וואס ווייטער פון טייך... איבער די טויטע קערפער פון קאמעראדען, איבער די פערוואונדעטע, וואס רופען אומזיסט נאך רעטונג, איבער די טויטע קערפער פון פערד, איבער בערגלעך און הויפענס ערד... צוריק, נאר צוריק!

וויקטואר, וויקטואר! ראַ־טאַ־ראַ־טאַ... ראַ־טאַ־ראַ־טאַ...

דאָס דונערן די קאַנאָנען פון יענער זייט, די זאַלפּען שנייַדען די קאָלאָנען פון די אַנטלויפענדע, ניטאָ קיין רעטונג!

אַ קנויל פון בלוטענדע, צוקענדע מענשליכע קערפּער זיינען איצט די געוועזענע שטאָלצע און מעכטיגע רעגימענטען, וואָס לויפען איצט צוריק איבער די גרינע עבענע.

דער שטורם פון דעם איזער־איבערגאַנג איז צום זעקסטען מאָל ניט געלונגען. דער בעפאָהלענער שטורם! ניט געלונגען, ניט קוקענדיג אויף דעם, וואָס די בליהונג פון דייטשלאַנד'ס יוגענד האָט זיך דאָ אויפגעאָפּפערט מיט געזאַנג.

— וויקטואַר, וויקטואַר! ראַ־טאַ־ראַ־טאַ... ראַ־טאַ־ראַ־טאַ...

די קאַנאָנען דונערן הינטער די אַנטלויפענדע!

דער קאַנאַל איז איבערפילט מיט טויטע קערפּער פון די געפאַלענע און דערטרונקענע. ער פליסט אריבער זיינע ביידע ברעגען, אַ בלוטיג רויטער. ער וואַרפט ארויס הויפענס קערפּער אויף די גרינע עבענע פון פלאַנדערן.

— וויקטואַר!

VIII

די אַמבולאַנסען לויפען איבער דאָס שלאַכטפעלד, וואָס איז בעדעקט מיט טויטע און פערוואונדעטע. שוועסטער אירענאַ בויגט זיך איין איבער אַ בעוואוסטלאָזען. דאָס איז אַ יונגערמאַן קוים פינף און צוואַנציג יאָהר אַלט, ער טראָגט די בעלגישע אוניפאָרם מיט דעם צייכען פון לייטענאַנט. איהר האַרץ בלוטעט ביי דעם שוידערליכען בילד. אַ גראַנאַט, וואָס האָט זיך געמוזט אויפרייסען ערגעץ לעבען איהם, האָט איהם אָבגעריסען ביידע פיס. צום גליק, שפּירט ער דאָס נאָך ניט. ער רוהט, די אויגען צוגעמאַכט ווי אין טיפען שלאָף, און די שטראַהלען פון דער פערגעהענדער זון שפּילען אויף זיין קלאַסיש שעהנעם געזיכט. דאָס געזיכט איז טויטבלייך, קיין שפּור פון פאַרב איז ניט געבליבען אויף די באַקען, די ווייסליכע ליפּען זיינען פעסט צוזאַמענגעשלאָסען, זיינע האָר און באָרד זיינען שוין ניט געשאָרען געוואָרען זייט וואָכען, אפשר זייט מאָנאַטען. זיינע לאַנגע טונקעלברוינע לאָקען פאַלען איהם אראָב ביז צו די שולטערן. דאָס קרויזע האָר, וואָס בעדעקט דאָס געזיכט, גיט דעם קאָפּ יענעם זאָנדערבאַרען אויסדרוק, וואָס האָט פון דעם ערשטען אויגענבליק אָן צוגעשמידט צו זיך שוועסטער אירענאַ'ס אויפמערקזאַמקייט. ווי אַ בליץ לויפט דורך איהר קאָפּ מיט אַמאָל דער געדאַנק:

„ד ע ר ק א ָ פּ מ י ט ד ע ר ד ע ר נ ע ר ק ר ו י ן פ ו ן ג ו ו י ד א ָ ר ע נ י !“

זי ליגט אויף די קניע פאר דעם פערוואונדעטען. זי האָט שוין מעהר ניט קיין אויגען און קיין אויערען פאר די אנדערע, וואָס ליגען דאָ ארום אין די צעהנדליגער און הונדערטער און בעטען, מען זאָל זיי העלפען. נאָר דער א י י נ ע ר, דער אונ־געוועהנליכער מענש מיט דעם קאָפּ פון קריסטוס צווישען אזוי פיעל בלוט און טויטע קערפּער, האלט צוגעשמידט צו זיך אלע איהרע געדאנקען און געפיהלען.

„מ ש י ח א ו י ף ד ע ם ש ל א כ ט פ ע ל ד פ ו ן פ ל א נ ד ע ר ן“.

דער קערפּער פון דעם פערוואונדעטען איז געווען אָנגע־לעהנט אויף עפּעס א נידריגען צאם, אין שוץ פון וועלכען ער האָט ווארשיינליך געזוכט צו בעהאלטען זיך פון דער פליה־ענדער טויטברענגענדער גראנאט. דאָ הינטער די בושען איז אויך שוועסטער אירענאַ לאנג געווען פערבאָרגען, זי האָט לאנג, לאנג געקוקט אין דאָס טויטבלייכע געזיכט, וואָס איז איהר ביז איצט געווען פאָלשטענדיג פרעמד. זי האָט איבער דעם א י י נ ע ם פערגעסען דאָס שלאכטפעלד פון פלאנדערן און אלע אנדערע שלאכטפעלדער און אלע שרעקען פון די פער־גאנגענע טעג.

ענדליך האָט זי זיך דערמאָנט אָן איהר פליכט פון א קראנקענשוועסטער. זי עפענט איהר טאש מיט די מעדיקאַ־מענטען, וואָס זי טראָגט מיט זיך, און פּרואווט ברענגען דעם פערוואונדעטען צום בעוואוסטזיין. זי האלט דעם פלאַקאָן מיט שארפען עטהער אונטער זיין נאָז, אָבער ער ריהרט זיך ניט. קען דען זיין, אז ער איז דאָך טויט, ניט קוקענדיג אויף אלע צייכענס, וואָס ווייזען, אז ער לעבט נאָך? אום זיין ברוסט זאָל קענען פרייער אָטעמען, עפענט זי איהם זיין מונדיר. פון דער אינוועניגסטער קעשענע פאלט ארויס א קליין פּאָרטפעל, און שוועסטער אירענאַ עפענט דאָס, און ניט אָבגעבענדיג זיך וועגען דעם קיין רעכנונג, לעזט זי אויף א קליינער קארטע:

זשאַזוּאַ דע קרואיז
דאָקטאָר פון פילאָסאָפיע.

אזוי שטעהט אויף דער קארטע:

זשאַזוּאַ דע קרואיז

זי ציטערט אויף. נאָך קיינמאָל אין איהר לעבען האָט זי ניט געהערט אזא אונגעוועהנליכען נאָמען. און דאָך קלינגט אָט

דער נאָמען פאַר איהר אַזוי אייגענאַרטיג בעקאַנט, כמעט ווי עפּעס אַן אייגענער. אַזוי פערשיעדען פון אַלע אַנדערע נעמען! אַלע נעמען, וואָס זי האָט ביזהער געלעזען אָדער געהערט! זשאַזואַ, זשאַזואַ... און צו אָט דעם זעלטענעם פאַרנאָמען נאָך דער פאַמיליענאָמען דע קרואַיז!

זשאַזואַ, דאָס איז דאָך ישוע, די אַלטע פאָרם פאַר יעזוס! און דע קרואַיז הייסט דאָך, אויב זי האָט נאָר ניט קיין טעות, פון קרייץ!

זי האָט נאָך ניט געהאַט קיין אַהנונג וועגען דעם, אַז זי האָט דאָס איבערגעלעזען איינעם פון די בעריהמטסטע נעמען פון גאַנץ בעלגיען, אַז דער מענש, וואָס נויטיגט זיך איצט אין איהר הילף, איז אין גייסטיגער בעציהונג געוועזן די שעהנ־סטע האָפנונג פון זיין איצט צוטראָטענעם, געשענדעטען פאַ־טערלאַנד.

ווייל זשאַזואַ דע קרואַיז איז דער פיהרער פון אַ יונגער שול פון דיכטער, וואָס האָבען בעזונגען אין סאָנעטען און טערצינען די אונפערגלייכליכע שעהנקייט פון בראַבאַנט און פלאַנדערן. ער האָט אומגעביטען די לירע אויף אַ שווערד און איז געגאַנגען פאַראויס אַנטקעגען נויט און געפאַהר און טויט מיט דער פאָהן אין האַנט, ווען די פרעמדע זיינען אָנגעקומען פון זיד און האָבען זיך אריינגעריסען אין זיין לאַנד, ער האָט פריהער בעזונגען די שעהנקייט פון זיין פאַטערלאַנד און האָט איצט פערגאָסען פאַר דעם לאַנד זיין בלוט.

דאָס איז זשאַזואַ דע קרואַיז, דער דיכטער.

— זאָל איך אייך העלפען שוועסטער אירענאַ? — האָט זיך דערהערט הינטער איהר אַ שטים.

דאָס איז דער לאַזאַרעטגעהילף טאָמאַס. ער איז אַראָב־געשפּרונגען פון דעם טראַנספּאָרט וואַגען פון רויטען קרייץ. פון וואָגען האָבען זיך געהערט די געשרייען און דאָס וויינען פון די פערוואונדעטע און שטאַרבענדע.

— יע, העלפט מיר, טאָמאַס, אָבער פאָרזיכטיג, פאָר־זיכטיג... דער אונגליקליכער איז בעוואוסטלאָז, און איך ווייס אפילו ניט, צו מען קען איהם שוין גאָר העלפען.

אין אַ טיף שמערצליכען טאָן קומען די ווערטער ארויס פון שוועסטער אירענאַ'ס ליפּען. דער לאַזאַרעטגעהילף, וואָס איז שוין געוועזן געוועהנט צו אַזוי פיעל שרעקען, פאַר ווענען

עס איז ניט געווען קיין אונטערשיד צווישען איין שווער פערוואונדעטען און אנאנדערען, האט זי אנגעקוקט ערשטוינט.

אבער ער איז אויך פלוצלונג געבליבען שטעהן, גערירט פון דעם אונבעשרייבליכען שמערצליכען בילד, וואס דער יונגער בעלגיער אין דער אוניפארם מיט דעם צייכען פון לייטענאנט האט פארגעשטעלט. אויך אין איהם האט זיך פלוצלונג אויפגעהויבען דאס זאנדערבארע געפיהל, אז דער, וואס רוהט דא, קען ניט זיין קיין איינפאכער שטערבליכער אין געוועהנליכען זין פון ווארט, אז ער קען ניט זיין נאר איינער פון די הונדערטער און הונדערטער נעמען און נומערען, וואס בעדעקען אזא שלאכטפעלד, ער מוז זיין עפעס א גאר אונגעוועהנליכער מענש.

מיט דער הילף פון שוועסטער אירענא הויבט אויף דער לאזארעטגעהילף דעם אלץ נאך ·.עוואוסטלא'יען זשאזוא דע קרואיז אין וואגען, וואס איז שוין איבערפילט מיט שטארבענדע און פערוואונדעטע. זיי אלע דארף מען אבפיהרען אין לאזארעט אויף דעם קאם פון דער דיגע, און פראפעסאר ווילהעלמי מוז דאן ענטשיידען, צי מען קען זיי נאך העלפען, צי ניט.

און זיי האבען אוועקגעלעגט זשאזוא דע קריאיז אין וואגען לעבען אן אינדיער, וועמעס ווייסע קלייד איז געווען אינגאנצען אין בלוט. א שאס פון א שראפנעל האט דעם אונגליקליכען אבגעריסען די רעכטע האנט אונטער דעם שולטער, ער האט ניט פערלארען דאס בעוואוסטזיין. פון א פאר שרעקליכע אויגען, וואס זיינען שוין פון שמערץ און ליידען געווארען ווי גלעזערנע, שטארט דער זוהן פון די טהאלען פון הימאלאיא, וועמען ענגלאנד'ס וועלטמאכט האט געבראכט אהער אין די עבענע פון פלאנדערן, אין איין פונקט אין ווינקעל פון וואגען. אבער זיינע ליפען לאזען ניט ארויס קיין קלאנג, ווייל דאס געזעץ פון ווישנו דעם אייביגען פערבאט דעם אינדיער ארויסצואווייזען מיט וואס עס איז זיינע ליידען.

מיט שרעק קוקט שוועסטער אירענא אויף דעם ברוינעם יונג. זי ווייס ניט, ווי אבצושאצען זיין גייסטיגען ווערט. זי האלט איהם פאר א האלב־ווילדען, ווי די טורקאס, די ספאהיס און די גורקאס, פון וועלכע מען האט זיך אין פערלויף פון דעם קריעג אנגעדערצעהלט אזעלכע שרעקען. און דאך איז אט דער אינדיער א גאנץ אנדערער.

ווען דו וואלסט נאר געוואוסט, זשאזוא דע־קרואיז, לעבען וועמען דו ליגסט, דו, יונגער דיכטער פון בעלגיען'ס שעהנהייט און פרייהייט, וואס האט בעזונגען אין סאנעטען און טערצינען

זיין לאַנד און פאָלק, ווי קיין אַנדערער אין דער אַמאָליגער רייכער עבענע פון פלאַנדערן! ווען דו וואָלסט דאָס געוואוסט, וואָלסטו אויך בעזונגען אָט דעם אינדיער, וועגען וועלכען מען זאָגט, אַז דאָס האַבזיכטיגע ענגלאַנד האָט איהם פערורטיילט צו טויט און פערניכטונג!

אָבער שטום זיינען דיינע ליפּען, זשאָזוא דע קרואיז, דיין בעוואוסטזיין איז פערדעקט מיט דעם שוואַרצען פאָרהאַנג פון טויט, פון וועלכען דו וועסט אפשר נאָכאַמאָל ערוואַכען, ווען ווילהעלמי וועט בעשליסען, אַז ער קען דיר נאָך העלפען. אין שוועסטער אירענאַ לעבט די איין האָפנונג, און זי לעגט צונויף איהרע הענט ווי אין געבעט, ווען איהר בליק קערט זיך ווידער אָב פון דעם אינדיער און פאַלט אויף דאָס בלייכע געזיכט פון דעם קריסטוסקאָפּ, וועמעס טרעגער איז אַ דיכטער, וואָס איז פאַר שוועסטער אירענאַ אינגאַנצען אונבעקאַנט.

דער טראַנספּאָרט וואָגען נעמט זיך בעוועגען. לאַנגזאַם פאָהרט ער איבער דעם שאָסע און שטייגט ענדליך ארויף צום קאַם פון דער דינע. דאָ וואַרט פּראָפעסאָר ווילהעלמי אויף די, וועמען זיינע געשיקטע הענט זאָלען רעטען. אָבער זיינע הענט זיינען שוין פערנומען. דער וואָגען מיט זשאָזוא דע קרואיז און דעם אינדיער און די אַנדערע איז ניט דער ערשטער און וועט ניט זיין דער לעצטער. אַלע בליקען זיינען געווענדט מיט געבעט אויף דעם פּראָפעסאָר. ער ווייס, אַז נאָך הונדערטער און הונדערטער אַרעמס וועלען זיך צו איהם אויסשטרעקען נאָך הילף, אויב זיי וועלען איבערהויפּט זיך קענען אויסשטרעקען, אָרעמס פון הונדערטער און הונדערטער יונגע, קרעפטיגע מענשען, וואָס זייַנען נאָך נעכטען געוועזען געזונד און וואָס זיינען איצט געוואָרען קריפּעלס אין דעם קריעג, דעם „נויטווענדיגען", דעם „אונפערמיידליכען".

דער טראַנספּאָרט וואָגען שטעלט זיך אָב ביים אריינגאַנג אין לאַזאַרעט צוויי קראַנקענוואַרטער מיט ווייסע בינטען אויף די אָרעמס טרעטען ארויס און העלפען ביים אויסלאַדען. די טיר אין אָפּעראַציאָנסצימער שטעהט איצט אָפען.

שוועסטער אירענאַ'ס אויג בעמערקט באַלד דעם פּראָפעסאָר אין ווייסען קיטעל, וואָס איז אינגאַנצען אויסגעשמירט אין בלוט. מיט דעם מעסער אין האַנט, איז דער גרויסער געלעהרטער און אָפּעראַטאָר איצט זעהר עהנליך צו אַ קצב, וואָס איז פערנומען מיט זיין אַרבייט. זי שרעקט זיך פאַר איהם און פאַר זיך אַליין.

„נאָר פעסט זיין, פעסט ביז צום סוף", — רופט זי שטיל צו זיך אליין.

— שוועסטער עריקאַ, דאָס כלאָראָפאָרם, — דערהערט זיך ווילהעלמי'ס קלאָרע, דייטליכע שטים.

און מיט שרעק פערנעמט שוועסטער אירענאַ דעם ענטפער פון איהר קאָלעגין:

— דאָס כלאָראָפאָרם איז אויסגעגאנגען, הערר פּראָפעסאָר.

זי דערמאָנט זיך באלד די ווערטער פון ווארנונג, וואָס ער האָט איהר דאן געזאָגט, און זי שוידערט אויף.

„עס קען טרעפען, אַז איך וועל מוזען אפערירען אָהן נאַר־קאָטיקאָן, וועט איהר דאַן אויך זיין שטאַרק, גנעדיגע פרוי?" און זי האָט געענטפערט: „איך וועל זיין שטאַרק, הערר פּראָ־פעסאָר!"

וועט זי איצט האַלטען איהר וואָרט? דאָ, פאַר דעם אפעראַציאָנסטיש מיט דעם פערקריפּעלטען קערפּער פון זשאָזואַ דע קרואַיז?

זי קוקט אויף דעם פּראָפעסאָר ווען די דיענער מיט די געהילפען לאַדען אויס די פערוואונדעטע, און די געשרייען פון לאַזאַרעט, פון די בעטען, פון די שטוהלען, פון דעם דיל פילען אָן איהרע אויערען, געשרייען, געוויין, קרעכצען, פלוכען און געבעט, אַ ברילען, ווי פון די מיילען פון ווילד געוואָרענע טיערען, קלאַנגען, וואָס צורייסען די נערווען. מען רופט דעם טויט, דעם לעצטען ערלייזער פון אַלע ליידען פון גיהנם, וואָס די קריעגסערקלערונג האָט געבראַכט אויף די קולטורוועלט פון אייראָפּאַ און איבער די ערד.

איהר בליק וואַנדערט איבער דעם אָפעראַציאָנסצימער... אַ ים פון עלענד און טרערען, זי בליקט איצט אין די טיף פון אָט דעם ים. און אינמיטען פון אָט דעם ים שטעהט ווילהעלמי, אַ פעלז, אָן וועלכען די וועלען ארום שטויסען זיך אָן... ער וואַ־קעלט ניט, ציטערט ניט, רעגט זיך ניט אויף. ער טהוט נאָר זיין ארבייט, אין דער צייט ווען די דיענער און די שוועסטער לעגען אייטעם נאָך דעם אַנדערען אויף דעם אָפעראַציאָנסטיש.

טראָפּענס שוויס שטעהען אויף ווילהעלמי'ס שטערן. ער האָט חויך ארויפגעצויגען די אַרבעל פון זיין קיטעל, און זיינע הענט זיינען אינגאַנצען בעדעקט מיט בלוט. ביי זיין זייט שטעהט אַ געפעס מיט אַן אַסעפּטישער לעזונג, וואָס איז שוין אינ־

גאַנצען פול מיט בלוט און פינגער און הענט און פיס, וואָס דער פּראָפעסאָר האָט שוין אין צעהנדליגער אַמפּוטירט.

— ווייטער! דער נעקסטער! ווייטער! דער נעקסטער!

— רופט ער אונערמידליך אויס.

דער צימער מיט די פערוואונדעטע און דעם אָפּעראַציאָנס־טיש דרעהט זיך פאַר שוועסטער אירענאַ'ס אויגען אין אַ קרייז. אין אַ קרייז דרעהט זיך אויך דאָס גרויסע שווארצע קרוציפיקס, וואָס איהרע קאַטוילישע קאָלעגינען פון אַאַכען, די אָרימע „מיידלעך פון יעזוס קריסטוס", ווי זיי רופען זיך, האָבען אויפ־געהאַנגען אויף דער מיטעלסטער וואַנט פון צימער. איהר דוכט זיך, אַז די גרויסע הייסע טרערען פון דעם ערלייזער פאַלען אַראָב אויף דעם מיט בלוט בעדעקטען דיל פון צימער, וואו פּראָפעסאָר ווילהעלמי טהוט זיין שווערע ארבייט.

— דער נעקסטער! — דאַן נאָכאַמאָל: — דער נעקסטער!

— און ווידער: — דער נעקסטער! — אַזוי ציהט זיך דאָס שטונדען און שטונדען לאַנג, אָהן אַ סוף!

ווילהעלמי האָט איצט אונטער דעם מעסער אַ בלוטיונגען אינגעל פון אַ יאָהר זיעבעצעהן. ער איז אַנטלאָפען אין געהיים פון פאָטער און מוטער און האָט זיך געשטעלט באַר אַ פריי־וויליגען. ער האָט בעשלאָסען צו געהן, און ער האָט ניט גערוהט און קיינעם ניט געלאָזען צורוה, ביז מען האָט איהם ענדליך אָנ־גענומען. ער איז נאָך געווען אַ ק י נ ד! ער איז דער אייג־ציגער זוהן פון פערמעגליכע, אָבער בעשיידענע עלטערען, אַ שילער פון פארלעצטען קלאַס פון גימנאַזיום, איז ער פון שול־באַנק גלייך געקומען אויפ'ן שלאַכטפעלד. ער וויינט פאַר שמער־צען אויפ'ן טיש, נאָך איידער ווילהעלמי האָט איהם בעריהרט מיט דעם מעסער, און דער פּראָפעסאָר מוז ארויסציהען שטי־קערווייז די צוברעקעלטע ביינער!

אַ שאָס האָט איהם אינגאַנצען צושמעטערט זיין לינקע שליסעלביין. דאָ איז ניטאָ קיין אויסוואַהל. שטיקלעכווייז, איין טייל נאָך דעם אַנדערען, מוז דער פּראָפעסאָר ארויסנעמען די ביינער. צוערשט מוז ער זיי זוכען מיט דער זאָנד, דאַן אָנגעמען מיט'ן צוואַנג און דאַן אויסשניידען מיט'ן מעסער. און דאָס כלאָראָפאָרם איז אויסגעגאַנגען!

ווילהעלמי געפינט ניט קיין וואָרט צו טרייסטען, פערשעה־מען אָדער אויפמונטערען דעם פערוואונדעטען. שווייגענדיג טהוט ער זיין שרעקליכע ארבייט... שניידען, שניידען... אויף דעם לעבעדיגען, צוקענדען, פיהלענדען לייב...

ווי דער געשריי פון אַ דערשטאָכענעם אָקס, טראָגט זיך דער געשריי פון דעם פערוואונדעטען איבער׳ן צימער. וויל־העלמי ציטערט ניט, שוועסטער עריקאַ צוזאַמען מיט צוויי שטאַרקע דיענער, ווערען די נויט הערקולישע קרעפטען, האַלטען פעסט דעם פערוואונדעטען אויפ׳ן טיש.

שוועסטער אירענאַ האָט מורא, אַז זי וועט פערלירען איהר בעוואוסטזיין. אָבער זי שטרענגט אָן איהר לעצטע ווילענס־קראַפט, און אין צוואַנציג שרעקליכע מינוטען, וואָס האָבען זיך געצויגען, ווי אַן אייביגקייט, ענדיגט ווילהעלמי׳ס מעסער זיין אַרבייט.

שוועסטער אירענאַ האָט אַבגעווענדעט איהר בליק פון אָפּעראַציאָנסטיש. דער פערבאַנד איז פאַרטיג. ווילהעלמי געהט צו איהר צו מיט דער פראַגע:

און ווען האָט איהר מיר געבראַכט, שוועסטער אירענאַ?

זי נעמט איהם אָן ביי דער האַנט און פיהרט איהם צו דעם אינדיער און דעם יונגען בעלגישען אָפיציר.

— נעמט דעם אינדיער, קראַנקענוואַרטער, — ענטשיידט ווילהעלמי.

— און... און... — גאָר דאָס קליינע וואָרט קען שוועסטער אירענאַ ארויסברענגען.

— איך וועל זעהן, — ענטשיידט דער אָפּעראַטאָר, — אָבער מיר דוכט....

ער שטעהט שוין ווידער ביים אָפּעראַציאָנסטיש און טיילט אָב די רעשטען פון מוסקעלען און אָדערען, וואָס זיינען איבערגעבליבען ביי דעם אינדיער אונטער די שולטערן.

ביי שוועסטער אירענאַ ציטערט דער גאַנצער קערפּער.

דער פּראָפעסאָר האָט געוויס בעשלאָסען, אַז דער צושטאַנד פון דעם אַנדערען איז האָפנונגסלאָז, ווען ער בעשעפטיגט זיך צוערשט מיט דעם אינדיער.

זי בעהערשט זיך און געהט צו צום אָפּעראַציאָנסטיש, און וועהרענד ער נעהט, זאָגט זי איהם זעהר שטיל:

— איך בעט אייך, הערר פּראָפעסאָר... איך בעט אייך! רעטעט יענעם, דעם אַנדערען!

— איך וועל זעהן, שוועסטער אירענאַ, אָבער מיר דוכט...

— רעטעט איהם!

— איך וועל זעהן.

זי האָט זיך געמוזט צופרידענשטעלען מיט דעם ענטפער און וואַרטען, ביז ער האָט פערנעהט די שרעקליכע וואונד אונ־

טער דעם אינדיער׳ס שולטער און אויף דעם איבערנעבליבענעם שטיקעל האַנט.

ענדליך שטעהט ווילהעלמי פאר זשאַזוא דע קרואיז.

ער זוכט דעם פּולס און שאַקעלט מיט׳ן קאָפּ.

— איך האָב מורא, שוועסטער...

— איך בעט אייך... איך בעט אייך זעהר, הערר פּראָפעסאָר!

— וועט איהר מיר אַליין העלפען, שוועסטער אירענא?

— יע, איך וועל העלפען, הערר פּראָפעסאָר!

— דאַן לעגט דעם פערוואונדעטען אויף דעם אָפּעראַציאָנס־טיש, — זאָגט ווילהעלמי צום דיענער.

צוויי דיענער נעמען אָן דעם בעלגיער.

— פאַרזיכטיג, פאַרזיכטיג, דאָס הארץ שלאָגט קוים!.... פאַרזיכטיג, פאַרזיכטיג... איך וועל מוזען אמפּוטירעןביידע פיס... איך וועל פּרואווען!

IX

— נעמט אראָב דעם פערוואונדעטען׳ס קליידער!

טאַמאַס, וואָס איז געבליבען העלפען ביי דער אָפּעראַציאָן, האָט ארויסגענומען זיין מעסער פון קעשענע און האָט אויפגעשניטען זשאַזוא דע קרואיז׳ם הויזען ביי די פיס. דער פערוואונדעטער איז געלעגען אויף דעם אָפּעראַציאָנסטיש ווי א טויטער. שוועסטער אירענא האָט מיט ציטערענדע פינגער געעפענט זיין ראָק מיט דעם צייכען פון לייטענאַנט. זיינע קליידער און וועש זיינען געווען איין קלעפּיגע שטיק שטאָף אָנגעזאַפּט מיט בלוט.

אָבער שוועסטער אירענא איז געבליבען פעסט. ווען זי דערפיהלט, אז איהרע קרעפטען נעמען זיך איהר אוים, אז איהר קאָפּ שווינדעלט, און זי וועט באלד אומפאלען, הויבט זי אויף איהר בליק צום קרוציפיקס, וואָס הענגט קעגענאיבער איהר אויף דער מיטעלסטער וואַנט פון לאַזארעט.

— בעהאלט פאַרזיכטיג דעם פערוואונדעטען׳ס פּאַפּירען, שוועסטער אירענא, — פערנעמט זי ווי פון דערווייטען וויל־העלמי׳ס שטים.

און מעכאַניש נעמט אָן איהר האַנט א קליין פּעקעל שריפטען, וואָס איז געלעגען פאַרזיכטיג ארומגעבונדען אין דער אינוועניגסטער קעשענע פון דעם פערוואונדעטען׳ס ראָק.

דער ראָק, די הויזען און די מיט בלוט דורכגעזאַפּטע וועש זיינען איצט געלעגען אויפ'ן דיל.

— קאָנטראָלירט איצט דעם פּולס, שוועסטער עריקאַ!

אָהן גערויש איז שוועסטער עריקאַ צוגעגאַנגען צום אָפּעראַציאָנסטיש און האָט אָנגענומען זשאָזוא דע קרוואיז'ס רעכטע האַנט צווישען די פינגער.

— איך געפין מעהר ניט קיין פּולס, הערר פּראָפעסאָר.

— איהר מוזט געפינען, שוועסטער!

דאָס איז געווען אַלץ, וואָס ווילהעלמי האָט געזאָגט. ווייטער איז שוין זיין גאַנצע אויפמערקזאַמקייט געווען קאָנצענטרירט אויף די אַרבייט צו פערבינדען די בלוטאָדערען, אויף וויפיעל דאָס איז געווען מעגליך ביי דער שרעקליכער פערוואונדונג.

די גראַנאַט האָט דעם אונגליקליכען אָבגעריסעןביידע פיס ווייט העכער פון די קניע. מען מוז אראָבנעמען די בלוטענדע שטיקער פיס, אָבזעגען די צוויי ביינער, דאַן מוז מען די וואונדפלאַכען דעזינפיצירען און פערבינדען. צו די שטיקער פיס זיינען צוגעקלעפּט שטיקלעך קליידער, שמוץ, שטויב, בלוט און פּולווער.

שוועסטער אירענאַ איז קוים אימשטאַנד געווען צו קוקען אויף די שרעקליכע שטיקער פון מענשליכע פיס. אָבער זי מאַכט די לעצטע אָנשטרענגונגען צו בלייבען פעסט, נאָכדעם ווי זי האָט בעהאַלטען די פּאַפּירען אין א קאַסטען אין קאַנטאָר און האָט זיך אומגעקערט צום אָפּעראַציאָנסטיש.

ווילהעלמי נעמט זיין מעסער. מיט ראַשע שניטען שניידט ער אָב די מוסקולען און אָדערען. און דער פערוואונדעטער ריהרט זיך ניט, אַזוי טיף איז די אָהנמאַכט, וואָס דער שרעקליכער, אָבער איצט נויטיגער בלוטפערלוסט האָט פעראורזאַכט.

ווילהעלמי שאָקעלט דעם קאָפּ.

„דאָס איז אינגאַנצען איבריג, ער וועט ניט לעבען", לעזט שוועסטער אירענאַ אין זיינע אויגען.

אָבער אַזוי בעטענד איז געווען שוועסטער אירענאַ'ס בליק, געווענדעט צו איהם, אַז ער האָט גענומען זיין זעג.

— האַלט, שוועסטער אירענאַ, צוערשט דעם לינקען פוס!

און מיט איבערמענשליכער אָנשטרענגונג האַלט שוועסטער אירענאַ דעם לינקען פוס פון אָט דעם זשאָזוא דע קרוואיז, וואָס איז איהר נאָך נעכטען געווען א ווילדפרעמדער, און פאַר וועמעס לעבען פון א קריפּעל זי בעט איצט און האָט אַזוי מורא.

אַלע אין צימער האָבען אויפגעציטערט. די פערוואונ־דעטע האָבען אויף א ווײלע פערגעסען זײערע אײגענע שמער־צען, זײ האָבען אויפגעהערט װײנען און שרײען און האָבען אָבגעװענדעט די בליקען פון װילהעלמי. אפילו די נערװענ־שטאַרקסטע שװעסטער און געהילפען האָבען אײנגעהאַלטען דעם אָטעם און געקוקט אָן א זײט.

עס הערט זיך דער קלאַנג פון װילהעלמי׳ס זעג דורך דעם לעבעדיגען ביין.

און זשאָזוּא דע קרואיז ריהרט זיך ניט.

„א דאַנק גאָט“, לויפט דורך אירענא׳ס קאָפּ, „א דאַנק גאָט!“

מיט אײזערנער ענערגיע האַלט איהר האַנט דאָס שטי־פוס, װאָס װערט אָבגעזעגט, אָבער איהר בליק זוכט אויף דער װאַנט דעם ערלײזעו׳ס קרײץ, און איהרע ליפּען מורמלען אין אַן אָנפאַל פון אינערליכער פערצװײפלונג דאָס פאָרלעצטע װאָרט פון דעם געקרײציגטען:

„גאָט, מײן גאָט, פאַרװאָס האָסטו מיך פערלאָזען?“

די זעג קרעכצט, פערענדיגענדיג איהר ארבײט. א קלאַ־רער, שאַרפער קלאַנג דערהערט זיך.

װילהעלמי האָט אָבגעזעגט דעם ביין נאָך אַלע רעגלען פון דער קונסט... שוין דעזינפיצירט ער די װאונדפלאַך, און שװעסטער עריקא האַלט שוין אָנגעגרײט גאַז צום פערבינדען.

נאָך אין עטליכע מינוטען איז װילהעלמי פאַרטיג.

— איצט דעם רעכטען פוס, — װענדעט ער זיך צו שװעסטער אירענא.

און שװעסטער אירענא, קוים האַלטענדיג זיך אויף די פיס, געפינט אין זיך קרעפטען אויסצושטעהן די שװערע אַר־בײט צום צװײטען מאָל. אַלע אין אָפּעראַציאָנסזאַל האַלטען װידער איין דעם אָטעם, און די פערװאונדעטע פערגעסען צו־ליעב דעם שיקזאַל פון זשאָזוּא דע קרואיז זײערע אײגענע אונגליקען.

נאָך א האַלבער שעה איז װילהעלמי פאַרטיג.

שװעסטער אירענא, מיט דער הילף פון א דיענער, לעגט אװעק דעם קערפּער אָהן פיס אין א קאַסטען, אין װינקעל, װאָס איז זעהר עהנליך צו אן אָרון, װאָס איז אָבער אינװעניג אויס־געבעט מיט קישענס. קײן אַנדער בעט איז ניט געװען, אַלע זײנען שוין לאַנג געװען פערנומען.

א שטאַבאַרצט קומט אַרײן.

— הערר פראפעסאר ווילהעלמי!
— הערר שטאבארצט?
— א הויכער אפיציר מוז ווערען אפערירט, א זעהר שווערע אויפגאבע, מען האט דאס נאר געקענט אנפערטרויען אייך, דעם בעריהמטען כירורג. מען דארף ארויסנעמען א קויל פון בויך. מען האט מורא, אז דער דארם וועט דורכגעלעכערט ווערען, און דאס וועט פיהרען צו אן ענטציגדונג פון בויכפעל.
— איך קום באלד!
— אן אויטאמאביל שטעהט פאר דער טיר, הערר פראפעסאר. זייער עקסעלענץ ליגען אין מוידערהופד, אין א שולהויז, וואס מען האט פערוואנדעלט אין א לאזארעט.
— שוין, הערר שטאבארצט!
— ניין, איך מוז אייך גלייך מיטנעמען, הערר פראפעסאר!
— איך קום!

און אזוי ווי ער איז, אין דעם בלוטיגען קיטעל, וואס איז דורכגעזאפט מיט דעם לעבענסזאפט פון זשאזוא דע קרואיז און אנדערע, שפרינגט ווילהעלמי אריין אין גרייטען אויטאמאביל און פליהט אין מוידערהופד.

דרויסען איז לאנגזאם אנגעקומען דער אוונד. די זון, וואס האט בעשיינט דאס גאנצע אונבעשרייבליכע עלענד, איז אונטערגעגאנגען אין די וועלען פון ים הינטער די דינען, און די שווארצע נאכט האט געגומען קריכען איבער די גרינע עבענע פון פלאנדערן. און וויט, הינטער איפר, האט זיך ווידער דערהערט דאס דונערען פון די טויטברענגענדע קאנאנען.

אין דעם לאזארעט ברענט איצט ליכט, א שוואך, ארים ליכט פון א פאר אויל־לאמפען און ליכטלעך. דער ציטערענדער שיין ווארפט גראטעסקע שאטענס אויף די בעטען און אלץ, וואס שטעהט אויפ'ן דיל, אויף די ווענט, און מאכט ענדלאז לאנג די באלקען פון דעם קרוציפיקס, וואס הענגט אויף דער מיטעלסטער וואנט.

דא איז שווער צו אטעמען, די לופט איז אנגעפילט מיט קארבאל, יאדאפארם און עטהער.

א שרעקליכע מיעדקייט איז בעפאלען די אלע, וואס ליגען דא. נאר פון צייט צו צייט הערט זיך א שטילער קרעכץ. שלאף און טויט גנב'ענען זיך מיט קוים הערבארע טריט דורכ'ן צימער, פון בעט צו בעט, און בלייבען אונבעמערקט פון דעם

בליק פון שוועסטער אירענא, וואס ו.אלט די נאכטוואך צו־זאמען מיט דעם געהילף טאמאס.

איהרע ברייט אויפגעריסענע אויגען, וואס גלאנצען אין גלוט פון פיבער, קוקען אויף דעם קריסטוסקאפ פון זשאזוא דע קרואיז, פאר וועמעס בעט זי האט זיך געזעצט. איהר בליק קערט זיך דאן אב צום קרוציפיקס אויף דער וואנט, דאן פאלט ער אראב צום פעקעל פאפירען, וואס זי האט געפונען ביי דעם פערוואונדעטען. זי האט דאס איצט אין טיפער נאכט ארויס־גענומען פון קאסטען. זי בינדט אויף דאס פעקעל און לעזט שורה נאך שורה, זייט נאך זייט, און זי דערקענט אין זיי זשאזוא דע קרואיז, דעם פרעמדען פון שלאכטפעלד, וועמען זי האט היינט געזעהן צום ערשטען מאל. ער איז איהר איצט אזוי נאהנט.

נאהנט איז ער איהר געווען דורך די אלע יאהרען פון איהר פערגאנגענעם לעבען, ווען זי האט געטאפט אין דער פינסטער, ווי א נאכטוואנדלערין, און האט ניט געקענט גע־פינען דעם וועג, ביז דער פערראט פון דעם, וואס איז געווען איהר מאן, איבער איהר פריינד האט זי געבראכט צוערשט אין די וואוינונג פון פראפעסאר ווילהעלמי, דאן אויף די שלאכטפעלדער פון פלאנדערן און ענדליך צום קראנקענבעט פון דעם גרויסען מארטירער און דיכטער.

וואס האט זי דא געלעזען? וואס איז דאס געווען?

דער שוואנענגעזאנג פון בעלגיען
(א העלדענליעד)

דאס איז געווען אויפגעשריבען איבער די העקזאמעטערען, וואס האבען דערמאנט אן איליאס און האבען בעדעקט די לייזע בלעטלעך פון זשאזוא דע קרואיז, דעם יונגען דיכטער, וואס האט פאר זיין פאלק געטראגען פאראויס די פאהן פון פרייהייט.

שוועסטער אירענא האט געלעזען:

זיי מיר געגריסט, מיין לאנד, בעשפיעלט פון די גאלדענע וועלען,
ווען פעבוס פיהרט צו דעם שטערן פון אווענד דעם זונגענגעשפאן.
לאנד פון די עלטערען, דו לאנד פון פרייהייט, וויעג פון קונסטען,
תעסטונג פון פליים און פון מיה, אונפערגלייכליך אין טהאט!
וואלט איך נאר זאגען געקענט, וואס דו ביזט פאר מיר, וואלט איך געזאגט.

אבער איך שטאמעל נאר, הויב איך פאר דיר אויף מיין שווערד!
ביזט מיין לאנד, האסט מיר ערצויגען מיין פאטער און מוטער,

דו חאָסט געזעהן מיינע שפּיעלען, אַ פריינד געווען אין מיינע זאָרגען!
וואָלט איך נאָר זינגען געקענט, ווי אמאָל ווערגיל און האָמעראָס,
וואָלט איך בעזונגען אין גאָלדענע טענער איליאָן'ס פאַלען!
אָבער איך בין צו שוואַך, צו קליין איז די מאַכט פון מיין ליער,
בלוט רינט מיר פון הארצען, נאָר מיינע ליפּען שווייגען.
דאָך, אַ שטאָלצע לאַנד פון די עלטערען, אַלץ ביזטו מיר,
ביזט מיין געליעבטע און פרוי, מיין מוטער און שוועסטער,
מיין גליק!
זאָל איך דאָס וואַגען, אַ געטער? פון אַלע ליעדער אַ ליעד
זינגען וועל איך דאן, ווי די ערהאבענע איז געפאלען.

שוועסטער אירענא האָט זיך פערגעסען און האָט געלעזען די לעצטע שורות מיט אַ הויכער שטים און מיט אַ ווילדען צאָרן אין אייגענעם הארצען. און פּלוצלונג האָט איהר אויסגעוויזען, ווי דער פערוואונדעטער וואָלט זיך גערידהרט.

ווירקליך, ער פיהרט מיט דער האנט איבער די דעק, וואָס זי האָט פערשפּרייט איבער זיין בעט, אַזוי ווי דער ריטם פון זיינע אייגענע פערזען וואָלט איהם געבראכט צוריק צום לעבען.

— איהר לעבט, איהר האָט ערוואכט? — ווי אַ שווער אונטערדריקטער יובעלגעשריי האָבען זיך די ווערטער ארויסגעריסען פון שוועסטער אירענאַ'ס ליפּען.

דער פערוואונדעטער קוקט אויף איהר. זיין שטארער בליק איז געווענדט אויף איהר, ווי אויף אַ געשפּענסט. ער וויים ניט און פיהלט ניט, וואו ער געפינט זיך, און וואָס אייגענטליך מיט איהם איז געשעהן.

די צוויי פּאָר אויגען פערזינקען אַ ווײַלע איינע אין די צווייטע, די פיבערגליהענדע אויגען פון דער שוועסטער און די אויגען פון דעם דיכטער, וואָס זיינען פערטיפט אין עפּעס, וואָס איז שוין זעהר ווייט פון דער ערד...

— ווייטער, ווייטער, — שטאמעלט דאן זשאָזוא דע קרואיז.

שוועסטער אירענא האָט דוכט זיך פערשטאנען זיין פערלאַנג. יעדענפאלס קערט זי ווידער איהר בליק צו די בלעטלעך, וואָס זיין האנט האָט פערשריבען און וואָס ליגען ביי איהר אין שוים. אָבער זי קען ניט לעזען... זי קען ניט.

אָבער דאָ האָט זיין שטים צום ערשטען מאָל אין איהר לעבען דערגרייכט איהר אויער.

די שטים איז אזוי שוואַך, עהנליך צו דעם הויך פון אַ שטילען פריהלינגס ווינט... אָבער שוועסטער אירענא פער־

שטעהט די שטים, זי פערנעמט יעדעס ווארט פון די בלוט־לאזע ליפען. אויף א ווייל ווענדט זי איהר טרוקענעם, גלי־הענדען בליק פון דעם קריסטוסקאפּ צום גרויסען שווארצען קרייץ אויף דער וואנט.

און איצט ווי דער אוועגדווינט אין הערבסט, וואס טראגט זיך איבער די דינען פון פלאנדערן און זינגט אינמיטען נאכט דאס אין ים געבארענע ליעד פון פערזונקענער גרויסקייט, דער־טראגען זיך צו שוועסטער אירענא'ס אויערען, וואס זיינען געשארפט אין שמיי־ען און טויטשרעק, די שטילע ווערטער פון זיינע מורמלענדע ליפען:

ביזטו דאס, א געטין, וואס איז נאך פאר מיין יוגענד ערשינען,
די, וואס איך האב אייביג געזוכט מיט הייסען וואונש?
דו האסט די העלדען געקרוינט און די געטליכע זענדונג געטראגען,
רוים האט פאר דיר זיך גענייגט, און אטהען, און איליאן, און ספארטא!

דיך האב איך דערקענט אין דעם ווינט ביי די ברעגען פון פלאנדערן,
ווען דער פריהלינג ברענגט אונז די שארפע לופט פון ים.
דיך האב איך דערקענט אין די שטראהלען, וואס פאלען ווי גאלד,
ווען ס'האט דער אוועגד דעם שוים ראזיג און פורפורן געמאלט.
דיך האב איך דערקענט אין דעם רוישען פון הערבסטיגען שטורעם
ווען ס'האט דער נעבעל דעם ים איינגעהילט אין א מאנטעל א גרויען.
אין דעם געשריי פון דער מעווע אין ווינטער, אין רוישען פון ווינט,
אין דעם טאנץ פון די וועלען דערקענט האב איך דיין שטים די שטאלצע!

ביזטו דאס, א געטין און פריינדין, געליעבטע, שוועסטער און מוטער,
די, וועמען מיין בענקענדע הארץ האט אייביג געזוכט?

פערשטארבען ווערט די .שטים פון זשאזוא דע קרואיז. אבער זיינע הענט שטרעקען זיך אויס, ווי ער וואלט געוואלט ארומנעמען פלאנדערן און זיין געטין...

און אין דעם פיבער, וואס האט פערדונקעלט זיין בע־וואוסטזיין, נעמען זיינע הענט ארום שוועסטער אירענא, וואס האט זיך איינגעבויגען איבער איהם.

זי ציטערט אויף ביי דער אומארמונג, אבער זי פיהלט ניט אין זיך די קרעפטען זיך אבצוקערען.

און איידער זיין קאפ איז ווידער נעפאלען בעוואוסטלאז אויפ'ן קישען, מורמלען זיינע ליפען:

— יע, דאס ביזטו, דאס ביזטו!

X

עס איז געשעהן! פון איין גראבען צום צווייטען געהט דאס ווארט פון מויל צו אויער, פון איין סאלדאט צום צווייטען, און מען בעגרייפט נאך ניט דעם שרעקליכען זין פון דעם ווארט. אבער די געזיכטער פון די בעלגישע, פראנצויזישע און ענגלישע קעמפער לויכטען ביי דעם קלאנג פון דעם ווארט, ווי דאס וואלט אנגעזאגט די ערלייזונג און בעפרייאונג. עס איז געשעהן!

איין איינפאכער מענש פון פאלק, וואס איז פריהער געווען אן ארבייטער אויף דעם פון ים בעוואשענעם ברעג פון פלאנדערן און דאן אן אנגעשטעלטער ביי די ארבייטען ארום די דאמען אויף די קאנאלען, האט איינגערוימט אז די מעגליכקייט דעם בעלגישען גענעראל-שטאב און האט דערמיט אריינגעווארפען א שטראהל פון לעצטער האפנונג אין הערצער, וואס זיינען שוין געווען אנגעפילט מיט פערצווייפלונג.

עס איז געווען א מעגליכקייט דורכצוברעכען די דאמען און לאזען די וואסערען פון דעם אטלאנטישען אקעאן פערפלייצען די דינען און די גרינע עבענע פון פלאנדערן, כאטש עס זיינען שוין מעהר ניט געווען די מיטלען פון א קינסטליכער פערפלייצונג פון דעם לאנד. אבער איין מעגליכקייט אזא איז נאך געווען. מען האט געקענט, מען האט געדארפט, מען האט געמוזט אין אזא מינוט, אין דעם פאטאלען מאמענט פרואווען אט דעם עקסטרעמען מיטעל. קיינער האט נאטירליך ניט געקענט פאראויסזאגען געגוי דעם רעזולטאט. אבער די גאנצע האפנונג איז איצט געווען אויף אט דעם לעצטען, פערצווייפעלטען שריט.

אין די פריהערדיגע יאהרהונדערטער, ווען די פרייהייט פון נידערלאנדען פלעגט געשטעלט ווערען אין געפאהר דורך אן אריינדרינגען פון פיינד פון נארד אדער זיד, אסט אדער וועסט, פלעגט מען קענען עפענען די שלוזען און אריינלאזען די וואסערן פון אטלאנטישען אקעאן. און ווי א וואסערפאל פלעגט זיך דאן דער פריינד פון פלאנדערן און בראבאנט אריינרייסען אין לאנד און נעמען עס אין זיינע בעשיצענדע, אונווידערשטעהליכע ארעמס.

אבער אזא מעגליכקייט האט שוין לאנג געשיינט צו זיין פערשוואונדען צוליעב די ווערק אויף די ברעגען. און דאך האט מען איצט נאך געפונען אזא מיטעל, אבער אט דער לעצטער מיטעל האט אויך געפאדערט דעם לעצטען מוט און שטאנד־

האפטיגקייט. דער אקעאן וועט קומען, אבער לאנגזאם! מען וועט איהם אבער ניט קענען איינהאלטען. און ביז ער וועט ענדיגען זיין ארבייט, וועט מען מוזען זיין גערולדיג און ווארטען ביז צום לעצטען מאן!

דאס לאנד איז געווען איינגאנצען דורכגעגראבען פון קאנאלען, קאנאלכעלעך אין וואסערלעך, צווישען די דינען און די בעגראזטע פעלדער. שמאלע פעדים, וועגען וועלכע קיין מענש האט געוועהנליך ניט געקלערט, האבען זיך געצויגען פון נארד צו זיד, פון וועסט צו אסט. דאס לאנד איז איינגאנצען געווען אנגעזעטיגט מיט וואסער.

און איינגאנצען עטליכע שטונדען גאנג ווייט האט דער אונגעהויערער אקעאן, וואס האלט אין זיינע טיפען טויט און פערניכטונג, געקלאפט מיט זיינע וועלען אן ברעג. איהם האט מען דאס געדארפט איצט ארויפווארפען אויף דאס לאנד, אבער ניט אין א פלוצלונגען געוואלטיגען שטראם, וואס זאל מיט אמאל בעדעקען דאס לאנד און דאך איבערלאזען פאר די וואס וויסען די מעגליכקייט צו אנטלויפען.

ניין, דאס קען מען שוין איצט ניט טהאן. אבער אנדערש!

דורך די אפענע וועגען דארף דער אקעאן לאנגזאם, אבער אהן אויפהער לעקען און לעקען דעם דורכגעאקערטען באדען, לאנגזאם און אהן אויפהער קריכען איבער איהם אין קליינע געשלענגעלטע טייכלעך, ביז ער וועט ניט דורכלעגען זיך א וועג, ביז דאס וואסער וועט אנפילען ביז צו די ברעגען די קאנאלען, קאנאלכעלעך און וואסערלעך, און די גאנצע ערד וועט ווערען דורכגעזאפט מיט וואסער, ווי א שוואם, פון וועמעס פארען וועלען זיך א לאז טהאן אונווידערשטעהליכע אלץ פערניכטענדע שטראמען, וואס קענען אלץ פערטרינקען אויף זייער וועג.

ניט פון איין זיכטבארען קוואל, נאר פון דער ערד אליין, פון אלע איהרע פערטיפונגען דארף נעמען שטראמען וואסער. דאס וואסער וועט אריינדרינגען אין די פיינדליכע טראנשעען און וועט אלץ שטייגען און שטייגען, ביז עס וועט זיי ניט אנפילען, ביז צו דער ברוסט פון פיינד, ביז צו זיינע שולטערען... דאן וועט דאס אריבערפליסען זיי, וועט שטראמען איבער זייערע ברעגען און פערפלייצען די גאנצע עבענע מיט די דינען, אזוי אז דאס גאנצע לאנד וועט זיך פערוואנדלען אין א ים, אין וועלכען עס וועלען דערטרונקען ווערען פערד און רייטער,

געוועהר און טראנספארטען, אומקומען וועט אלץ, וואס לעבט, פון דעם מענשען ביז דער מויז.

טעג און טעג וועט דאס דויערען, און מען וועט דארפען ווארטען און ווארטען, ביז דער אקעאן וועט ענדיגען די גרויסע ארבייט פון פערניכטונג און בעפרייאונג.

דאס איז געוועז דער געהיימניספולער פלאן, וועלכען דער ארבייטער ביי די דאמען אויף די קאנאלען האט פערטרויט דעם בעלגישען גענעראלשטאב אין א טיפער נאכט, ווען די הערצער זיינען שוין געוועז אנגעפילט מיט דער העכסטער פערצווייפלונג און לעצטען פיין.

און דאן איז אט דער איינפאכער מענש, דער רעטער אין דער מינוט פון העכסטער נויט, אוועק צוזאמען מיט אן אבטיילונג פון פיאנירען און זייערע אפיצירען איבער די געפעהרליכסטע וועגען, אונטער דעם פייער פון די פיינדליכע קאנאנען, און זיינען דערגאנגען ביז צום ברעג, וואו דער ריעזיגער דאם איז געשטאנען, וואס מען האט אויפגעבויט אום זיך צו שיצען קעגען שטורמיגען ים, און וואס האט אבגעקאסט מיליאנען און מיליאנען. דא האבען זיי אין די שטונדען פון נאכט אויסגעפיהרט די גרויסע ארבייט פון רעטונג.

דער ריעזיגער דאם איז געוועז דורכגעלעכערט, און די וואסערען פון אטלאנטישען אקעאן האבען בעקומען א פרייען וועג.

דאן האבען זיך גענומען ציהען לאנגע, באנגע שטונדען פון ערווארטונג, שטונדען נאך שטונדען, א נאכט, א טאג און נאך א נאכט.

וועט דאס געלינגען? וועט ערפילט ווערען די פראפעצייאונג פון דעם מענשען, וואס איז פון זיין יוגענד אן אזוי נאהנט צום לאנד און צום אקעאן? און ווען ער האט געהאט א טעות?

די נעגנער קעמפען פערביטערט, איין גראבען אנטקעגען אנדערען. דער קאמף האט זיך דא שוין אנגעהויבען מיט וואכען צוריק און ווערט אנגעהאלטען. דער באדען, דער לעצטער באדען פון בעלגיען, ווערט פערטיידיגט טריט נאך טריט און ווערט גענומען פון פיינד. ווידער קומט אן א נאכט, דאן ווידער אן אונענדליך לאנגער טאג. און די וואסערען פון אקעאן קומען נאך אלץ נים!

קען דען זיין, אז נאך אלעמען האט ער דאך א טעות געהאט, דער מענש, וואס איז געקומען אנבאטען די לעצטע

און העכסטע דיענסט זיין געשענדטען און בלוטענדען פאטער־לאנד?

דער אינפאנטעריע פייער הערט ניט אויף, די קאנאנען בליצען אויף פון ביידע זייטען, זיי שניידען דעם פיינד, רייניגען אב די גראבענס פון די ערדאבערער. אבער ניט קוקענדיג אויף אלץ, האט דאך דער פיינד די איבערמאכט, און די בע־פרייענדע וואסערען קומען נאך אלץ ניט!

איז דאס נאר געווען א טרוים פון דער שעהנער, גאלדענער בעפרייאונג, אן אילוזיאן, א לעצטער, פערפיהרערישער טרוים פון רעטונג וואס דער ארבייטער, וואס ווייס אזוי גוט דאס לאנד און דעם אקעאן, האט אנגעוועהט אויף די אפיצירען פון גענעראלשטאב?

די סאלדאטען טהוען זייער פליכט און שיסען און שטעלען אונטער זייער ברוסט אין וועג פון די פיינדליכע קוילען. זיי זעהען, ווי זייערע רייהען ווערען אלץ שיטערער, אבער אין דער־זעלבער צייט לעגען זיי צו זייערע אויערען צו דער ברוסט פון זייער בלוטענדען פאטערלאנד און הערען זיך צו: צו דערנעהנ־טערט זיך שוין ניט דער גערויש פון די וואסערען, וואס דארפען אנקומען פון די געהיימניספולע טיפען און פערטרייבען און פערטרינקען דעם פיינד...

קומען זיי דען נאך אלץ ניט?

די פאנטאזיע פון די קעמפער טראגט זיי אריבער צום וועסטליכען ים ברעג, וואו די וועלען שלאגען אן די פעלזען און דינען, וואו ענגלאנד'ס שיפען, וואס ברענגען הילף, פאהרען אריבער דעם קאנאל און האבען זיך שוין דערנעהנטערט ביז צו דער ווייט פון א שאס צו אסטענדע און מידלקערקע, אום צו שיקען זייער טויטברענגענדען פייער אין פיינד, וואס האט שוין די צוויי ערטער אויך פערנומען.

נאר איין קליין שטיקעל פון זייער אויסגעמאטערטען פא־טערלאנד געהערט זיי, און איצט ווארטען די הונדערט און פופ־ציג טויזענד פערטיידיגער פון לאנד, אז דער אקעאן זאל אויך דאס קליין שטיקעל פערטרינקען.

אבער אט דערהערט זיך א זאנדערבארער גערויש פון דער געהיימניספולער טיף, ווי פון צונגען, וואס מורמלען און רעדען און זאגען צו רעטונג, רופען צו: „מיר קומען! מיר קומען! דער אלטער אקעאן, וואס איז אלעמאל געווען דיין פריינד, האט זיך אויפגעעפענט און פערטרינקט דיין פיינד!"

איז דאָס ניט געווען זי, די קאַלטע, שלויע, פלינקע, פערפיהרערישע שלאַנג, וואָס האָט זיך געריננעלט דורך די דורכגעלעכערטע ערד און האָט אָנגעמערקט אונגעווענליכע, פּאטאַלע וועגען צו בעפרייאונג, וואָס אפילו די וואהנזיניגע פאַנטאַזיע פון דעם פיינד האָט ניט געקענט פאָראויסזעהן.

די מענשען אין די גראָבענס רוקען זיך נאָהנטער צו איינער צום אנדערען, ווי עפּעס אַ געהיימע קראַפט וואָלט זיי געטריבען. איז דאָס אמת? אָדער נאַרען זיי זיך אָב? עס דוכט זיך זיי, אז זייערע פיס ווערען וואָס ווייטער אַלץ קעלטער, און אז דער באָדען נעמט אַלץ מעהר זינקען אונטער זיי, ווי דאָס לאַנד וואָלט זיך אראָבגעלאָזען... אזוי ווי דאָס וואסער, אויף וועלכען זיי זיינען צוערשט געשטאַנען נאָר מיט די זוילען, און דאַן מיט די גאַנצע שטיוועל, דערגרייכט שוין איצט ביז איבער די קנעכלעך.

„עס קומט... עס קומט...” האָט צוערשט איינער איינגערוימט זיין נאכבאר, דאַן צעהנדליגער, הונדערטער, טויזענדער, ביז אַלע האָבען דאָס בעמערקט און האָבען דאָס אין דער שטיל איבערגעגעבען זייערע קאַמעראַדען.

ניט קוקענדיג אויף די געפאהר, וואָס שטעהט פאַר פון די פליהענדע פיינדליכע קוילען ביי יעדער אונפאָרזיכטיגער בעוועגונג, הויבען די מענשען הויך אויף די שטיוועל, צו ווייזען די קאַמעראַדען, ווי פאָלשטענדיג נאַס די פיס זיינען און בעגריסען דערמיט די פערניכטונג, וואָס דער אָקעאַן ברענגט.

און דער פיינד שיסט אונאויפהערליך. ער שיינט נאָך גאָרניט צו בעמערקען דעם ריעזיגען געגנער, וואָס האָט זיך איצט קעגען איהם אויפגעשטעלט און וועט איהם זיכער און אונפערמיידליך פערטרינקען, און די פון דעם פיינד, וואָס וועלען קענען זיך ראַטעווען, וועט ער צווינגען אָבצוטרעטען פון דעם לעצטען שטיקעל פלאַנדערן.

פערדעכטיגט דען דער פיינד נאָך גאָרניט?

דאָס וואסער קומט שוין ביז צו די קניה, די הענט זיינען פון שעה צו שעה, און דאַן שוין פון מינוט צו מינוט, מען קען דאָס שוין זעהן מיט די אויגען, און אַ שטורמיגע פרייד פילט אָן די הערצער פון די פערטיידיגער.

דאָס לאַנד האָט זיך ענדליך אָנגעזעטיגט מיט די וואסערען פון דעם אָקעאַן, און איצט גיט עס ארויס אָט די וואסערען

פון דער טיף פון זיין הארצען אין די גראבענס, אנפילענדיג זיי אלץ העכער און העכער.

דארט לאדט מען אן און מען שיסט, מען שיסט און מען לאדט אן...

דאס וואסער קומט שוין ביז צו די קניה. די הענט זיינען אייזקאלט און קענען שוין מעהר ניט האלטען די ביקסען, און די פיס זיינען ווי האלץ, אבער די מענשען ליידען געדולדיג און שיסען ווייטער.

מערקט דען דער פיינד נאך אלץ גארניט?

און עס מורמעלט און קלאפט און רוישט אין דער טיף־געהיימניספולער ערד פון פאטערלאנד.

א שלאנג, א שלאנג רינגעלט דאס ארום דעם פיינד מיט איהר דינעם קאפ. זי וועט ארומנעמען זיין ריעזיגען קערפער אין טויטליכער אומארמונג, וועט צוברעכען זיינע ריפען און ביינער, ווי די ריעזיגע באא פון טראפישען לאנד, וואס לאזט זיך אראב פון דער סיקאמארא מיט דעם מיט בלעטער בעדעקטען שטאם אויף דאס גארניט פערדעכטיגענדע טיער אין דעם אלטען וואלד... קיינמאל וועט זיך שוין דאס טיער ניט ארויסרייסען פון איהר שרעקליכער, טויטליכער אומארמונג!

דאס וואסער דערגרייכט שוין ביז צו די היפטען, די גראבענס זיינען שוין האלב אנגעפילט. מיט אלץ מעהר וואוט בעגייט דער פיינד זיינע אנגריפען. אבער ענדליך שיינט ער אויך צו בעמערקען, אז דא קומט פאר עפעס, וואס מען האט ניט פאראויסגעזעהן, עפעס, וואס איז אונבעגרייפליך.

צו קעלט און נאסקייט האט מען זיך שוין צוגעוועהנט דורך די לאנגע, שרעקליכע וואכען אין דער עבענע פון פלאנדערן. אבער איצט געשעהט עפעס אנדערש. וואס זאל דאס זיין? דאס איז דאך געוועזן מעהר ווי דער רעגען, וואס איז געפאלען אהן אויפהער אין פערלויף פון ענדלאזע טעג און נעכט, דאס איז דאך מעהר ווי דאס וואסער פון גרונד, וואס האט געקענט ארויפשטייגען פון די דורכגעגראבענע טיפען פון דעם פערפלוכטען לאנד, וואס איז אזוי אויך בעשטאנען אויף א העלפט פון וואסער!

ניין, דאס איז געוועזן מעהר, פיעל מעהר, דאס איז גאר געוועזן עפעס אנדערש!

ארום די אָרעמס און היפטען רוישט דאס העסליכע, טונקעלגעלבע וואסער, וואס איז געמישט מיט ערד און ליים, אין

וועלכען מען וועט מוזען דערטרונקען ווערען, ווי א משוגע געווארענער הונט, וואס די מענשען האבען אריינגעווארפען אין טייך.

פון מינוט צו מינוט וואקסען און שטייגען און מעהרען זיך די רוישענדע און ברומענדע וואסערען, און דער פיינד האט נאך אלץ נים קיין אהנונג וועגען דעם, פון וואנען זיי קומען, ער ווייס נאך נים, אז דער אקעאן האט זיך אויפגעעפענט און שטראמט דורך די אדערען פון פלאנדערן אום צו בעפרייען דאס, וואס ער ליעבט, וואס געהערט איהם און וואס ער וועט נים אבגעבען קיין פרעמדען...

אמת, אזא מעגליכקייט פלעגט ביים פיינד אמאל געוויס אויפשטעהן אין פארשטעלונג, אבער ער האט זיך קיינמאל נים פערטראכט איבער דעם ערנסט, מען האט דאס געהאלטען פאר עפעס פאבעלהאפטעס... און איצט — וואס קען דאס זיין?

די וואסערען שטייגען... זיי בעוואשען שוין די ברוסט פון די, וואס שטעהען אין די גראבענס און שיסען, זיי לעקען שוין די הייס געווארענע ביקסען.

ד ע ר א ט ל א נ ט י ש ע ר א ק ע א ן, ד ע ר ר ע ט ע ר פ ו ן פ ל א נ ד ע ר ן, א י ז א י ב ע ר א י י ך!

אבער זיי גלויבען דאס נאך אלץ נים.

הינטער די גראבענס איז געווארען לעבעדיג. נים קוקענדיג אויף דעם האגעל פון די פיינדליכע קוילען, אין וועלכען הונדערטער און הונדערטער זיינען געפאלען, שלעפען די סאלדאטען אויף דעם בעפעהל פון זייערע אפיצירען בינדלעך נאך בינדלעך פון אונגעדראשענעם קארן, וואס האט געזאלט ווערען רייף אויף די פעלדער פון פלאנדערן, זיי שלעפען האלץ און ברעטער פון די ארא־בגעריסענע הייזער און באראקען. זיי ברענגען אין די גראבענס אלץ, וואס זיי קענען נאר געפינען אין געגענד.

זיי גלויבען נאך אלץ, אז דאס איז גרונדוואסער, זיי האפען נאך אלץ טרוקען צו מאכען מיט אזעלכע מיטלען די גראבענס, די קאמערען פון אונפערמיידליכען טוים.

און דער אטלאנטישער אקעאן קומט אן, גערופען פון די פערצווייפעלטע! און זיי ווייסען דאס נים!

די וואסערען שטייגען און שטייגען, זיי שטעהען די סאלדאטען שוין ביז צו די שולטערען, און וואס מעהר זיי שטייגען, אלץ מעהר קראפט בעקומען זיי. זיי הויבען אויף אין דער רייך דאס אונגעדראשענע קארן און די ברעטער, מיט וועלכע

די שוואכע מענשען האבען געפרואווט פערשטאפען דעם אקעאן און זיינע אונערשעפליכע קוואלען.

קארן און האלץ און ברעטער שווימען, די ריעזיגע ארעמס פון דעם בעשיצער, דעם אקעאן, האבען זיי ארויסגעשטויסען אויף די אויבערפלאך פון דעם טונקעלגעלען וואסער, ווער־מעס ערשטע וועלען שלאגען שוין איצט די אונגליקליכע סאלדאטען אויף די ליפען.

האפט איהר נאך אלץ? איז דאס נאך דען ניט גענוג?

דער אקעאן פון פלאנדערן איז דאך איבער אייך!

מען קען מעהר ניט שיסען, די ביקסען לאזען זיך אראב אין געלען שטראם, נאר די קעפ אין קאסקען זעהען זיך ארויס פון וואסער.

פון יענער זייט הערט זיך שוין מעהר קיין איין שאס ניט. און פון דער זייט פון פיינד אויך ניט! די גראבענס זיינען לער. די מענגע פון די פערטיידיגער פון פלאנדערן שטראמט צוריק. און דער פיינד אויך... ער זאמעלט זיך צונויף אין אבטיילונגען, אין קאלאנען, די נאכט דעמערט איבער דער עבענע, וואס קאכט און רוישט!

די נרינע פלאך איז געווארען בעלעבט. די וועגען, פעל־דער און קאנאלען, וואסערלעך און וואסער שטעגעלעך זינקען אונטער איין איינציגער בעוועגליכער פלאך, וואס ווערט בע־שיינט פון די ערשטע שטראהלען פון דער אויפגעהענדער לבנה

דאס איז די הייליגע ערד פון פלאנדערן, וואס האט זיך אומגעקערט אין די מוטערליכע ארעמס פון אמפיטריטא!

מען הויבט אן אנטלויפען, אנטלויפען פון דעם וואסער. רעגימענטען נאך רעגימענטען, קאלאנען נאך קאלאנען לויפען איבער דעם רוישענדען שטראם, וואס גלאנצט אין לבנה שיין.

קיין וועג ניט, קיין שטעג, אזוי ווייט ווי דאס אויג קען זעהן, נאר דא און דארט הייזער און טורעמס, ביימער און ווינט־מיהלען זעהען זיך ארויס פון דעם טונקעלגעלען, פערפיהרע־רישען שטראם, וואס האט פערדעקט אלע טייכען און קאנאלען. און דער אקעאן וועט קיינמאל ניט ארויסגעבען, וואו די טייכע און קאנאלען זיינען, און זאלען זיי פאנגען די אנטלויפענדע, און זאל דער אקעאן זיי בעהאלטען אין זיין טיף!

זיי לויפען און לויפען. און דאס וואסער פון אקעא שטייגט.

XI

דאָס וואסער שטייגט ארויף ביז צום קאם פון דער דיגע, אויף וועלכער דאָס לאזארעט שטעהט. און ווען דאָס טונקעלע ליכט פון ווינטערדיגען פריהמאָרגען האָט אריינגעבליקט דורך די פענסטער, איז שוין דאָס וואסער געווען איבער דער שוועל פון טיר.

ווילהעלמי איז נאָך ניט געקומען צוריק.

ערשט איצט בעמערקען די שוועסטער און די געהילפען די נאָהנטע און דראָהענדע געפאהר. אין גרוים איילעניש נעמען זיי זיך צוזאמענפאקען אלץ און אריבערטראָגען די פערוואונדעטע אויפ'ן טראנספּאָרט־וואָגען, וואָס געפינט זיך ביים לאזארעט. אפשר וועט נאָך געלינגען צו געפינען אַ וועג דורך דעם רוישענדען שטראָם, אַ וועג צו פעסטען באָדען, וואו די אנקומענדע וועלען פון אַקעאַן האָבען ניט קיין מאכט.

די שוועסטער און געהילפען נעמען זיך צו דער שווערער ארבייט. אלע ארבייטען מיט איבערמענשליכער קראַפט. נאָר איינע זאָרגט וועגען קיין זאך ניט: שוועסטער אירענאַ. אין אַ ווייטען ווינקעל פון לאזארעט שטעהט זי אויף די קניה, איהר בליק געווענדט צום קרוציפיקס אויף דער וואנט, און הערט זיך צו מיט אַנגעשטרענגטער אויפמערקזאמקייט צו די פיבער פאנטאזיען פון דעם שטארבענדען זשאָזוֹאַ דע קרואיז. זיין דעלירויום האָט דערגרייכט דעם העכסטען פונקט, און קיין רעטונג איז פאר איהם ניטאָ. דער דיכטער פון פלאַנדערן און בראַבאַנט שטארבט. אָבער זיינע ליפען מורמלען עפּעס אין פיבער ווי אין דיטהיראַמבישען עקסטאַז. עס זעהט אויס, ווי זיין גאנצע פיהלען און דענקען וואָלט זיך געוואָלט נאָכאמאָל אויסגיסען אין אָט די לעצטע ווערטער זיינע, און שוועסטער אירענאַ האָרכט און האָרכט. זי הערט ניט, וואָס ארום איהר טהוט זיך, ווי די טיר ווערט אלע ווייל אויפגעריסען, און מען טראָגט ארויס די פערוואונדעטע און די פעלדבעטען צום טראנספּאָרט וואָגען, וואָס שטעהט גרייט אין דרויסען.

שוועסטער אירענאַ הערט גאָרניט, וואָס ארום איהר טהוט זיך, זי זעהט אויך ניט דאָס שמוציג־געלע וואסער, וואָס דער שארפער הערבסטווינט פון פלאַנדערן קרייזעלט און טרייבט, אזוי אז דאָס וואסער קריכט אלץ העכער און העכער אויף די בלעכענע ווענט פון לאזארעט. זי זעהט ניט דעם צוערשט קליינעם, דאן אלץ גרעסער ווערענדען געלען שטראָם, וואָס האָט

זיך אַרײַנגעגאָסען אינווענינ און דערנעהנטערט זיך שוין צום קאַסטען, וואו דער פערקריפּעלטער קערפּער פון זשאַזוא דע קרואיז ליגט. אין איין האַנט האַלט זי די האַנט פון דעם שטאַרבענדען דיכטער, מיט דער צווייטער האַלט זי צו די מיט זיינע פּערזען בעדעקטע בלעטלעך, וואָס זי האָט געפונען אויף זיין ברוסט, און זי האָרכט און האָרכט.

ווי דער לעצטער זיפץ פון הערבסט געהט די שטים פון זשאַזוא דע קרואיז דורכ'ן צימער. קיינער הערט זי ניט, קיינער פערשטעהט זי ניט, נאָר דאָס אויער פון שוועסטער אירענא, וואָס ליגט נאָהנט צו זיינע ליפּען, פערנעמט זי. דאָס זיינען פּערזען און דאָך ניט קיין פערזען. ווי דאָס קלינגען פון ווייטע, ווייטע גלאָקען פון אַ קירך, וואָס איז פערזונקען אין ים, דער־הערען זיך אָט די פערזען, אין וועלכע עס גיסט זיך צוזאַמען פאר שוועסטער אירענא דאָס שיקזאַל פון בעלגיען און פון בעלגיען'ס דיכטער און אָפּפער.

אונטער דער ווירקונג פון אָט די קלאַנגען און בעגייס־טערטע ווערטער קוקט שוועסטער אירענא אויף דעם שטאַר־בענדען ווי אויף אַן ערשיינונג פון אַנאַנדער וועלט. פאר איהר שטעהט אויף אַלץ, וואָס זי האָט דורכגעלעבט, געזעהן און דורכגעטראַכט, און גיסט זיך צונויף מיט די נייע ענטפּלע־קונגען אין אָט דער שעה פון העכסטען שרעק און אונאויס־שפּרעכליכער זעליגקייט. זי ווייס מעהר ניט, צי זי זעהט, אָדער הערט, אָדער טרוימט, אָדער פיהלט, — דער פערקרי־פּעלטער קערפּער פון זשאַזוא דע קרואיז, וואָס האָט זיך אויפ־געאָפּפערט אויפ'ן אַלטאַר פון זיין פאָטערלאַנד, ווערט פאר איהר אַ שעהנער און טראַגישער סימוואָל.

זי ווענדט איהר בליק צום שוואַרצען קרוציפיקס אויפ'ן וואַנט, דאַן ווידער צו איהם, און זי זעהט, ווי זיין קערפּער שטרעקט זיך אויס אין קאַסטען, ווי אין טויטקראַמף. איהר ווייזט זיך אויס, ווי ער וואָלט גענייגט זיין קאָפּ:

„פאָטער, אין דיינע הענט..."

און עס ציטערט אין איהר זעל:

„מיין קערפּער, וואָס איז פאר אייך אוועקגעגעבען גע־וואָרען, מיין בלוט, וואָס איז פאר אייך פערגאָסען געוואָרען!"

אָהן בעוואוסטזיין קוקט שוועסטער אירענא פאר זיך מיט אַ שטאַרען בליק.

דאָס וואַסער שפּרייט זיך אַלץ ברייטער און ברייטער אויפ'ן דיל, לעקט די ברעטער פון דעם קאַסטען, און שוועסטער

אירענאַ ווייס ניט, צי דער, וואָס ליגט דאָ, לעבט נאָך, אָדער ער איז שוין טויט.

זי וואַגט ניט עפּעס צו טהאָן, אום זיך צו איבערצייגען. איהרע ליפּען ציטערען נאָך און מורמלען:

„מיין קערפּער, וואָס איז פאַר אייך אוועקגעגעבען געוואָרען, מיין בלוט, וואָס איז פאַר אייך פערגאָסען געוואָרען!“

זי וואַרפט זיך איבער איהם און וויינט, און וויינט.

איהרע לאַנגע האָר צופאַלען איבער דאָס טויטבלייכע געזיכט פון זשאַזוא דע קרואַיז, איבער דאָס געזיכט, וואָס איז בענעצט מיט איהרע טרערען. און איהר ווייזט אויס, ווי זי וואָלט געזאַלבט אָט דעם קאָפּ, ווי יענע — די פיס פון דעם ערלייזער מיט די טייערסטע געווירצען; איהר ווייזט אויס, ווי זי וואָלט איהם געגעבען דעם בעכער, ווי יענע ביים ברונעם אין שמרון, אָנגעפילט מיט דעם זאַלציגען וואַסער פון איהרע טרערען; ווי זי וואָלט, ווי מאַגדאַלענאַ, געטריקענט מיט איהרע האָר דאָס מיט בלוט און שווייס בעדעקטע געזיכט פון זשאַזוא דע קרואַיז.

און זי האַלט דעם קאַלטען, פערקריפּעלטען און צושניטענעם קערפּער אין איהרע וויבע, שטאַרקע און וואַרימע אָרעמס און שטאַמעלט מיט ציטערענדע ליפּען:

„פאַר אייך געגעבען און פערגאָסען...“

XII

דער לאַזאַרעטגעהילף טאָמאַס בעווייזט זיך אויפ'ן שוועל. זיין געזיכט איז בלייך און צוקרימט פון טויטאַנגסט. ער שרייט אויס:

— רעטעט אייך, שוועסטער אירענאַ!

קיין ענטפער קומט ניט. שוועסטער אירענאַ הערט איהם ניט.

— דאָס וואַסער שטעהט שוין איבער איין מעטער הויך אויפ'ן קאַם פון דער דינע, שוועסטער אירענאַ. דער לעצטער וואַגען פאָהרט איצט אָב.

קיין ענטפער קומט ניט. שוועסטער אירענאַ הערט איהם ניט.

דאַן בעשליסט ער אָנצואווענדען דעם לעצטען מיטעל. ער קוקט ניט אויף די גרויסע געפאַהר, אין וועלכער זיין אייגען לעבען שטעהט, לויפט אריין אין צימער, נעמט אָן שוועסטער

אירענא פאר דער האנט און וויל זי ארויספיהרען מיט געוואלט.

— לאָזט מיך, בעריהרט מיך ניט, איך בין ה י י ל י ג!

ווי א געשריי דערהערט דער לאזארעטגעהילף טאָמאָס די אונבעגרייפליכע ווערטער פון דער שוועסטער'ס מויל.

מיט שרעק קוקט ער אין איהר געזיכט. און דאן פער־שטעהט ער. זי הויבט אויף צו איהם איהרע וואנדערענדע אויגען, און ער דערזעהט אין זיי וואהנזין.

דאָס שרעקליכע, דאָס אונבעגרייפליכע, וואָס איז איבער די מענשליכע קרעפטען, האָט איהר גערויבט איהר פערשטאנד.

זיי האָבען אמאָל אין גארניזאָן געבראכט אין לאזארעט איינעם, מען האָט איהם געמוזט בינדען הענט און פיס. ער האָט אויך אזוי געקוקט.

אָבער ער פרואווט נאָכאמאָל, מיט דער לעצטער אָנשטרענ־גונג פון זיין ווילען:

— קומט, שוועסטער, אום גאָטעס ווילען!

שוועסטער אירענא צולאכט זיך הויך און ווידערהאָלט אין א טאָן, וואָס טאָמאָס האָט נאָך קיינמאָל אין זיין לעבען ניט געהערט פון א מענשליכען מויל, זיינע ווערטער:

— אום גאָטעס ווילען!

דער לאזארעטגעהילף ציטערט אויף פון שרעק. אָבער ער וויל טהאָן זיין פליכט, ער מוז דאָ אויספרואווען אלע מיטלען. דעריבער נעמט ער זי ווידער אָן פאר דער האנט און בעט:

— קומט דאָך ענדליך מיט, שוועסטער אירענא!

דאָס שטייגענדע וואסער רוישט. דער לאזארעטגעהילף און די שוועסטער שטעהען שוין ביז צו די קניה אין דעם געלען שטראָם. און איין אויגענבליק ווייזט איהם ווירקליך אויס, ווי איהר פערשטאנד וואָלט קלאָרער געוואָרען, ווי זי וואָלט פערשטאַנען דעם זין פון זיינע ווערטער, ווייל זי זאָגט מיט א קלאָרער און דייטליכער שטים, אָנווייזענדיג אויף דעם קאסטען:

— רעטעט איהם! רעטעט איהם!

טאָמאָס טרעט אָב צוריק.

— וועמען רעטען, שוועסטער, וועמען?

— דעם פערוואונדעטען.

— ער איז דאָך טויט, שוועסטער!

אויף איהם איז שוין ווידער געווען געווענדט איהר וואַנ־דערענדער, אונבעוואוסטזיניגער בליק.

— קומט! קומט דאָך!

דער לאַזאַרעטגעהילף האָט אָנגענומען די שוועסטער מיט שטאַרקע הענט. ער האָט איצט בעשלאָסען אָנצואווענדען דאָס לעצטע און זי מיט געוואַלט אַרויסצוציהען פון צימער. אָבער דער וואַהנזין, וואָס האָט זיך שוין ווידער העל צוברענט, גיט דער שוועסטער איבערמענשליבע קרעפטען. זי איז אין דעם אויגענבליק שטאַרקער פון דעם שטאַרקסטען מאַן, זי איז אַ ריעזין.

— קומט דאָך, שוועסטער!

זיי ראַנגלען זיך אין דעם געלען שטראָם. דער לאַזאַרעט־געהילף איז אין געפאַהר אומצופאַלען אויף דעם גליטשיג גע־וואָרענעם דיל, און ווען זי וועט איהם צוהאַלטען, קען ער נאָך דערטרונקען ווערען. דער ווילען צו לעבען, דער פּיינער, מיזעראַבעלער ווילען צו לעבען נעמט זיעגען אין איהם.

— איך וועל איהם רעטען, לאָזט מיך, לאָזט מיך, איך וועל איהם רעטען! — שרייט די שוועסטער.

— ער איז טויט, וואָס איז דאָ נאָך פאַראַן צו רעטען?

— ער לעבט, ער לעבט, — יובעלט זי.

פּלוצלונג שלאָגט אַ וועל פון געלען שטראָם אויס די שויבען און גיסט זיך אַריין אין צימער. פון דרויסען דער־הערט זיך אַ שטים: „מיר פאָהרען!"

שוועסטער אירענאַ צולאַכט זיך שאַרף און הויך.

דאָ לאָזט דער לאַזאַרעטגעהילף זי אָב, און ווי פון פוריען געטריבען, שפּרינגט ער אַרויס, אום צו דערגרייכען דעם וואָגען, אום דורך די שטונדענווייטע וואַסערוויסט צו רעטען זיין לע־בען, אויב דאָס איז נאָך מעגליך, אויף דעם לעצטען וואָגען.

און שוועסטער אירענאַ בלייבט. זי נעמט אַרום מיט די הענט דעם קאַלטען קערפּער פון זשאָזוואַ דע קרואַיז און ווייס ניט, אַז דאָס איז אַ טויטער קערפּער. זי וויל איהם רעטען, און זי הויבט הויך אויף דעם פערקריפּעלטען קערפּער פון דעם מאַרטירער.

און דרויסען דורך די וואַסערוויסט געהען די פערד פון לעצטען וואָגען אָהן אַ וועג.

שוועסטער אירענאַ ווענדט איהר בליק צום קרוציפיקס אויף דער וואַנט און האַלט דעם קערפּער פון זשאָזוואַ דע קרואַיז הויך איבער'ן וואַסער. אַזוי איז זי געבליבען שטעהן.

— ער טאָר ניט דערטרונקען ווערען, איך וועל ניט דער־לאָזען. — מורמלען איהרע ליפּען, און די אויגען, אין וועלכע

דער וואהנזין פלאמט העל, זוכען ווידער און ווידער דאָס קרייץ. דאָס, וואָס האָט איהר געגעבען קרעפטען זיך אנטקעגענצושטעלען דעם שטארקען לאזארעטגעהילף, גיט איהר אויך איצט קרעפטען. שטאהלהארט זיינען געוואָרען איהרע מוסקעלען, און אזוי שטעהט זי אין אָנגעזיכט פון קרייץ, מיט דעם קערפער פון זשאַזוא דע קרואיז אין איהרע אָרעמס שטונדען און שטונדען לאנג.

און דאָס וואסער שטייגט.

פיעטא פון מיקעל אנדזשעלאָ אין די ווייטע זיילענגענג פון סט. פעטער, דו ביזט איבערטראָפען! סטאבאט מאטער, דו ביזט דאָ אין דער וואסערוויסט פון פלאַנדערן איבערטראָפען! א סצענע פון די וויטסטע יאָהרהונדערטער פון גלויביגען מיטעלאלטער!

אָן אונפערגעסליך, אונבעשרייבליך בילד:

די וואהנזיניגע איז געוואָרען א סטאטוע פון מארמאָר, און אויף איהרע הענט ליגט דער געאָפּפערטער קערפער פון דעם, וואָס האָט אָבגעגעבען זיין לעבען פאר זיין פאָטערלאנד.

ווילען און נאָר ווילען איז אויסגעדריקט אויף שוועסטער אירענא׳ס פערשטיינערטע צוגען, א גרויסקייט, וואָס אפילו די פערוויסטענדע מאכט פון וואהנזין איז ניט אימשטאנד צו ברעכען.

די פרוי מיט דעם געאָפּפערטען קערפער אויף די הענט, די מוטער, די פרוי, די כלה, די געליעבטע, — דאָס אלץ אין א י י נ ע ר! און אָט די א י י נ ע איז פאר די אלע טויזענדער געוואָרען א גרוים און הערליך בילד אויף דער ערד פון פלאַנדערן, וואָס ווערט פערזונקען און פערטרונקען פון איהר אייגענעם וואסער.

Stabat mater dolorosa,
Juxta crucem lacrimosa,
Dum pendebat filius!

און דער שטראָם וואקסט און וואקסט.

לאנג האָט שוין די בלייכע ווינטערזון דערגרייכט דעם זעניט, זי נייגט זיך שוין לאנגזאם צום אונטערגאנג, און די ערשטע שאָטענס פון נאכט קריכען שוין איבער דעם לאנד, וואָס איז געוואָרען א וויסט פון געלען וואסער.

און שוועסטער אירענא האלט אוים. זי האלט נאָך אלץ אויף די הויך אויפגעהויבענע הענט דעם קערפער פון זשאַזוא

דע קרואיז. זי נעמט ניט אראָב איהרע אויגען פון דעם קרייץ, וואָס די אָרימע מיידלעך פון יעזוס קריסטוס האָבען דאָ אויפ־געהאנגען אויף דער וואנט און האָבען פערגעסען מיטצונעמען, ווען אַלע זיינען אנטלאָפען.

און אין די לעצטע מינוטען פון איהר נאָמענלאָזען שמערץ און איבערמענשליכער אָנשטרענגונג האָט שוועסטער אירענא די גרעסטע זעהונג פון איהר לעבען, די וויזיאָן פון דער שעה פון איהר טויט!

דאָס קרייץ וואקסט און וואקסט און שטרעקט זיך פאַר איהרע אויגען. זיינע באַלקען נעמט אָן ריעזיגע דימענסיאָנען, ברייטען זיך אויס איבער דאָס לאַנד, שטרעבען ארויף צום הימעל. זיי ווערען אונגעהויער גרויס, ניט ארומצונעמען מיט'ן בליק, אונפערמיידליך, זיי וואַרפען זייער שאָטען אויף די מיט וואסער בעדעקטע עבענע פון בראבאַנט און פלאַנדערן, אויף גאַנץ בעלגיען, אויף אייראָפּא, אויף די וועלט.

און אונטער דעם ריעזיגען קרייץ שטעהט זי, די שוועס־טער מיט דעם נאָמען:

אירענא

און האלט אין איהרע אָרעמס דעם פערקריפּעלטען קערפּער פון

זשאַזוא דע קרואיז

דאָס וואסער וואקסט. עס דערגרייכט דער שוועסטער'ס שולטערען. אָבער איהרע שטאָהלהארטע הענט האַלטען דעם געאָפּפערטען קערפּער נאָך אַלץ הויך איבער'ן וואסער.

„פאַר אייך, פאַר אייך...“ — טראָגט זיך ווידער און ווידער דורך אין איהר געהירן, וואָס איז איינגעהילט אין וואהנזין און קען נאָר דאָס אליין דענקען:

„פאַר אייך געגעבען און פערגאָסען!“

שטיל איז ווייט ארום. נאָר דאָס רוישען פון די וועלען, און איבער די וועלען — דאָס קרייץ!

אויף דעם ווינטערהימעל פון פלאַנדערן טרעט ארויס איין שטערן נאָך דעם אנדערען לויכטענדיג און טרייסטענדיג. אויך יענער שטערן, וואָס האָט מיט צוויי טויזענד יאָהר צוריק גע־שטראהלט פאר די פרומע הירטען און האָט געוויזען די הייליגע קעניגען דעם וועג צו בית לחם.

דורך דאָס פענסטער וואנדערט איהר בליק איבער די וואסערפלאך, וואָס איז בעגאָסען מיט דעם זילבערשיין פון דער לבנה. איהר אויג זוכט דעם שטערן און געפינט איהם.

הויך האלט זי דעם קערפער פון זשאזוא דע קרואיז איבער'ן וואסער.

„זעהט, איך זאג אייך אז א גרויסע פרייד, דען היינט איז דעם פאלק געבארען געווארען אן ערלייזער, וואס איז קריסטוס, דער האר אין דער שטאדט פון דוד!"

דא בויגען זיך איהרע פיס, און זי פאלט, פאלט מיט דעם קערפער פון זשאזוא דע קרואיז!

נאכט איבער פלאנדערן, נאכט פאר די אויגען פון שוועסטער אירענא, אויפ'ן הימעל די בליצענדע שטערען, און איבער דער וואסערוויסט פון פלאנדערן דאס קרייץ!

אונטער דער מילד בעוועגטער פלאך פון וואסער רוהען אין אייביגען שלאף דרייסיג, פערציג, פופציג, ניין, הונדערט, ניין, הונדערט און צוואנציג טויזענד, וואס זיינען געווען פיינד און זיינען געווארען פריינד.

הונדערט און צוואנציג טויזענד, א גאנצע ארמיי!

דאס וואסער האט זיי פערדעקט אויף אייביג.

ווייל פלאנדערן'ס עבענע איז געווארען א בית עולם, און איבער דעם פייכטען קבר פון דער טיף שוועבט איידענס און דאס בלוטאפפער פון זשאזוא דע קרואיז!

די טעאָריע און פּראַקטיק פון סאָציאַלע רעוואָלוציע

— פון —

ניקאָלאַי לענין

דאָס בוך וואָס איז היינט צו טאָג דאָס ביבעל
פונ׳ם רעוואָלוציאָנערען פּראָלעטאַריאַט

336 זייטען

ענטהאלט דאָס וויכטיגסטע און נייעסטע וואס נ. לענין האָט געשריבען וועגען דער פראגע, וואס איז באצייכענט אין דעם נאָמען פון בוך.

פרייז פון בוך $2.50

ארויסגעגעבען פון

מאַרקס ליטעראַטור געזעלשאַפט און „נייע וועלט" פאַרלאַג

175 איסט בראָדוויי, ניו יאָרק.

די ביאָגראַפיע

— פון —

ניקאָלאַי לענין

די ביאָגראַפיע פון דעם מענשען וואס איז היינט דער פיהרער
פון דער נייער וועלט און באהערשער פון אומצעה-
ליגע מיליאָנען מענשליכע הערצער, און
וועמען די אפיציעלע וועלט האסט ווי
קיין אנדערען קיינמאָל ניט

דאָס איינציגע בוך פון דעם מין אין דער אידישער שפּראַך. די איינציגע אויספיהרליכע ביאָגראַפיע פון דעם פּראָלעטאַרישען פיהרער אין וועלכער עס איז שפּראַך.

פּרייז פון בוך $1.60

ארויסגעגעבען פון

מאַרקס ליטעראַטור געזעלשאַפט און „נייע וועלט" פאַרלאַג

175 איסט בראָדוויי, ניו יאָרק.

קולטור און רעוואלוציע

געוועהלטע עסעים

— פון —

מאקסים גארקי

שריפטען פון א מאן, וואס איז רוסלאנד׳ס געוויסען און זיין רעוואלוציאנערע הארץ, ווי לענין איז דער קאפ פון רעוואלוציאנערען רוסלאנד.

אין בוך געהט אריין זיין באריהמטע אנקעטע וועגען אנטי־סעמיטיזם, זיינע בריף וועגען קליין־בירגערטום, זיינע אויסערונגען וועגען די רעוואלוציעס פון 1905, מערץ 1917 און אקטאבער 1917.

פרייז פון בוך $2.00

ארויסגעגעבען פון

מארקס ליטעראטור געזעלשאפט און „נייע וועלט״ פארלאג

175 איסט בראדוויי, ניו יארק.

קונסט און סאָציאַליזם

— פון —

א. וו. לונאַטשארסקי

300 זייטען.

יעדע זייט איז אן אוצר פון געדאנק און שעהנהייט.
דער פארפאסער נויטיגט זיך ניט אין רעקאָמענדאציעס.

עס געהען אריין אין באנד עסעים וועגען

לעאָניד אדרעיעוו, מאקסים גאָרקי, שעקספיר,

געטהע, האופטמאן

און אנדערע.

פרייז פון בוך $2.00

ארויסגעגעבען פון

מארקס ליטעראטור געזעלשאפט און „נייע וועלט” פארלאג

175 איסט בראָדוויי, ניו יאָרק.

אויסגעוועהלטע שריפטען

— פון —

ראזא לוקסעמבורג

דער וועלט־באריהמטער רעוואָלוציאָנערער פיהרערין
און מארטירערין.

דער קאָפּ פון א מאן, דאָס הארץ פון א לייב, דער שטאָלץ
פון אן אָדלער, און די אינערליכע שעהנקייט אומבאשרענקט.

מיט ביאָגראפישע איינלייטונגען

פון דזשאהן מילל און קלארא צעטקין

256 זייטען

פרייז פון בוך $2.00

ארויסגעגעבען פון

מארקס ליטעראטור געזעלשאפט און „נייע וועלט" פארלאג

175 איסט בראָדוויי, ניו יאָרק.

דאס לעבען און שטערבען אין סאָוועט רוסלאַנד

— פון —

דר. א. גאלדשמיט

א לעבעדיג, רייך בילד פון מאָסקווע און גאנץ רוסלאנד אין יאָהר 1920, געשריבען פון א וויסענשאפטמאן און סימפאטישען באאָבאכטער.

די סאציאלע לאבאראטאָריע פון דער וועלט, א וועלט פון סאציאלע עקספערימענטען — מאָסקווע.

פרייז פון בוך $1.50

ארויסגעגעבען פון
מאַרקס ליטעראטור געזעלשאפט און „נייע וועלט” פארלאג
175 איסט בראָדוויי, ניו יאָרק.

דאָס אלטע און אייביג נייע פּראָבלעם:

די אידען אין דער קריסטליכער וועלט

— פון —

מ. א. גאָלדשמיט

מאַקסים גאָרקי שרייבט וועגען דיזען ווערק:

„די טיפע איבערלעבונגען וואָס ווערען מיט אזא מערקווירדי־גער קינסטלערישער קראַפט געשילדערט און אנאַליזירט אין דעם ראָמאַן „דער איד" בלייבען נאָך היינט פּונקט אזוי אינטערעסאַנט ווי זיי זיינען געווען אין דער צייט, ווען גאָלדשמיט האָט דעם ראָ־מאַן געשריבען. ער צייכענט זיך אויס מיט זיין טיפען פּסיכאָלאָ־גישען איינבליק און זיין מייסטערהאַפטער שילדערונג פון די אידישע כאַראַקטערע."

דאָס איז א בוך פון 354 זייטען.

פּרייז פון בוך $1.60

ארויסגעגעבען פון

מאַרקס ליטעראַטור געזעלשאַפט און „נייע וועלט" פאַרלאַג

175 איסט בראָדוויי, ניו יאָרק.